STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04786

DI GILGULIM FUN HOLETS ITSHE

Eliahu Kaplan

Permanent preservation of this book was made possible
by Mort & Shirley Feigenbaum
in memory of
Uncle Meyer Susskind

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ELIAHU KAPLAN

DI GILGULIM FUN CHOLUTZ YTCHE

I. L. PERETZ Publishing House
31, ALLENBY St. TEL-AVIV

אליהו קאַפלאַן / די גלגולים פון חלוץ איטשע

הילע, שער און צייכענונגען פון יאָסל בערגנער

פאַרלאַג י. ל. פרץ,
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

BY E. KAPLAN

Printed in Israel 1974

נדפס בישראל תשל״ד

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שדר׳ הר־ציון 104, טל. 822481

אליהו קאפלאן

די גלגולים פון חלוץ איטשע

ראָמאַן פון דער צייט פון דער דריטער עליה

תל־אביב, תשל״ד — 1974

מיין ליבער, געטרייער
לעבנסבאַגלייטערין
ש ר ה

אליהו קאַפּלאַן

☆

די גלגולים פון חלוץ איטשע



דער מחבר, תל־אביב, 1921

פאָטאָגראַפיע : סאָסקין, תל־אביב

במקום אַ הקדמה

תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך דעם געבורט און דער אויסווירקונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע שטורמישע עמיגראַציע פון פוילן, ליטע, לעטלאַנד און רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל פון פאַרשידענע יונגע יידישע נאַציאָנאַל־געשטימטע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען, ווי „החלוץ", „פועל הצעיר", „פועלי ציון", א"א. עס זענען אויך געפאָרן איינצלנע מענטשן און משפחות — אָן וועלכער אַגיטאַציע — נאָך ארץ־ישראל, אָדער ווי די פרומע האָבן עס גערופן ארץ־הקודש, כדי צו שאַפן פאַר זיך אַ נייע היים. זיי אַלע האָבן צוגעגרייט מעגלעכקייטן פאַר אַנדערע טויזנטער יידן צו געפינען פרנסות, אָדער וועלכן עס איז אָנהאַלט צו קענען עקזיסטירן.

דאָס לאַנד איז געווען שטאַרק פאַרוויסט, פאַרלאָזט און אָפּגעשטאַנען. יעדער איינער האָט דאָס גלייך געקענט זען, ווי אַלץ איז אָרעם און פאַרווילדעוועט. מען האָט נישט געדאַרפט צו זיין אַ מומחה צו זען, אַז אויף דער ערד איז לאַנגע יאָרן קיין אַקער־אייזן נישט געווען. כמעט דער גאַנצער באָדן איז געווען פאַרוואַקסן מיט ווילדע און שעדלעכע גראָזן און קוצים, וואָס זויגן אויס דעם גאַנצן מאַרך און זאַפט פון דער ערד, ווי פּיאַווקעס וואָס האָבן ליב צו זויגן בלוט.

דער איבעריקער באָדן איז געווען פאַרפלייצט מיט אַ ים זאַמד ווי אַ מדבר. דאָס זאַמד איז כסדר געקראָכן און געגאַנגען און פאַרנומען גאַנצע שטחים באָדן און קיינער האָט עס נישט

איינגעהאַלטן. עס זענען געווען אַ סך שטיינער, קליינע און גרויסע, און די אַראַבער פלעגן זאָגן אויף זיי, אַז זיי מערן זיך און וואַקסן אָן אויפהער. עס איז נישט געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס מען האָט אַמאָל גערופן ארץ זבת חלב ודבש.

פון טאָג צו טאָג האָט זיך פאַרשטאַרקט די אויסוואַנדערונג פון די אויבן דערמאָנטע לענדער, ווו עס האָט זיך דאַמאָלט געפונען אַ העלפט פון יידישן פאָלק. ווי אַ כוואַליע האָט זיך געטראָגן די אויסוואַנדערונג אויף אַלע וועגן און שטעגן, לעגאַל און אומלעגאַל. שטעט און שטעטלעך זענען געוואָרן אויסגעליידיקט פון יונגע מענטשן. די וואַנדערונג האָט געשטראָמט נישט בלויז קיין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. פיל סיבות און גורמים האָבן געברענגט דערצו:

א) די באַלפור־דעקלאַראַציע;
ב) די גרויסע שחיטות אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד;
ג) דער באָלשעוויסטישער רעזשים אין רוסלאַנד;
ד) די גרויסע פאָגראָם־כוואַליע אין פוילן (וואַרפן יידן פון די באַנען, שערן בערד מיט פלייש אין איינעם דורך די פאַזנאַנטשיקעס און האַלערטשיקעס, שענדן, ראַבעווען, ווי בכלל דער הפקר פון די יידן);
ה) די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט.

נאָך פוילנס באַפרייונג און פאַראייניקונג האָט זי שנעל פאַרגעסן, אַז זי אַליין איז נעכטן געווען אונטערגעדריקט און פאַרשקלאַפט. זי האָט אויך פאַרגעסן דעם אָנטייל פון יידן אין דעם באַפרייונגס־קאַמף און זי האָט אונדז אָפּגעדאַנקט מיט שחיטות און פאָגראָמען, מיט שענדן און ראַבעווען, מיט הונגער און נויט. דאָס זענען געווען די סיבות פון דער גרויסער וואַנדערונג און פון דער דריטער עליה. די זעלבע גורמים האָבן מיט

עטלעכע יאָר שפּעטער געווירקט צו דער פּערטער עליה קיין ארץ־ישראל.

עטלעכע גורמים האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ ליבהאָבער פון ארץ־ישראל. ביי זעקס יאָר האָב איך אָנגעהויבן לערנען חומש. ווען עס איז געקומען צו פּרשות ויחי האָט דער רבי אויסגעטייטשט ווי יעקב אבינו האָט געטאָן באַשווערן זיין זון יוסף־הצדיק, אַז ער זאָל אים נישט באַגראָבן אין מצרים נאָר אים פירן אין לאַנד כנען פון זיינע אבות, דאָס היינטיקע ארץ־ישראל. ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר אים: ואני בבאי מפדן ארם (מען האָט עס געמוזט שיין אויסזינגען מיט אַ הויך קול). ווען איך בין געקומען פון פדן ארם, איז מיר דיין מוטער רחל געשטאָרבן אויפן וועג קיין אפרת, האָב איך זי נישט געפירט קיין חברון אין דער מערת־המכפלה, נאָר באַגראָבן אויפן וועג, ווייל יעקב־אבינו האָט געזען ברוח־הקודש, בנבואה, אַז ווען נבוזראדן וועט פאַרטרייבן די יידן אין גלות אַריין, וועלן זיי אַדורכגיין דעם וועג, וועט די מאַמע רחל אַרויסגיין פון קבר און בעטן רחמים, קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים, רחל מבכה על בניה, כאָטש עס איז געווען אַ קליין שטיקל וועג פון צוויי תחום שבת, האָב איך צו דיין מוטער רחל נישט געטאָן, דאָס וואָס איך בעט ביי דיר, וואָס דער וועג איז פיל ווייטער. דאָס האָט טיף אַריינגעדרונגען אין מיין קינדעריש הערצל און פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין ליב באַקומען ארץ־ישראל.

דער צווייטער גורם: איך בין מיטגעגאַנגען מיט מיין פאָטער ע״ה אין שטיבל אַריין תשעה־באב הערן זאָגן קינות איכה. קיין פּירוש המילים האָבן מיר נישט געוווּסט, האָבן מיר ווייסע חברה געוואָרפן שטעך־בערשטלעך אין די בערד, און מיידלעך אין די האָר. אַהיימקומענדיק האָב איך געזען אַ בילד ווי די מאַמע ע״ה זיצט אויף אַ קליין בענקעלע מיט אַ חלב׳נעם לעכטל און אַרום איר זיצן ביי זעקס פרויען אין די מיטליאָרן

(נישט אַלע פרויען האָבן דאַן געקענט לייענען) און די מאַמע לייענט פאַר זיי קינות אויף יידיש, און די טרערן גיסן זיך פון זייערע אויגן ווי פון אַ קוואַל און זיי וויינען אויפן חורבן ירושלים, וחורבן ארץ־ישראל. יידיש האָב איך פאַרשטאַנען, און ווען די אַלע מאַמעס האָבן זיך אויפגעהויבן, איז בלי גוזמא, נישט איבערגעטריבן, די פּאַדלאָגע געווען נאַס פון די טרערן זייערע. דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַן אויסער־געוויינלעכן רושם און איינגעקריצט זיך אין מיין זכרון.

דער דריטער גורם: מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף דער שעה, ווען מען לערנט תנ״ך. עס איז אַזוי גוט געווען צו הערן די מעשיות און גבורות פון יענער צייט, פון יענע יידן. דער רבי פלעגט אויסקלויבן אין דער גמרא אגדות, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט יידישער געשיכטע, מלחמות, אויפשטאַנדן, אַלץ פון ארץ־ישראל.

דער פערטער גורם: איך בין שוין דאַן אַלט געווען ביי צוועלף אָדער דרייצן יאָר. צום מלמד איז איין מאָל געקומען אַן ארץ־ישראל־ייד, וואָס האָט געזאַמלט געלט פאַר די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אויף חלוקה פון אַלטן ישוב, און ער האָט דערציילט נסים ונפלאות פון ארץ־ישראל. מיר האָבן געקוקט אויף אים מיט גרויס יראת־הכבוד — אַן ארץ־ישראל־ייד.

אָט די פיר גורמים האָבן געלייגט די חתימה אויף מיין ווייטערדיקן וועג אין לעבן. עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און די דייטשן זענען אַריין אין אונדזער שטעטל קאַלושין, און דאַן זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע באַוועגונגען און פאַרטייען, וואָס ביים פריערדיקן רעזשים האָט עס נישט גע־קענט געשען, ווי „בונד״, „פועלי־ציון״, ס. ס. און נאָך. און די אַלע פאַרטייען האָבן פון די גרויסע שטעט געשיקט רעפערענטן צו אַגיטירן זייערע תורות, דערווערבן, שאַפן, צוציען וואָס מער אָנהענגער, וואָס מער חברים, אָם מערסטן האָבן זיי געזוכט יוגנט מיט אַ ביסעלע השכלה ווי אויך אינטעלעקטועלע אויף

אַנצופירן די אַלע נייע געשאַפענע אַפּאַראַטן. נישט געווען קיין איין יוגנטלעכער, וואָס זאָל נישט געהערן צו איינער פון די פּאַרטייען.

אויך מיך האָט די אינוואַזיע פאַרכאַפּט. פּועלי־ציון האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און כ׳בין געוואָרן אַ מיטגליד און אַריינגעוואָרפן זיך אין דער אַרבעט מיטן גאַנצן יוגנט־ברען, און כ׳בין געוואָרן איינער פון די יסוד־לייגער פון „פּועלי־ציון" אין אונדזער שטעטל, ביז מיין אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

אַרויסגעפאָרן פון דער אַלטער היים זענען מיר אַ קבוצה, פינף חברים פון פּועלי־ציון, אומלעגאַל. אויפן וועג ביז ווין זענען מיר געוואָרן צען. אַלע זענען מיר געווען היימישע באַקאַנטע חברים פּועלי־ציון פון עטלעכע נאָענטע שטעטלעך. געווען איז דאַמאָלט די מלחמה צווישן פּוילן און די באָלשעוויקעס. קיין דערלויבע־נישן פאַר יונגע מענטשן אַרויסצופאָרן אָדער פאַרלאָזן פּוילן האָט מען נישט געגעבן, באַזונדערס פאַר מיליטער־פליכטיקע. זענען מיר געפאָרן אומלעגאַל, געשוואַרצט גרענעצן, וועלכע זענען געווען שטאַרק באַוואַכט. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות, אַפילו מיט טויטשטראָף. פון דעסטוועגן האָבן מיר זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און גאָט האָט געהאָלפן: מיר זענען בשלום אַדורך.

מיר זענען אָנגעקומען קיין טשעכיע. אַזוי ווי די טשעכן זענען נישט געווען אין פריינדלעכע יחסים מיט פּוילן האָבן זיי זיך באַצויגן צו די יידישע אומלעגאַלע פּליטים זייער פריינדלעך. אונדזער ציל איז געווען ארץ־ישראל, כאָטש די גאַנצע וועלט איז געווען אָפן פריי פאַר אונדז.

די רייזע אַליין פאַר זיך איז אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. דאָס וועלן מיר דורכלאָזן. אַדאַנק אונדזערע חברים פון פּרעשבורג (בראַטיסלאַוואַ) און שפּעטער פון ווין, אַדאַנק זייער האַרציקער און חברישער הילף האָבן מיר געקענט דערגרייכן

דעם ציל. זיי האָבן אונדז באַזאָרגט מיט עסן, וואָס איז דאַמאָלט געווען אויף קאַרטלעך און די דאָזיקע קאַרטלעך האָבן באַקומען נאָר שטענדיקע איינוווינער. זיי האָבן אונדז אויך באַזאָרגט מיט פּעסער און וויזעס. פון דעסטוועגן האָבן מיר זיך גענוג געמאַטערט ביז מיר זענען געקומען קיין ארץ־ישראל. מיר זענען פון טריעסט געפאָרן אויף אַן איטאַליענישער שיף זעכצן טעג אָן עסן. געשלאָפן זענען מיר אויפן דעק.

אַרויסגעפאָרן זענען מיר פון פּוילן אין חודש פעברואַר 1920 און מיר זענען אָנגעקומען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל, אין יפו, דעם 20סטן סעפּטעמבער אין זעלבן יאָר. דאָס הייסט, אַז מיר זענען געווען אין וועג בערך אַכט חדשים.

פינף טעג האָבן מיר באַקומען חופש אין אַ כלומרשטן האָטעל אין נוה־שלום, מלון „ברזל". די שיף האָט זיך געשטעלט ווייט פון ברעג און מיט לאָדקעס זענען מיר אַריבערגעפירט געוואָרן צום נמל יפו. דער וועג פון פּאָרט ביז נוה־שלום האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַ סך פאַרוווּנדערונג. יעדע זאַך, וואָס מיר האָבן געזען, איז געווען אַ נייעס: די אַראַבער מיט די ברייטע הויזן, די קאַפעען מיט די נידעריקע בענקלעך, דאָס זיפּן פון אַ פלאַש, וואָס איז באַהאַפטן מיט אַ רויטער גומענער קישקע, און דאָס וואַסער האַלט זיך אין איין בלעזלען און לאָזט אַרויס אַ רויך. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט ברודיקע, שמוציקע אַראַבער, וועלכע האַלטן אויף דער פלייצע אַ שוואַרצן קאַלב און אין דער האַנט צוויי טאַצן, אויף וועלכע זיי קלאַפּן און דערביי זינגען זיי אַ מאָנאָטאָנעם ניגון מיט אַ געדרייטן שלשלת. און ריחות — נאָר צום חלשן.

זאָל דאָס זיין ארץ־ישראל? דער ערשטער רושם איז נישט געווען קיין גוטער.

זייער שנעל האָבן מיר „פאַרנאַשט" די פינף טעג חופש, וואָס דער ועד הצירים האָט אונדז געגעבן און מען האָט אונדז געשיקט אַרבעטן אויפן כביש. דאָס איז געווען דער ערשטער שאָסיי, וואָס

מען מאַכט אין לאַנד, נאָכן פאַרנעמען דורך די ענגלענדער ארץ־ישראל. דער כביש איז טבריה — צמח. מיר פאָרן אַ נאַכט מיט אַ טאָג ביז מיר קומען אָן. דאָס לאַנד איז אָן װעגן און אָן שטעגן. די אַראַבער דאַרפן נישט קײן כבישים און װעגן, אויך די װאַנ־דערנדיקע בעדוינער — זיכער נישט, און די פריערדיקע מושלים — די טערקן — אַודאי נישט. נאָך דעם װי די ענגלענדער האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד האָט דער ועד הצירים זיי באַװירקט צו מאַכן דעם ערשטן װעג. די אויסרעכענונג איז געװען צו קענען געבן באַשעפטיקונג די אָנקומענדיקע חלוצים. די אַרבעט האָט דער ועד הצירים אָנגענומען באַלד מיט אַ פון פאַרויס געזעענעם דעפיציט.

☆

איך דריק אויס דעם האַרציקסטן דאַנק אַלע, װעלכע האָבן מיך דערמוטיקט, געהאָלפן און אַרויסגעװיזן גרויס פריינדשאַפט ביים שרייבן און אַרויסגעבן דאָס בוך.

א. ק.

כביש טבריה — צמח

אַט די דריי ווערטער האָבן זייער אַ סך צו זאָגן פאַרן גאַנצן ישוב פון ארץ־ישראל. קודם כל איז דאָס געווען די התחלה פון דער דריטער עליה. אָבער דער עיקר זענען געווען די מענטשן. דער חומר, דער מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט ביים כביש, געטאָן פּראָסטע, שוואַרצע אַרבעט, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. דאָס איז נישט געווען און וועט נישט זיין ביי קיין שום אַנדער פאָלק. אַלע זענען געווען מיט אַקאַדעמישער בילדונג. זיי האָבן אַלץ אויפגעגעבן, מוותר געווען אויף די קאַריערעס און געקומען אַהער אַרבעטן. עס זענען געווען גאַנצע און האַלבע דאָקטוירים, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן, ישיבה־בחורים, לערנערס מיט סמיכות אויף רבנות, קינדער פון רייכע סוחרים און פאַבריקאַנטן. אַלע זענען זיי געווען אידעאַליסטן, מוסר נפש געווען זיך בלב ונפש, בגוף ובנשמה. אַט דער מענטשן־מאַטעריאַל האָט געלייגט דעם חותם אויף אַ סך געביטן דאַמאָלסט און שפּעטער, אַפילו אויף דער יידישער מדינה נאָכן שחרור.

עטלעכע הונדערט מאַן האָבן געאַרבעט ביים כביש, אַלץ ניי־אָנגעקו־מענע חלוצים. די גרעסטע טייל איז געווען ביי די חמי טבריה. איין פּלוגה איז געווען אין צמח און אַ קלענערע אין טבריה. ביי די חמי טבריה זענען געווען צוויי הייזקעס, געבויט פון שטיינער, אָן פענצטער און טירן. עס זענען נאָר געווען לעכער. אין איין הייזקע איז געווען אַ שטיינערנע רונדע מקוה מיט הייס וואַרעם וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען גרין און האָט געהאַט אַ ריח פון שוועבל. דאָס וואַסער האָט געפליסט טאָג און נאַכט פון שפּיץ באַרג און דעם ריח האָט מען געשפּירט אין דער גאַנצער סביבה. די מענטשן פון טבריה, פּרויען און מענער, פלעגן קומען אַלע

פרייטאָג זיך טובלען אין דער מקוה. פאַרן טובלען זיך פלעגט אַ שומר נעמען ביי יעדן איינעם אַ טאַלער. פאַר אונדז, חלוצים, איז דאָס באָדן זיך געווען פריי, אָן געלט. עס איז זייער געזונט געווען צו באָדן זיך אין דעם שוועבל־וואַסער. אויך אַראַבער פלעגן קומען צו דער כשרער מקוה, ווייל דאָס פלעגט היילן פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן. די צווייטע הייזקע האָט אונדז געדינט אויפצונעמען די לייכטקראַנקע. מער ערנסטע פאַלן האָט מען געשיקט קיין טבריה.

אויפן הויכן גרויסן באַרג, וואָס ציט זיך עטלעכע קילאָמעטער, זענען געווען אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות געצעלטן, גלייך אויפן צענטי־מעטער, אַפּילו אויפן מילימעטער. פון ווייטנס האָט עס אויסגעזען ווי אַ מיליטערישער לאַגער. אויפן זעלבן באַרג געפינט זיך דאָס קבר פון באַוווסטן תנא ר׳ מאיר בעל הנס. דאָס קבר איז אַ גרויסע מערה. שטענדיק ברענט דאָרט אַ נר לזכרון. אַלע מאָל געפינט זיך דאָרט אַ מנין יידן, וואָס זיצן און לערנען אין אַ באַזונדערן בנין, אין דער ישיבה על שם ר׳ מאיר בעל הנס. כמעט אין יעדער יידישער שטוב אין גאָר דער וועלט האָט זיך געפונען אַ ר׳ מאיר בעל הנס־פושקע, אין וועלכער די פרומע פרויען פלעגן פאַר ליכטצינדן ערב שבת אַריינוואַרפן אַ מטבע.

אַלע געצעלטן זענען אַ ביסעלע אָפן, כדי עס זאָל אַריינקומען אַ ביסעלע לופט. עס איז אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט און מען זעט ביי איין געצעלט, וועמענס פאָלעס ביים איינגאַנג זענען פאַרשאַרצט, ווי עטלעכע מאָן ליגן ממש אויף דער ערד. צוקאָפּנס איז ביי איינעם במקום אַ קישן אונטער־געלייגט אַ רוקזאַק, ביי אַ צווייטן עטלעכע שמאַטעס, ביי אַן אַנדערן אַ שטיין גאָר. צוגעדעקט זענען זיי ווער מיט אַ רעקל פון אַן אַנצוג, צי מיט אַ זאַק. אַלע חלוצים זענען אָפּגעשוואַכט נאָך די דורכגעמאַכטע קראַנקייטן: פיבער, קדחת, מאַלאַריע, אַ טייל האָט אויך געליטן פון דיזענטעריע. די קראַנקייטן האָט יעדער דורכגעמאַכט, אַפּילו דעם שטאַרקסטן און געזונטסטן האָט עס אָוועקגעלייגט. אַפּילו אַלטע איינגעזעסענע מענטשן פון טבריה האָבן געליטן. די קרענק זענען נישט געווען לעבנסגעפערלעך, אָבער זיי האָבן געמאַטערט און געמאָרדעוועט, אָפּגעשוואַכט, געמאַכט אַ תל אַן

רחמנות. די חברה אין דעם געצעלט האָבן באַקומען אַ פּאָר טעג חופש צו קומען צו זיך נאָך דער קרענק.

איטשע שלאָפט נישט. ער קען נישט שלאָפן. די פליגעלעך לאָזן נישט, זיי בייסן און עס סווענדזשעט. איטשע האַלט מלחמה מיט זיי אַ גאַנצע נאַכט און דאָ ציט זיך די נאַכט ווי אַ יאָר. ער הערט שוין די טריט פון שומר. אפשר איז דאָס שוין זיין לעצטער סיבוב? הלואי. דער שומר איז כאַצקל. הייסן הייסט ער יחזקאל, נאָר מען רופט אים מיטן היימישן נאָמען. ער גייט נישט אַליין נאָר מיט אַ הונט. כאַצקל איז נישט קיין פּשוטער שומר. ווו ער קומט, וווּ ער אַרבעט איז זיין תפקיד צו זיין אַ שומר. ער טראָגט מיט זיך אַ ביקס, מיט דער לופע אַראָפּ. דער הונט באַגלייט אים, טרעט נישט אָפּ פון אים. כאַצקל גייט פאַרביי יעדע שורה צו זען צי אַלץ איז בסדר. כאַצקל האָט אַן אויסערגעוויינלעכן חוש, און דער הונט זיינער נאָך מער. דער הונט האַווקעט נישט און בילט נישט, אַזוי האָט מען אים אויסגעלערנט. נאָר ווי ער באַמערקט עפּעס פאַרדעכטיקס, שלעפּט ער כאַצקלען צו דעם אָרט. דאַמאָלסט נעמט כאַצקל אַראָפּ זיין ביקס און איז גרייט.

איטשען דאַכט זיך, אַז די נעכט אין טבריה זענען לענגער. דאָך איז אויך צו דער נאַכט געקומען אַ סוף. די נאַכט טרעט אָפּ, ברוך השם, אָבער אַזוי לאַנגזאַם, אַזוי פויל. דער פרימאָרגן שטופּט אונטער די נאַכט, זיי אַמפּערן זיך ביז לסוף זיגט דאָס ליכט. מיט דער טאָגליכט ווערט אַלץ פריילעכער. אַלע באַשעפענישן, קריכנדיקע און פליענדיקע, טובלען זיך אין כנרת, און כאַפּן גלייכצייטיק אַ טרונק און פאַרבייסן מיט אַ ווערימל. עס הייבט זיך אָן פאַר זיי דער אַרבעטסטאָג: זוכן ווערימלעך, שפּייז פאַר זיך און פאַר די קינדער. דער ים כוואַליעט זיך מיט קליינע כוואַליעס שטיל און לאַנגזאַם. די לופט איז קיל, עס איז חודש תשרי.

איטשע קריכט אַרויס פון אוהל אויף אַלע פיר. ברוך השם מען זעט אַ ביסל ליכט. ער רייבט און קראַצט זיך דעם גאַנצן קערפּער מיט אַזאַ הנאה און ליידנשאַפט, דערביי שיקט ער כלעריי קללות די פליגעלעך „זיי לאָזן נישט צומאַכן די אויגן אויף קיין רגע. אַזאַ פּלאָג זאָל גאָט

אַפּהיטן. ווער קען שלאָפן? די פליגעלעך בייסן ביז בלוט, אַ שרעק, און נאָך יעדן ביס קומט אַ סוועגדזשעניש, מוזסטו אויף ס'נײַ זיך קראַצן, און וואָס מער דו קראַצסט — מער סוועגדזשעט, מוז מען נאָך מער קראַצן ביז דו זעסט בלוט, ווערסטו פאַרבלוטיקט. אַזאַ אָנשיקעניש, צו וואָס האָט זיי גאָט באַשאַפן? און ווער קען זיך דען איינהאַלטן און נישט קראַצן? מען קען דאָך משוגע ווערן. אין נוה־שלום אין מלון „ברזל" זענען זיי נישט געווען. איז דאָרט געווען אַן אַנדערע צרה — דער ים. ער האָט גערעשט און געטומלט און נישט געלאָזט שלאָפן. איך האָב זיך פּשוט געשראָקן, אַז ער זאָל חס ושלום נישט אַריבערשפּרינגען די הייזקע און אונדז צודעקן, אָדער מיטשלעפּן מיט זיך. דאָ ווידער זענען די פליגעלעך. אינטערעסאַנט, ביי טאָג זעט מען זיי נישט, אָבער ווי נאָר עס ווערט טונקל זענען זיי דאָ און קריכן אַפילו אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער. איך האָב נישט געדאַרפט אַוועק פון בית־חולים. אין שפּיטאָל זענען דאָ טיולן, וואָס לאָזן זיי נישט צו. דאָ בין איך אַ גאַסט פאַר זיי, האָבן זיי זיך צו מיר צוגעכאַפּט, געגעבן מיר שלום־עליכם, אַ ברוך־הבא. געטאָן אַ נאַרישקייט. אַלע האָבן מיך צוגערעדט בלייבן. זיי האָבן געטענהעט: וואָהין לויפסטו דאָס, אַז די ווונד איז נאָך נישט פאַרהיילט? ווער יאָגט דיך צו די האַרטע שטיינער? פון וועמען ווערסטו געטריבן? איי, דער אַראַבישער שמש מיט זיין שרייען? וועמען גייט עס אָן? זאָל ער שרייען".

אַזוי האָט איטשע גערעדט צו זיך און דערביי איבערגעבונדן דעם באַנדאַזש אויפן פוס. פון אָנהייב האָט ער זיך געשראָקן וועגן פוס, איצט לאַכט ער דערפון. וואָס שייך די שפּיציקע שטיינער, אויף וועלכע ער ליגט, האָט ער זיך דערטראַכט צו אַן עצה: ער וועט אָנשיטן אַ ביסל ערד צו דעקן די שפּיצן און שלום על ישראל. ער באַקוקט זיין לייב: אומעטום צייכנס רויטע ווי שאַרפע שניטן. איז דען אַ וווּנדער וואָס מען קען נישט שלאָפן — שטיינער שפּיציקע און פליגעלעך בייסיקע. אָבער פאַר וואָס שלאָפן די אַנדערע?

אַבראַשאַ קריכט אַרויס פון אוהל. ער טראָגט אַ האַנטוך, זייף און אַ צאָן־בערשטל. ער גייט צום כנרת זיך וואַשן. ער באַמערקט איטשען:

— וואָס דרייסטו זיך אַרום אַזוי פרי? איז נישט בעסער צו שלאָפן

נאָך אַ צוויי שעה? ווער יאָגט דיך? איך וועל זיך נאָר אַרומוואַשן קום איך גלייך צוריק.

— איך האָב זיך שוין געוואַשן — ענטפערט איטשע — איך האָב זיך פּשוט מחיה געווען. איך האָב זיך געוואַשן דאָס ערשטע מאָל זייט מיין קראַנקייט.

— האָסט נאָך געדאַרפט וואַרטן אַ טאָג צוויי — מוסרט אים אַבראַשאַ — בפרט אין דעם פרימאָרגן, ווען דאָס וואַסער פון כנרת איז נאָך קיל און שאַרף.

— איך האָב שוין לענגער נישט געקענט וואַרטן — פאַרטיידיקט זיך איטשע — איבער אַ וואָך זיך נישט צו וואַשן. איך בין שיר נישט אַריינגעשפּרונגען אין כנרת זיך באָדן.

— וואָלסט געקראָגן נאָך אַ מאָל דעם פיבער — וואָרנט אים אַבראַשאַ.

— ווייסט — דערציילט איטשע — איך בין שוין אין דרויסן פון ערשטן שפּראָץ פון טאָג. איך בין כמעט נישט געשלאָפן. איך דאַנק שוין זיין ליבן נאָמען, וואָס עס איז שוין טאָג. ווער קען דען שלאָפן? די פליגעלעך לאָזן דען שלאָפן? די בלוטזויגערס...

— יתושים הייסן זיי די פליגעלעך, די מאָסקיטן — לערנט אים אַבראַשאַ — וועסט זיך צו זיי צוגעוווינען, אָדער דו צו זיי, אָדער זיי צו דיר. פּאַמעלעך, לאַנגזאַם, מיט דער צייט. זעסט, מיך אַרט עס נישט. איך בין געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

— אַ פּנים ביי דיר איז נישט קיין מענטשלעכע הויט, נאָר פעל — באַמערקט איראָניש איטשע — נאַ, זע, ווי איך בין צעביסן.

— אַז דו וועסט ווערן אָפּגעברענט, ברויז ווי איך — זאָגט אַבראַשאַ ערנסט — וועלן זיי דיך אָפּלאָזן. דאַרפסט זיך נישט שרעקן. עס איז נישט געפערלעך.

— תודה רבה פאַר דער טרייסט — לאָזט איטשע אַלץ נישט אָפּ — אָבער דערווייל קען איך נישט שלאָפן. איך פיר מלחמה אַ גאַנצע נאַכט מיט זיי. איך דעק זיך איין און דאָך האָבן זיי געפונען אַ וועג און געזויגן אָן רחמנות.

— איך האָב אַן עצה פאַר דיר — לאַכט אַבראַשאַ — זיי קומען

נישט בגנבה. זיי קומען מיט געזאַנג. דאַן קענסטו זיי הרגענען, כאַפּן און צעקוועטשן. און אַז דו וועסט נאָר איינעם הרגענען וועט זיך שוין דער צווייטער היטן די ביינער.

— זאָג מיר וואָס איז דאָס לאַכן? — טענהעט מיט תרעומות איטשע — און נאָך דערצו מיט אַזאַ הנאה מיט אַלע אברים, כל עצמותי אמרנו. איך קען דיר זאָגן, אַז זייער געזאַנג רעגט נאָך מער אויף. דאָס זאָגן זיי אָן די גוטע בשורה, אַז „מיר קומען! מיר גייען! מיר פליען! מיר זענען דאָ!״.

עס קריכן אַרויס פון געצעלט צביקע און מישאַ. צביקע איז אַ לייכט מענטשל. ער לאַכט פון אַלץ און אַלעמען. מישאַ איז אַן ערנסטער, רעדט אַ שווערן יידיש געמישט מיט רוסישע ווערטער. ער גייט נאָך אין היטל מיט דער קאָקאַרדע פון לעטישן אוניווערסיטעט. ביידע האָבן אַ טענה, פאַר וואָס מען שטייט ביים געצעלט אַזוי פרי און מען לאַכט און מען לאָזט נישט שלאָפן. דער געשמאַקסטער שלאָף איז דאָך פאַר טאָג.

— איך לאָז נישט — פאַרענטפערט זיך איטשע — ער לאַכט פון מיר, ווייל די פליגעלעך בייסן מיך. איך בין די נאַכט כמעט נישט געשלאָפן. לאַכט ער פון מיר.

— נישט קיין פליגעלעך נאָר יתושים אָדער מאָסקיטן — פאַרבעסערט אַבראַשאַ.

— זאָג מיר, צביקע — ווענדט זיך צו אים איטשע — דיך בייסן זיי נישט די, ווי הייסן זיי, יתושים אָדער מאָסקיטן?

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — ענטפערט לאַכנדיק צביקע — נעכטן און היינט, צייט דו ביסט געקומען פון בית־חולים, האָבן זיי מיך אַ ביסל אָפּגעלאָזט. זיי, די בלוטזויגערס, זענען ממזריש קלוג, זיי דער־שמעקן און פילן באַלד פרישע מענטשן, ובפרט אַזעלכע, וואָס האָבן אַ ווייסע שיטערע הויט. דאָס הייסט ביי זיי זיס בלוט און דאָס האָבן זיי שטאַרק ליב. די צוויי נעכט האָבן די חברה זיך צוגעכאַפּט צו דיר און מיך האָבן זיי אָפּגעלאָזן. ווייזט אויס, אַז זיי קענען נישט אַרבעטן אויף צוויי פראָנטן. אַנו, פּרווו נאָר כאַפּן איין יתוש. זיי האָבן מיך מיד געמאַכט מיטן וועלן זיי כאַפּן. דעריבער האָב איך אויפגעהויבן די הענט און זיך אונטערגעגעבן: בייסט, זויגט! דאָס איז אַ מכה אשר לא כתוב בתורה.

זיי זענען קליגער און פלינקער פון מיר. לאַנגזאַם וועסטו זיך צוגעוווינען צו זיי.

— תודה רבה פאַר דער גוטער האָפענונג — באַמערקט סאַרקאַסטיש איטשע — איך האָב עס שוין פריער געהערט פון אַבראַשאַן. און דערווייל וועל איך האָבן שלאָפלאָזע נעכט, געשוואָלענע הענט מיט ביילן. קוק אָן מיין פּנים! איז נישטאָ קיין מיטל אָדער רפואה צו זיי? זאָג דו, דאָקטאָר מישאַ, רעד!

— אפשר אַ מאָל מיט דער צייט — ענטפערט מישאַ — דערווייל איז דאָס איינציקע מיטל אַ מאָסקעטער, אַזאַ נעץ.

— חכם! — זאָגט צביקע — דאָס קריגן נאָר די מנהלים, אָדער בעסערע מענטשן, די וואָס האָבן בעטן צום שלאָפן. פּראָסטע חלוצים זענען נישט קראַנק צו שלאָפן אָן מאָסקעטערן.

— צביקע — רייסט אים איבער אַבראַשאַ, וועלכער קען נישט פאַר־טראָגן קיין איין שלעכט וואָרט אויף ארץ־ישראל — דאָס רעדן דיינס איז נישט מער ווי העצערישע רכילות אויף ארץ־ישראל. זאָג אַליין, דו האָסט געזען דאָ ביי די מנהלים פון כביש בעטן מיט מאָסקעטערן? אַפילו די פאָר מיידלעך, וואָס מיר פאַרמאָגן דאָ, דער שוואַכער מין, וואָס קיינער וועט נישט זיין קעגן דעם, אַז זיי זאָלן האָבן די פּריווילעגיע צו שלאָפן אין אַ בעט, אַפילו זיי שלאָפן אויך אויף דער ערד...

— איך בין נישט קיין קאָנטראָלער — דרייט זיך אַרויס צביקע — זאָלן זיי האָבן. איך וויל אויך האָבן... איך בין זיכער, אַז מיינע רייד זענען אמת.

— אַז דו האָסט נישט געזען איז עס רכילות, סתם געבעבעט — לאָזט נישט אַבראַשאַ אָפּ צביקען — זאָג נאָר, צביקעלע, דו האָסט שוין פאַרגעסן די מעשה מיטן מלון „לאָיד״ אין ווין, אין צווייטן באַצירק אויף גלאָקן־שטראָסע, ווו מיר האָבן געגעכטיקט ביז עס וועט ווערן פּלאַץ אין די ראָזי־קאַסערן, די מיליטערישע קאַזאַרמע? האַ, דו לאַכסט, קונדס איינער, דערצייל זיי! שווייגסט, שעמסט זיך? וועל איך דערציילן. וואָנצן קענט איר? וואָס הייסט וואָנצן? גערעכטענע, גרויסע, אויסגעפּאַשעטע, גאַנצע מחנות. ווער האָט געקענט שלאָפן? אַ גאַנצע נאַכט האָט מען גע־

האַלטן אין איין קראַצן זיך און געשאַלטן. און זיי האָבן געביסן אַן רחמנות. זענען מיר געגאַנגען מיט אַן אָנקלאַגע צום בעל המלון. האַ, רעד! וואָס האָסטו איינגענומען שטומעניש. האַ, וואָס האָט געזאָגט דער באַלעבאָס? אַז זיי בייסן נאָר די ערשטע נאַכט, אַז מיר וועלן זיך צוגעוווינען וועלן זיי נישט בייסן. דאָרט ביסטו געווען שטיל ווי אַ גוט קינד, קיין וואָרט נישט געזאָגט, צו קיינעם נישט געהאַט קיין טענה, ביז דו האָסט זיך טאַקע צוגעוווינט, ווי ער האָט געזאָגט. און דאָ, אין ארץ־ישראל, געפעלט דיר גאָרנישט, נאָר טענות ומענות, נאָך ערגער ווי די אַמאָליקע מרגלים, נאָר עס טויג נישט... דאָ דאָס, דאָ יענץ, יתושים...

— אַבראַשאַ, איך קלאָג זיך אויף די יתושים? — טענהעט צביקע — איך האָב שוין שלום געמאַכט מיט זיי. דיין איטשע וויל אַ מאַסקעטער. האָב איך אים געגעבן אַן עצה. איך קלאָג זיך נאָר אויף די שועלים, אויף די שאַקאַלן. דאָס איז אַ גרעסערע צרה. איך קען זיך בשום אופן נישט צוגעוווינען צו זייער יאָמערן און וויינען, צו זייער יללהען גאַנצע נעכט. עס דאַכט זיך מיר ווי קליינע קינדער וויינען. דאָס קען איך נישט הערן און פאַרנעמען.

— חברים! — שמייכלט גוטמוטיק דער האַלבער דאָקטאָר מישאַ — חברים — זאָגט ער מיט דער האַרטער „רייש" — מיך אַרן נישט די יתושים און נישט די שועלים. דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטן. מיך אַרן די האַרטע שטיינער. אַלע טאָג שטיי איך אויף אַ צעבראָכענער, אַלע אברים טוען מיר ווי. עס נעמט אַ סך צייט ביז די ווייטאָגן גייען אַוועק, און דאָס ערשט נאָכן מאַכן מאַסאַזשן, איבונגען...

— דו אויך! — הייבט אויף דאָס קול אַבראַשאַ — אויך דו קומסט מיט טענות. וואָס האָט איר אַלע זיך גענומען צו טרייבן רכילות, צו „נאַבלען" אויף ארץ־ישראל. האָט איר דען דאָס אַלץ נישט געוווסט פריער אין חוץ־לארץ. אין ווין האָט מען דאָס אייך דאָך געזאָגט. אפשר נאָך ערגער ווי עס איז אין דער אמתן. קוקט נאָר אַן אונדזערע חלוצים! וואָס האָט איר געמיינט, אַז מען וועט געבן יעדן איינעם חלוץ אַ פּאַלאַץ, איינגעריכטעט מיט כל טוב, אָדער לכל הפּחות אַ באַקוועמען מלון, מיט אַ ווייך באַקוועם בעט, מיט קישנס, מיט אַ מזרון...

דערהערט אַבראַשאַן שרייען קומען אַרויס פון געצעלט נאָך צוויי חלוצים, אָפּגעשוואַכטע, בערל מיט פסחן. זיי פאַרשטייען, אַז אַבראַשאַ שרייט מוז עפּעס זיין. אָן צערעמאָניעס פרעגן זיי אים, וואָס ער שרייט.

— האָט איר געהערט — ענטפערט אַבראַשאַ — גיב זיי באַקוועמ־לעכקייטן. רק גיב זיי און גיב. ווער זייט איר? צו וואָס זייט איר געקומען?

— איך קלאָג זיך בלויז אויף די בייסנדיקע פליגעלעך, וואָס זויגן דאָס בלוט — פאַרענטפערט זיך איטשע.

— און איך, צביקע בן אסתר, קלאָג זיך נאָר אויף די ווייַנענדיקע שועלים, וואָס וויינען ווי קליינע קינדער, און לאַכן.

— איך בין מסכים מיט דיר, אַבראַשאַ, — זאָגט מישאַ — אַז מיר חלוצים מוזן זיין צוגעווינט צו אַלעם, נישט קיין בעט, נישט אַנדערע זאַכן, נאָר אַ ביסעלע באָדן, אַ ביסעלע ערד און נישט די האַרטע שפּיציקע שטיינער.

— זאָגט מיר — הייבט אויף אַ נייע טענה פסח — וואָלטן מיר כאָטש געקראָגן מחצלות. אַלע חלוצים האָבן זיך געוואַלגערט אין וועג און געבליבן אָפּגעריסן, נאַקעט, אָדער מען האָט עס געהאַט פאַרקויפט פאַר אַ שטיקל ברויט. צי איז אַ מחצלה באַקוועמלעכקייטן?

— אַ נייער קטיגור זיך געפונען — רעגט זיך אַבראַשאַ אויף — מחצלות ווילן זיין. האָב נאָר געדולד. אָבער דו, דאָקטאָר, ווער שטערט דיר אָנצושיטן ערד, באָדן, וויפל דו ווילסט. דאַרף דיר עמיצער דאָס לערנען? אַזעלכע חלוצים, וועלכע האָבן טענות, האָבן בעסער געזאָלט בלייבן אין דער היים, די מאַמע זאָל אַכטונג געבן צי דאָס קינד איז גוט איינגעדעקט. דאָ איז נישטאָ קיין ווילטאָג. מיר זענען געקומען פּלאָסטערן וועגן, אַפילו אויף ערגערע תנאים, אַפילו מיט אונדזערע קערפּערס צו פאַרלייגן אַ היים פאַר אונדזערע אַלע נאָענטע, פאַר אונדזערע ברידער און שוועסטער, אַ היים פאַר אַלע יידן, וואָס מען יאָגט זיי און מען פּלאָגט זיי אומעטום.

— אַבראַשאַ, קודם כל שריי נישט — ענטפערט אים מישאַ — לאָז אַראָפּ דעם טאָן. מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז מיר פאָרן נישט אין קיין גן־עדן. איך בין נאָך אַזאַ אידעאַליסט און פּאַטריאָט פון ארץ־ישראל ווי

דו. נאָ, לייען מײַנע תעודות. נאָך איין יאָר האָט מיר נאָר געפעלט צו ענדיקן שטודירן אַלס דאָקטאָר. איך בין אַוועק פון אַ רײַכער שטוב קעגן ווילן פון די עלטערן. אַוועק צו בויען ארץ־ישראל. איך טאָר נישט וועלן אַ בעט. דאָס הייסט ביי דיר לוקסוס, בפרט ווען מיר זענען אַלע שוואַך. ביי אַזאַ מצב קען די קרענק זיך אומקערן און ביים צווייטן מאָל. איז זי ערגסטער ווי ביים ערשטן.

— דאָס לאַנד איז פאַרנאַכלעסיקט — רעדט שוין אַבראַשאַ שטילער — עס איז גאָר נישט דאָ. מיר דאַרפן אָנהייבן פון בראשית. קריגסט דאָך דאָ גאָר נישט. בלויז אַ בעט איז נישטאָ? אַפילו אַ קנעפּל, אַ נאָדל, זאָקן, שיך, אַ היטל — אַלץ דאַרף מען באַשטעלן פון חוץ־לארץ. און די סוחרים ווייסן דאָס און באַרייסן אונדז. האָסט דען אַ ברירה? כל התחלות קשות. מיר וועלן אַלץ שאַפן. פאַרלאָזט זיך אויף יידישער ענערגיע, אויף יידישער איניציאַטיוו. עס וועלן זיין בעטן, קאָצן, מזרונים, קישנס. ווען דער ישוב וועט זיין גרעסער וועלן די יתושים און די שועלים פאַרשווינדן.

— ביז עס וועט ווערן ישוב — זיפצט צביקע — וועט שוין לאַנג זיין מאַך אויף אונדז. מיר וועלן שוין האָבן אויסגעצויגן די קאָפּיטעס, און עס וועלן וואַקסן אויף אונדז קוצים.

— זאָג מיר, צביקעלע — פרעגט איטשע — וואָס איז דיר אַזוי שווער אויפן האַרצן. און וואָס איז מאַך?

— מאַך — לאַכט צביקע — דאָס וואַקסט אויף די אַלטע הילצערנע הײַזלעך אין קליינעם פּוילישן שטעטל. קאָזעס פלעגן דאָס אָראָפּלעקן פון די שיפּע דעכלעך.

— הלוואַי וואָלטן אונדזערע זיידעס געטאָן דאָס, וואָס מיר טוען הײַנט — זאָגט איטשע — וואָלטן מיר גאַנץ אַנדערש אויסגעזען.

— ריכטיק, איטשע — רופן זיך אָן עטלעכע שטימען — מען דאַרף אויך הערן אַ גוט וואָרט וועגן ארץ־ישראל.

צביקען פאַרדריסט, וואָס מען האַלט אים פאַר אַ לייכטן חלוץ און ער לייגט אַרויס אַזאַ מין רעדע:

— איר מיינט אַוודאי, אַז איך האָב ווייניקער פון אייך ליב ארץ־ישראל? האָט איר אַ טעות. פון וויגעלע אָן האָט מיר מיין טייערע און

גוטע מאַמע פאַרוויגט מיט האַרציקע מעלאָדיעס וועגן ציון, וועגן הייליקן לאַנד. זי האָט מיר דערציילט אַלע מעשהלעך וועגן אונדזערע העלדן, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר לאַנד. אַלס קינד נאָך האָב איך באַשלאָסן ווידמען זיך דעם אויפבוי פון לאַנד און מיין שבועה פון די קינדער־יאָרן בין איך טריי געבליבן, טראָג זי טיף אין האַרץ עד היום. פרעגט ביי איטשען. ער ווייסט, אַז איך האָב געהאַט אַ וויזע מיט אַ שיפסקאַרטע געשיקט פון אַ רייכן פעטער אין אַמעריקע. איך האָב דאָס אָפּגעשיקט און בין געקומען אַהער. אָבער מען דאַרף נישט פאַרמאַכן די אויגן. מען דאַרף נישט אָננעמען אַלץ פאַר גוט און הייליק. דעם אמת דאַרף מען זאָגן. אויף יעדער שלעכטער זאַך דאַרף מען רעאַגירן און אָננעמען מיטלען צו פאַרבעסערן. שפּרינגט נישט קיין קדוש אויף אַלץ. באשר איך בין אַ חלוץ דאַרף איך זיך פּלאָגן אומזיסט און פאַר גאָרנישט, סתם אין דער וועלט אַריין...

— צביקע, איך האָב קיין מאָל נישט געצווייפלט אין דיין ליבשאַפט צו ארץ־ישראל — זאָגט אַבראַשאַ גערירט — נאָר עס איז אין דיין נאַטור צו וויצלען זיך. איך ווידער קען נישט פאַרטראָגן קיין בדיחה אויפן לאַנד, פונקט ווי מען וואָלט זיך געוויצלט איבער מיינע עלטערן. נאָר אַז מיר רעדן שוין ערנסט, וויל איך דיר, און אויך אייך, חברים, זאָגן, אַז חלוציזם האָט מער געבאָטן ווי די עשרת הדברות. איך וויל זיך נאָר אָפּשטעלן אויף צוויי: אהבת העם ואהבת ארץ ישראל. פאַר די צוויי מצוות זענען מיר גרייט צו גיין אויף מסירת־נפש. איר דאַרפט וויסן, אַז דעם מין חלוץ האָבן נאָר מיר, נאַציאָנאַלע יידישע אַרבעטער, געקענט שאַפן. מיר קענען עס נישט געפינען ביי קיין שום פאָלק. זיי דאַרפן עס נישט. מיר זענען חיילים, קעמפער און מיר גייען אויף אַלע געפערלעכע ערטער. חוץ דעם דאַרפן מיר זיין, עס איז מיר שווער זיך אויסצודריקן, אַזאַ מין נזירים. מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון לוקסוס, פאַר־געניגנס. מיר דאַרפן זיין געוווינט צו אַלעם, געהאַרטעוועט, שטאַרק. קיין שום זייטיקע אַספּיראַציע, געדענקען נאָר דעם ציל: וואָס גיכער שאַפן און בויען אונדזער היים. מיר זענען דער אַוואַנגאַרד צוצוגרייטן אָרט אויפצונעמען די צענער טויזנטער יידן, וועלכע ווילן מער נישט לעבן

אין גלות, ווילן אַן אייגן ווינקעלע. מיר דאַרפן דאָס צוגרייטן אין הייליקן לאַנד פון אונדזערע אבות...

— אַלץ פאַרשטאַנען, חשובער ראש הקבוצה! — זאָגט נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן צביקע — דו ביסט ווערט מיט גאָלד דיך צו וועגן, הלואי וואָלטן מיר געהאַט אַ סך אַזעלכע אַבראַשאַס. איך זאָג עס אָן חניפה. אָבער ווו האָסטו געזען אין די „עשרת הדברות" פון אַ חלוץ, אַז מען דאַרף זיין אַ נזיר. אפשר אָפּזונדערן און אָפּזאָגן זיך פון וויין, פון אַ פרוי? צי זענען דיר די שפּיציקע שטיינער צו ווינציק, נאָר מען דאַרף נעמען ממש אַ ברעט מיט טשוועקעס, אַזוי ווי די נזירים פון הודו?

עס ווערט פריילעך צווישן עולם. אַלע דערציילן, אַביסעלע באַקלאָגט מען זיך, דער עיקר אויף די הייסע זונשטראַלן. מישאַ דער דאָקטאָר קלערט אויף דעם עולם די מעדיצינישע מעלות פון זונשטראַלן. אַבראַשאַ דערמאָנט, אַז מען פאַרשט די זונשטראַלן, באַזונדערס די אולטראַ־פיאָלעט־שטראַלן. ער דערקלערט דעם עולם:

— זיי האָבן אין זיך אַזאַ שטאַרקן און גרויסן געוואַלדיקן כוח, אַז מען וועט זיי קענען אויסנוצן צו שאַפן ענערגיע פאַר פאַבריקן, באַנען, שיפן, אויטאָס...

— איך, צביקע, דאַנק דיר זייער פאַר דער בשורה־טובה וועגן די גרויסע רייכטימער, וואָס מיר קענען אַרויסקריגן פון דער זון. מיך וואָלט אָבער מער געפרייט, ווען דו זאָגסט מיר אָן, אַז פון די שטראַלן, ווי הייסן זיי ביי דיר (אַלע שרייען אויס מיט איין קול: אולטראַ־פיאָלעט־שטראַלן!!!) וועט מען קענען מאַכן אַ בעטל צום שלאָפן. עס וואָלט מיך אויך מער געפרייט ווען מיר געפינען אַנדערע רייכטימער: גאָלד, זילבער, קוילן, נאַפט, אָדער לכל הפחות אַ קוואַל זיס וואַסער. זון האָבן אַלע. מיר האָבן דען אַ קאָנצעסיע אויף איר? אַבראַשאַ האָט שוין פאַרהייליקט אויך די ישראלדיקע זונשטראַלן. יעצט האָבן מיר שוין דריי עקספּאָרט־אַרטיקלען: אתרוגים, וואָס יידן ווילן בעסער קויפן גריכישע פון קאָרפו, דאָס צווייטע איז ארץ־ישראל־ערד און די נייע דערפינדונג: הייליקע ארץ־ישראל־שטראַלן.

אַלע לאַכן, אָבער אַבראַשאַ לאָזט נישט אָפּ:

— פּרעגסט, צביקע, פאַר וואָס דווקא ארץ־ישראל האָט די שטראַלן, ווייל מען דאַרף זיי נעמען פון מיטלפּונקט פון דער וועלט, און ארץ־ישראל איז בדיוק דער מיטן פון דער וועלט. חוץ דעם פאַרנעמט זיך מיט זייער פאָרשונג אַ ייד...

— און וואָס וועט זיין אין די רעגנדיקע טעג — פרעגט בערעלע, דער כעלעמער — אָדער גאָר ביי נאַכט. די באַן אָדער די שיף וועט דאָך בלייבן שטיין...

עס ברעכט ווידער אויס אַ געלעכטער. צביקע שרייט אויף אַ קול:

— זאָגט אַלע! שרייט אַלע! די ברענענדיקע זון איז גוט, אַ מחיה נפשות. שלום עליכם, טייערע זון, ברען, באַק, בראָט וויפל דו ווילסט!

עס קומט אַרויס אַ חלוץ, פּסח שני רופט מען אים. ער רופט אַלע עסן. מישאַ זאָגט, אַז מ׳דאַרף זיך היטן מיטן עסן. די גאַנצע קבוצה ליידט פון דיזענטעריע.

— מיר זענען טרייע, איבערגעגעבענע חברים. ווען איינעם איז עפּעס גייען אַלע מיט.

— איר זייט דאַכט זיך געווען אַ גרעסערע קבוצה.

— יאָ, אויף דער שיף זענען מיר געווען צען מאַן אין דער קבוצה. ביז מיר זענען געקומען אַהער צום כביש זענען נעלם געוואָרן זעקס. גלויב מיר איך בענק נישט נאָך זיי.

צען ברידער זענען מיר געווען (זינגט).

אַזוי זינגט צביקע ביז פיר. ביי פיר בלייבט ער שטיין. און עס איז אַוועק אַ שמועס וועגן די זעקס. נישט אַלע זענען שולדיק. למשל דוד דער זייגער־מאַכער איז געווען אַ גוטער חבר, נאָר אַ שווער קראַנקער. דאַקעגן דער גראַמען־זאָגער, דער בדחן, איז געווען אַ טיפּ פון דער חברה, וואָס וויל נישט אַרבעטן. זיי וואָלטן מער געשאַדט ווען זיי בלייבן אין דער קבוצה. אַנדערע האַלטן, אַז ווען אַפילו זיי זענען נישט אין דער קבוצה, נאָר געפינען זיך אין ישראל איז שוין אויך אַ געווינס. פון די חברים איז מען אַריבער אויף אַ שמועס וועגן די אַראַבער, וועגן זייער נידעריקן לעבנס־ניוואָ. אַפילו עסן האָט די חברה פאַרגעסן. באַלד איז דער שמועס אַריבער צום ענין כביש. אייניקע טענהען, אַז מען וועט יאָ

צאַלן געלט, אַנדערע, אַז דער ועד הצירים האָט נישט פון וואַנען צו דעקן דעם פון פריִער פאַרויסגעזעענעם דעפיציט.

— איך בין נישט געקומען אַהער פאַרדינען געלט. איך וויל אַרבעטן און נישט עסן אומזיסט. מיין נאַציאָנאַל געוויסן דערלאָזט עס נישט.

— עס קען זיין, אַז דו דאַרפסט נישט קיין געלט — רייסט אים איבער צביקע — אפשר האָסטו אַ פאַרבאַהאַלטענעם אוצר. איך האָב נישט קיין איינציקן טאַלער. פון וואַנען וועל איך נעמען אויף אַ פאָסטמאַרקע? פון וואַנען אויף אַ מלבוש? אַ געוויסן טאָג וועל איך בלייבן מיט אַ נאַקעטן הינטן. מיט וואָס וועל איך אים צודעקן? מיטן נאַציאָנאַלן געוויסן?

— גלויבט מיר, וואָס איך, פסח ראשון, זאָג: עס איז בעסער צו זיין אַ קעסטקינד ביים ועד הצירים, ווי אַרומצוגיין זוכן אַ טאָג אַרבעט.

אַזוי דיסקוטירט מען אַ גאַנצן טאָג. וואָס דען האָבן זיי צו טאָן? אַרבעטן קענען זיי נאָך נישט, רעדט מען. אַרומגערעדט אַלע זאַכן זענען זיי אַוועק נעמען זייער עסן און די פאַרציע כינין. מישאַ לערנט זיי, אַז מען דאַרף עסן, כאָטש קיין אַפּעטיט איז נישטאַ. די ידיעה, אַז מען וועט געבן אַביסל בעסער צו עסן דערפרייט אַלעמען. מען פרייט זיך, אַז מען וועט גיך קענען גיין צו דער אַרבעט.

☆

צו מאָרגנס, גאַנץ פרי פאַר טאָג, איז איטשע ווייטער אין דרויסן. היינט איז ער שוין געשלאָפן אַ ביסעלע, דער פוס, דאַכט זיך אים, טוט ווייניקער וויי, נאָר די פליגעלעך בייסן נאָך אַלץ. אַבראַשאַ איז אַרויסגעקומען מיט אַ האַנטוך, זייף, מיט אַ צאָן־בערשטל, ער גייט זיך באָדן. איטשע לאָזט אים נישט, הייסט אים צוּוואַרטן אַ פאָר טעג, ווייל נאָך דער קרענק איז מען זייער עמפינדלעך. אויך מישאַ, וועלכער קומט אַרויס פון געצעלט האַלב פאַרשלאָפן, באַשטעטיקט עס. זייער האַמפערן זיך האָט איבערגעוועקט צביקען. ער שרייט אַרויס פון אוהל:

— אפשר קענט איר אַוועקגיין אַביסל ווייטער „לאַמורן", און נישט אַריינקרייען און שטערן אין בעסטן שלאָף.

די חברה לאַכט פון צביקען, וואָס ער שלאָפט ביי טאָג. צביקע אָבער קלערט אויף:

— חכמים, וואָס איר זייט. יעצט וועט איך קיינער נישט שטערן. עס שלאָפן די יתושים. עס שלאָפן אין די מערות די שועלים, זיי האָבן מורא אָפילו דעם ווידל אַרויסצושטעקן. שטיל, אַ מחיה. זיי שלאָפן, קען איך אויך שלאָפן. קום, איטשע, דיינע פליגעלעך שלאָפן אויך, כאַפּ אַ דרימל.

דער דאָקטאָר וויל דוקא שלעפן צביקען אַרויף באַרג צו די קוואַלן פון הייסן וואַסער. ער רעכנט אויס אַלע הייל־מעלות. צביקע אָבער וויל נישט. לייגט ער פאָר מישאַן:

— ווייסטו וואָס, נעם אונדז ביידן, מיך מיט איטשען, און טראָג באַרג אַרויף. אַראָפּ וועלן מיר אַליין גיין. מיך כאַפּט אָן אַ ציטער ווען איך גיב אַ קוק ווי הויך דער באַרג איז. אַנישט האָב איך אָן אַנדער פּלאַן פאַר דיר, מישאַ. איך וועל דיך קרוינען אַלס ספּאָרטמאַן נומער איינס אויב דו וועסט אַרויפקריכן אויפן באַרג, אָנגעמען אַ פול מויל וואַסער, דיין מינעראַל־וואַסער, און זיך אַראָפּקאָלערן אין דער ברייט, און דערביי זאָלסטו נישט פאַרלירן קיין איין טראָפּן פון מויל.

חברה כאַפּט זיך אָן אַן פאָרשלאָג און זאָגן צו מישאַן אויסצייכענונ־גען. אויך דער נישט פאַרענדיקטער דאָקטאָר לאַכט מיט און זאָגט:

— צביקע, דאָס איז שוין דיין צווייטער גאונישער איינפאַל. דו קענסט נאָך אַ מאָל צו נוץ קומען. אָבער אין וואָס וועט באַשטיין אייערע אויס־צייכענונגען, די פּרסים?

— וואָס ווילסטו מאַכן געשעפט ביי אונדז, כבישניקעס? — זאָגט צביקע — וואָס האָבן מיר דען און וואָס קענען מיר דיר געבן? איך קען דיר געבן עטלעכע כדורים כינין, אַבראַשאַ אַ ביסל טאַבאַק, איטשע — אַ ביסל יאָד...

— פון מיר באַקומסטו אַן אמתן סיגאַרעט — זאָגט צו פסח ראשון.

חברה איז אַוועק צום געצעלט, וואָס האָט געדינט ווי אַן עסזאַל. דאָרט איז געהאָנגען אַ מודעה מיט קידוש לבנה־אותיות מען זאָל נעמען

אַ טאָפּלטע פּאָרציע כינין, סיי קראַנקע, סיי געזונטע. דאָ האָט זיך די חברה דערמאָנט אין איטשען און אים גענומען אויפן צימבל:

— זאָג מיר, איטשעלע, פאַר וואָס האָט דיך דאָס בית־חולים אַרויס־געשיקט מיט אַ קראַנקן פוס? מען זעט דאָך, אַז דו הינקסט.

— ערשטנס — פאַרטיידיקט זיך איטשע — איז דער פוס כמעט געזונט, און צווייטנס ווער האָט דאָס דיר געזאָגט, אַז מען האָט מיך אַרויסגעשיקט? איך האָב אַליין געבעטן מיך אויסצושרייבן.

— שוטה אין לו תקונה — זאָגט אַ צווייטער חלוץ — שוטה בן פּיקהאָלץ! דו הינקסט דאָך, טאָ וואָס האָסטו זיך געאײַלט אײַנצוטוישן אַ ציכטיק בעט, מיט אַ מזרון, מיט אַ שמיכה אויף האַרטע שטיינער...

— מיט שיינע באַטעמטע שוועסטערן — מישט זיך אַרײַן צביקע — מען שמועסט, אַז דו האָסט זיך צופיל אונטערגעהאַלטן מיט די שוועסטערן, דערפאַר האָט מען דיך אַרויסגעטריבן פון גן־עדן. איטשע, עס פאַרדריסט דיך, וואָס איך דערצייל דעם סוד? זעסטו, מיך מעגסטו חושד זיין אין אַזעלכע פאַרברעכנס. מיך וועט עס נישט אַרן.

— זאָג מיר, צביקעלע — רופט זיך אָפּ מישאַ — צי ביסטו פון שטענדיק געווען אַזאַ מיידל־פרעסער? אָדער דער טראָפּישער קלימאַט האָט געווירקט אויף דיר?

— דאַרפסט עס וויסן, אָדער מוזסט עס וויסן? צדיק אײנער! דו מיינסט, אַז מען ווייסט נישט, אַז דו האָסט געוואָלט ווערן אַ גינעקאָלאָג, געוואָלט העלפן באַפרוכפּערן פרויען? — האָט צביקע שאַרף אָפּגעענטפערט — אָבער דאָך, זאָג מיר, איטשעלע, זאָג אַליין אויס דעם סוד. וואָס איז, אַז מען גיט אַ שטיף מיט אַן אחות?

— איך האָב גאָר נישט געוווסט, אַז איך האָב אַזוי פיל פאַראינטע־רעסירטע פריינד. נו, גאַנץ פשוט, לעבן מיין פענצטער, ווו איך בין גע־לעגן, איז געווען אַן אַראַבישער קאַשטשאַל, אַ מעטשעט מיט אַ באַלקאָן אַרום טורעם, און יעדע שעה האָט דער אַראַבישער כומר אָדער שמש געדרייט זיך אַרום און אַרום און געשריגן, געמאַכט געוואַלדן, אַז עס איז מיר נישט גוט געוואָרן. איך וויל שוין ליבערשט דאָ ליגן אויף די האַרטע שפּיציקע שטיינער ווי צו הערן זיין שלשלת געדרייטן מאָנאָטאָנעם ניגון,

קולות, געוואַלטן. ער האָט דאָס מיך פאַרטריבן פון בית־חולים.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע. אייניקע האָבן איטשען געראָטן צו נעמען דעם קאָץ איבערן קאָפּ און נישט אַנטלויפן, אַנדערע האָבן אים אויפגעקלערט, אַז כמעט אַ האַלבע וועלט זינגט די דאָזיקע ניגונים. מישאַ האַלט, אַז אויב מען לעבט אין אַזיע מוז מען זיך צוגעוווינען צו דער אַזיאַטישער מוזיק, צו זייער סטיל.

— איך בין שוין מסכים אָנצונעמען זייערע מנהגים — באַמערקט צביקע — נאָר מיט איין תנאי, אַז מיר זאָלן אָננעמען אויך דעם מנהג צו האָבן עטלעכע ווייבער.

— אַז דו קענסט נישט אַליין זיך באַשפּייזן — האַקט אים איבער מישאַ —טאָ ווי אַזוי וועסטו קענען באַשפּייזן עטלעכע ווייבער?

— עס וועט דאָך זיין אַ לעבעדיקע וועלט — ענטפערט צביקע — די באַנדע ווייבער וועלן מיר שיקן אַרבעטן, און מיר וועלן זיצן אין די קאַפּעען און רויכערן פון דער פלאַש מיט דער רויטער קישקע. אַזוי ווי זיי פירן זיך, אַזוי וועלן מיר טאָן.

איטשע האָט באַרעכנט, אַז ער האָט כמעט נישט געאַרבעט. אויפן צווייטן טאָג האָט ער באַקומען קדחת, שפּעטער האָט די דיזענטעריע געהאַלטן אים גאַנצע צוויי וואָכן. און ביי דער אַרבעט האָט איינער אָנשטאָט צו וואַרפן דעם שטיין אין וועגעלע געטראָפן אים אין פוס און ער איז פרישע צוויי וואָכן געלעגן אין שפּיטאָל. איצט דראָט אים אָוועקצוגיין בכלל פון כביש, ווייל דער דאָקטאָר הייסט אים טוישן די סביבה. ער האָט עס ביז יעצט נישט געוואָלט דערציילן די חברים. חברה האָט זיך שטאַרק איבערגענומען, געטרייסט אים, אַז ער וועט צוריקקומען. דערווייל, ווי לאַנג ער הינקט, וועלן זיי אים נישט אָוועקלאָזן. איין חבר האָט דערציילט, אַז מען האָט נישט געגלויבט, אַז איטשע וועט איבערלעבן דעם קלאַפּ פון גרויסן שטיין. אַן אַנדערער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ אַרבעט איז פאַר גויים. האָט זיך דאָס צעקאָכט אַ דיסקוסיע. דער רוב האָט געהאַלטן, אַז די באַזע פון בויען אַן אייגענע היים מוז זיין יידישע אַרבעט. יעדע אַרבעט מוז דורך יידן דורכגעפירט ווערן. פאַרשטייט זיך, אַז צביקע האָט דערביי אַראָפּגעלייזט אַן עליה.

עס איז אָנגעקומען אויפן טומל תמר, אַ בחורה וועלכע אַרבעט אין קיך. אַ פרייד און אַ שמחה ביי אַלעמען. זיי שטעלן זיך אויף, צעשפרייטן די הענט, ווי זיי וואָלטן זי געוואָלט אַרומנעמען, מען רופט זי מיט אַלע צערטלעכע נעמען: קום אַהער תמרעלע, תמרקעלע, תמרשי. יעדער וויל זי זאָל זיך זעצן לעבן אים.

— אַזאַ בריה צו זיצן מיט אַלע בין איך נישט — לאַכט תמר.

— תמר כפרח יפרח — זינגט אויף צביקע מיט אַ שבתדיקן ניגון — זעט נאָר זעט, מען האָט דערזען אַ ווייבעריש קליידל, גיט נאָר אַ קוק ווי לעבעדיק און לוסטיק מען איז געוואָרן.

— איך זע איך דאָ זיצן אַ גאַנצן פרימאָרגן און בטלען די צייט. איר קומט אָפּ די גאַנצע צייט מיטן רעדן. איר זייט נאָך ערגער ווי די ווייבער. פון וואָס האָט איר אַזוי פיל צו רעדן? אַז איר אַרבעט נישט ווי קומט מען נישט אַריין אין קיך עפּעס צוהעלפן, כאָטש איינער.

איינער באַמערקט, אַז ווען מען וואָלט געהאַט אַזוי פיל חשק צו דער אַרבעט ווי צו מיידלעך, וואָלט דער כביש גאָר שנעל פאַרטיק געוואָרן.

און עס איז אָוועק אַ שמועס וועגן מיידלעך. נישט קיין ווונדער: עטלעכע הונדערט בחורים און איינצלנע מיידלעך. איינער האַלט, אַז די עליה דאַרף גיין העלפט אויף העלפט. אַן אַנדערער טרייסט צביקען, אַז עס שווימען עטלעכע שיפן מיט מיידלעך פון פוילן קיין ארץ־ישראל. אַ דריטער באַמערקט, אַז אין דער אַלטער היים איז היינט דאָ מער מיידלעך ווי מענער, און אויב מען וועט אַהערברענגען אַלע וועט מען דאַרפן אָפּשאַפן דעם חרם דרבינו גרשון.

עס קלינגט דער גלאָק, וואָס רופט צום עסן. חברה אײלט זיך נישט. אי זיי האָבן קיין אַפּעטיט נישט, אי זיי ווילן לאָזן צוערשט אָפּעסן די אַרבעטנדיקע. זיי פאַרבעטן תמר, זי זאָל מיטגיין מיט זיי טיילן דאָס עסן — עס עסט זיך זיי געשמאַקער, ווען זי טיילט.

— יעצט איז נישט מיין תור — זאָגט תמר — דאָס מיידל מיט די גאָלדענע ציין וואַרט אויף אייך. איך וויל דאָ אַ ביסעלע פאַרברענגען מיט איטשען.

— גיט אַ קוק, ווי מזלדיק איטשע איז — זאָגט צביקע — איר

מיינט נאָר דאָ? איבעראַל! אַפילו אין וויק. די שענסטע יעקעטעס זענען אים נאָכגעלאָפן.

— צביקע! עס וועט דיר גאָרנישט העלפן — באַמערקט מישאַ און קלערט גלייך אויף — ערשטנס איז ער אַ שיינער מאַן. אַזוי ווי מיר האָבן ליב אַ שיין מיידל, אַזוי האָט דער שוואַכער מין ליב אַ שיינעם מאַן. באַזונדערס האָט איטשע אין זיך אַזאַ מין השפעה, צי דאָס קומט פון זיינע מאַניערן, צי פון זיינע אויגן, וועלכע רופן, ציִען, לאַשטשען דעם צווייטן מין און זיי זענען נישט פעיִק זיך קעגנצושטעלן. דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט מזל.

— זאָגסטו, אַז עס וועט מיר גאָרנישט העלפן, דאָקטאָר מישאַ, — זאָגט צביקע — וועל איך אים לאָזן פלירטעווען מיט תמרן, און איר, חברה, קומט עסן, נאָר מיט אַ זמרל. פאַרלייגט די הענט אויף די אַקסלען און זינגט:

חלוץ, חלוץ, חלוצל, חלוצל פון פוילן,
גיי איך מיר אַן שיכעלעך, שיכעלעך אַן זוילן.

הויזן גיי איך מיר, טייערער טאַטע,
וואָס איז געלייגט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

אַלע פינגער צעהאַקט, געשוואָלן ווי איין בלאָטער
פון האַקן שטיינער, חצץ, טייערער פאָטער.

שלאָפן שלאָף איך מיר גאָר אויף דער ערד;
חלוץ, חלוצל, האָסט נישט מער די ווערט.

אַ גרויסן שטיין צוקאָפּנס, אַ קליינעם פון אונטן;
אין צעריסענעם אוהל, ווו ס'בלאָזן אַלע ווינטן.

קדחת, מאַלאַריע, דיזענטעריע — שטענדיק דיינע פריינד;
כינין, יאָד, נאַפט — דיין פרישטיק, מיטאָג היינט.

איין איינציק מיידל איז דאָ, הייסט זי חוה —
האָט זי נאָר און גאָר ליב — שוואַרצע קאַווע.

חלוץ, חלוץ, חלוצל, חלוצל פון פוילן אא"וו.

און אַזוי גייט דאָס לידל ווייטער. אַלע זענען אַוועק, בלויז איטשע מיט תמרן בלייבן.

— אַ פריילעכע באַנדע — זאָגט איטשע — ווי דו קוקסט זיי אָן זענען זיי אַלע אידעאַליסטן. זיי האָבן איין רעיון, איין מחשבה. אַלע זענען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר ארץ־ישראל. מישאַ איז כמעט אַ דאָקטאָר, אַבראַשאַ אַ געענדיקטער אינזשיניער. ער איז אַ מלאך נישט קיין מענטש. אַלץ וואָס שמעקט מיט ארץ־ישראל איז אים אומבאַגרעניצט ליב און טייער. דער לוסטיקער און פריילעכער צביקע איז נשמה, געטריי, איבער־געגעבן און אַ גוטער חבר. זיי אַלע האָבן מוותר געווען אויף זייערע קאַריערעס און געקומען בויען דאָס לאַנד.

— אמת — באַשטעטיקט תמר — נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק אויף דער וועלט, וואָס זייערע קינדער זאָלן אַזוי פיל אַוועקגעבן פאַר אידעאַלן. ביז יעצט האָבן מיר געברענגט קרבנות אויף פרעמדע מזבחות, פאַר פרעמדע געטער. איטשע! — נעמט זי אים אָן פאַר אַ האַנט — איך וויל דיך עפּעס פרעגן. לעצטנס גייסטו אַרום סמוטנע. עס איז דיך באַפאַלן אַ מין עצבות. זאָג, וואָס איז דיר? וואָס איז געשען מיט דיר? ביסט דאָך שטענדיק געווען אַזוי פריילעך...

— איך וועל דיר זאָגן — פאַרטרויט איר איטשע — וואָס קיינער ווייס נישט. דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז דאָ ביי מיר אַ פאַרדאַכט פון טראָפּישער מאַלאַריע, און אויב איך וויל זיין געזונט און נישט מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד מוז איך קודם כל פאַרלאָזן טבריה.

— אַוועקפאָרן פון לאַנד הייסט ער דיך?! — דערשרעקט זיך תמר.

— דערווייל בלויז פון דער געגנט — טרייסט זי איטשע — און ווען ער הייסט מיך אַוועקפאָרן פון ארץ־ישראל — פאָלג איך אים דען? ארץ־ישראל קען מען נישט אויסטוישן אויף אַ צווייט לאַנד, ווי מען קען

נישט טוישן אַ מאַמע. איבעריקנס האָט ער נאָר אַ פֿאַרדאַכט. צווייטנס קען ער מאַכן אַ טעות. און אויב חס ושלום דער פֿאַרדאַכט זאָל זיך באַשטעטיקן וועט דער שד מיך נישט נעמען. אָבער ארץ־ישראל וועל איך אויף קיין פֿאַל נישט פֿאַרלאָזן. די דאגות מאַכן מיך פֿאַרטראַכט און נעמען צו דעם מוט.

— שווער צו שיידן זיך מיט ארץ־ישראל — באַשטעטיקט תמר — איך בין אויך די זעלבע. מיין פֿעטער פֿון אַמעריקע האָט געהערט, אַז איך בין געבליבן לעבן נאָך די שחיטות אין אוקראַינע, האָט ער מיר געשיקט אַ שיפֿסקאַרטע און געלט. ער האָט מיר געשריבן, אַז עס וועט מיר גאָר־נישט פֿעלן. איך האָב צוריקגעשיקט סיי די שיפֿסקאַרטע, סיי דאָס געלט און דעם פֿעטער געענטפֿערט, אַז איך דאַנק אים זייער פֿאַר זיין גוט האַרץ, אָבער איך וויל נישט טוישן איין גלות אויף אַ צווייטן. איך פֿאָר אַהיים, אין אונדזער אַלט־נייער היים ארץ־ישראל.

— איך מוז טוישן דעם פּלאַץ און גיין אין אַן אָרט, וווּ די מאַלאַריע איז שוואַכער — באַמערקט טרויעריק איטשע — אָבער וואָס וועל איך טאָן? איך האָב נישט קיין פֿאַך, נישט קיין געלט, און איך בין אָפּגע־שוואַכט פֿון די אַלע קראַנקייטן, וועלכע איך האָב ביים כביש דאָ מיטגעמאַכט.

— וועסט זיך זוכן עפּעס אַ לייכטע אַרבעט — טרייסט אים תמר.

— אַ לייכטע אַרבעט — שמייכלט איטשע — און אַ שווערע קריגט מען יאָ? ובכלל איז דען דאָ אַרבעט? אוי, ווי שווער מיר איז זיך צו שיידן פֿון די חברים, טרייע און איבערגעגעבענע ווי ברידער. צוזאַמען האָבן מיר געפּלאָגט זיך, צוזאַמען געשמוגלט די גרעניצן, צוזאַמען גע־וואַלגערט זיך. מיר זענען געוואָרן געקניפּט און געבונדן, ווי איין נשמה. און יעצט מוז איך זיי פֿאַרלאָזן.

— וואָס איז דאָ די טראַגעדיע? — רעדט אים אויס תמר — דו בלייבסט דאָך אין לאַנד. וועסט זיי זען, טרעפֿן, פֿאַרברענגען מיט זיי. ווי גרויס איז גאַנץ ארץ־ישראל? זאָג מיר, איטשע, ווי קומט מישאַ צו אייער קבוצה? ער איז דאָך אַ רוס, ער קען קוים יידיש רעדן.

— אין ווין איז ער צוגעשטאַנען צו אונדזער קבוצה, לויט דער רע־

קאָמענדאַציע פון די ווינער חברים — דערציילט איטשע — און מיר האָבן נישט קיין חרטה דערויף. ער איז אַ זעלטענער עקזעמפּליאַר.

— פאַר וואָס האָב איך דיך, איטשע, נישט געזען אין ווין — פרעגט תמר — כמעט אַלע דאָ קען איך פון דאָרט. ווי לאַנג ביסטו געווען אין ווין און אין וועלכער צייט?

— אין ווין בין איך געווען אַ דריי חדשים — ענטפערט איטשע — עס זענען געווען עטלעכע טויזנט מאַן. ווי קען מען אַלע קענען? איך בין געווען אין ווין אין דער צייט, ווען דאָרט איז פאָרגעקומען דער אַלוועלט־לעכער צוזאַמענפאָר פון „פועלי ציון”. דאַן איז פאָרגעקומען די טרויעריקע שפּאַלטונג אויף „פועלי ציון” רעכטע און לינקע. די רעכטע האָבן זיך אויך גערופן „אחדות עבודה”.

— זאָג מיר פאַר וואָס רופסטו דאָס אָן די טרויעריקע שפּאַלטונג — טוליעט זיך תמר צו איטשען — דערצייל, טו מיר צוליב. איך בעט דיך.

— פאַר מיר זענען עס אַנגעווייטיקטע זכרונות — ענטפערט איטשע — איך וויל פאַרגעסן אין זיי. זה דבר מוזר, תמרעלע.

— דערצייל — בעט זיך תמר — איך געהער זיך דאָך אויך עפּעס אָן דער משפחה — און כדי צו באַקרעפטיקן אירע רייד גיט זי אים אַ קוש אין דעם קאָפּ שוואַרצע האָר.

איטשע גיט אַ קלער אויף אַ מאָמענט און נעמט תמרן דערקלערן:

— יעדע שפּאַלטונג און צעשיידונג איז טרויעריק. ביי מאַן און ווייב איז עס נישט אַזוי? דו ווייסט וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: כל המגרש אשתו אפילו מזבח מוריד עליו דמעות. דעריבער פאַרשטיי אַ צעשיידונג ביים יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער. דער כוח פון אַרבעטער איז אַחדות. די געשעעניש האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף מיר און אויף פיל אַנדערע, אַז אַ צייט לאַנג זענען מיר אַרומגעגאַנגען ווי פאַר־טשמיעלעט. דאָס האַרץ האָט געווייטיקט. די פּאַרטיי איז דאָך געווען פאַרהייליקט ביי אונדז. וויפל מי און מאַטער האָבן מיר פאַר איר אַוועק־געגעבן? מיט טרערן אין די אויגן זענען מיר אַרומגעגאַנגען און געפרעגט זיך: צו וואָס? ווער דאַרף עס? מיר זענען דאָך געווען איין גרויסע געטרייע איבערגעגעבענע משפחה. די מערהייט פון די אַרבעטער האָבן

נישט געוואָלט קיין שפּאַלטונג. גאַנץ ווין איז פול געווען מיט דיסקוסיעס און דעבאַטן צווישן די עטלעכע טויזנט חלוצים און עמיגראַנטן. ווי אַ דונער האָט אונדז אַלעמען געטראָפן די ידיעה: „פּועלי ציון" האָט זיך געשפּאָלטן. די צערודערונג און באַדויערן האָבן געוויזן, אַז די מערהייט אַרבעטער האָט עס נישט געוואָלט. שולדיק זענען געווען נאָר די פירער. וואָס איז געווען דאָס איילעניש? מען האָט אַפילו נישט געוואָלט אָפּלייגן די פראַגע, אפשר וועט מען געפינען אַ לייזונג, אַ שותפות־וועג. איך מיין, אַז ווען באָראָכאָוו וואָלט געלעבט וואָלט דערצו נישט געקומען.

— ניין, איטשעלע, עס איז נישט געשען פּלוצלונג. זייט דער איבער־קערעניש אין רוסלאַנד און מיטן קומען פון קאָמוניזם צו דער מאַכט האָט שוין געשטיקט דער רויך. דו ווייסט דאָך ווי מען זאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין רויך אָן פייער און וואַרף נישט די שולד אויף די פירער.

— נאָר זיי, זיי טראָגן די גאַנצע אַחריות — באַשטייט איטשע אויף זיינס — עולם איז גולם. איך קען זייער גוט די מאַסן. ביי זיי איז דער מנהיג מער ווי אַ מדריך, אַ לערער. אַ פירער איז ווי אַ רבי ביי חסידים.

— ווען איך בין געווען אין וואַרשע אויפן וועג אַהער האָב איך שוין געשפּירט אין דער לופט די ענדערונג, די היץ פון קומענדיקן פייער — הייבט אָן תמר דערציילן — איך וועל דיר דערציילן פון צוויי פאַקטן, ביי וועלכע איך בין געווען. צוויי נישט אַנגענעמע זאַכן. איך בין געווען ביי אַ פאַרלעזונג פון אַמעריקאַנער „פּועלי ציון"־טעאָרעטיקער סירקין. אַ זעלטן גוטער רעדנער. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ זכיה און אַ כבוד אים צו הערן. מען האָט געשפּירט אין זיין רעדן דעם ווייטאָג, וואָס די פּוילישע חברים האָבן זיך געריקט צו מאָסקווע. ער האָט זיי פאַרגעוואָרפן, אַז זיי, וואָס טראָגן דעם נאָמען „פּועלי ציון", שעמען זיך מיט ארץ־ישראל. ביי די ווערטער האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ טומל און מען האָט אים מער נישט געלאָזט רעדן. דעם צווייטן שבת בין איך געגאַנגען מיט עטלעכע חברות הערן רעדן רובאַשאָוו. די פאַרלעזונג איז פאַרגעקומען אויף קאַראָווע.

— איך בין דיך פּשוט מקנא — רייסט איבער איטשע — אַז דו האָסט געהערט אַזעלכע צוויי גרויסע רעדנער. אָבער דערצייל ווייטער.

— מיט רובאַשאָוון איז געווען נאָך ערגער. אים האָט מען באַלד נישט צוגעלאָזט צום וואָרט. מען האָט אים פאַרטריבן פון דער טריבונע. ער איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. די לינקע האָבן פאַרכאַפּט די בינע. קיינער האָט נישט גערעדט, נאָר מען האָט זיך געשלאָגן. עס זענען געווען פאַרווונדעטע. רובאַשאָוו האָט געשריגן: „ווו איז חבר זרבבל? ווו איז חבר אַמסטערדאַם"? ער האָט זיי פאַרגעוואָרפן, אַז זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און אַהערגעשיקט די ווילדע שלעגערס,די באַיוווקע.

— יאָ, אמת, — זאָגט טרויעריק איטשע און טרייסט זיך — דאָס איז געווען נישט בלויז ביי די „פּועלי ציון" נאָר ביי אַלע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, אויך ביים „בונד". אַלע האָבן געזינדיקט מיט לינקיזם. די אָרגאַניזאַציעס פון מזרח־אייראָפּע זענען אַוועק לינקס. נישט אַלע פאַרשטייט זיך. די האָבן געשאַפן די רעכטע „פּועלי ציון" און זיך פאַראייניקט מיטן חלוץ. אַמעריקע און ארץ־ישראל האָבן דאַן געשאַפן די נייע פּאַרטיי „אחדות עבודה".

— גלייכער און בעסער, אַז עס איז אַזוי געשען — מיינט תמר — קיין טראַגעדיע איז עס נישט ביי מיר. אַ קראַנקן גליד מוז מען אויסשניידן. אַזוי אַרום זענען מיר פּטור געוואָרן פון פאַרגיפטן די גאַנצע פּאַרטיי. זאָג גם זו לטובה. זיי נישט באַזאָרגט. עס האָט געקענט זיין ערגער. אוי, אַ שאָד וואָס איך בין נישט געווען יענע היסטאָרישע טעג אין ווין.

— טאָ, וואָס וואָלט געווען — לאַכט איטשע — וואָלסט אפשר נישט צוגעלאָזט צו דער שפּאַלטונג? עס זענען געווען גרעסערע אויפטוערס ווי דו, וועלכע האָבן זיך געבעטן: ליגט אָפּ די שפּאַלטונג אויף שפּעטער, אפשר וועט מען געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. איילט זיך נישט! דו וואָלסט געקענט נאָר קרעכצן און לאָזן אַ טרער. הלואי וואָלט איך נישט געווען דערביי. און אפשר — גיט איטשע צו מיט אַ שמייכל — ווען דו וואָלסט געווען דאַן אין ווין, וואָלסטו היינט נישט געווען אין ארץ־ישראל, ווייל די לינקע האָבן אָפּגערעדט פון פאַרן קיין ארץ־ישראל. צו מיר האָט איינער פון די גדולים געזאָגט: אַ שאָד דיינע יונגע יאָרן, וואָס דו גייסט זיי דאָרט באַגראָבן אין דער מדבר. איך בין דאָרטן געווען.

— אויף מיר — רייסט איבער תמר — אויף מיר וואָלטן זיי קיין ווירקונג נישט געהאַט. בוגדים, פאַררעטער...

— נישט אַלע — לערנט זי איטשע — נישט יעדער, וואָס טוישט זיין מיינונג, איז אַ בוגד. פאַרשיידענע אורזאַכן ברענגען דערצו, אַז אַ מענטש זאָל ענדערן אַ שטעלונג. זיי נישט אַזוי שאַרף, אפשר האָסטו אַריינגעכאַפּט אַן עוולה פון אַ מנהיג, וואַרפסטו אויף אַלע די זידלווערטער.

איטשע נעמט זי אַרום און קושט זי אין געדיכטן קאָפּ האָר און שעפּטשעט:

— ווי קומט צו דיר אַזאַ שאַרפער לעקסיקאָן? דו ביסט דאָך אַזוי וויל און גוט!

תמר הענגט זיך אָן מיטביידע הענט אין זיינע אַקסלען און קוקט אַרויף צו אים מיט אַ שעלמיש שמייכעלע און פרעגט:

— פאַר וואָס קושסטו שוין צום צווייטן מאָל אין די האָר? דער שטייגער איז, אַז מען קושט אין די ליפּן, אין פּנים.

— קושן אין די ליפּן דאַרף מען שוין זיין גאָר אינטים — קלערט אויף איטשע — אָבער עס איז אַ סכנה פאַר אָנשטעקן זיך. קינדער און יונגע פרויען דאַרף מען קושן לויט מיין מיינונג נאָר אין קאָפּ. איך האָב זייער גערן דעם ריח פון מיידלשע האָר. נישט אומזיסט טוען פרויען פאַרדעקן די האָר און גלייכצייטיק היטן זיי שטאַרק די האָר זאָלן זיין ריין און ציכטיק. די האָר פון אַ פרוי ברענגען צו גלוסטיקייט.

— און די האָר פון אַ מאַן — גיט זיך תמר אַ שטאַרקן טוליע צו איטשען און נישט קלערנדיק קיין סך גיט זיך זיך אַ דריי אַריין אין זיינע געדיכטע נישט פאַרקעמטע האָר און קושט אים — ביי אַ מאַן איז דער ריח פון אַ גבר. דאָס מאָל האָב איך דיר באַצאָלט אַ חוב. איך האָב פיינט צו האָבן חובות. איך האָב דיר געטאָן דאָס זעלבע, וואָס דו מיר, און מיט פּראָצענט.

ביידע לאַכן האַרציק. עס הערט זיך פון וווייטנס דער טומל פון די עסערס, דאָס קלאַפּעריי פון גאָפּל־לעפל. חברה קלאַפּט אויס ניגונים, זיי זינגען. אויך אויפן וועג צוריק זינגען זיי דאָס זעלבע חלוץ־לידל מיט וועלכן זיי זענען אַוועק.

— אַזוי גיך און שנעל אָפּגעגעסן? נישט געווען קיין תור? — פרעגן תמר מיט איטשען.

— דאָס הייסט ביי אייך שנעל? — צעלאַכט זיך צביקע און חברה מיט אים צוזאַמען — אויב איר האָט נאָך נישט געענדיקט און מיר שטערן אייך זענען מיר גרייט נאָך אַ מאָל צו גיין עסן, אַפילו נאָך אַ מאָל צו נעמען כינין. קומט, חברה!

נאָך אָנשטאָט אָוועקצוגיין זעצט זיך צביקע אַוועק מיט דער חברה אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך און ער נעמט זינגען און זאָגן:

— איי, איי מזל, ווו ביסטו מזל, צו יעדער זאַך דאַרף מען האָבן מזל

כ׳זוך דיך, מזל, אין אַלע ווינקעלעך.
כ׳זוך דיך, מזל, אין אַלע ערטער.
כ׳זוך דיך, מזל, אומעטום, איבעראַל.
כ׳זוך דיך, מזל, ווי אַ ברילאַנטן־שטראַל.
כ׳זוך דיך, מזל, און קען דיך נישט געפינען.

כ׳האָב שוין נישט קיין כוח
אויף מיינע פיסלעך אַרומצוגיין
דיך, מזל, אַרומצוזוכן.
אוי, מזל, מזל, ווו ביסטו, מזל?
ווו ביסטו, מזל, אַהינגעקומען?

אוי, מזל, ווו האָסטו זיך באַהאַלטן? ווו האָסטו זיך פאַרשטעקט? ווו פאַרהוילן און פאַרבאַרגן, פאַרשוווּנדן נישט צו קענען דיך אָנקוקן? ווו איז דיין באַהעלטעניש? אפשר האָט דיך ווער פאַרשפאַרט? גיב אַ געשריי, שריי געוואַלט! גיב אַ קול, עפּעס אַ סימן! איך וועל גיין, איך וועל לויפן, פליען, מזל, דיך צו באַפרייען. האָב קיין מורא נישט פאַר מיר. איך וועל דיך אָפּהיטן ווי מיינע אויגן אין קאָפּ. איך וועל דיך צערטלען, לאַשטשען, שעצן און ערלעך האַלטן...

— צביקע, צביקעלע, נאָך אַ מאָל, זינג עס נאָך אַ מאָל — שרייען אַלע —עס איז דאָך אַזוי באַטעמט, ווי האָסטו געגומען אַזאַ ווונדערבאַר פאָלקסליד מיט אַזאַ שיינער מעלאָדיע. אַ כפרה אַלע מאָדערנע לידער. אויך די רעציטאַציע איז גוט, אָבער דאָס ליד...

— מיין עלטער־באָבע האָט מיך איינגעוויגט מיט דעם ליד — דער־ציילט צביקע — וואָס זי זאָל נישט זינגען האָב איך געוויינט, נאָר ביי דעם לידל בין איך געווען שטיל. פון דאַן אָן האָט זי מיר געזונגען נאָר דאָס לידל „מזל".

— איר זייט אַ מבין — צעלאַכן זיך חברה — נאָך קליינערהייט אין וויגל איז ער געווען אַ קענער פון זינגען. ווי אַלט ביסטו דאַן געווען?

— אפשר אַ האַלב יאָר — לאַכט מיט צביקע מיט דער חברה — מיין עלטער־באָבע האָט געקענט שיין זינגען, אַפילו אַ טרער האָט זי געלאָזן פאַלן ביים ליד. זי האָט געזאָגט, אַז אַ פערטל לויט מזל איז בעסער ווי אַ גאַנצער צענטנער גאָלד. מיין גאַנץ זינגען וועגן מזל איז לכבוד מיין בעסטן חבר איטשע, ווייל ער האָט מזל צו מיידלעך...

— ווייסטו וואָס, צביקע — רייסט אים איבער איטשע — פאַר הונ־דערט גראַם ברילאַנטן גיב איך דיר אַוועק אַלע מזל'ען, וואָס איך האָב ביי מיידלעך.

— זאָל איטשע געבן דיר, צביקען, דאָס פאַרכישופנדיקע וואָרט, וואָס ער האָט פאַר זיי, פאַר די מיידלעך, דאָס וואָרט וואָס ער ווירקט אויף זיי, זיי זאָלן אים נאָכלויפן און קלעפּן...

— זיי נישט פאַרזאָרגט, צביקע — קיבעצט אַ צווייטער — האָסט פאַרגעסן די פּסיכאָלאָגישע אויפקלערונג פון אונדזער דאָקטאָר מישאַ? איר זייט דאָך מאָדערנע, אויפגעקלערטע. וואָס הייסט כישוף, מזל...

— עס פּאַסט נישט פאַר אייך — מוסרט זיי תמר — אַריינגעלאָזט זיך אין אַזאַ שמועס. גענוג! אויב איר הערט נישט אויף גיי איך אַוועק.

— אָבער זאָג מיר — לאָזט צביקע אַלץ נישט אָפּ די טעמע — עס מוז דאָך עפּעס זיין דעריך, אומעטום, ווו מיר זענען געווען: אין דער היים, אין פּרעשבורג, ווין — שטענדיק קלעפּן זיך מיידלעך צו אים.

ווי נאָר איך האָב געהאַט אין זינען צו וואַרפן אַן אויג אויף אַ מיידל, ווי ווער, איטשע איז דאָ. וואָס איז ער אַנדערש פון מיר? וואָס איז דער יחוס מיט אים?

— מישאַ, מישאַ, ווו ביסטו — רופט זיך אָפּ איטשע — גיב אים נאָך אַמאָל די פּסיכאָלאָגישע אויפקלערונג און זאָל שוין נעמען אַ סוף.

— אפשר מיינט איר — איז צביקע נאָך אַלץ נישט מסכים — מיטן רעדן, מיט זיין שיין רעדן? רעד איך פיל שענער, בעסער און זאַכלעכער.

— צביקע, דאָס איז טאַקע דיין חסרון — קען זיך שוין תמר נישט איינהאַלטן — דו רעדסט צו פיל, דו רעדסט אפילו מיט די הענט. נישט אַלע מיידלעך ווילן עס און קענען עס פאַרנעמען. באַזונדערס, זאָגט איר דאָך, איז דאָס רעדן נישט קיין מענערפאַך. דו איינער טוסט רעדן מער ווי מיר אַלע דאָ. עס רעדט פון דיר אַרויס די קנאה, די אייפערזוכט. דאָס פּאַסט פאַר אַ מיידל נישט פאַר אַ מאַן. איבעריקנס, עס וועט דיר גאָרנישט העלפן. ווען איטשע וועט איר גיין מאַכן אַ קלאַנג... ווער וועט דיר ניט ווינטשן, אַז דו זאָלסט אַ הצלחה האָבן.

— אוי, געוואַלד, איך גיי שוין חלשן — האָט צביקע געשריגן — אַ לעבן און אַ געזונט אויף דיין קעפּעלע, תמרעלע! אויך דו ביסט שוין פאַרכאַפּט געוואָרן. יעצט וועט איר מיר גלייבן? גיט נאָר אַ קוק ווי זי האַלט אַזוי שטאַרק פאַר אים. וואָס נעמסטו זיך אָן זיין עוולה? איטשע קען זיך זיין שטעטל אַליין באַשטיין. פון ווען אָן האָסטו אים גענומען אונטער דיינע פליגל, אונטער דיין שוץ?

— זאָג נאָר, דו שיינער רעדער, דו הכמת־היד־רעדער — רופט זיך אָפּ איטשע — נישט אומעטום איז גילטיק אַ חכמת־היד־שפּראַך. מען דאַרף וויסן און פאַרשטיין ווען און ווו, נישט סתם ווי אַ יון אין סוכה. זאָל איך דערציילן וואָס עס איז געווען אין ווין, אין מיטן טאָג בעתן עסן מיטאָג אין דער אַרבעטער־היים. מיינסט איך האָב פאַרגעסן דעם קלאַנג פון דעם הילכיקן פּאַטש, וואָס דו האָסט באַקומען פון אַ מיידל. אַ פּאַטש, וואָס האָט געשמעקט מיט סכנות־נפשות. אַ פּאַטש, וואָס אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט פון וואַנען עס קומט. עטלעכע טעג זענען דיר די פינגער געשטאַנען אויפן פּנים. זאָג, תכשיט מיינער, פאַר וועלכע

מעשים־טובים האָסטו באַקומען דעם מתנת־יד? שעם זיך נישט, דערציילן!

— ער איז נישט שולדיק — פאַרטיידיקט מישאַ צביקען מיט אַ געלעכטער — עס איז ביי אים אַזאַ טבע און יעדע טבע ברענגט צו רגילות. עס איז אַ יידישע טבע צו רעדן מיט די הענט. צביקע, מען דאַרף דיר אויפמערקזאַם מאַכן, אַז די טבע צו רעדן מיט אַ מיידל מיט די הענט איז נאָר גילטיק אין געהיים, ווען קיינער זעט נישט, אָבער נישט אין דער עפנטלעכקייט.

— בראַוואָ, איטשע און מישא — רופן זיך אָן חברה — דערלאַנגט אים, גיט אים דעם קאַנאַריק. דערציילט אַלע זיינע מעשים־טובים, אפשר וועט ער זיך באַרויִקן. ווי האָט ער זיך אויפגעפירט נאָך דעם, צי האָט ער אויפגעהערט רעדן מיט די הענט?

— דעם גרעסטן פּרס דאַרפסטו, איטשע, באַקומען — אַטאַקירט צביקע — ערשטנס פאַר דעם גרעסטן און בעסטן בלאָף־ליגנט, און צווייטנס פאַר דיין אויפפירן זיך אַנשטענדיק. ער, ווי איר קוקט אים אָן, איז זיך געזעסן על תורה ועבודה און געשריבן תפילין און מזוזות.

— דערלאַנגט איך איינער דעם צווייטן! זאָגט אויס אייערע חטאים און עבירות! גיט אויס אייערע זינד! — העצט חברה אונטער.

— ווען איך וויל דערציילן האָב איך מער וואָס צו זאָגן און דערציילן פון דיר — ווענדט זיך צביקע צו איטשען אַ ביסל אַ באַליידיקטער — נאָר איך האַלט, אַז עס איז נישט אַנשטענדיק צו דערציילן סודות אָדער רכילות, ווי אַזוי מיר האָבן פאַרברענגט די צייט אין ווין. לערן זיך פון מיר. איך דערצייל עפּעס פון דיר?

— דערצייל, אדרבה, — ענטפערט אים איטשע — איך האַלט נישט פאַר קיין פאַרברעכן צו שפּאַצירן און אַנשטענדיק פאַרברענגען מיט מיידלעך. אַגב, פון ווען אָן איז אַ מתנת־יד פון אַ בחורה אַ חרפּה אָדער אַ בושה?

— זאָג מיר נאָר, איר חלופּוצניקעס — רופט זיך אָן איינער פון דער חברה — מיר האָבן דאָך אַלע געהונגערט אין ווין. טאָ ווען איז געלעגן אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטן און מעשיות ווי מיידלעך. עס איז

דאָך נישט געווען וואָס צו פּרעסן. אַפילו פּאָר געלט האָסטו גאָרנישט באַקומען. די ווינער איינוווינער אַליין האָבן געהונגערט.

— נישט מיר — קלערט אויף צביקע — מיר האָבן געהאַט אַ סך פאַרזאָרגערס: די פּועלי־ציון־קיך, אַניטאַ מילער, דזשוינט. האָסט דערביי געקענט אָפּשפּאָרן פאַרשידענע עסנס פאַר אַ מיידל. דאָס איז געווען ביי זיי טייערער ווי געלט. מיר זענען געווען ציטערדיקע קעסט־קינדער, געשלאָפן זענען מיר אין אַ מלון און אין אַ בעט און דערביי נישט געאַרבעט. הלוואי וואָלט עס לענגער געדויערט. און יעצט דאָס פאַר־ברענגען אין פּראַטער טאָג און נאַכט מיט מיידלעך...

— יידישע מיידלעך? — שטעלט איינער אַ פראַגע.

— איך ווייס — ענטפערט צביקע — איך האָב ביי זיי נישט גע־פאָדערט דעם פּאַס. אַז אַלע רעדן יעקיש, וואָס איז מיר געווען דער אונטערשיד? אויב דו האָסט פאַרמאָגט אַ ווערטפולע זאַך איז עס גע־בליבן אין פּראַטער. ווין איז די איינציקע שטאָט אין דער גאַנצער וועלט וווּ מען קען גוט פאַרברענגען און מאַכן אַ לעבן, טאַנצן אַפילו אין מיטן גאַס און קיינער וועט דיר נישט שטערן, נישט לאַכן פון דיר, ווייל עס איז אַ נאַטירלעכע זאַך. אַלע טאַנצן, יונג און אַלט, מענער און פרויען, אַפילו די שטיינער פון ברוק טאַנצן מיט. אויף יעדן שריט און טריט קאַפעען מיט אָרקעסטערס, פאַרוויילונגס־־ערטער, גערטנער, וועלדער. אומעטום זענען דאָ מענטשן און זיי פרייען זיך, זינגען פריי, אָן פּחד פאַר וועמען, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— אָבער צו דעם דאַרף מען דאָך האָבן קראַנען, געלט — לאָזט יענער אַלץ נישט אָפּ צביקען — אָן געלט קענסטו גאָר נישט מאַכן און ווי קומט צו אַ חלוץ געלט?

— מען האָט געשאָפן פון אונטער דער ערד — דערציילט צביקע — פאַרקויפט אַלע נוצלעכע און ווערטפולע זאַכן. צו יעדער זאַך דאַרף מען געלט. דאָס האַרץ האָט דאָך געקענט צעגיין פון נישט קענען מיט־מאַכן. די אויגן האָבן געקענט ווי טאָן צו זען ווי אַנדערע מאַכן דאָס מיט, און דו זיצט אין שטוב און ווערסט משוגע פון לאַנגווייליקייט.

— עס זענען דאָ ערטער און פּלעצער אין ווין — מישט זיך אַריין

אַבראַשאַ — ווו דו קענסט פאַרברענגען בעסער ווי אין פּראַטער און דוקא אַן געלט. פאַראַן אויסשטעלונגען, מוזעאומס, ביבליאָטעקן. מען זעט ביכער, וואָס זענען אַ יקר־המציאות, זעלטנהייטן, אַלטערטימלעכ־קייטן. מען קען הערן אינטערעסאַנטע פאָרלעזונגען. איך בין געווען אויף אַ שפּיטאָל־אויסשטעלונג איז עס פאַר מיר געווען מער ווערט ווי דיין פּראַטער, דאָס טאַנצן און שפּרינגען מיט דיינע יעקעטעס צוזאַמען. און דאָס אַלץ אָן געלט.

— פאַר דיר, אָבער נישט פאַר מיר — זאָגט צביקע — עס זענען דאָ פאַרשידענע מענטשן מיט פאַרשידענע נאַטורן. דו האָסט ליב זיך צו גריבלען אין פאַרשידענע לערעס און לערנען שווער, וועלן וויסן און פאַרשטיין וואָס איז אוממעגלעך. איך בין דער היפּוך פון דיר. איך וויל וואָס גרינגער, לייכטער, לעבעדיקער. דו געהערסט צו די בעסערע מענטשן, צו די אינטעלעקטועלע. איך בין פון די פּראָסטערע, עמכדיקע. זאָג מיר, מיין טייערער אַבראַשאַ, ווי לאַנג געדויערט דעם מענטשנס לעבן? אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט, אַ קאַצנשפּרונג, אַ ווינט, וואָס פליט פאַרביי. דאַרף איך די קליינע צייט פאַרווענדן אויף שווערע זאַכן? פאַרשווערן זיך אַליין דאָס לעבן און גריבלען זיך אין אַ ביצה שנולדה בשבת, אַז איך קען לעבן גרינג און לייכט?

— אויב אַזוי קען איך דיר אויסדריקן מיטגעפיל — קוקט אים אַבראַשאַ אָן — אויך אַ סך רחמנות. איך פאַרזיכער דיר, אַז אַ ביסל שפּעטער וועסטו זיך מצער זיין. כ׳האָב נאָר מורא, אַז עס וועט זיין צו שפּעט. הבל הבלים אמר קהלת.

— עס קען זיין — איז צביקע מסכים — אָבער ווען האָט דאָס קהלת געזאָגט? נאָך די טויזנט ווייבער. אָבער קהלת האָט נאָך עפּעס געזאָגט: שמח בחוסר בילדותך וטיבך לבך בימי בחרותיך. דאָס גע־דענקסטו נישט? מעגסט וויסן, אַז אויך צביקע האָט אַמאָל געלערנט קהלת. קהלת האָט נאָך געזאָגט: אשה מאלף טובה לא מצאתי, אשה טובה אינה במציאות כלל. קהלת, דאָס הייסט שלמה המלך, איז געווען דער גרעסטער חכם אויף דער וועלט. אויף זיין דיאַגנאָזע קען מען זיך פאַרלאָזן. אמת אין שיר השירים זאָגט ער אַנדערש, אָבער דאָס איז

דערפאַר, ווייל שיר השירים האָט ער געשאַפן ווען ער איז געווען יונג, און קהלת אויף דער עלטער. דו, אַבראַשאַ, אַזאַ צדיק וואָס דו ביסט, דו ביסט דאָך אַ מלאך, דו דאַרפסט האָבן אַ גרויסע פּאַרציע ארץ־ישראל. מיט דעם לייגסטו זיך, מיט דעם הייבסטו זיך אויף.

— צביקעלע. — לאָזט אים אַבראַשאַ אַלץ נישט אָפּ — ווען דו לייגסט אַריין דעם חוש צום לערנען, נישט צו אַ מיידל, וואָלסטו אַרויס־געוואַקסן אַ גאון. נאָר דו האָסט שטענדיק אַ פול מויל מיט מיידל. דיין גאַנצער חוש און מוח, דענקען, קלערן, וואָס דו זאָלסט נישט רעדן, קומסטו אַלץ אַרויס אויף דער מיידל־טעמע. ווען איך וואָלט געווען אַ מיידל, וואָלט איך נישט געגאַנגען מיט דיר שפּאַצירן אַליין הינטער דער שטאָט. אין אַ וואַלד זיכער נישט.

— אַבראַשאַ, דו טרייבסט איבער וועגן צביקען. ער איז ווויל און גוט — רופט זיך אָפּ תמר — איך וואָלט מיט אים געפאָרן אָן פּחד אפילו מעבר לים. מיין באַבאַ האָט געזאָגט, אַז דער הונט, וואָס בילט, בייסט נישט.

— צביקעלע — בעט זיך אַבראַשאַ — טו מיר צוליב און גיי איבער אויף אַ צווייטער טעמע. רעד פון עפּעס אַנדערש. אַ גאַנצע צייט מיידל, קליידל. ווי עסט זיך עס דיר נישט צו? נאָר ווי זאָגט תמר, דאָס איז ביי דיר אַ מויל־מלאכה.

— צדיקל — בעט זיך אויך צביקעלע — דערלויב מיר צו דער־ציילן צוויי קליינע מעשהלעך אויף דער טעמע און איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז שלוס, אויס מיט רעדן וועגן מיידלעך און קליידלעך.

— נעם ביי אים אַ שבועה אָדער די האַנט — עצהעט איטשע — איך קען אים בעסער ווי דו. איך גלויב אים אויפן וואָרט. וואָס ער איז — איז ער, אָבער אַ וואָרטסמאַן איז ער.

— עס איז אפשר נישט שיין פאַר תמרלען צו הערן די מעשהלעך — באַמערקט שעלמיש צביקע — טאָ גיט איר אַ שטיקל וואַטע צו פאַר־שטאָפּן די אויערן, אָדער גייט עסן!

— דו מיידל־פּרעסער, דו זאָרג זיך ווייניקער פאַר מיר — ענטפערט

אים אָפּ תמר — איך הער זיך סיי ווי סיי נישט צו צו דיינע בלאָפן און מעשיות נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

— רוקט איך צו נענטער — ווערט צביקע נישט נתפעל פון תמרס רייד — איך מוז רעדן שטיל. זייענדיק אין פּוילישן מיליטערישן שפּיטאָל אין וואַרשע האָב איך בייגעווױנט אַזאַ סצענע: צוויי קראַנקן־שוועסטער פירן אַריין אויף אַ וועגעלע אַ זעלנער. די שוועסטערן זענען געווען זייער שיינע. הער איך ווי זיי זידלען אים: „מילטש, טי כאַמיע! איך וועל דיר אָפּטאָן אַ „קאַוואַל״ ווּעסטו שוין אַזוי נישט ברענען!״ וואָס איז געווען? ווי קראַנק ער איז געווען האָט עס אים נישט געשטערט זיך צו טשעפּען צו זיי. בעת איינע האָט אים געשטראָפט האָט די אַנדערע געבראַכט אַן עמער וואַסער און אים אין גאַנצן אָפּגעגאָסן, ער זאָל זיך אָפּקילן.

די חברה לאַכט און זאָגט: „צביקעס מעשיות״. אָבער איין אַבראַשא לאַכט נישט:

— אַזוי געפעלט איך די מעשה? איך קען שוין מוחל זיין די צווייטע מעשה. גענוג.

— אויך איך האָב גענוג — זאָגט איטשע — קום, תמרלע, מירן גיין עסן. איר האָט כאָטש איבערגעלאָזן עפּעס עסן פאַר אונדז?

— אַז תמר איז מיט דיר וועט נישט פעלן קיין עסן — זאָגט צביקע — כינין איז זיכער געבליבן. היינט האָט מען געשלונגען אַ טאָפּלטע פּאַרציע כינין. אַ נייע פאַראָרדענונג: קריגסט נישט צו עסן ביז דו כאַפּסט נישט אַריין די טאָפּלטע פּאַרציע. שטרענגע פאַראָרדענונג.

— כינין דאַרף מען נעמען — זאָגט מישא — דאָס וועט אונדז פאַרהיטן פון קדחת און מאַלאַריע. אפשר נישט אין גאַנצן, אָבער עס פאַרגרינגערט.

— כינין איז נאָך אַ האַלבע צרה — פירט ווייטער זיינע טענות צביקע — ערגער איז וועגן וואַסער צו טרינקען. אַלע וואַסערן זענען געמישט מיט יאָד אָדער נאַפט. ווער קאָן נעמען אַ טראָפּן וואַסער אין מויל אַריין? דער ריח גייט מיר נאָך. וואָלט עס כאָטש געהאָלפן? אַ נעכטיקער טאָג! און מיר פייניקן זיך. איך ווער פאַרברענט פון טרוקעניש.

— קיין שום געפאַר, אַז מען טרינקט וואַסער מיט יאָד אָדער נאַפט — מיינט אַבראַשאַ — אָבער דאָס פאַרהיט פון קראַנק ווערן. אפילו די היי־געבוירענע, וועלכע זענען געוווינט מיטן קלימאַט, באַקומען פיבער. כּינין, יאָד, נאַפט פאַרסמען די מיקראָבן און שוואַכן זיי אָפּ. דערווייל האָבן מיר נישט קיין ברירה ווי צו טרינקען דאָס וואַסער פון כּנרת און מען דאַרף עס דיזענפעקצירן.

— וואָס הייסט דערווייל? — טענהעט צביקע — דערווייל קען מען ברענגען וואַסער פון ערגעץ אַנדערש, וואַסער צום טרינקען און קאָכן. וואַשן קען מען זיך מיט כּנרת־וואַסער.

— גיט אַ קוק ווי ליב ער האָט זיך, ער וויל נאָר באַקוועמלעכקייטן — ענטפערט אַבראַשאַ — אפשר קאַלט וואַסער מיט אַ ביסעלע זיסן סיראָפּ? ביסט אַ גלגול, צביקע, פון יענע מרגלים. האָסט נאָר טענות און טענות. פון וואַנען זאָל מען דיר ברענגען גוט וואַסער? אפשר פון גריבער פון ירושלים, אָדער פון די חיפהער גריבער?

— גיט אַ קלער — באַמיט זיך צביקע צו געבן צו פאַרשטיין — אַ ביסל וואַסער אָן נאַפט הייסט ביי אים לוקסוס. אַז אָך און וויי און ווינד. און דעריבער בין איך, לויט זיין מיינונג, אַ באַרעדער פון ארץ־ישראל. אפילו אַ ריכטיק וואָרט לאָזט ער נישט זאָגן. דאָס איז רכילות? דאָס איז לשון הרע? זיי נישט קיין חסיד־שוטה. עס איז דאָ וואַסער פון קוואַלן. מען דאַרף נאָר ברענגען און עס דאַרף קאָסטן. איז מה רעש? וועט זיין אַ גרעסערער דעפיציט.

תּמר פרעגט איטשען וואָס עס איז אַ חסיד־שוטה. אַנשטאָט איטשען ענטפערט צביקע:

— אַ חסיד־שוטה איז למשל, אַז אַ פרומער חסיד זעט אַ מיידל באָדן זיך און זי האַלט ביים טרינקען זיך וועט ער צוליב פרומקייט זי נישט ראַטעווען, ווייל ער וועט נישט קוקן אין איר זייט.

— אַ מאָל זאָגט צביקע אויך אַ גוט וואָרט — באַמערקט לאַכנדיק תּמר.

— אַ געזונט אין דיין קעפּעלע — כאַפּט צביקע גלייך אונטער — קום אַהער צו מיר וועסטו הערן אַ סך גוטע ווערטער.

— האָסט דעם זעלבן וועג צו מיר ווי איך צו דיר — ענטפערט אים תמר.

— איך וויל נישט זיצן לעבן מיין גרעסטן געפערלעכסטן קאָנקו־רענט — זאָגט צביקע.

— קענסט גאָר נישט פאַרלירן, נאָר געניסן זייער פיל, וואָס דו דאַרפסט עס נייטיק האָבן, ווען דו וועסט זיין נעענטער צו דיין קאָנקו־רענט — באַמערקט שפּאַסיק איטשע.

— איך וויל נישט קיין שיריים, איך וויל אַ גאַנצע פּאַרציע — האַלט זיך צביקע ביי זיינס — זיי אַלע צו להכעיס קום זעץ זיך אַ ביסעלע לעבן מיר. וואָס עפּעס די גאַנצע צייט ביי איטשען. גיב מיר אויך צו שפּירן דעם מיידל־ריח — ווענדט ער זיך צו איטשען — וואָס איך און דו, און ביידע צוזאַמען, וויסן ווי ליב איך האָב עס. תמר! איך פאַר־זיכער דיר, אַז ער וועט דיר נישט פאַרלירן גיין, און פון דיר וועט גאָרנישט געמינערט ווערן.

— איטשע פאַרלאָזט אונדז — זאָגט תמר — און דו, צביקע, בלייבסט. וועסט נאָך האָבן גענוג צייט צו שמעקן דעם מיידל־ריח, ווי דו זאָגסט.

— טאָקע צוליב דעם דאַרפסט זיך מער חברן מיט מיר — וויל זי צביקע איבערצייגן — קום, איך וועל דיר דערציילן אַ וויכטיקן סוד, וואָס איז פאַר דיר זייער וויכטיק. פּרוּוו, שטעל איין, וועסטו זען.

מיט גרויס נייגער לויפט תמר אַריבער צו צביקען.

— אַז מען זאָגט פרויען זענען נייגעריק איז עס אמת — זאָגט אַבראַשאַ — איר זעט ווי צביקע האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן ביז ער האָט געפונען און געטראָפן דאָס ריכטיקע מיטל, די ווענדקע פאַר די פרויען: נייגעריקייט.

— נו, זאָג שוין — בעט זיך תמר — זאָגסט נישט, לויף איך צוריק.

— יעצט, אַז איך האָב דיך נעבן מיר מעגסטו צוװאַרטן אַ ביסעלע, לאָז מיר פריער זיך אָנשמעקן מיטן מיידל־ריח, איי, ווי גוט און גע־שמאַק. אַ שונא זאָל נישט וויסן פון דעם טעם — שמעקט צביקע תמרס האָר און האַלט זי צו.

— צו ערשט זאָג — ווערט זיך תמר — זאָגסט נישט גיי איך אַוועק. איך צייל ביז צען.

— לאָז אים באַקומען, — לאַכט די חברה — צייל, תמרשי, ביז פינף און צוואַנציק.

— לויף נישט, איך זאָג — בעט זיך שוין צביקע און שרייט איר אַריין דעם סוד אַזוי הויך, אַז אַלע זאָלן הערן — איטשע האָט אַ מיידל אין חוץ־לארץ, אַ געליבטע, געלאָזן אַ צעבראָכן האַרץ...

— צביקעלע, אָרנטלעכער מענטש, צדיק איינער, פריידיקער פון מאַראַל, בעל מוסר און מוכיח — רעגט זיך שוין אויף איטשע — וויפל צעבראָכענע הערצער האָסטו איבערגעלאָזן אין דיין קליין שטעטעלע? נישט שיין וואָס ביסט געוואָרן אַ מלשין. זעט וואָס קנאה און אייפערזוכט קען ברענגען. איך קען דיך באַרויקן, טייערער חבר, נישט איין מיידל אָדער חברה האָב איך געלאָזן, מער ווי דו קענסט דיר פאָרשטעלן. נאָר קיין איין צעבראָכן האַרץ...

— חברה, נישט אויסצוהאַלטן פון איך — רופט זיך אָפּ אַבראַשאַ — אַלע שמועסן אויף איין טעמע: מיידלעך און מיידלעך. צי ווערט דאָס איך נישט צוגעגעסן? צביקע האָסט דאָך עפּעס צוגעזאָגט, געגעבן דיין ערנוואָרט...

— ביי צביקען דאַרף מען נעמען אַ שבועה — האַקט איבער איטשע.

צביקע שטעלט זיך אויף און הייבט זיך אָן צו שאָקלען ווי אַ פרומער ייד ביים דאַווענען און זאָגט מיט אַ ניגון:

— ארץ־ישראל אַ טייער, אַ גוט לאַנד, אַ ווויל לאַנד, וואָס האָט אַ נאַציאָנאַל מאכל כינין, טעם־גן־עדן; אויף אַלע שיקסעס חתונות און שמחות; און וואַסער פון כנרת געמישט מיט יאָד און נאַפט, בעסער נאָך ווי וויין און שאַמפּאַניער... דאָס געפעלט דיר, מיין טייערער חבר אַבראַשאַ?

— אַ שאָד אַזאַ טאַלאַנט גייט פאַרלוירן — לאַכט אַבראַשאַ מיט דער גאַנצער חברה — אַ פיל בעסערע קאַריערע וואָלסטו געמאַכט אַלס בדחן, ווי אַלס אַ חלוץ.

— דו, אַזאַ אידעאַליסט און אויסערגעוויינלעכער ליבהאָבער פון ארץ־ישראל — ווערט צביקע ערנסט — דו, איינער פון אונדזערע בעסטע

חלוצים, און ווי איך ווייס, האָסטו אַוועקגעוואָרפן אַזאַ גלענצנדיקע קאַריערע, דו הייסט מיך ווערן אַ בדחן, אַ זאַך, וואָס איז ביי מיר ערגער ווי עבודה־זרה. אפשר ווייסטו נישט, אַז איך האָב נאָך אַ סך טאַלאַנטן, ביי וועלכע איך קען גוט פאַרדינען, און דאָך האָב איך אויסגעקליבן דאָס פאַך חלוץ, צוליב מיין גרויסער ליבשאַפט צו ארץ־ישראל. אָבער איך בין נישט פאַנאַטיש, איך האָב איבערגעלאָזט אַ ביסל ליבשאַפט אויך צו אַנדערע זאַכן, נישט ווי דו, מיין טייערער אַבראַשאַ, וואָס די גאַנצע ליבשאַפט, חוש, געפיל ראשו ורובו האָסטו אַריינגעלייגט אין ארץ־ישראל. אויסער ארץ־ישראל — ווענדט זיך צביקע צו דער חברה — עקזיסטירט נישט קיין שום זאַך ביי אים.

— צביקע, פאַר דעם קורצן פאַרטראַג, וואָס דו האָסט יעצט געגעבן, מוז איך דיר געבן אַ תשובה — האָט אַבראַשאַ געענטפערט ערנסט — יעדע אידייע האָט און מוז האָבן אירע חסידים און אירע קנאים, און אירע אָנהענגער. כ׳מיין, אַז כ׳דאַרף דיר נישט דערקלערן דעם אונטער־שייד צווישן די דריי קאַטעגאָריעס. טאָ, וואָס זשע פרעגסטו אַזעלכע קלאָץ־קשיאות? חוץ דעם ווייס איך, אַז דו קומסט פון אַ יידישער, חסידישער, פרומער היים. אין חדר האָסטו זיכער געלערנט, און אפשר אין ישיבה אויך. טאָ הער, וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט. נישט איך זאָג עס, נאָר די חכמים, וואָס האָבן געשאַפן די הלכה: ישובת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצוות שבתורה. גענוג פאַר דיר? וועסט מיר מער נישט פאַרוואַרפן מיין גרויסע ליבשאַפט צו ארץ־ישראל?

— אַבראַשאַ, זייער אַ שיין און באַלערנדיק וואָרט האָבן מיר געהערט פון דיר — האָט צביקע פאַלעמיזירט — ארץ־ישראל איז ווערט, אַז מען זאָל מוותר זיין אויף אַ סך נוחיות, אָבער נישט אויף אַלע, בפרט די גרינגערע זאַכן, וועלכע עס איז לייכט אויסצובעסערן. הער זיך צו, אַבראַשאַ, די חכמים האָבן אויך געזאָגט די גאָלדענע ווערטער: אשה יפה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים. איז עס אַזוי שלעכט צו וועלן האָבן ביידע זאַכן צוזאַמען אי ארץ־ישראל, אי אַ מיידל?

— איך האָב געהאַט אַ שטאַרק אַלטע באָבע — רופט זיך אָפּ איינער פון דער חברה — פלעגט זי זאָגן: שפּיל דעם חתן ווינעדיקס, ער האָט

זינס אין זינען. איך האָב קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען דאָס ווערטל. יעצט איז עס מיר פאַרענטפערט געוואָרן.

— אפשר וועט שוין זיין געגוג צו הערן אייערע תורה־ווערטלעך — האָט תמר זיך געווענדט צו זיי — אפשר וועט מען דאָ עפענען אַ ישיבה. עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אַ פוילישער מיט אַ האַלבן ליטוואַק. בעסער לאָמיר זינגען אַ חלוצים־לידל. זינג, צביקע, מיר וועלן העלפן.

מיר האָבן אַ לאַנד, וואָס הייסט פּאַלעסטינע,
ווו מען עסט ברויט מיט כינע
יאַ חלילי, יאַ, יאַ חלי

מען זאָגט אונדז צו אַ סך נחת,
דערווייל האָבן מיר מאַלאַריע־קדחת
יאַ חלילי, יאַ, יאַ חלי

כיבושניקעס, וואָס האָט איר צו זאָרגן ?
שלאָפן אין אוהל אויף שטיינער ווי די לאָרדן
יאַ חלילי, יאַ, יאַ חלי

נישט קיין קאָץ, אויך קיין בעטל נישט.
חלוץ, חלוצל, זיי נישט פאַריאושט
יאַ חלילי, יאַ, יאַ חלי

חלוצים, איר האָט נישט וואָס צו פאַרלירן,
אַז דער באַלעבאָס איז דער ועד הצירים.
יאַ חלילי, יאַ, יאַ חלי

יעדער איינער זינגט צוויי שורות און ביי יאַ חלילי זינגען אַלע מיט. אַזוי ציט עס זיך די גאַנצע צייט אָן אויפהער. אויב עס זענען דאָ טאַלאַנט־פולע חברה, וואָס האָבן אַ כשרון אויף גראַמען, גיבן זיי צו חרוזים אויפן

אַרט. חברה גייט אַריין אין התלהבות פון זינגען אַלץ העכער און שטאַר־קער. דאָס זינגען ציט צו נאָך חברה, טייל קומען מיט מוזיק־כלים, אַ מאַנדאָלינע, אַ גאַרמאָשקע, אַ מאָל טרעפט אויך אַן אַקאָרדיאָן. עס ווערט הימלעך, לוסטיק, מען כאַפּט אַ טענצל ביז מיד ווערן. דער עולם פאַלט אַוועק אַ מידער, אַ פאַרשוויצטער, די מער שטאַרקערע שרייען: „חברה, שטאַרקער, פעסטער, העכער!" זיי האַלטן זיך פעסט אַרומגענומען האַנט אויף אַקסל.

אַוועקגעפאַלן מיד ציט מען זיך אויס אויפן גראָז און מען קוקט אין הימל אַריין. עס פאַרבינדן זיך ווידער שמועסן.

— חברים, איך האָב געהערט שמועסן, אַז מען גייט שאַפן אַ גדוד עבודה, אַזאַ פרישע זאַך. — רופט זיך אָפּ איינער פון דער חברה — מיט וואָס עסט מען דאָס? אפשר אַ נייע פאַרטיי?

— גדוד עבודה — קלערט אויף אַ צווייטער — וועט זיין פרייוויליק. וועסט זיין אַ חייל. ווו מען וועט דיך שיקן אַרבעטן מוזסטו גיין. דערנאָך, אין אַ געוויסער צייט אַרום, וועט מען דיך שיקן אויף התישבות, אָדער אין קיבוץ. דאָס הייסט קאָלאָניזאַציע.

— ווי ווערט מען פּטור פון דער מאַלאַריע — באַקלאָגט זיך איטשע — דאָס איז ערגער פון אַלע קלאָגערייען פון צביקען.

— מיט צוויי זאַכן קענסטו פּטור ווערן פון דער מאַלאַריע — קלערט אים אויף תמר — מיט כינין און מיט עסן, אַפילו ווען דו האָסט פיבער. איטשע, האָסט דאָך נאָך קיין מיטאָג נישט געגעסן. קום, איך גיי מיט דיר. איך וועל דיר צוּוואַרעמען דאָס עסן.

— דו האָסט דאָך געזאָגט פריִער, אַז עס איז נישט היינט דיין תור — מישט זיך אַריין צביקע און האַלט צו תמרן פאַר אַ האַנט — בלייב דאָ מיט מיר. איטשע פאַרט דאָך אַוועק, ממילא וועל איך זיין זיין פאַרטרעטער. דאַרפסט גאָר נישט זיין באַזאָרגט. וועסט חלילה נישט פאַרלוירן גיין. דו בלייבסט אין גוטע, זיכערע הענט.

— צביקע, זיי נישט מיין פאַרזאָרגער און אויך נישט קיין בעל־רחמנות — ענטפערט אים תמר — איך קען מיין שטעטל אַליין באַשטיין. קום, איטשע, איך גיי מיט דיר. זע נאָר, דיינע שיך זענען

דאָך צעריסן, ווען דו וועסט עסן וועל איך זיי ריכטן. גיב זיי מיר.

— איר זענט מבינים אויף תמרן. אַ כל־בוניצע. אַלץ קען זי. אַפּילו שוסטעריי. עס איז גוט צו וויסן. אַרבעט וועט נישט פעלן. ווּעסט נישט דאַרפן קיין פּראָטעקציע.

צביקע קען נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו דערציילן ווי אַזוי ער האָט אין ווין באַקומען פון „דזשאָינט" אַ פּאָר שיך ווי אַלע חלוצים. געווען אַ שטופּעניש. בקיצור מען האָט אים אויך איינגעפּאַקט אַ קאַרטאָן. געקומען אַ היים און געעפענט — ערשט אַ פּאָר דאַמסקע שיך און דערצו נאָך צוויי לינקע. געלאָפן צוריק אויסטוישן. ערשט דאָרט איז שוין געווען פאַרמאַכט.

איטשע האָט זיך פאַרטראַכט און געבעטן די חברה זאָל אים באָרגן פינף און צוואַנציק טאָלער אויף ערבות, ווייל ער מוז טוישן די לופט.

— קענסט אויסשאָקלען אַלע חלוצים פאַר איין טאָלער — זאָגט מישאַ — ווען מיר וואָלטן נאָר געהאַט געלט וואָלטן מיר דיר געגעבן אָן ערבות. איך קען דיר נאָר געבן רוסיש געלט — און ער ברענגט אַרויס אַ קעסטל מיט קאָלירטע פּאַפּירלעך. אַלע באַקוקן עס.

— דאָס איז דאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געווען אַ פאַרמעגן — רופט זיך אָפּ איינער פון דער חברה — מישאַ, מעגסט עס צעטיילן פאַר די חברים לזכרון.

— אפשר ווען משיח וועט קומען און אַלע טויטע וועלן אויפשטיין תחית־המתים וועט אויך ניקאָלאַיקע מיט זיין געלט אויפשטיין — ווילצלט זיך אַ צווייטער.

איטשען ווילצלט זיך אָבער גאָרנישט. ער שלעפּט אַרויס פון זיין זעקל אַ צעקנייטשט רעקל.

— וואָס זאָגט איר, חברה, — ווענדט ער זיך צו זיי — איך וועל קריגן פינף און צוואַנציק טאָלער פאַר דעם סמאָקינג. דאָס איז דאָס לעצטע, וואָס עס איז מיר פאַרבליבן פון מיין פאַרמעגן.

אַלע באַקוקן און באַטאַפּן דאָס רעקל. צביקע, וואָס האַלט זיך פאַר אַ מומחה, זאָגט, אַז עס איז ווערט מער ווי פינף און צוואַנציק.

— גיב אָהער פינף און צוואַנציק טאָלער איז עס דיין — זאָגט איטשע.

— קריגסט דרייסיק — ענטפערט אים צביקע — נאָך אויף באַרג.

— צביקע מיט זיינע חכמות — זאָגט איטשע — מאָרגן גיי איך אַריין אין טבריה און פאַרקויף עס פאַר יעדן פּרייז.

עס אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע וועגן איטשעס אַוועקגיין און וועגן אַ געזעגנונגס־מסיבה פאַר אים. ווי אַלע מאָל, שלאָגט צביקע פאָר צו טרינקען וואַסער פון כנרת, געמישט מיט נאַפט און יאָד, און זיך נעמען אין זין אַריין דעם טייערסטן וויין.

— פון די אַלע פאַרשלאָגן ווּעסטו, איטשע, נישט זאַט ווערן — רופט זיך אָפּ תמר — קום מיט מיר וועלן מיר ביידע עסן, און לאָז זיי אַליין באַשליסן.

זיי גייען אַוועק געאַרעמט. צביקע קוקט זיי לאַנג נאָך, נעמט נישט אַראָפּ די אויגן און ער זאָגט שטיל:

— איך בין פּראָסט און פּשוט מקנא. איך שעם זיך נישט דערמיט. איר ווייסט דען וואָס זי איז. אַ גוטע נשמה. זי האָט אין זיך די גאַנצע וועלט גוטסקייט און צערטלעכקייט. ביסט ווייט פון דער היים, פון משפחה, פאַרוואָרפן אין דער פרעמד. ווי גוט איז צו האָבן לעבן זיך אַזאַ צאַרט וועזן. דאָס פאַרנעמט און פאַרטרעט אַלץ...

— צביקע, דו ביסט אַ זעלטן גוטער בחור מיט אַ סך שטימונגען, וועלכע צינדן זיך שנעל אָן, אויף אַזוי פיל, אַז דיר אַליין קומט שווער אָן זיי צו באַהערשן, צו צוימען. עס טוישט זיך ביי דיר אַלץ שנעל. דאָס איז נישט קיין געזונטע דערשיינונג. מוזסט זיך נעמען שטאַרק אין די הענט אַריין און פרעגן זיך אַליין: ווו איז מיין וועג? צו וואָס בין איך געקומען אַהער? מיר אַלע זענען מסכים, אַז אין גלות איז נישטאָ קיין באַזיס, קיין יסוד פאַר אונדז. מיט מאַכן אַזאַ מנחם־מענדל־לעבן ווי אונדזערע עלטערן און ווערן געהאַסט פון אונדזערע גויאישע שכנים, מיט דעם ווילן מיר פאַרענדיקן. די אַלע חשבונות דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן קיין איין טאָג, אַפילו נישט קיין איין שעה. איך בין אַ פּראָסטער חי וקיים. איך ווייס, אַז איך דאַרף אַוועקגעבן פאַר ארץ־ישראל אַ געוויסע צייט, ווי אַ חייל, און דערנאָך גיין אין אַ קיבוץ און דאָרטן לעבן און

שאַפן. לעבן אַן איינפאַך פויעריש לעבן אויף געזעלשאַפטלעכע קאָלעקטיווע יסודות, וואָס זאָל זיין אַ מוסטער פאַר דער וועלט. פירן דאָרט אַ געזונט, אָנשטענדיק משפחה־לעבן אויף לעולם ועד. איך וויל נישט און זוך נישט קיין פאַרגעניגנס, קיין רייכטום, נאָר אַ שטיל און רויִק לעבן.

אַזוי האָט פאַמעלעך, אָבער מיט איבערצייגונג גערעדט אַבראַשאַ. אַלע אַנוועזנדיקע זענען געזעסן שטיל, די פיס אונטער זיך. מען האָט נישט געהערט קיין שאָרך, קיין וואָרט. אַלע זענען פאַראינטערעסירט און וואַרטן אויף צביקעס ענטפער. ער לאָזט אויף זיך נישט וואַרטן:

— טייערער און געשעצטער חבר אַבראַשאַ, דיין פסיכאָלאָגישע אָפּשאַצונג פאַסט זיך בכלל נישט צו מיר. מיר זענען צוויי גאַנץ באַזונדערע טיפּן. מיר זענען טאַקע אין איין תנועה, אָבער מיר גייען זיך פונאַנדער אין אַ סך זאַכן. איך בין דער היפוך פון דיר. דו האָסט איין תאווה, איך האָב אַ סך תאוות. דו ווילסט קאָלעקטיוו, איך האָב ליב פּריוואַט אייגנטום. דיין תאווה איז ארץ־ישראל און נישט מער. דערצו ביסטו נאָך אַ קנאַי, וואָס וויל פאַרוואַנדלען די אידייע אין אַ גלויבן, אין אַ גאָט. איך האָב ליב ארץ־ישראל, אָבער אויך אַ פרוי, געלט און נאָך און נאָך. איך האָב ליב צו וויסן, אַז דאָס איז מיינס. איך וויל אַרבעטן מער און אַ סך כדי צו קענען אָפּשפּאָרן און לעבן באַקוועמער. דו ביסט בעסער ווי אַ געוויינלעכער מענטש און איך קען צו דיר זיך נישט גלייכן. איך בין גרייט צו ווידמען ארץ־ישראל צוויי, דריי יאָר פון מיין לעבן, נישט וויכטיק ביי וועלכער שווערער אַרבעט, אָבער נישט מיין גאַנץ לעבן, ווי דו.

— זעלטענע, מאָדנע מענטשן זייט איר — מישט זיך אַריין מישאַ — איר וואָלט געזעסן טאָג און נאַכט און דיסקוטירט. און צו ספּאָרט האָט איר קיין חוש אַפילו נישט. גיט אַ קוק, אָט שטייט דאָ פאַר אונדז אַ ריזנבאַרג, וואָס גיט אַרויס פון זיך היים, קאָכעדיק וואַסער טאָג און נאַכט. מינעראַל־וואַסער, וואָס קאָן היילן פאַרשיידענע קראַנקהייטן. ווען דאָס וואָלט פאַרמאָגט אַן אייראָפּעאישע מלוכה וואָלט עס שוין געווען פאַרוואַנדלט אין אַ קוראָרט. ביי אייך קען איך זיך נישט דערבעטן, ביי קיין איינעם נישט פון אייך, איר זאָלט גיין מיט מיר אַ קוק טאָן.

— מישע, מישעלע — האָט אים איבערגעריסן איינער פון דער

חברה — וואָס ביסטו אַריינגעקראָכן אין מיטן שמועס מיט דיין ספּאָרט. וואָרט צו, די חברה וועט ווערן אין גאַנצן געזונט וועלן זיי נישט גיין נאָר לויפן.

— צביקע, איך וועל דיר ענטפערן. מישאַ האָט אַביסל צעשלאָגן די רעיונות — זאָגט אַבראַשאַ — יעדער גלויבן האָט אירע פאַנאַטיקער, אירע קנאים, ביז מסירת־נפש. אָט די אידייע פון סאָציאַליזם האָט אירע אָנהענגער. קיינער האָט זיי נישט געצוווּנגען. פרייוויליק האָבן אַ סך מענטשן אַוועקגעגעבן זייערע יונגע לעבנס. דערין אויך אַ סך פון אונדזערע אחינו בני ישראל. איבעראַל אין יעדער פרייהייטס־באַוועגונג געפינט מען יידן, און דווקא צווישן די בעסטע. אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאַר דער וועלט. דער חלוץ איז אַ ספּעציפיש יידישע באַוועגונג, אויסדריקלעך פאַר זיך, פאַר ארץ־ישראל, פאַר אונדזער צוקונפט, פאַר אונדזערע קינדער. עס קען זיין, אַז דו ביסט נישט פאַרן קיבוץ און דער קיבוץ איז נישט פאַר דיר. אָבער קיינער צווינגט דיך נישט צו גיין אין אַ קיבוץ. דער חלוץ איז נישט בלויז קיבוץ. קענסט זיין אַ גוטער חלוץ און נישט זיין אַ קיבוצניק. וואָס דו וועסט טאָן לטובת ארץ־ישראל, אַלץ הייסט חלוציזם. יעדע אַרבעט. יעדע שאַפונג. ווער שמועסט נאָך פון שאַפן אַ נייע זאַך, וואָס איז נאָך נישטאָ אין לאַנד. פאַכמענער זענען נישט ערגערע חלוצים פון די, וואָס גייען אויף ערדאַרבעט.

— אויב אַזוי בין איך דאָך דער אמתער חלוץ — דערפרייט זיך צביקע — דו האָסט יעצט אַרויסגעזאָגט מיין געדאַנק. לאָמיר מאַכן שלום. איך זאָג דיר צו פון היינט אָן און ווייטער וועל איך מער נישט זיין קידער־ווידער, נישט קיין להכעיסניק. יעדעס וואָרט וועט זיין קודש.

— ביי מיר ביסטו די גאַנצע צייט אַ זעלטענער גוטער בחור — איז צעפרידן אַבראַשאַ — איך קען דיך מיט אַלע מעלות און חסרונות. הלוואי האָבן מיר נאָך אַזעלכע ווי דו עטלעכע טויזנט.

דער עולם זיצט שטיל. קיינער רעדט נישט קיין וואָרט. עמיצער ברומט, דער צווייטער העלפט אונטער. אַ דריטער באַמקעט סתם אין דער וועלט אַריין.

— מישאַ, דערלאַנג עפּעס. דו האָסט דאָך אַ שיינעם באַריטאָן — בעט זיך דער עולם.

— איך וועל זינגען אויף רוסיש.

— זאָל זיין אויף טערקיש, אַבי זינג!

מישאַ זינגט מיט געפיל, פאַרבענקט, מיט לאַנגע אויסגעצויגענע טענער, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ליגנדיק אויפן גראָז. ער זינגט פאַרחלומט דאָס ליד, וואָס אַלע קענען, און האָבן עס גערן צו הערן נאָך אַ מאָל: אַ גדיע טאַ אוליצאַ, אַ גדיע טען דאָם.

ווּ איז די גאַס און ווּ איז די שטוב?
ווּ איז דאָס מיידל, וואָס איך האָב ליב?
דאָס איז די גאַס און דאָס איז די שטוב.
דאָס איז דאָס מיידל, וואָס איך האָב ליב.

— מישאַ, פאַר וואָס אַזוי ערנסט. דאָס איז דאָך אַ ליד מיט טאַקטן, דריי טאַקטן ווי מען טאַנצט אַ וואַלץ. נישט ציִען יעדן טאָן אַזוי לאַנג ווי דער יידישער גלות. ברענגסט אונדז אַלע אַריין אין אַזאַ טרויעריקער שטימונג, אַז עס ווילט זיך וויינען — זאָגט אַבראַשאַ.

— אַבראַשאַ איז גערעכט — לייגט צו זיינע פּאָר גראָשן צביקע — הער אויף! איך גיי שוין וויינען. האָסט זיכער עמיצן דאָרט געלאָזן. כאָטש אַ פיין, גוט שטיקל סחורה?

— הערט נאָר דעם אויסדרוק — ענטפערט מישאַ נאָך אַ לענגערער פּויזע, מיט פאַרדראָס — קענסט אַנדערש נישט זאָגן, אָדער פרעגן? שטיקל סחורה. שטיקל סחורה. מיינע מיידלעך זענען נישט פון דיין מין.

— מישעלע, טייערער מישעלע — לצוועט צביקע — עס פאַרדריסט דיך? איך האָב אָנגערירט דיין סטרונע. נו, איך וועל דיר העלפן וויינען — און ער צעווינט זיך, רייבט די אויגן ווי אַ קליין קינד — לויטן זינגען דיינעם האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דו האָסט עמיצן איבערגעלאָזט. ביסט דאָך אַ רוסישער סטודענט. טאָקע דערפאַר פאַרשטייסטו נישט קיין גע־

לעכטער, אַ ליטוואַק. די פּוילישע, זאָלן לעבן און געזונט זיין, פאַרשטייען זיך אויפן ווונק, נישט ווי די טרוקענע ליטוואַקעס.

— האָסט געשטערט מישאַן, טאָ זינג דו, באַווייז דיין טאַלאַנט — שטייט חברה צו צו צביקען.

— גוט. איך וועל זינגען אַ חזנישע זאַך. אָבער איר דאַרפט מיר צוהעלפן, ווייל ווי איך איז באַקאַנט און באַוווסט בין איך אַ שוואַכער זינגער:

חלוצים שואלים זה לזה
איה, איה מקום כבודו
כבודו מלא כל עולם,
משרתיו שואלים זה לזה
איה מקום ועד הצירים *)

חברה זינגט ווייטער אַן אַנדער חזניש שטיקל:

אבינו מלכנו, חננו ועננו,
כי אין בנו מעשים,
עשה עמנו, צדקה וחסד, והושיענו.

זיי פאַלן אַריין אין עקסטאַז, זינגען עס עטלעכע מאָל. שפּעטער זינגען זיי אויס אַלע חלוצישע לידער, פּאַראַדיעס, אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. דער קרייז ווערט גרעסער. עס קומען צו נייע הערער און נייע זינגער. די חברה ביים כביש דערהערן דאָס געזאַנג, כאַפּן זיי אונטער. אַזוי ווערט געזונגען ביז מיטאָג. אויך ביים מיטאָג קלאַפּט מען מיט די לעפל צום טאַקט. אַ סימפאָניע פון פאַרשיידענע כלים און שטימען. מיטן אָנקומען פון דעם עסן צו די טישן ווערט דאָס געזאַנג אַלץ שוואַכער.

---

*) אין יענער צייט האָבן הונדערטער מענטשן דאָס געזונגען אין גאַנצן לאַנד אַלס הימן פון „גדוד העברי".

אָפּגעגעסן גייען אַלע אין גרויסן אוהל און דאָרט זינגט מען שיר המעלות. דאָס איז געווען אַ געזאַנג, וואָס האָט געדאַרפט דערגרייכן אַלע הימלען און קומען צום כסא הכבוד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איטשע מיט תמרן האָבן אָפּגעגעסן און זענען אַוועק אין תמרס אוהל אַ ביסל שמועסן.

— דו ווייסט, תמר, — זאָגט איטשע — דער פּוס איז שוין ביי מיר אין גאַנצן בסדר. איך דאַרף שוין נישט אַפילו דעם תחבושת. וואָס איך דאַרף איז שאַפן זיך עטלעכע טאַלער אויף הוצאות, כאָטש ביז חיפה. מאָרגן פרי רעכן איך צו גיין קיין טבריה און דאָרטן געפינען אַ קונה אויף מיין רעקל. אפשר וועט מיר געלינגען עס צו פאַרקויפן. קיין אַנדערע אויסזיכט צו באַקומען אויף הוצאות האָב איך נישט.

— איך וויל גיין מיט דיר — זאָגט תמר — ווען ווילסטו גיין קיין טבריה פאַרהאַנדלען דאָס חפץ?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, מאָרגן פרי.

— וואָס דאַרפסטו אָפּלייגן אויף מאָרגן? פאַר וואָס שוין נישט היינט, אַפילו שוין, יעצט, וואָסי, האָסט קיין צייט נישט יעצט?

— עס קען זיין יעצט. איך האָב צייט — איז איטשע מסכים.

— אויב אַזוי, רגע, איך גיי זען עמיצער זאָל מיך פאַרטרעטן. איך קום גלייך צוריק — זאָגט תמר און גייט אַוועק דערליידיקן אירע ענינים.

— ווי ווויל און גוט זי איז — טראַכט איטשע — אַ גוטע נשמה, אַ געטרייע און איבערגעגעבענע. איך וועל בענקען נאָך איר. אויב איך וועל נאָר עפּעס פאַרדינען און זי וועט וועלן, נעם איך זי צו מיר. איך הער שוין איר קול פון דער וויטנס „איך קום!” ווי שיין דאָס קול קלינגט. מיט אַ פריילעך קלינגענדיק געלעכטער קומט זי.

— איך בין דאָ. לאַנג געדויערט? — פרעגט תמר — דריי זיך אויס וועל איך אויסטוישן דאָס קליידל. שוין. קום, איטשעלע, מיר גייען.

תמר כאַפּט איטשען אונטערן אָרעם און זינגט אַ מאַרשלידל. איטשע

העלפּט איר אונטער. זיי קומען אָן אין איין פּערטל שעה אין טבריה און דאָן זוכן זיי אויפן שוק אַ קונה. זיי האָבן באַלד טאַקע געפונען אַ סוחר, אַ ספרדישער ייד מיט אַ שיינער, גרויסער באָרד. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ רויטע פעסקע אָרומגעוויקלט מיט אַ ווייסער, ברודיקער שמאַטע. איטשע לייגט אים פאָר די סחורה. דער ייד מאַכט זיך נישט קוקן, כדי צו מאַכן שוואַכער דעם פּרייז. איטשע בעט אים צו געבן וויפל ער וויל, ער וועט זיך נישט דינגען. דער סחור באַקוקט, באַטאַפּט דאָס רעקל פון אַלע זייטן ביז ער האָט קוים מיט צרות אַרויסגעזאָגט דעם פּרייז: דרייסיק טאָלער. איטשע איז גלייך מסכים און מען קלאַפּט צו דאָס מסחר. איטשע זוכט אין אַלע קעשענעס, אפשר האָט זיך דאָרט עפּעס פאַרוואַלגערט. דער ייד ציילט אויס די מזומנים. דאַכט זיך, אַז ביידע צדדים זענען צופרידן פון דער טראַנזאַקציע. דער סוחר זאָגט צו זיי:

— טאָמער וויל ווער פון אייערע חברים עפּעס פאַרקויפן שיקט זיי צו מיר. איך גיב גוטע פּרייזן, נאַר נישט אָפּ און באַשווינדל נישט.

דערהערט דאָס כאַפּט תמר אַראָפּ דאָס טיכל פון קאָפּ און בעט דעם ייד ער זאָל געבן וויפל ער פאַרשטייט.

— צוליב וואָס פאַרקויפסטו דאָס טיכל? — פרעגט איטשע.

— פאַר דיר — ענטפערט תמר — פון די דרייסיק טאָלער וועט דיר גאָרנישט בלייבן. דאָס וועט אָוועקגיין אויף הוצאות און עס וועט דיר נישט בלייבן קיין איינציקער טאָלער אויף קויפן עסן. ווי קען מען זיין אין אַ ניי, פרעמד אָרט אָן אַ טאָלער?

— ניין! דאָס בשום אופן נישט — זאָגט איטשע אַנטשלאָסן און נעמט צוריק ביים סוחר דאָס טיכל און גיט עס צוריק תמרן מיט אַ קוש אין קאָפּ, נעמט זי אונטערן אָרעם — מיר גייען צוריק. אַזאַ טיפּשות, אַזאַ נאַרישקייט האָסטו געוואָלט באַגיין?

— פאַר וואָס איז עס אַ טיפּשות? — פאַרטיידיקט זיך תמר — איך וואָלט געהאַט אַ פאַרגעניגן וויסנדיק, אַז דו האָסט נאָך עטלעכע טאָלער. ווען רעכנסטו צו פאָרן?

— נאָך אין עטלעכע טעג. יעצט, אַז איך האָב אויף הוצאות קען

טבריה

איך פֿאָרן ווען איך וויל. איך וועל זיך געזעגענען מיט דיר. זיי רויק — פֿאַרזיכערט איטשע תמרן.

— איך וועל דיך באַגלייטן צו דער רכבת. ווייסט דאָך פֿאָרן פון צמח. מסתמא וועלן דיך דיינע חברים באַגלייטן, וועל איך מיטגיין מיט זיי. ווייסט מיר שרייבן? — פרעגט תמר — איך וועל דיר מיטגעבן עטלעכע פּאָסט־בולים. קום אַריין שפּעטער, ווען איך ענדיק די אַרבעט, צו מיר אין אוהל וועל איך זיי דיר געבן. פֿאַר נאַכט בין איך אליין. קומסט?

— איך נעם מיט פֿאַרגעניגן אָן די איינלאַדונג. איך קום, תמרשי, אָבער די בולים וועל איך נישט נעמען — זאָגט איטשע.

— דו קום נאָר — בעט אים תמר — וועגן די בולים וועלן מיר שמועסן. איך האָב גענוג און קען טיילן. עס וועט נאָך בלייבן גענוג פֿאַר מיר. איך וואַרט אויף דיר.

— איך קום פּינקטלעך, תמרשי — פֿאַרזיכערט איטשע און נעמט זי אַרום, קושט זי, גלעט זי, טוליעט זי — איך דאַנק דיר פֿאַר אַלעם, שלום!

— אַן איידלקייט פון אַ בחור! — האָט תמר געטראַכט אויף אַ קול נאָך איטשעס אַוועקגיין — דאָס ערשטע מאָל טרעפט זיך מיר, אַז אַ בחור זאָל מיך נישט וועלן באַרירן די פֿאַרבאַהאַלטענע ערטער. ער קושט אַזוי איידל. אָם בעסטן האָט ער ליב צו קושן די האָר. איך וואָלט אים נישט געשטערט עפּעס מער אַפילו. ער באַהערשט זיך. איך האָב אים גערן מער ווי די אַלע, וואָס זוכן מיין געזעלשאַפט. אַ שאָד וואָס ער פֿאָרט אַוועק.

— שלום עליכם! וווּ ביסטו נעלם געוואָרן. מען האָט דיך אַרומגעזוכט אַ האַלבן טאָג. מיר האָבן געמיינט, אַז דו ביסט שוין אַוועקגעפֿאָרן — האָט איטשען באַגעגנט די חברה.

— וואָס הייסט אַוועקפֿאָרן און נישט געזעגענען זיך מיט מיינע חברים. און ווי אַזוי פֿאָרט מען אָן געלט? — ענטפֿערט איטשע — איך בין געגאַנגען שאַפֿן זיך געלט אויף הוצאות, און ברוך השם געקריגן. פֿאַר

דעם סמאָקינג האָב איך געקראָגן דרייסיק טאָלער. יעצט קען איך שוין פאָרן.

— טאָ ווען רעכנסטו צו פאָרן? אין אַ גוטער מזלדיקער שעה.

— דערווייל דאַכט זיך מיר — זאָגט ער — האָב איך פיבער. איך דערשפּיר אים ווען ער קומט. אַ טאָג צוויי איז ער ביי מיר. דערנאָך באַפרייט ער מיך אויף אַ טאָג צוויי. אַזוי שפּילט ער זיך מיט מיר. ווי נאָר דער פיבער וועט מיך אָפּלאָזן אַזוי פאָר איך. אפשר וועט מיר גאָט העלפן, אַז איך זאָל קענען אַנטלויפן פון אים, קענען זיך אויס־באַהאַלטן, אָדער אים איבערלאָזן און דערטרינקען אים אין ים־כנרת, ער זאָל נישט שעדלען זיין פאַר קיינעם. איך מוז גיין זיך אַוועקלייגן, אַנישט, שפּיר איך, וועל איך אַוועקפאַלן.

איטשע גייט אַוועק און ווערט גלייך אַנטשלאָפן און שלאָפט אַזוי אַן איבעררייס עטלעכע שעה. תמר קומט און פרעגט זיך אויף אים. ווען זי זעט, אַז ער האָט פיבער און ליגט אויף דער גאָלער ערד לויפט זי און ברענגט אַ וואָלענעם גרויסן קאָץ און מיט דער הילף פון דער חברה לייגט זי אים אַרויף אויף איין העלפט פון קאָץ און מיט דער צווייטער דעקט זי אים גוט איין.

ווען איטשע האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער דערזען תמרן זיצן ביי זיין געלעגער. ער פרעגט זי:

— תמרשי, תודה רבה! האָסט מיך מחיה געווען. פון וואַנען האָסטו געוווּסט, אַז איך האָב פיבער?

— איך בין אַ נביאה — לאַכט תמר — איך וועל גיין ברענגען דעם דאָקטאָר.

— מען דאַרף נישט — לאָזט נישט איטשע — מאָרגן פרי גייט די קרענק אַוועק. דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל. איך דאַרף טוישן די סביבה, און דאָס וואָס פריִער. אויב דער פיבער וועט מאָרגן אַריבער פאָר איך אויפן אַנדערן טאָג.

צו מאָרגנס גאַנץ פרי איז שוין תמר געוועזן זען וואָס איטשע מאַכט זי פרעגט די חברה און זיי זאָגן איר, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי אים

צוגעלייגט קאָמפּרעסן צום קאָפּ. תמר בעט זיי נישט זאָגן איטשען, אַז זי איז דאָ געווען.

אויפן דריטן טאָג האָט די גאַנצע קבוצה, ווי אויך אַנדערע חברים, און פאַרשטייט זיך תמר, באַגלייט איטשען צו דער רכבת, וואָס גייט פון צמח קיין חיפה. די רכבת איז באַשטאַנען פון צוויי לאַסטוואַגאָנען. די סטאַציע איז אַ קליינע הייזקע, אַן שויבן, אַן אַ טיר. עטלעכע אַראַבער זענען געלעגן אין דרויסן און וואַרטנדיק אויף דער באַן דערווייל גע־קליבן לייז און פליי, וועלכע זיי האָבן מיט גרויס הנאה, זידלענדיק און שעלטנדיק, געהרגעט. זיי האָבן זיך גאָרנישט געשעמט. זיי זענען געווען באָרוועס, נישט געשוירן, נישט געוואַשן, די מלבושים פון זאַק און צעריסן.

— חברים, — זאָגט צביקע — איך האָב די ערע פאַרצושטעלן פאַר אייך אונדזערע שוועסטער־קינדער, ווילדקייטן מיט מענטשלעכע געשטאַלטן. מיט זיי דאַרפן מיר קאָנקורירן. די קאַלייקע, די רכבת, מיט די צוויי וואַגאָנדלעך און מיטן מאַשינקעלע שטייט און וואַרט. אויף וועמען? קיין פּאַסאַזשירן זענען נישטאָ, אויסער די צוויי לויזיקע אַראַבער און אונדזער איטשען. דער צוגפירער, דער אַראַבער מיטן רויטן היטל, איילט זיך נישט. ער האָט צייט. דערווייל קוקט ער אויף אונדזער תמרן.

ענדלעך גיט מען אַ צייכן צו פאָרן. חברה הייבט זיך אָן געזעגענען מיט איטשען. מען קושט אים, מען האַלדזט אים, באַזונדערס געדויערט עס אַ ביסל לענגער ביי תמרן. די אויגן בייביידן זענען געווען אַ ביסעלע פייכט.

— דו לאָזסט זי איבער אין זיכערע הענט — זאָגט צביקע און די גאַנצע חברה פאַרזיכערט אים אין איין קול — מיר אַלע וועלן אויף איר אַכטונג געבן. תמרלע וועט נישט פאַרלוירן גיין.

— תודה — ענטפערט תמר — תמר דאַרף נישט קיין שומרים אויף זיך. איך קען מיין שטעטל אַליין באַשטיין.

אַן אַ פייף, אָן אַ קלונג הייבט די קאַלייקע זיך צו רירן. זי קרעכצט נעבעך ווי זי וואָלט זיך געבעטן, אַז מען זאָל זי אונטערשטופּן. די מאַשין איז קליין, אַלט, פאַרזשאַווערט, נאָך פון די טערקישע צייטן. זי אַליין האָט נישט קיין כוח צו גיין, האָט מען איר נאָך צוגעשפּאַנט צוויי וואַגאָנדלעך.

— אַ צער בעלי חיים, אַ רחמנות — זאָגט צביקע.

די צוויי אַראַבער זיצן אין איין וואַגאָנדל און איטשע אין צווייטן, מיט די פיס אַראָפּגעלאָזן אין דרויסן. אַלע פּאַכן מיט די הענט אַזוי לאַנג ביז זיי פאַרלירן זיך פון די אויגן. איטשע קוקט אויף דער לאַנדשאַפט און זעט גאָרנישט. אָרעם איז דאָס בילד. געלע, פאַרדאַרטע, שטעכעדיקע קוצים. מען זעט נישט קיין בוים, קיין הייזקע. דאָס באַנדעלע שלעפּט זיך פאַמעלעך, לאַנגזאַם ווי אַ קעמל. אָט באַווייזט זיך טאָקע אַ קעמל. ווי מיאוס ער איז. אויפן פּאַפּיר, געזען אין חוץ־לארץ, האָט ער עפּעס אַנדערש און שענער אויסגעזען. ער פרעסט די שטעכעדיקע קוצים און קייט פאַמעלעך מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. איטשע טראַכט: דאָס איז דאָס לאַנד פון אונדזערע אבות אבותינו, וואָס איז אַמאָל געווען ארץ זבת דבש וחלב; דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס האָט איינגעזאַפּט דאָס בלוט פון אונדזערע אָבות; דאָס איז דאָס לאַנד פאַר וועלכן זיי האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט, נישט געלאָזט זיך פאַרשקלאַפן. זיי האָבן ליב געהאַט פרייהייט, פריי לעבן, פריי דינען דעם איינציקן גאָט פון דער גאַנצער וועלט, דעם גאָט פון ישראל; זיי האָבן געוואָלט פירן זיך לויט זייערע אייגענע געזעצן און מנהגים. און יעצט ווי זעט עס אויס — פאַרוויסט, פאַרווילדעוועט, פאַרנאַכלעסיקט. צוויי טויזנט יאָר האָבן דיך דיינע קינדער פאַרלאָזט, מאַמע ארץ־ישראל, און יעצט קומען זיי צוריק צו דיר. זיי האָבן די גאַנצע צייט נישט פאַרגעסן אָן דיר, געבענקט. מיר וועלן דיך אויסהיילן פון אַלע קראַנקייטן, מיר וועלן דיך צוריק שיין מאַכן, מיר וועלן דיר צוריקגעבן דיין אמתן, נאַטירלעכן, אַמאָליקן אויסזען... איטשע נעמט דעם ליידיקן זאַק, לייגט אים צו קאָפּנס און לייגט זיך אַוועק. עס פליִען אין זיין מוח פאַרביי דערינערונגען, בילדער ווי אין קינאָ; ער דערמאָנט זיך דאָס אומלעגאַלע פאָרן קיין ארץ־ישראל, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות... עס ווילט זיך אים שלאָפן, אָבער ער האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות. פאָרט אַליין מיט דריי אַראַבער. ענדלעך דערזעט ער אַ כאַטקע, ווייזט אויס שוין נאָענט צו חיפה.

אין חיפה

איבערגעקומען בשלום דעם וועג לאָזט זיך איטשע גיין, סתם גיין אָן אַ ציל. חיפה איז אַ שטעטל ווי יפו: שמוציק, נישט־אַנגענעמע ריחות, וועלכע עס איז שווער צו פאַרטראָגן, פאַרלאָזן. קינדער באָרוועסע, נאַקעטע, ברודיקע מיט פאַרשיידענע עקזעמען, זוכן אין די מיסטן. אין אַלע מיסטקאַסטנס זענען זיי פול, אַזוי ווי די פליגן. אַלץ איז ביי זיי אַ מציאה — אַ שטיקל ברויט, אַ צעריסענער שוך, אַ שטיקל זאַק, אַ שמאַטע. קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער דרייען זיך ביי די ירקות־פאַרקויפער, אפשר וועלן זיי קענען עפּעס אַראָפּכאַפּן.

די גאַס איז אַ לאַנגע, נישט קיין גלייכע, מיט קרומע אומגעלומפּערטע ווינקלען, איין הויז אַרויסגערוקט, איינס אַריינגערוקט, ווי איינעם געפעלט. די גאַס ציט זיך ביז דער דייטשער קאָלאָניע.

הגם זי געפינט זיך אויך אין שטאָט, דאָך רופט מען זי דייטשע קאָלאָניע. דייטשן האָבן געבויט און דייטשן וווינען דאָרט. דאָ זעט שוין אויס לייטישער. די הייזער געבויט פון שטיינער אין סטיל פון דייטשע דאָרפישע הייזקעס מיט לענגלעכע דעכער ווי מיט גרויסע נעז.

אַלע חיפהער הייזער זענען אַלטע, אָן לאָדנס. אַנשטאָט לאָדנס זענען דאָ קראַטן נישט געפאַרבטע. עס זעט אויס ווי יפו, ווי נוה־שלום. די איינוווינער זענען אַראַבער, געמישט מיט יידן.

גייענדיק זעט איטשע אַ פּלאַקאַט אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן אַ טרעפונג מיט לאָרד רידינג און פּראָפ. חיים ווייצמאַן. איטשע באַדויערט, וואָס ער איז נישט געקומען מיט צוויי טעג פריִער. אַזעלכע וויכטיקע

פערזענלעכקייטן צו הערן. אָבער באַלד הערט ער אויף צו זאָרגן דער־וועגן און נעמט זיך טראַכטן וועגן נעכטיקן ערגעץ, אפשר אין אַ שול? ער דרייט זיך איבער אַלע געסלעך און זעט נישט קיין באַקאַנט פּנים. עס הייבט אים אָן באַנג טאָן, וואָס ער איז אַוועק פון די חברים, פון כביש. אַ שטיקל ברויט איז געווען, ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן אויך, עמיצער האָט געזאָרגט פאַר אים. צרות רבים חצי נחמה. און דאָ קען ער קיינעם נישט און קיין טאָלער אין קעשענע איז נישטאָ. באַלד אָבער קלערט ער זיך איבער. ער איז דען אַוועק מיטן אייגענעם גוטן ווילן? דער דאָקטער האָט אים געהייסן אומבאַדינגט טוישן טבריה, אויב ער וויל פּטור ווערן פון דער מאַלאַריע.

מיט נישט־פריילעכע געדאַנקען גייט ער אַזוי און קומט אָן צום ים און דערזעט אַ שילד „בית עולים". איטשען נעמט אָן אַ חשק צו טרעפן עמיצן. אפשר איז ווער געקומען. אַריינגעקומען הערט ער אַ געפּילדער און זעט ווי גאַנצע משפּחות ניי־געקומענע זיצן אויף די פּעקלעך. ער פרעגט זיך ביי זיי און געפינט נישט קיין מענטשן פון זיין שטעטל.

דערווייל טיילט מען טיי מיט ברויט און רבה. אויך איטשע נעמט אַ פּאָרציע. ער צערעדט זיך מיט די אָנגעקומענע וועגן דער לאַגע דאָרט. זיי דערציילן, אַז דאָרט איז זייער שלעכט, ערגער נאָך ווי דאָ. איטשע בלייבט שוין שלאָפן אין אַ ווינקל נישט אויסגעטאָן, ווי אַלע דאָ.

אין דער פרי דער זעלבער טומל. מען טיילט ברויט מיט טיי. איטשע עסט זיך אָן, בעט נאָך אַ פּאָרציע. אָנגעגעסן זיך זאַט, גייט ער אַרויס ווידער אין שטאָט זוכן אפשר וועט ער מצליח זיין. גייענדיק אַזוי דער־מאָנט ער זיך, אַז ער האָט דאָך אַן אָנונג אין בעקעריי. אין דער היים האָבן זיינע עלטערן געהאַט אַ קליינע בעקעריי. איטשע אַליין האָט נישט געאַרבעט, אָבער עפּעס אַן אָנונג האָט ער געהאַט. פּסח־צייט פלעגט ער צוהעלפן אויך אַלס שיבער ביי מצות באַקן. טאָ פאַר וואָס זאָל ער, איטשע, דאָ נישט פּרובירן זוכן אַרבעט אין אַ בעקעריי. ער גייט פאַרביי אַ קלייטל פון ברויט און פרעגט זיך וועגן דער בעקעריי. דער קרעמער פרעגט אים צוליב וואָס ער דאַרף די אַדרעס פון דער בעקעריי. ווען איטשע זאָגט אים, אַז ער זוכט אַרבעט אַלס בעקער צעשמייכלט זיך דער

קרעמער און זאָגט, אַז ער אַליין האָט די בעקעריי. עס אַרבעטן בײַ אים עטלעכע פּועלים. מיט צוויי טעג צוריק איז איינער אַוועק און נישט געקומען צוריק. יענער איז אַוועק אָן אַ זײַ געזונט, ער איז געוועזן אַן אַראַבער. דער קרעמער לייגט פאָר איטשען צו גיין אַרבעטן. ער איז גאָר צופרידן צו האַלטן אַ ייד. ער גיט אים די אַדרעס.

— נישט ווייט פון דאַנען, אַ פופצן מינוט, וועסטו זען אַן אַראַבישע הייזקע. דערנעבן איז דאָ די בעקעריי. אויף אַראַביש הייסט דאָס „פאַראָן" און ברויט הייסט „חוביץ".

די בעקעריי געפינט אין אַן אַראַבישער שכונה. איטשע האָט נאָך אַ ביסל צייט. שפּאַצירט ער און חזרט זיך איין דאָס אַראַבישע וואָרט „פאַראָן" — בעקעריי. אָנגעקומען אַהין האָט ער דערזען די בעקעריי אין אַ שטאַל, אָן אַ פּאָדלאָגע. אַ פינצטערניש, אַלץ איז פאַרקאָפּטשעט פון רויך און סאַזשע. אַרײַנגעקומען האָט געדויערט אַ ווײַל ביז ער האָט זיך צוגעוווינט און דערזען אַרומדרייען זיך צוויי מענטשן. איינער הייסט שלום, אַ ספרדישער בחור, וואָס רעדט אַ צעבראָכענעם יידיש. איטשע דערציילט אים אָפנהאַרציק אַלץ. ער וויל זיך אויסלערנען דאָס פאַך. דער שלום איז זייער צופרידן, ווײַל צוליבן אַוועקגיין פון יענעם אַראַבער, פאַלט די גאַנצע אַרבעט אויף אים און אויפן צווייטן פּועל אַבדאַלאַ. שלום איז דער אויוון־אַרבעטער און אַבדאַלאַ — דער קנעטער. שלום גיט איטשען אַ פאַרטעך און ווײַזט אים וואָס ער האָט צו טאָן.

אַזוי איז אַוועק די ערשטע נאַכט אַרבעט. אין דער פרי איז געקומען דער באַלעבאָס און אויף אַראַביש גערעדט מיט די פּועלים, ווײַזט אויס געפרעגט אויף איטשען. לויט די מינעס האָט ער געזען, אַז עס איז גוט. דער באַלעבאָס גיט איטשען נאָך אַן אויפגאַבע: יעדן פרימאָרגן אָנלאָדענען צוויי קאַסטנס מיט ברויט, נעמען דאָס אייזעלע, אַליין זיך אַרויפזעצן און אָפּפירן דאָס ברויט אין געוועלבל. דערנאָך געבן עסן דעם אייזל. ווינען וועט ער מיט שלומען אין איין צימער, פרייטיק באַקומט מען שכירות. דערווײַל האָט ער אים געגעבן אַ פאָר טאַלער.

איטשע וואָרט נישט מען זאָל אים לערנען. ער כאַפּט זיך צו יעדער פאַכאַרבעט. עס גייט נישט דערווײַל, אָבער ער שפּירט, אַז ער וועט עס

קענען. מיט די צווי פּועלים פאַרשטייט ער זיך אויפן ווונק. זיי דאַרפן אים צווייטן מאָל נישט זאָגן וואָס מען דאַרף טאָן. אַזוי איז אַוועק די גאַנצע וואָך. פרייטיק האָט איטשע באַקומען די משכורת. דער באַלעבאָס האָט דערוויַיל נישט אָראָפּגערעכנט דעם אַוואַנס. די משכורת איז צוואַנציק טאַלער אַ טאָג. דער באַלעבאָס לאַדט אים אויך איין אויף שבת.

איטשע איז גליקלעך. באַזונדערס איז ער גליקלעך, וואָס די מאַלאַריע טשעפּעט אים נישט. ער שרייבט אַן עטלעכע בריוו, צו תמרן און צו דער חברה. מיד פון אַ גאַנצער וואָך לייגט זיך איטשע שלאָפן און כאַפּט אַ טיפן שלאָף, פאַרגעסנדיק וועגן דער איינלאַדונג פון באַלעבאָס. אָבער דער באַלעבאָס האָט נישט פאַרגעסן. ער האָט אים אויפגעוועקט און מיטגענומען.

עס איז געווען אַ פרומע שטוב. ליכט אין די לייכטער. אַ געדעקטער טיש מיט וויין און חלות צוגעדעקט מיט אַ שיין טישטעכל. איטשע באַמערקט באַלד דעם אונטערשיד אין עלטער פון באַלעבאָס און זיין פרוי. זי זעט אויס ווי זיין טאָכטער. זי איז זייער אַ שיינע. די גאַנצע וועלט חן ליגט אויף איר, ממש בלוט און מילך. איטשע דאַוונט אָפּ שנעל און פאַרברענגט מיט די באַלעבאַטים ביים עסן.

אַריבער אַ פּאָר וואָכן און איטשע האָט זיך שוין אויסגעלערנט דאָס פאַך. מיט די חברים פון דער אַרבעט גייט אויך נישט שלעכט. זיי גייען צוזאַמען אין קאַפע. אַבדאַלאַ רויכערט פון אַ פלאַש מיט אַ קישקע, איטשע מיט שלומען טרינקען קאַווע פון קליינע טעפּלעך, זיצן אויף די נידעריקע בענקלעך. אַבדאַלאַ לאָזט נישט איטשע זאָל צאָלן — ער איז זיין גאַסט. אויך די באַלעבאָסטע איז צו איטשען צוגעלאָזן, זוכט אַ געלעגנהייט מיט אים צו רעדן. זי פאַרהאַלט אים אַלע מאָל, גיט אים אַ גלאָז טיי. זי האָט אפילו אים פאַרגעשלאָגן צוצונעמען ביי אים די אומריינע וועש, ווייל סיי ווי וואַשט ביי איר אַן אַראַבקע.

איין מאָל האָט אַבדאַלאַ פאַרבעטן איטשען מיט שלומען צו זיך אין שטוב. ער האָט נישט קיין פרוי. דיווירטשאַפט פירט אים אַ יינגערע שוועסטער . ער בעט שלומען ער זאָל איטשען מיטנעמען.

פרייטיק זענען ביידע בחורים אַוועק צו אַבדאַלאַן. שלום גייט

אַנגעטאָן אַ רויטע פּעסקע. אַבדאַלאַס שטוב איז אויך מיט קליינע פענצטער, באַוואָרנט מיט אייזערנע שטאַכעטן. אַבדאַלאַ דערפרייט זיך מיט זיי און פירט זיי אַריין אין שטוב. אין שטוב איז געווען ווייניק מעבל, אַ גרויסער שטיח אויסגעשפרייט אויף די באַלאַטעס און אַרום אַ סך קאָלירטע קישעלעך. אויפן וואַנט אַ הייליק בילד.

די שוועסטער איז אַ יונגע, פול מיט חן. זי גייט געקליידט איירא־פּעיש, זייער נאַטירלעך. די האָר פאַרפלאָכטן אין לאַנגע צעפּ. אַבדאַלאַ שטעלט זי פאָר:

— מאַריאַ, מיין שוועסטער. זיי מוחל, קום אַהער און נעם אויף מיינע געסט, און באַקען זיך מיט מיינע גוטע חברים מיט וועלכע איך אַרבעט צוזאַמען. איינער איז שוין לאַנג אין לאַנד, ער קומט פון דער הייליקער שטאָט ירושלים. ער הייסט שלום. דער צווייטער איז אַ נייער און מען רופט זיי מאָסקאָבים, ווייל זיי שטאַמען פון רוסלאַנד. זיין נאָמען איז איטשע. דאָס איז מיין שוועסטער מאַריאַ. זייט באַקאַנט.

מאַריאַ גיט די האַנט מיט אַ העפלעכן פאַרנויג און מיט דער רעכטער האַנט ביים האַרצן לאַדט זי זיי איין צו פאַרנעמען ערטער אויפן שטיח, גיט זיי קישעלעך אונטערצושפּאַרן זיך. נישט אַבדאַלאַ און נישט מאַריאַ זעצן זיך פריער ווי די געסט.

אַבדאַלאַ באַמערקט ווי איטשען איז שווער זיך אַוועקצוזעצן און ער ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט די פיס לייגט ער אים פאָר אַ קליין בענקעלע. אָבער איטשע זאָגט זיך אָפּ, ער וויל נישט זיין קיין אויסנאַם. אַבדאַלאַ טרייסט אים און רעדט אים צו:

— דערווייל האָסטו נישט קיין אַנדערע ברירה ווי זיין אַ ביסעלע העכער ווי מיר. וועסט זיך אויסלערנען זיצן ווי מיר. אויב האָסט געקענט אַזוי שנעל אויסלערנען זיך בעקעריי וועסטו זיך די מלאכה פון זיצן אויך אויסלערנען. ביסט אַ נייער אין לאַנד וועלן מיר דיר די זינד פון זיצן העכער פאַרגעבן. אמת?

שלום און מאַריאַ שמייכלען אונטער און זענען מסכים. אָבער איטשע פילט זיך נאָך אַלץ נישט גוט. אַבדאַלאַ זעט זיין פאַרלעגנהייט און בעט

אים, אַז ער זאָל זיך נישט שעמען און פרעגן וואָס ער וויל. איטשע דערקלערט זיי:

— אָט אין דער צייט, וואָס איך געפין זיך דאָ, איז מיר שווערלעך צו פאַרשטיין עפּעס, אָבער עס איז מיר נישט אָנגענעם צו פרעגן, ווייל עס רירט אָן אַ דריטע פּערזאָן.

— די דריטע פּערזאָן מײנסטו אפשר מיך — רופט זיך אָן מאַריאַ מיט אַ שעמעוודיקן, שטילן טאָן — זיי אַ ביסעלע דרייסטער, רעד, זאָג און פרעג, מיין ברודערס גאַסט און אונדזער אורח, מיין ברודערס גאַסט איז אויך מיין גאַסט, זיי אָפן, פרעג. פאַר פרעגן קומט גאָר נישט. מיר וועלן זיין צופרידן, אַז מיר וועלן קענען ריכטיק ענטפערן, דעם אמת.

איטשע און שלום האָבן זי אָנגעקוקט מיט דרך־ארץ און אויפמערקזאַם.

— איך בין אַן אורח — זאָגט איטשע — דאָס ערשטע מאָל ביי אייך אין שטוב. דאָס ערשטע מאָל דיך באַקענט.. איך האָב נישט געוווסט, אַז דאָ געפינט זיך אַזאַ הערלעכע, סימפּאַטישע פרוי. ווען איך וואָלט פריִער געוווסט דערפון, וואָלט דער באַזוך אַנדערש אויסגעזען. שיין זענען דיינע ווערטער. נעם עס נישט אָן פאַר חניפה. ווי חרוזים, ווי פּיוטים זענען דיינע רייד. אפילו פון אונדזערע אייראָפּעיִשע בחורות האָב איך נישט געהערט אַזאַ רעדן. זאָל דיך נישט פאַרדריסן מיין דרייסטקייט. זאָל דיך אויך נישט פאַרדריסן, ווי אויך מיין געערטן חבר אַבדאַלאַ, מיין באַלעסטיקן אייך צו ענטפערן אויף מיינע שאלות.

— חס ושלום — זאָגט מאַריאַ און לייגט צו די האַנט צום האַרצן.

— זיי פריי און שעם זיך נישט — זאָגט אַבדאַלאַ אויך צולייגנדיק די האַנט צום האַרצן — רעד אַזוי ווי דו וואָלסט גערעדט מיט דיינס אַ ברודער און שוועסטער. זיי דרייסט, ווי שווער דיינע ווערטער זאָלן נישט זיין וועט חס ושלום נישט זיין דער מינדעסטער פאַרדראָס סיי פון מיר, סיי פון מיין שוועסטער. וואָס דו זאָלסט נישט פרעגן וועט עס נישט דערווייטערן מיין פריינדשאַפט צו דיר.

אַלע שטעלן אַן מויל און אויערן, ווילן שוין וויסן וואָס אַזעלכעס

איטשע האָט צו פרעגן. אָבער ער איילט זיך נישט. פאַמעלעך זאָגט ער צו זיי:

— מיין חבר און פריינד, עס פרייט מיך זייער צו האָבן אַזאַ פריינד און חבר ווי דו. אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט קנה לך חבר. אויב דו האָסט נישט, האָסטו זיך נישט גענאַרט אין מיר. איך בין דיר אויך דער זעלבער גוטער פריינד. אָבער זייט נישט אַזוי ערנסט. מיין פראַגע איז נישט אַזאַ וויכטיקע. מיר דוכט זיך, אַז אַן אַראַבישע פרוי, אָדער בחורה, גיט נישט די האַנט צו קיין מאַן, און אויך דאָס פּנים פאַרשטעלט זי פאַר אַ פרעמדן מאַן. און דאָ זע איך עפּעס אַנדערש.

מאַריאַ און אַבדאַלאַ שמייכלען און קלערן אויף איטשען:

זיי האָבן געמיינט וואָס פאַר אַן אומאָנגענעמע פראַגע ער האָט צו שטעלן. די שאלה איז אַ ריכטיקע. עס זענען פאַראַן אַראַבער מוסולמענער און קריסטן. צווישן זיי איז אַ גרויסער אונטערשייד אין די מנהגים, באַזונדערס וואָס שייך פרויען. די קריסטלעכע אַראַבער פירן זיך ווי אַלע אייראָפּעיִשע מענטשן. זייערע פרויען מעגן געבן אַ האַנט אַ מאַן. דאַ־קעגן ביי די מוסולמענער מוז די פרוי פאַרדעקן דאָס פּנים. ביי די רייכע, וועלכע קויפן זיך צו עטלעכע פרויען, האָבן זיי אַ באַזונדערן הויף. זעלטן גייען זיי אַרויס און אויב יאָ איז אונטער דער השגחה פון אַ מאַן. דער הויף איז פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן. פרעמדע נעמט אויף דער מאַן אין אַ באַזונדער אָרט און נישט אין דער קעגנוואַרט פון די פרויען.

— אַזעלכע פּנימער — באַמערקט גאַלאַנט איטשע, ווענדנדיק זיך צו מאַריאַ — איז אַן עבירה צו פאַרשטעלן. אַזוי קאָנען מיר באַוווּנדערן גאָטס מייסטערשאַפט.

— זייער אַ שיינער, הערלעכער אויסדרוק — איז שלום מסכים — אָבער אַזעלכע ווערטער קענען נאָך מאַריאַן פאַרשעמען.

— מיין חברס שוועסטער דאַרף זיך נישט שעמען. — זאָגט איטשע — דאָס איז נישט קיין בושה פאַר אַ בחורה, בפרט ווען עס איז נישט קיין ליגנט. איך האָב געזאָגט דעם אמת. זי דאַרף גאָר לויבן און דאַנקען זיין ליבן נאָמען פאַר זיינע געשענקטע מתנות, וואָס ער האָט איר געגעבן,

נישט פרעגנדיק אפילו ביי איר. באַזונדערס ווען זי אַליין העלפט נישט צו צו דעם.

— איך שעם זיך נישט דערמיט — זאָגט מאַריאַ — איך הער עס אָפט מאָל, אָבער אַנדערש אויסגעדריקט. אייער אויסדרוק איז אין אַ גאַנץ אַנדערער פאָרם. איך האָב נישט ליב קיין קאָמפּלימענטן. איך באַטראַכט עס ווי חניפה. ביי דער אַרבעט הער איך אַלע מאָל שבחים. איך לייג אָבער נישט קיין אַכט דערויף. ברכות און ווונטשן באַקום איך אַזוי פיל, אַז איך וואָלט געקענט איינטיילן פאַר פיל מענטשן.

— אונדזערע חכמים זאָגן — רייסט איר איבער איטשע — אַל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך, מען דאַרף נישט גרינגשעצן קיין ברכה אפילו פון אַ פּראָסטן מענטש.

— חס ושלום — ענטפערט מאַריאַ — איך נעם צו אַלע ברכות מיט אַ דאַנק. נאָר אַזאַ באַטעמטן און געלונגענעם אַרויסזאָגן זיך וועגן מיר ווי אייערע האָב איך נאָך נישט געהערט.

— אין וועלכע שפּראַכן הערסטו זיך אָן די אַלע ווונטשן און ברכות? — פרעגט שלום.

— וואָס איז וויכטיק — שמייכלט מאַריאַ — ברכות קען מען אָנגעמען אין אַלע שפּראַכן. איך האָב ליב מיין אַרבעט, וואָס פאַרגרינגערט די ליידן פון מענטשן. די אַראַבער שרעקן זיך פאַר אַ זריקה, האָבן מורא צו גיין אין בית־חולים. זיי היילן זיך בעסער מיט אָפּשפּרעכונגען, בלעטער, מיט היימישע שטוב־רפואות, אָדער זיי פאַרלאָזן זיך אויף אַללאַ, אַז ער וועט וועלן וועלן זיי געזונט ווערן. דעריבער מוז איך אויך די מענטשן אויפקלערן, העלפן, לאַכן מיט זיי. אַ שווערע, קאָנצענטרירטע אַרבעט, אָבער אַ נוצלעכע.

— זיי האָבן טענות צו דעם אַנגליזי — זאָגט אַבדאַלאַ — ביים טערק האָט מען גאָרנישט געוווּסט פון דעם אַלעם. נישט מיין טאַטע, נישט מיין זיידע. עס זענען דאָ אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן, וועלכע מען מוז איזאָלירן, אָוועקשטעלן אַ שמירה, אַנישט אַנטלויפן זיי און באַהאַלטן זיך אויס.

— דאָס זענען פּרימיטיווע מענטשן — באַמערקט איטשע — האַלב

ווילדע, וואָס שרעקן זיך פאַר יעדער מאָדערניזאַציע. צי קומען אויך אַן יידן זיך צו היילן?

— דאָס איז אַ רעגירונגס־שפּיטאָל — ענטפערט מאַריאַ — דאָרטן ווערן אָנגענומען אַלע קראַנקע, יידן, מוסולמענער, קריסטן, אָן אונטערשייד.

אַבדאַלאַ רויכערט שטיל די נאַרגילע. ער איז פאַרטראַכט ווי אין חלום. דאָס רייכערן באַרויִקט אים די נערוון.

— ידיד אַבדאַלאַ — פרעגט אים איטשע — קענסט מיר זאָגן דעם אונטערשייד פון רייכערן סיגאַרעטן ביז רייכערן פון דער פלאַש מיט דער רויטער קישקע?

— דאָס הייסט נאַרגילאַ — שמייכלט אַבדאַלאַ — דאָס איז אָנגע־נעמער און געזונטער. דער רויך גייט אַדורך דורכן וואַסער פון דער פלאַש, רייניקט זיך דורך און דאַן ערשט שלינגסטו אים, נישט ווי ביי סיגאַרעטן ווען דו רויכערסט און שלינגסט באַלד אַריין אַלע שעדלעכקייטן. זעסט ווי דאָס וואַסער מאַכט בולבעלעך, ווי עס וואָלט געקאָכט, דאָס איז די ריי־ניקונג. איך בלאָז צוערשט אַריין דעם רויך אין וואַסער, דערנאָך ערשט טו איך דעם גערייניקטן רויך פון טאַבאַק שלינגען אין זיך.

— מען דאַרף אַ מאָל פּרובירן — זאָגט איטשע — זאָג מיר, מיין חבר, האָסט נאָך דאָ אין חיפה משפחה?

— אונדזער גאַנצע משפחה איז אין ביירוט, לבנון, — ענטפערט גערן אַבדאַלאַ — איך, ווי דו ווייסט, בין אַ בעקער, און מיין שוועסטער איז אַן אחות ראשית אין שפּיטאָל. זי איז נאָך געווען אַ דיפּלאָמירטע אחות אין ביירוט.

— קען זי רעדן ענגליש? — איז איטשע נייגיריק — דוכט זיך אין ביירוט רעדט מען פראַנצייזיש.

— זי רעדט עטלעכע שפּראַכן — קלערט אויף אַבדאַלאַ — פראַנ־צייזיש, ענגליש, אַראַביש, טערקיש, איטאַליעניש, אַ ביסל גריכיש, דאָ געלערנט עברית, און נאָך...

— עס איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז די מענטשן פון מזרח האָבן אַ ספּע־ציעלן טאַלאַנט צו שפּראַכן. — זאָגט איטשע און פרעגט ווייטער — ווו האָט מאַריאַ געלערנט זיך אַלס אחות?

— וואָס הייסט ווו? — חידושט זיך אַבדאַלאַ — אין ביירוט. זי האָט געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג. מיר זענען געבוירענע אין ביירוט. מאַריאַ האָט געהאַט עטלעכע פאָרשלאָגן וועגן אַרבעט. נאָר דאָ האָט מען געצאָלט מער. נישט וועלנדיק איר אַליין לאָזן פאָרן בין איך מיטגעפאָרן קיין חיפה.

— מיר שמועסן און האָבן זיך אַזוי פאַררעדט, אַז מיר האָבן פאַרגעסן מכבד צו זיין אונדזערע געסט — כאַפּט זיך מאַריאַ אויף און גייט דער־לאַנגען כיבוד.

שלום לייגט די האַנט אויפן האַרצן און דאַנקט. איטשע, וואָס האָט ליב אַ ביסל רעדן, רופט זיך אָפּ צו מאַריאַן:

—עס וועט זיין פאַר אונדז אַ גרויסער כבוד און פאַרגעניגן באַדינט צו ווערן פון דיין האַנט. גיב וואָס דיר איז לייכטער און מיר וועלן מיט פאַרגעניגן געניסן. אָבער עס מוז נישט זיין שוין. דאָס רעדן און שמועסן מיט אייך דאָס איז דער שענסטער און טייערסטער כיבוד.

— האַרציק זענען דיינע ווערטער — דאַנקט אים מאַריאַ — פאַר מיר איז אַ גרויסער כבוד צו באַדינען אייך. ביי אונדז איז אַ גרויסע מצוה מכבד צו זיין אורחים, בפרט מיין ברודערס חברים און פריינד, וועלכע זענען אויך מיינע פריינד. מיך האָט מען געלערנט, אַז אַ מצוה דאַרף מען נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער, נאָר תיכף זי מקיים זיין, נישט לאָזן דעם אורח מיד ווערן.

שנעל ברענגט זי קאַווע, אַ קרוג קאַלט וואַסער, שטעלט אַרויף מאַנדלען, ניסקייטן, פּרוכט. זי זעצט זיך צוריק, דאָס מאָל שוין אַ ביסעלע נעענטער צו איטשען. מען ווינטשט זיך פאָרן געזונט, פאַר שלום צווישן מענטשן. די געסט לויבן שטאַרק די קאַווע, די באַלעבאַטים קלערן אויף ווי אַזוי מען מאַכט טערקישע קאַווע. איטשע שטעלט ווייטער פראַגן:

— זענט איר אויך ניי־געקומענע, ווי איך? ווי לאַנג זייט איר שוין אין לאַנד? איז חיפה ענלעך צו ביירוט?

— קיין פאַרגלייך — זאָגט אַבדאַלאַ — ווי קומט חיפה צו ביירוט? ביירוט איז אַ גרויסע שטאָט מיט וועגן, טראַמוואַען, עלעקטרישע באַלייכ־טונג. חיפה זעט אויס ווי אַ פאָרשטאָט פון ביירוט. אַנדערע גאַסן, אַנדערע

הייזער, אַנדערע מענטשן. ביירוט האָט גערטנער, קינאָס, שיינע קאַפעען...

— טוט איך נישט באַנג? האָט איר נישט חרטה אויף דעם טויש, וואָס איר האָט געמאַכט?

— איך וואָלט געפלויגן צוריק אַהין יעדע מינוט — זאָגט מאַרי:אַ — אַזוי ווי דו וואָלסט געלייענט מיינע געדאַנקען. מיר האָבן געמאַכט אַ טעות. איך בין געקומען צוליב די פּאָר פונט, וואָס איך האָב דאָ מער ווי אין ביירוט.

— קענסטו דאָך צוריקפאָרן — זאָגט איטשע — ווער שטערט דיר?

— ניין — ענטפערט מאַרי:אַ — איך האָב געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט דער רעגירונג אויף דריי יאָר, מיט די רעכט צו פאַרלענגערן אויף נאָך דריי יאָר...

— לאָמיר בעסער זיך אומקערן צו דער פרי:ערדיקער טעמע — זאָגט איטשע — אין וועלכן זין איז דער אונטערשייד אַזוי גרויס צווישן לעבן דאָ און אין ביירוט?

— אין אַלע הינזיכטן — ענטפערט אַבדאַלאַ — מענטשן, קליידונג, עסן, קלימאַט. אין לבנון קומען אַ גאַנץ יאָר טוריסטן. מענטשן קומען, בייטן זיך. אַלע בראַנזשעס לעבן אויף. ביירוט האָט אַ סך געלערנטע, עס זענען פאַראַן אַ סך לערן־אַנשטאַלטן, שולן, מיטלשולן, אויך אַן אוני־ווערסיטעט, קלובן, סטודענטן פון אַ סך לענדער און פעלקער. דאָס גאַנצע לאַנד איז בערגיק. דער קלימאַט אַ געזונטער, אַ לופטיקער. פון אומעטום קומט מען קיין לבנון זיך אָפּרוען. עס איז דאָ וווּ צו גיין פאַרברענגען: האָטעלן, סינעמאַס, גערטנער, קאַפעען. עס טרעטן אויף טענצער, אַרטיסטן. אַ גאַנצע נאַכט באַוועגן זיך מענטשן אין ביירוט, נישט ווי דאָ פינצטער, חושך, אַ פּחד באַפאַלט מיטן צופאַלן פון אָוונט. צי האָסטו געזען אַן אַנדער אָרט חוץ חיפה? דאָס איז דאָך די גרעסטע שטאָט אין פּאַלעסטינע. קען איך מיר שוין פאָרשטעלן אַנדערע ערטער.

— פּאָר אונדז פרויען — גיט צו איר באַמערקונג מאַרי:אַ — איז די לאַגע דאָ באַזונדערס שווער. גייסט מיט אַן אָפּגעדעקט פּנים איז אומ־מעגלעך אַדורכצוגיין די גאַס, אַפילו אין מיטן שטאָט. אַלע מענער, יונג און אַלט, קוקן דיר נאָך מיט שפּיזיקע וואָלפישע תאווהדיקע אויגן, אַז

אַ שרעק באַפאַלט דיך. די פרויען דאָ גייען צוגעדעקט דאָס פּנים מיט אַ גלימה אַ שוואַרצער, ווי שדים־געשטאַלטן. שוואַרצער טוך דעקט צו די הענט און פיס. אַפילו די באַרוועסע ברודיקע פיס זענען באַהאַלטן אונטער לאַנגע קליידער, וואָס קערן די גאַסן און הייבן אויף אַ שטויב. אַלץ דער מאַן זאָל חלילה נישט מערקן אַ מילימעטער פון זייער קערפּער. איך וועל קיין מאָל זיך נישט קענען צוגעוווינען צו זייער פירונג. זיי טאָרן נישט זיין אין דער געזעלשאַפט פון מענער, זיי זיצן אויף דער ערד, דאָס קלייד מוז זיין אַרונטערגעבויגן. ביי אונדז אין לבנון זענען די מערהייט קריסטן, און אַפילו די מוסולמענער זענען נישט אַזוי ווילד ווי די היגע.

— נישט צום פאַרשטיין — באַמערקט שלום — צווייי לענדער, נאָענט צו זיך. פריִער האָבן זיי געהערט צו איין באַלעבאָס, צום טערק. אפשר קענסטו אונדז דערקלערן, איטשע, ביסט דאָך אַ מער אויפגעקלערטער.

— אויף יעדער זאַך איז דאָ אַ פּשט — דערקלערט איטשע — איך וויל קודם־כל ענטפערן אויף דער פראַגע פון מיין חברס שוועסטער, פאַר וואָס מען קוקט דאָ אַזוי נאָך אַ פרוי מיט אַן אָפּגעדעקט פּנים. איך וועל אָבער אויסמיידן צו רעדן, ווייל איך וועל מוזן באַנוצן ווערטער, וואָס זענען נישט פּאַסיק אין דער געזעלשאַפט פון אַ פרוי.

— מיין מיינונג איז — זאָגט אַבדאַלאַ — אַז איטשע זאָל יאָ דערקלערן. זאָל מיין שוועסטער פאַרשטיין די שעדלעכקייט. מיר זענען שוין נישט קיין קליינע קינדער. אָן חרפּה און בושה וואָלטן זיי זיך געוואָרפן מיט זייערע תאווהדיקע גלוסטן אויף זייער רויב.

— דאָס איז אָפּהענגיק פון דעם גאַנצן קולטור־צושטאַנד פון די מענטשן. זיי זענען פאַרווילדעט געוואָרן — קלערט איטשע אויף — זיי זענען געוואָרן ווי חיות. וואָלט געווען אַ העכערע קולטור, וואָלט מען געלעבט מאָדערן, מענער און פרויען אין איין געזעלשאַפט וואָלט דאָס אַלץ נישט געווען. שלום האָט געפרעגט וועגן די אונטערשיידן צווישן לבנון און פּאַלעסטינע, אייגנטלעך צווישן אַלע שכנותדיקע לענדער און פּאַלעסטינע. דאָס האָט אַ היסטאָרישע סיבה. אין די יידישע אגדות און אין דער יידישער געשיכטע ווערט דערציילט, אַז אַלע הערשער, וועלכע האָבן דאָ רעגירט זייט דעם פאַרטרייבן די יידן פון ארץ־ישראל, אַלע

מושלים זענען געווען פאַראינטערעסירט נישט לאָזן באַזעצן דאָס לאַנד, לאָזן עס הפקר און ווילד. זיי האָבן גערן געמאַכט פון לאַנד אַ מדבר. זיי האָבן אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע געזעצן, גזירות און פאַרבאָטן, כדי דאָס לאַנד זאָל זינקען, מער חרוב ווערן. זיי האָבן פאַרטריבן די יידן, טאָ לאָזט באַזעצן זיך אַנדערע. אויך דאָס האָבן זיי נישט צוגעלאָזט.

— פאַר וואָס? — פרעגט אַבדאַלאַ.

— איך ווייס נישט — ענטפערט איטשע — אפשר נקמה, אָדער אַ געהיימער אָפּמאַך, וואָס איין מושל ווייזט איבער אַ צווייטן אין דער שטיל. אונדזערע פרומע זאָגן, אַז גאָט וויל נאָך נישט אויסלייזן זיין פאָלק, דעריבער לאָזט אַ געטלעכע האַנט זיי נישט טאָן עפּעס.

— סליחה — זאָגט שלום — לעצטנס האָט מען יאָ עפּעס אויפגעטאָן, געשאַפן מושבות א״א.

— אָן אַ דערלויבעניש איז דאָס אַלץ געשאַפן געוואָרן — קלערט איטשע אויף — אין געהיים, ביי נאַכט, מיט גרויס כאַבאַר. ביים טערק איז דאָ אַ געזעץ, אַז וואָס עס שטייט שוין איז פאַרפאַלן, שטייט עס און מען טאָר עס נישט צעשטערן. איז ביי נאַכט געבוירן געוואָרן אַ כאַטע — איז פאַרפאַלן. אָבער אַזוי טאָר מען נישט קיין טשוואָק אַריינקלאַפּן. אַלע בקשות וועגן בויען זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

— פאַר וואָס זאָגן אייערע פרומע — פרעגט אַבדאַלאַ — אַז אַ געטלעכע האַנט לאָזט גאָר נישט טאָן פאַרן לאַנד?

— ביי אונדז, יידן, איז דאָ אַ מסורה מדור לדור — דערקלערט ווייטער איטשע — אַז ארץ־ישראל וועט אויפגעבויט ווערן נאָר דורך יידישע הענט. עס האָבן דאָ געהערשט פאַרשיידענע פעלקער, גרויסע, שטאַרקע, די מסעי הצלב, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע. אַ סך פון זיי האָבן געוואָלט צוריק אויפבויען דאָס לאַנד. פון די אַלע וועלערס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט זיי דערין געשטערט. יעצט, אַז אַלע פעלקער האָבן באַשטעטיקט, אַז ארץ־ישראל איז פאַר יידן, און די יידן פון אַ סך לענדער האָבן נאָך דער מלחמה איינגעזען, אַז זיי דאַרפן בויען אָן אייגן לאַנד — יעצט האָפן מיר, אַז מיט גאָטס הילף וועלן מיר מצליח זיין.

— תודה רבה דיר, איטשע — זאָגט שלום — איך האָב דיינע רייד פאַרשטאַנען.

— זאָלן זיי קומען אייערע מענטשן וואָס מער — האָט אַבדאַלאַ זיך אָנגערופן — זאָלן זיי אויפלעבן דאָס טויטע לאַנד. יעצט איז טאַקע געוואָרן אַ ביסעלע פריילעכער, לעבעדיקער. די געשעפטן זענען אָפן ביז שפּעט, פרויען גייען מיט אַן אָפגעדעקט פּנים, פון דער צייט, וואָס מיר זענען געקומען ביז היינט דערקענט מען אַן אונטערשייד. איך האָב געהערט זאָגן, אַז מען גייט מאַכן אין חיפה עלעקטרישע באַלייכטונג און מען האָט אָנגעהויבן בויען אַ פּאָרט. איך האָב אַליין געזען די עקסטראַ־באַן, וואָס פירט די שטיינער פון די בערג צום ים.

— אונדזער באַלעבאָס — גיט צו שלום — האָט אָנגענומען צו־צושטעלן ברויט פאַר די פּועלים, וואָס וועלן אַרבעטן ביי דעם נייעם כביש חיפה—דזשעדאַ.

— פאַר וואָס זענען ביז היינט נישט געקומען קיין יידן? — פרעגט אַבדאַלאַ.

— מיין חבר אַבדאַלאַ — ענטפערט אים איטשע — מען האָט נישט געלאָזט. בלויז אַ קליינע צאָל עלטערע יידן האָבן דורך אונטערוועגן זיך דורכגעריסן, געקומען שטאַרבן און ליגן אין דער הייליקער ערד. ערשט יעצט קומען יינגע יידן דאָ צו לעבן, שאַפן, בויען. אַזיע איז אָפגעשטאַנען, פּאַלעסטינע נאָך מער אָפגעשטאַנען. אָבער מיר וועלן איבעריאָגן אייראָפּע, גאָר אין אַ קורצער צייט.

— הלוואי, פון דיין מויל אין גאָטס אויערן — זאָגט שלום — דאָס איז פאַר מיר די גרעסטע שמחה און פרייד.

— אַלע וועלן זיין צופרידן פון דעם וואָס דו האָסט דאָ דערציילט — זאָגט מאַרי׳אַ — אַפילו די הי־געבוירענע אַראַבער, וועלכע האָבן נישט קיין באַגריף פון בעסערס. זיי וועלן עס אָננעמען מיט פרייד. מען דאַרף דאָך זיין משוגע נישט צו וועלן אויסבעסערן דאָס לעבן.

מאַרי׳אַ האָט זיך אויפגעהויבן און דערלאַנגט נאָך אַ מאָל קאַווע.

— איטשע, — פרעגט אַבדאַלאַ — ביסט שוין געווען היינט ביים

באַלעבאָס אין געוועלב? האָסט שוין אָפּגענומען דיין משכורת? ווען איך בין געווען האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל דיך צושיקן.

— אויך מיר האָט ער געזאָגט דאָס זעלבע — באַמקעט צו שלום.

— געווען, גענומען — ענטפערט איטשע — איך צייל נישט איבער און לייג אַריין אין קעשענע. און דער באַלעבאָס זאָגט מיר: פאַר וואָס ציילסטו נישט איבער? אפשר האָב איך דיר געגעבן ווייניקער, וואָס? איר קענט נישט ציילן? איך דאַרף אייך נאָכקאָנטראָלירן, אפשר האָב איך געמאַכט אַ טעות? פאַלג מיך און צייל איבער. איך צייל און ער קוקט אויף מיר מיט אַ שמייכל, און איך זאָג אים: אמת, עס איז טאַקע אַ טעות. עס איז דאָ מער. רופט ער זיך אָפּ: עס איז נישט קיין טעות, עס איז נישטאָ מער, איך האָב דיר געגעבן אַ הוספהלע.

— נישט געבעטן? אַליין געגעבן? — וווּנדערט זיך אַבדאַלאַ — נישט צו פאַרשטיין. אַזאַ געשעעניש זאָל טרעפן מיט אונדזער באַלעבאָס? ביסט אַ מזלדיקער.

— איך האָב אַ חשד, אַז דאָס איז פּראָטעקציע — זאָגט שלום — איר האָנט שטעקט אין דעם, איר השפעה.

— ווער איז דער „איר”? וועמען מיינסטו? — פאַרשטייט אַלץ נישט אַבדאַלאַ.

— אוי, אַבדאַלאַ, אַבדאַלאַ — שמייכלט אונטער שלום — לייג צו דעם פינגער צום שטערן. דו זעסט גאָרנישט? ווו זענען דיינע אויגן? מערקסט נישט, אַז זינט איטשע איז אין דער בעקעריי קומט זי די באַלעבאָסטע. פריִער האָט מען זי נישט אָנגעקוקט.

— אמת, ריכטיק — שטימט אַבדאַלאַ צו — זי קומט אַלע ווײַלע מיט פאַרשיידענע אויסריידן. שלום, דו ביסט אַ חכם!

— נישט קיין קליינער חכם, נאָר אַ גרויסער וועלטס־חכם — כעסט זיך איטשע — אפשר גאָר אַ פּסיכאָלאָג. אַ שאָד אַזאַ טאַלאַנט גייט פאַרלוירן. ער וואָלט געקענט זיין אַ דאָקטאָר. קיין אַנדערע סיבה פאַר דער העכערונג האָט איר נישט? אפשר פאַר מיין גוט אַרבעטן?

— מיין ברודערס חבר, — רופט זיך אָפּ מאַריאַ — דאַרפסט זיך נישט ערגערן צוליב דעם. דער חשד איז דאָך נישט אויף דיר. פאַרקערט,

דאַרפסט זיין שטאָלץ דערמיט, אַז דו קענסט פּאַראינטערעסירן אַפילו אַ פאַרהייראַטע פרוי. עס איז נישט קיין חרפּה.

מאַריאַ זאָגט עס מיט אַ שמייכעלע. אין דער גאַנצער צייט וואָס זי רעדט זוכט זי צו טרעפן זיך מיט דעם בליק פון איטשען. ער אָבער מיידט עס אויס. עס ווערט שטיל אַ ווײַלע, אַבדאַלאַ פאַרנעמט זיך מיט זיין נאַרגילע און שלום מאַכט זיך אַ סיגאַרעטל.

— חשובע שוועסטער פון מיין חבר — ווענדט זיך איטשע צו מאַריאַן — תודה רבה פאַר דער טרייסט. איך ערגער זיך נישט פון דעם אַלעם. אויך דער חשד שטערט מיר גאָרנישט. מיר וועט דערפון גאָרנישט שאַטן. וואָס עס פאַרדריסט מיך איז וואָס מען רעדט אויס אויף איר, מיין באַלעבאָסטע. ערשטנס איז זי אונדזער באַלעבאָסטע; צווייטנס איז זי אַ פרומע. דעריבער דאַרף מען גוט טראַכטן פריִער איידער מען לאָזט אַרויס פון מויל אַ וואָרט, אַפילו אויף אַ געלעכטער. מען דאַרף עס גוט באַגרינדן. נישט רעדן קיין רכילות. איך וויל נישט אַנטיילנעמען דערין.

— סליחיה, הונדערט מאָל סליחה, זיי מוחל — פאַרענטפערט זיך שלום — איך האָב זיך געמאַכט אַ שפּאַס. איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז עס וועט אויף דיר אַזוי שלעכט ווירקן.

— רגע אחד, איך האָב נאָך נישט געענדיקט — לאָזט נישט אָפּ איטשע — אַ דאַנק דיר, מיין חברס שוועסטער, פאַר די שיינע און קלוגע ווערטער. דיין מיינונג איז ווי פון אַ מענטש מיט אַ געזעצטן שכל, מיט ישוב־הדעת, נישט ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן פון דיין יונגן עלטער. דעם גרעסטן כבוד פאַר דיר.

די גאַנצע צייט האָט מאַריאַ נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון איטשען. ער שפּירט אירע שאַרפע בליקן אויף זיך. ער באַגעגנט זיך מיט איר בליק און מוז אַראָפּלאָזן זיינע אויגן. ער זעט זי אין איר גאַנצער גרויס, די לאַנגע, שוואַרצע צעפּ, איר רייפקייט ווי אַ פאַרטיקער עפּל נאָר איינ־צובייסן.

— וואָס האָט איר זיך פאַרטראַכט? — זאָגט מאַריאַ — טרינקט די קאַווע!

איטשע מוז ווידער באַגעגענען איר בליק. אָבער דאָס מאָל זעט ער

שוין נישט די שפּיזיקע שאַרפקייט נאָר מילדקייט. זיי טראָגן מיט זיך אַזאַ וואַרעמקייט. אַבדאַלאַ האָט געענדיקט רויכערן און אַרומקוקנדיק זיך באַמערקט ער:

— וואָס איז אַזוי שטיל? אַלץ שטייט אויפן טיש: די קאַווע, די גוטע זאַכן...

— מען האָט דיר נישט געוואָלט שטערן רויכערן דיין נאַרגילע — קלערט אים אויף שלום.

— אפשר מאַכן אַ גוטן סענדוויטש? — פרעגט מאַרי'אַ.

— אַ שיינעם דאַנק — ענטפערט איטשע — די גאַנצע צייט איז אָדער מיר עסן, אָדער מיר טרינקען. עס איז צו פיל טרחה און באַדינונג. בעסער זיצט אַביסל רויק במנוחה. עס איז נאָך פול דער טיש. איבעריקנס האָבן מיר ביי אייך צו פיל צייט צוגענומען. מיר דאַרפן שוין גיין. איך האָב עטלעכע ענינים צו דערליידיקן, וואָס איך קען נאָר פרייטיק זיי דערליידיקן. ווי איר ווייסט האָבן בעקער צייט נאָר פרייטיק. מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען.

— וואָס איילט איר זיך? — ענטפערט מאַרי'אַ — מיר האָבן זייער אינטערעסאַנט פאַרברענגט די צייט. אַ גאַנצע וואָך וועלן מיר זיך נישט זען? — גיט זי צו מיט אַ פאַרדריסלעכן טאָן — אַ שאָד, באמת אַ שאָד.

— בעקער־אַרבעטער אַרבעטן ווען אַלע שלאָפן — קלערט איטשע אויף — און שלאָפן ווען אַלע אַרבעטן. דערפאַר זענען מיר פרייטיק און שבת פריי.

— אויב איר ווילט טוישן אייער אַרבעט — לייגט פאָר מאַרי'אַ — וועל איך אייך העלפן. דערוויל וועל איך זיך באַמיען צו זיין פריי די צוויי טעג וואָס איר.

— טוישן אויף בעסערס? ביטע זייער, פאַר וואָס נישט? — איז איטשע מסכים און שטעלט זיך אויף צו געזעגענען — מיר דאַנקען פאַר אייער הערצלעכער אויפנאַמע. אַבדאַלאַ, מיר וועלן זיך זען אין בעקעריי. זייט מיר געזונט, מיין חברס שוועסטער!

— טוט מיר צוליב און רופט מיך נישט „מיין חברס שוועסטער" —

זאָגט מאַריאַ און לאָז נישט אַרויס איטשעס האַנט — רופט מיך פשוט מאַריאַ.

— אייער בקשה איז אַ פאַרגעניגן צו דערפילן, מאַריאַ! — איז איטשע העפלעך און געזעגנט זיך האַרציק מיט מאַריאַן.

אַבדאַלאַ און זיין שוועסטער באַגלייטן די געסט. שלום האַלט אין איין פרעגן איטשען, אָבער איטשע וויל נישט רעדן. ער איז בייז אויף שלומען פאַרן באַרעדן די באַלעבאָסטע. ערשט ווען שלום גיט תקיעת־כף, אַז ער וועט שוין מער נישט, בעט זיך איטשע איבער. דער שמועס גייט נאַטירלעך איבער צום וויזיט, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס פאַרענדיקט. שלום באַמערקט:

— אַבדאַלאַס שוועסטער איז וווּיל און שיין. קיין שום פאַרגלייך מיט די היגע אַראַבקעס.

— מען קען זיך מיט זיי איינלעבן נישט ערגער ווי מיט אַן אונדזע־ריקן — איז איטשע מסכים — זי איז אַ גוטע און פיינע, קען זעקס־זיבן שפראַכן, איידל און העפלעך.

— די קריסטלעכע אַראַבער זענען אַנדערש ווי די מוסולמענישע — קלערט אויף שלום — הלוואי אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום זאָלן די היגע אַזוי אויסזען. דאָ ווערט אַ מיידל פאַרשפאַרט אין הויז, זי גייט נישט אין קיין שול. שפּעטער ווערט זי פאַרקויפט צו דעם, וואָס גיט אַ גרעסערן מוהאַר...

— שלומקע — טרייסט אים איטשע — מיר, יידן, וועלן דאָ אַלץ ענדערן. זאָלסט געדענקען מיינע רייד. מיר וועלן איבעריאָגן נישט בלויז די אַראַבישע לענדער, נאָר אַפילו אייראָפּע, און אפשר אויך אַמעריקע?

— אַז מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען — זאָגט שלום — ביי מיר טרעפט זיך אויך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איך זאָל מיט אַן אַראַבקע אַזוי שיין פאַרברענגען. די מאַריאַ גייט מיר נישט אַרויס פון זינען.

— עס פאַרדריסט מיך נאָר — באַמערקט איטשע — וואָס מיר זענען געקומען אָן אַ מתנה.

— ווער האָט דען געוווּסט, אַז די שוועסטער וועט אויך זיין —

פאַרענטפערט זיך שלום — און ווער האָט געוווּסט, אַז עס וועט זיין אַזאַ הערלעכע אויפנאַמע.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו אַ מתנה? — רעגט זיך איטשע אויף — און ווען די אויפנאַמע וואָלט געווען אַ קלענערע איז באַרעכטיקט צו קומען אָן אַ מתנה?

— שאַ, ערגער זיך נישט — זאָגט שלום — מיר קענען דאָס פאַר־ריכטן. דעם צווייטן פרייטיק וועלן מיר מיטנעמען אַ מתנה. עס איז קיין מאָל צו שפּעט. זיי וועלן זי צונעמען.

— מיט וואָס ביסטו אַזוי זיכער, אַז דעם צווייטן פרייטיק וועלן זיי אונדז פאַרבעטן? — פרעגט איטשע — פון וואַנען ווייסטו דאָס? איך האָב אין גאַנצן נישט געוווּסט, אַז אַבדאַלאַ האָט אַ שוועסטער.

— פון וואַנען איך ווייס, אַז מען וועט אונדז פאַרבעטן? — לאַכט שלום — האָסט נישט געהערט ווי מאַריאַ האָט געזאָגט, אַז זי באַדויערט וואָס מען וועט זיך נישט זען אַ גאַנצע וואָך.

און ביידע חברים האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס וואָס פאַר אַ מתנה צו קויפן.

— אוי, ווי מיר האָבן זיך פאַררעדט — האָט איטשע אויסגעשריגן — מיר מוזן גיין צוריק. איך האָב עטלעכע בריוו אָוועקצושיקן און מיר זענען פאַרביי די פּאָסט. איך דאַרף שרייבן צו מיין משפּחה און אַריינלייגן אַ פונט. דער מצב דאָרט איז נישט קיין גוטער. די פּאָליאַקן זענען גרויסע אַנטיסעמיטן. זיי נעמען אָוועק אַלע פּרנסות ביי יידן. די אַרבעטסלאָזיקייט איז גרויס און דער יקרות שטייגט. מען הונגערט פּשוט. פאַר אַ פונט קענען זיי שוין לעבן אַ גאַנצע וואָך. אַ שאָד וואָס איך האָב נישט מער. איך שיק זיי אָוועק דאָס לעצטע און לאָז פאַר מיר גאָר נישט איבער.

— איך וועל דיר באָרגן אַ צוויי־דריי פונט — לייגט פאָר שלום — נעם לייג אַריין אין בריוו נאָך אַ פונט און פאַר דיר צום לעבן אַ גאַנצע וואָך אויך אַ פונט.

— איך דאַנק דיר — ענטפערט איטשע — איך וועל קיין הלוואה נישט נעמען.

— נעם כאַטש פּאַר זיך — בעט זיך שלום — מיט וואָס וועסטו לעבן אַ גאַנצע וואָך?

— מיט ברויט און טיי — איז איטשע נישט נאָכגיביק — בעסער ווי באָרגן און נישט קענען אָפּגעבן.

— פּאַר וואָס? דו אַרבעטסט דאָך, וועסטו מיר אָפּגעבן אין קליינע ראַטעס — גיט שלום אַלץ נישט אויף און לייגט אים פּאַר אַן אַנדערן פּלאַן — איך וועל שוין באַזאָרגן און קויפן עסן פּאַרביידן. איך בעט דיך נישט אָפּצוזאָגן. אַ צווייט מאָל וועל איך ביי דיר עסן. זיי נישט קיין עקשן. דאָס איז נישט קיין טובה. עס איז מיין הנאה דיך מכבד צו זיין.

איטשע בעט איבער שלומען וואָס ער מוז גיין כאַפּן אַ דרימל. פון מיטוואָך אָן איז ער כמעט נישט געשלאָפן. אויב ער לייגט זיך נישט יעצט שלאָפן וועט ער איינשלאָפן אין מיטן עסן. ער עסט דאָך ביים באַלעבאָס אַלע שבת. זיי וואַרטן תמיד אויף אים. ער וואָלט שוין מוחל געווען דאָס עסן אַבי אויסשלאָפן זיך — קומען זיי אים וועקן. אויך שלום גייט זיך אויסשלאָפן. אויך ער עסט שבת ביי משפחה. ער פרעגט איטשען ווו זיי וועלן זיך טרעפן.

— מאָרגן. אין זעלבן אָרט ווי אַלע מאָל. קלוב הפועלים. נאָך מיטאָג. שלום! שלום!

— דו ביסט אַ מבין אויף דיין חבר איטשע — זאָגט מאַריִאַ צו איר ברודער — ער איז אַ ווילער, זיס ווי האָניק, העפלעך, קלוג, מיט ישוב־הדעת, רעדט אַזוי עלאַסטיש. איך האָב אים געקוקט אין מויל אַריין און געזען ווי די ווערטער גליטשן זיך אים אַרויס אָן אָנשטרענגונג. גלייב מיר, איך וואָלט לאַנגע שעהען געזעסן און אים געהערט. אַ שאָד וואָס האָסט אים נישט פאַרבעטען צו קומען ביי נאַכט.

— שוועסטער מיינע — האָט אַבדאַלאַ געלאַכט — צוויי ביקורים אין איין טאָג איז אַ ביסעלע נישט העפלעך דאָס ערשטע מאָל. איבעריקנס האָסטו אַליין געקענט עס טאָן און אים זאָגן.

— און דיך וואָלט עס נישט פאַרדראָסן? — האָט מאַריִאַ געפרעגט —

איך, אַ יונגע פּריילייך, זאָל פֿאַרבעטן אַ מאַן, אָדער אַ בחור צו מיר אין שטוב, אין דער צייט ווען עס איז דאָ אַן עלטערער ברודער? דאָס דאַרף דאָך זיין דיין תּפקיד.

— אמת, אָבער נישט ביי איטשען — דערקלערט איר אַבדאַלאַ — איך וואָלט דיר אָנגעטרויט צו גיין מיט אים איינע אַליין, אַפילו אין אַ מדבר, און איך וואָלט זיכער געווען, אַז דיר וואָלט חס ושלום קיין שום שלעכטס נישט געשען. ער וואָלט דיך אָפּגעהיטן אַזוי ווי זיינע אויגן אין קאָפּ. איך זאָג דיר, אַז ער איז אַן אויסנאַם. איך האָב אים פיל גערנער ווי אַן אונדזעריקן. ער איז אַ יוצא מן הכלל און האָט אַ סך מעלות טובות. ער ווערט קיין מאָל נישט אין כעס, אַפילו ווען דו טוסט אים אַן עוולה. ער איז געלאַסן, שטיל, האַלט זיך נישט גרויס. טאָמער בעטסטו עפּעס ביי אים איז ער גערן דיך צו פאָלגן, אַ טובה טאָן. ווי שווער עס זאָל נישט זיין ווען ער נישט אָפּזאָגן. מיטן ביסן פון מויל וועט ער זיך טיילן מיט אַ חבר. דערביי איז ביי אים נישטאָ קיין אונטערשיד ייִד, מוסולמענער, קריסט...

מאַריאַ האָט אויסגעהערט אַבדאַלאַן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און געהאַט אַ טענה צו אים פאַר וואָס ער האָט פריִער נישט דערציילט פון איטשען.

— טאָ וואָס וואָלט געווען? — פרעגט אַבדאַלאַ — וואָלסט געגעבן בעסערע קאַווע?

— די גאַנצע אויפנאַמע וואָלט געווען אַנדערש — ענטפערט זי — איך וואָלט זיך אַנדערש אָנגעטאָן.

— דאַרפסט זיך נישט ערגערן — טרייסט זי אַבדאַלאַ — וועסט נאָך קענען פאַרריכטן. אויב דו ווילסט קען איך זיי פאַרבעטן דעם קומענדיקן פרייטיק און בעטן זיי קומען פריִער, און דו וועסט קענען זיי לענגער פאַרהאַלטן. איצט, זיי מיר מוחל, אויך איך בין אַ בעקער און מוז זיך אויסשלאָפן. דער שלאָף איז בעסער פון עסן.

מאַריאַ זאָגט צו נישט אויפצוּוועקן אים. נאָר טאָמער כאַפּט ער זיך אויף האָט זי שוין צוגעגרייט עסן. זי וויל צוגרייטן עטלעכע תּרופֿות.

אויסערלעכע תרופות שטעלט זי דאָ אַליין צוזאַמען. נאָר אינערלעכע מעדיצינען קומען פון ענגלאַנד. דערווייל וויל זי לייענען אַן ענגליש בוך.

אַבדאַלאַ איז אַוועק שלאָפן. מאַריאַ קלערט כסדר וועגן איטשען. זי קען נישט לייענען, זי קען זיך אויך נישט קאָנצענטרירן צו מאַכן די רפואות. זיין געשטאַלט שטייט איר פאַר די אויגן. ער האָט איבערגעלאָזט אויף איר אַן אומגעהויערן איינדרוק. זי מוז אויסזוכן אַ תירוץ און אַריינגיין זונטיק צום ברודער אין בעקעריי זי זאָל קענען זען איטשען. זי דעקט זיך איבער, וויל איינשלאָפן, אָבער זי קען נישט.

איטשעס באַלעבאָס האָט שוין לאַנג אָפּגעדאַוונט, געזאָגט קבלת־שבת. פרייטיק צו נאַכטס פלעגט ער דאַוונען אין שטוב, ווייל פון דאָרט ביז אין שטאָט איז געווען אַ גרויסער מהלך. מען וואַרט אויף איטשען. די שטוב איז שבתדיק, וואַרעם, ליכטיק. עס ברענט דער גרויסער שבת־דיקער לאָמפּ, עס ברענען ליכט אין זילבערנע לייכטער; די שבתדיקע מאכלים גיבן אַרויס זייערע זאַפטיקע ריחות. די באַלעבאָסטע איז אָנגעטאָן שבתדיק אין אַ טערקישן ברייטן חלוק מיט געשטרייפטע פאַסן און פאַר־שיידענע קאָלירטע בלומען. אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ שטערנטיכל. עס גנבענען זיך אַרויס עטלעכע האָר פון אַ געלבלעכער קאָליר.

— אפשר זאָגסטו שלום עליכם און מאַכסט קידוש. די ליכט זענען שוין כמעט ביים סוף — זאָגט די באַלעבאָסטע צום מאַן — מיטן עסן וועלן מיר שוין וואַרטן. איטשע וועט קענען קידוש מאַכן ווען ער וועט קומען.

— הער מיך אויס, מיין ווייב, — זאָגט דער באַלעבאָס — איטשעס עסן ביי אונדז שבת איז נישט ווייל איך וויל סתם אים געבן עסן. איך האָב אים דערקענט פאַר אַ ווילן בחור. איך האָב הנאה מיט אים צו זיצן און שמועסן און רעדן. ער שטאַמט פון אַ חסידישער שטוב, קען אַ ביסל לערנען. ער האָט שטענדיק שיינע מעשיות צו דערציילן, און ער קען דערציילן. עס איז ממש אַ פאַרגעניגן צו הערן די מעשיות וועגן די חסידישע רביים.

— פאַר מיר, אַלס פרוי, איז פאַרבאָטן צו הערן די שמועסן? —

האָט די פרוי אַ טענה — אויב זיי זענען אַזאַ פאַרגעניגן, טאָ פאַר וואָס האָסטו מיר דערוועגן ביז היינט נישט געזאָגט?

— ערשטנס האָב איך דיר נישט געשטערט — פאַרענטפערט זיך דער באַלעבאָס — צווייטנס ביסטו שטענדיק פאַרנומען. און אפשר גאָר וואָלסטו נישט געהאַט קיין געדולד צו אַזעלכע מעשיות. איך וועל נישט קידוש מאַכן אָן אים, אַפילו די ליכט זאָלן אויסגיין. נישקשה, ער איז ווערט, אַז איך זאָל אויף אים וואַרטן. איך מעג אים געבן דעם כבוד. אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ מענטש, נישט קיין מלאך. ער קען זיך פאַרשפּעטיקן. און אפשר שלאָפט ער? איך וועל גיין און אַ קוק געבן.

נאָכן מאַנס אַוועקגיין האָט זיך די באַלעבאָסטע פאַרטראַכט איבערן מאַנס רייד:

— איך זענט אַ מבין ווי ער איז רעדעוודיק געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט צו זאָגן, אַז איך וועל נישט פאַרשטיין, האָט ער געזאָגט, אַז איך האָב נישט קיין געדולד. נישט בלויז ער האָט הנאה מיט אים צו זיצן און פאַרברענגען. און איך נישט? צייט ער איז ביי אונדז האָב איך אַ גרעסערן אינטערעס. דער איטשע פאַסט זיך בעסער צו מיר ווי דער ייד מיט דער גרויסער באָרד, וואָס וואָלט געקענט זיין מיין פאָטער. איטשע איז דאָך אין מיין עלטער, פול מיט לעבן, נישט ווי מיין קאַלטער ייד מיט דער באָרד. בלויז ער האָט הנאה מיט אים צו פאַרברענגען; און איך וואָלט קיין הנאה נישט געהאַט? פון היינט אָן לאָז איך אַלץ איבער און ווער אַ טיש־זיצעריך. אָט גייען זיי שוין. ניין. נאָר מיין מאַן אַליין.

— ער איז טאָקע געשלאָפן — דערציילט דער באַלעבאָס — ער קומט גלייך. איך בעט דיך זאָלסט אים נישט פאַרהאַלטן דאָס פאַרשפּעטיקן זיך.

— איך וועל אים פאַרהאַלטן? — וווּנדערט זיך די באַלעבאָסטע — חס ושלום. ער אַרבעט טאָקע צו שווער. צו פיל שעהען. דו דאַרפסט אים אַ ביסל פאַרגרינגערן די אַרבעט. לכל הפחות זאָל ער נישט דאַרפן פטרן צוויי שעה אויף פירן דאָס ברויט אין געוועלב אַריין. פאַר צוויי טאָלער

וועסטו קריגן אַן אַראַבטשיקל. איטשע וועט דאַן אָנשטאָט דרייצן שעה אַרבעטן עלף. געגוג עלף שעה. באשר בכן דו ווייסט, אַז ער האָט נישט קיין ברירה. מען דאַרף אַליין פאַרשטיין, אַז אויב מען וויל דער פּועל זאָל זיין געטריי, זיי דו אויך אים געטריי, ווייז אַרויס אַביסל גוטסקייט, מענטשלעכקייט. די צוויי טאָלער וועסטו זיך ערגעץ אַנדערש אָפּזוכן. דו אַליין ביסט דאָך מודה, אַז ער איז בעסער ווי דער אַראַבער, וועלכער האָט געאַרבעט פאַר אים. פאָלג מיך און טו אַזוי.

— איך האָב טאָקע געזוכט ווי אַזוי אים צו פאַרגרינגערן — האָט דער באַלעבאָס גלייך מסכים געווען — דאָס איז באמת אַ גוטע עצה. איך וועל דיך פאָלגן. אָט קומט ער.

— שבת שלום! איך זע אַז איר האָט געוואַרט. צו וואָס? — האָט איטשע געהאָט פאַרדרוס אַריינקומענדיק — עס טוט מיר זייער לייד. גלייבט מיר, אַז איך האָב דערפון עגמת־נפש.

איטשע דאַוונט אָפּ שנעל און מען זעצט זיך צום טיש. דער באַלעבאָס איז אים מכבד מיט אַ ביסל שאַרפע משקה, מען טרינקט לחיים. דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע זאָגן אים אין איינעם אָן די בשורה, אַז ער וועט מער נישט דאַרפן פירן דאָס ברויט. לכבוד דעם טרינקט מען ווידער און מען ווינטשט זיך. איטשע ווינטשט זיי אַלדאָס גוטס און זיי זאָלן דערגרייכן, וואָס זיי באַגערן. דער באַלעבאָס בעט איטשען דערציילן אַ חסידיש מעשהלע.

איטשע האָט זיי באַטראַכט. ער איז טאָפּלט אַלט ווי זי. שוין עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה זייערס און קיין קינד איז נישטאָ. איצט ווייסט ער וועלכע מעשה צו דערציילן. ער דערמאָנט זיך אַ מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון זיין זיידן וועגן בעש״ט זצ״ל.

— איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה, וועלכע איך האָב נאָך געהערט אַלס קליין יינגל. עס איז היינט שוין באַשריבן אין ספרים, ווי דער מופת פון ערשטן חסידישן רבין. די מעשה איז אַזאַ:

דאָס איז געווען איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן. ער איז

געפּאָרן אויף זיין בויד אין זיינע נסיעות. די אויסגעדאַרטע שקאַפּע שלעפּט זיך קוים. אין דעם ווערט אַ גרויסע זאַווערוכע, אַ שניי מיט אַ שטורעמווינט. די שקאַפּע וויל נישט און קען נישט גיין ווייטער. מען זעט נישט קיין וועג און שטעג. פּלוצעם דערזעט דער בעש״ט נישט ווייט אַ נידעריק קליין שטיבעלע, און פון דאָרט לייכט אַרויס אַ שוואַך ליכט. ער לאָזט זיך גיין צום שטיבל, קלאַפּט אָן און מען לאָזט אים אַריין מיט גרויס גערנקייט. מען העלפט אים אויך ברענגען אַהער די שקאַפּע. מען איז מכבד דעם בעש״ט מיט טיי און מען לאַדנט אים איין איבערצונעכטיקן. דער בעש״ט האָט אין דער פרי אָפּגעדאַוונט, געטרונקען עפּעס וואַרעמס, עסן האָט ער נישט געוואָלט. ביים געזעגענען זיך פרעגט ער דאָס פּאָרפאָלק וואָס ער זאָל זיי ווינטשן. מיט איין קול האָבן ביידע אויסגערופן: „ווינטשט אונדז אַ קינד, אַ קינד, רבונו של עולם!". דער בעש״ט האָט זיך פאַרקלערט אַ ווײַלע און זיי געווינטשן אַ קינד, וואָס זאָל פאַרלייכטן די יידישע וועלט. לאַנגע יאָרן נאָך זייער חתונה האָבן זיי קיין קינדער נישט געהאַט. פונקט צו די ניין חדשים פון יענעם אָוונט איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ בן־זכר, און דאָס איז געווען דער קאָזשעניצער מגיד, דער באַרימטער הייליקער רבי, באַרימט צווישן יידן און נישט־יידן.

איטשע האָט געטראָפן מיט זיין מעשהלע. די באַלעבאַטים האָבן אַרויסגעלאָזן אַ טיפן זיפץ.

— גיט נאָך אַזאַ מעשהלע — רופט זיך אָן די באַלעבאָסטע — אָדער פון בעש״ט, אָדער פון אַן אַנדער רבי. ווו נעמט מען היינט אַזאַ צדיק, אַזאַ בעל מופת?

— עס זענען היינט אויך דאָ צדיקים — זאָגט דער באַלעבאָס — נאָר זיי געבן זיך נישט צו דערקענען. צדיקים זענען שטענדיק דאָ ווי די ל״ו. קענסט קיין מאָל נישט וויסן ווער עס שטייט פאַר דיר. אפשר איז ער איינער פון זיי.

די באַלעבאַטים בעטן איטשען צו דערציילן וועגן זיין אַלטער היים, וועגן פוילן, וועגן די יידישע שטעטלעך. און איטשע דערציילט:

— אַלע פוילישע קליינע שטעטלעך זענען געווען כמעט ריין יידישע. אין די שטעטלעך האָבן זיך אויסגעבילדעט אַזעלכע טיפּן, וואָס מען זעט גאָרנישט ערגעץ אַנדערש, אַפילו ביי יידן אין אַנדערע לענדער, אויך נישט אין ארץ־ישראל. זיי האָבן נישט געקענט די לאַנדסשפּראַך אַפילו, געטראָגן אַ באַזונדערע קליידונג. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געהאַלטן ווי איין משפחה. געווען דאָרט פאַרשידענע טיפּן. געווען אַ ייד האָט מען אים גערופן שמואל וועקער; דאָס איז נישט געווען זיין פאַמיליע־נאָמען, נאָר אַ צונאָמען. אין די קליינע שטעטלעך האָט מען יעדן גערופן מיט אַ צונאָמען, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער באַשעפטיקונג ווי משה שוסטער, שימעלע שניידער, לאזער סטאָליער, אָדער מען האָט באַקרוינט מיט אַ נישט סימפּאַטישן חוזק־נאָמען. דער שמואל וועקער איז געווען אַ פּראָסטער ייד, קוים געקענט דאַוונען און תהילים זאָגן. ער האָט געהאַט אַ גרויסע שיינע ווייסע באָרד, גערעדט שטיל, געלאַסן, שטענדיק מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. ער האָט פאַרמאָגט אַזאַ איידלקייט און גוטסקייט ווי דער גרעסטער צדיק, מידות טובות, וואָס מען זעט עס בלויז ביי בעסערע מענטשן. געווען איז ער אַ ייד אַן אביון; ער האָט געקענט אָפּקומען מיט אַ שטיקל אַלט טרוקן שוואַרץ ברויט און נאָכטרינקען אַ שעפּ וואַסער. ער איז קיין מאָל נישט אַוועק פון שטעטל. דעם נאָמען וועקער האָט ער באַקומען, ווייל ער האָט געוועקט צו חצות, יידן זאָלן אויפשטיין און גיין אין בית המדרש צו עבודת הבורא. עס האָט אים קיינער נישט געדונגען אָדער געבעטן, ער האָט נישט גענומען דערפאַר קיין געצאָלט. דאָס איז געווען זיין אייגענער ווילן. אין גרעסטן פראָסט, שנייען, זאַווערוכעס, ווען עס איז חושך־פינצטער, גליטשיק, אין שטורעמווינטן, אין וועטערן, ווען מען זעט נישט קיין הונט אין גאַס — שטענדיק האָט ער געוועקט. אַלע פון קליין ביז גרויס, פּראָסטע בעל־מלאכה׳ס און חסידישע יידן — זענען אים געווען דאַנקבאַר. ווי שטיל און באַשיידן ער איז געווען ביי טאָג איז ער ביי נאַכט, ביים וועקן געווען פאַדערנדיק. ער פלעגט אָנקלאַפּן אין לאָדן און מיט אַ שיין האַרציק קול אויסזינגען: טייערע יידעלעך, הייליקע יידעלעך! שטייט

אויף, שטייט אויף צו עבודת־הבורא! רק כצבי וגיבור כארי, צו טאָן דעם ווילן פון גאָט!. אַפילו די גויים האָבן ליב געהאַט צו הערן זיין זינגענדיקע „מאָדליטווע". אויף אים האָט מען אין שטעטל געזאָגט, אַז ער איז פון די פאַרבאָרגענע צדיקים פון די ל"ו. ער איז געווען אויסגעטאָן פון אַלע תאוות שבעולם הזה. עס איז געבליבן ביי אים נאָר איין תאווה — צו טאָן מצוות און מעשים־טובים. ער האָט נישט געהאַט קיין משפחה. ער איז אויך נישט געווען קיין געבוירענער אין דעם שטעטל. קיינער האָט נישט געוווסט פון וואַנען ער איז, פון וואַנען ער שטאַמט.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן — האָט זיך אָפּגערופן די באַלעבאָסטע — איר דאַרפט צונויפנעמען אייערע מעשיות און מאַכן דערפון אַ ספר. עס זענען שיינע סיפּורים. איך וואָלט נאָך געזעסן שעהן און נישט מיד געוואָרן הערן. אויב איר שפּירט זיך נישט מיד בין איך בערייט אויסצוהערן נאָך אַ מעשה.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — האָט איטשע זיך אָנגערופן — וועגן טיפן פון די פּוילישע יידישע שטעטלעך, בפרט פון מיין שטעטל, קען איך זיצן לאַנגע שעהן און רעדן. מיר דאַכט זיך דאָן, אַז איך בין דאָרטן און אַלץ שטייט מיר לעבעדיק פאַר די אויגן. דעריבער איז מיר אַזוי ליב צו דערציילן וועגן זיי.

— אויך פאַר מיר איז זייער אָנגענעם צו הערן די מעשהלעך. איך הער זיי גערן. אָבער איר וועט מיר מוזן מוחל זיין, איך מוז אויפשטיין גאַנץ פרי. איך דאַוון מיטן ערשטן מנין, און פאַרן דאַווענען האָב איך צו געבן אַ שיעור עין יעקב פאַר עטלעכע יידן. איר אָבער קענט בלייבן און פאַרזעצן. איר קענט זיך דערלויבן מאָרגן שפּעטער שלאָפן — זאָגט דער באַלעבאָס און שטעלט זיך אויף צום גיין. זאָגט „שבת שלום" און גייט.

— אז איר גייט אַוועק, גיי איך אויך — זאָגט איטשע — עס איז טאַקע נישט פרי. ווי איר ווייסט האָב איך אַ גרויסן דעפיציט אין שלאָפן.

— וואָס? איר גייט אויך דאַווענען צום ערשטן מנין? — ווענדעט זיך די באַלעבאָסטע צו איטשען מיט אַ שמייכעלע — וואָס יאָגט איר זיך? בלייבט אַ ביסעלע און דערציילט נאָך עפּעס פון צדיק און בעל־מופת, פון בעש"ט. איך געדענק, אַז ביי אונדז אין דער היים זענען דאָ דריי בילדער

איינגערעמט אין גלאָז, בילדער אין קאָלירן פון משה רבינו, אהרן הכהן און פון בעש״ט. אַלס קינד האָב איך ליב געהאַט קוקן אויף די דריי שיינע געשטאַלטן. דאָס שמייכעלע פון הייליקן צדיק גייט מיר נאָך עד היום. אַזאַ מין גוטסקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף דעם ליכטיקן, שיינעם פּנים. דערציילט נאָך עפּעס.

איטשען איז אָבער נישט באַקוועם צו בלייבן אַליין מיט דער באַלע־באָסטע. דאָס קען אַרויסרופן פּאַרדראָס ביים באַלעבאָס, כאָטש ער האָט דערויף מסכּים געווען. דעם אמת זאָגן איז אים אָנגענעם מיט איר צו פאַרברענגען און זי וויל עס, אָבער...

— איר וועט מיר מוחל זיין — שטעלט ער זיך אויף — מיר וועלן פאַרזעצן אַ צווייט מאָל די סיפּורים. איך בין מיד. האָט מיר אַ גוטן שבת.

— אַז איר זענט מיד, גייט מיר געזונטערהייט און שלאָפט געשמאַק — ענטפערט די באַלעבאָסטע — אָבער איר בלייבט מיר שולדיק אַ חוב, אויף וועלכן איך וועל נישט מוותר זיין.

איטשע גייט אַוועק און די באַלעבאָסטע פאָלגט אים נאָך מיט די אויגן. ער פאַרקלענערט די טריט, דרייט זיך אום צו זען צי זיין געפיל נאַרט נישט אים. ער קען נישט פאַרשטיין: זי איז דאָך אַ פרומע פרוי. ווי קען מען אַזעלכעס טראַכטן וועגן איר?

מאַריאַ האָט זיך קוים דערוואַרט אויף זונטיק. זי מוז איטשען זען. זי ווייסט נישט ווען צו מאַכן דעם באַזוך אין בעקעריי אין דער פרי אָדער פאַר נאַכט, נאָך דער אַרבעט אירער. זי באַשליסט, אַז בעסער אין אָוונט. זי קלערט וועגן אַ תירוץ צו זאָגן דעם ברודער. זי איז נאָך קיין מאָל נישט געקומען צו אים אין בעקעריי ווען ער אַרבעט. זי קלערט און עס פאַלט איר איין, אַז זי וועט זאָגן, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם שליסל און אַבדאַלאַ זאָל איר געבן דערווייל זיין שליסל.

דער טאָג האָט זיך פאַר איר געצויגן ווי אַ יאָר. די הענט האָבן זיך נישט געלייגט צו דער אַרבעט. אַלע ווײַלע קוקט זי אויפן זייגער. עס דאַכט זיך איר, אַז ער שטייט. זי לייגט אים צו צום אויער — ער גייט דאָך. טאָ פאַר וואָס רוקט ער זיך נישט? ענדלעך האָט זי זיך דערוואַרט אויף איר

פֿאַרטרעטערין. זי האָט זיך צוגעפּוצט און אין די שוועסטער־קליידער אַוועק אין בעקעריי, צו ווייזן, אַז זי איז נאָך נישט געווען אין שטוב.

ווען זי איז געקומען אין דער בעקעריי איז זי אויפגענומען געוואָרן מיט אַ וואַרעמען ברוך־הבא פֿון אַלעמען. איטשע און שלום פֿרעגן גלייך, וואָס זיי קענען טאָן פֿאַר זייער חברס שוועסטער.

— גאָרנישט — ענטפֿערט זי מיט אַ שמייכל — שטערט אייך נישט אין אייער אַרבעט. איך בין געקומען צו מיין ברודער, ווייל איך האָב אַוודאי פֿאַרלוירן מיין שליסל פֿון שטוב, אָדער ער איז נעלם געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן טרעפֿט זיך אַזאַ זאַך. דערווייל קען איך נישט אַריינגיין אין דער שטוב. בין איך אַהער געקומען נעמען דעם שליסל. — דערביי קוקט זי זיך אַזוי איין אין איטשען...

— קוק נישט אַזוי אויף מיר — באַמערקט איטשע — מיר זעען אַזוי אויס ביי דער אַרבעט. אַפֿילו קיין האַנט קענען מיר דיר נישט געבן, זי איז נישט ריין. וועסט אונדז מוחל זיין.

— עס איז אַן אונטערשייד פֿון דיין אַרבעט צו אונדזער אַרבעט — זאָגט שלום און קוקט זיך איין אין איר — מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס דו קומסט אין בעקעריי. עס איז אויך דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך זע מאַריאַן אין די קליידער אַלס קראַנקן־שוועסטער. זיי קליידן דיר יוצא מן הכלל.

— קליידער, וואָס מען טראָגט בעת מען באַהאַנדלט קראַנקע — ענטפֿערט מאַריאַ — זענען אַנדערע. אָבער בעקעריי־אַרבעט איז נישט קיין שאַנדע. איר דאַרפֿט זיך נישט שעמען. מיט דער קליידונג פֿאַרלירט איר נישט גאָרנישט פֿון אייער מענטשלעכקייט.

אַבדאַלאַ האָט מאַריאַן געגעבן דעם שליסל און זי געזעגנט זיך פֿריינד־לעך מיט אַלעמען. איטשע מיט שלומען באַגלייטן זי עטלעכע טריט. שלום ווינטשט איר אויף אַראַביש. זי דרייט זיך אום נאָך אַ מאָל און קוקט זיך גוט איין אין זיי.

— ווי שיין זי איז — קען שלום נישט פֿאַרגעסן דעם באַזוך — דו ווייסט, איטשע, ווען מאַריאַ וואָלט זיך וועלן מגייר זיין כאַפּ איך זי מיט

ביידע הענט. וויפל פרויען־רייץ איז אין איר, נאַטירלעך, יונג, בלוט און מילך.

— אמת, שלום, — איז איטשע מסכים — זי האָט אין זיך פּרווילעכקייט. אַ שווערער נסיון צו בלייבן גלייכגילטיק אין איר קעגנוואַרט. זי איז וווּנדערבאַר. די פיגור, דאָס געשיקטע באַוועגן זיך פון איר. איך מיין, אַז דאָס קומען אירס איז געווען אַן אויסרייד. עס איז מיר נישט פאַרשטענדלעך דאָס צו פיל איינקוקן זיך אין אונדז.

— עס קען זיין, אַז דו ביסט גערעכט — קלערט שלום הויך — צייט איך אַרבעט מיט אַבדאַלאַן איז זי דאָס ערשטע מאָל אין בעקעריי.

— זאָג מיר, שלום, — פרעגט איטשע — דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט וועגן מגייר זיין זיך, מיינסטו ערנסט?

— אַוודאי, בחייה נפשי — זאָגט שלום מיט באַגייסטערונג — בינינו לבין עצמינו, וואָס האָב איך דיך צו נאַרן. אַפילו מאָרגן בין איך גרייט. איך בין נישט גלייכגילטיק צו איר.

— דאַרפסט עפּעס טאָן צו דעם — עצהעט אים איטשע — נעענטער זיך באַקענען, נעמען זי אַלע מאָל אויף אַ שפּאַציר, פּאַמעלעך, ביסלעכווייז...

מאַריאַ איז אַהיימגעקומען כמעט מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי זאָל נישט אָנווערן איטשעס בילד. אַהיימגעקומען האָט זי זיך אָוועקגעלייגט און גענומען פאַרשטעלן זיך ווי זי איז מיט אים. זי קושט אים, נעמט אים אַרום, האָט אַ תאוותדיקע הנאה. דאָס געשעט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן. זי וועקט זיך איבער און פאַלט צוריק אַריין אין חלום. עס איז שוין שפּעט ביי נאַכט און זי ליגט נאָך אין די זעלבע קליידער פון אַ קראַנקן־שוועסטער. אַבדאַלאַ דאַרף באַלד קומען פון דער אַרבעט. זי גרייט שנעל צו דאָס עסן פאַר אים, טוט זיך אויס און לייגט זיך אין בעט. דער שלאָף קומט אָבער נישט. זי וואָלט גערן נאָך אַ מאָל געזען דעם חלום, אָבער... דער מאָרגנשטערן שיינט שוין אַריין און זי קען נישט איינשלאָפן. זי הערט אַבדאַלאַן קומען, ווי ער נעמט זיך דאָס עסן און זי מאַכט זיך ווי זי וואָלט זיך איבערגעוועקט:

— גוט מאָרגן, אַבדאַלאַ, איך האָב געפונען מיין שליסל. קענסט דיינעם צוריקנעמען. צי האָסטו, אַבדאַלאַ, זיי שוין פאַרבעטן צו קומען?

— נאָך נישט — וווּנדערט זיך אַבדאַלאַ — עס איז נאָך צייט. איצט איז ערשט מאָנטיק. איך וועל זיי מאָרגן זאָגן. די גאַנצע צייט האָבן זיי געזאָגט דער ערשט מאָנטיק. איך וועל זיי מאָרגן זאָגן. די גאַנצע צייט האָבן זיי גערעדט וועגן דיין באַזוך. וואָס געדענק איך נישט. אָבער איך קען דיר פאַרזיכערן, אַז קיין איין שלעכט וואָרט האָבן זיי נישט גערעדט אויף דיר.

— אַבי צום גוטן — פרייט זיך מאַריאַ — דו גייסט שלאָפן און איך שטיי אויף.

פאַר נאַכט, ווען אַבדאַלאַן איז געקומען צו דער אַרבעט האָט ער זיי באַלד דערמאָנט, אַז זיי האָבן צוגעזאָגט פרייטיק צו מאַכן אַ באַזוך. ער בעט זיי איין זיין נאָמען און איין נאָמען פון זיין שוועסטער. שלום און איטשע האָבן מיט פרייד אָנגענומען די איינלאַדונג. זיי האָבן הויך גענומען רעדן וועגן דער מתנה, וואָס זיי ווילן בשותפות קויפן פאַר מאַריאַ. אַבדאַלאַ הערנדיק דאָס האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט:

— ביי אונדז נעמט נישט קיין מיידל מתנות ביי מענער. נאָר דאַן ווען זי ווערט זיינס אַ כלה. מען דאַרף נישט קיין מתנות. עס וועט זיין גוט אָן דעם.

— ביי אונדז אָבער — קלערט אים איטשע אויף — גייט מען נישט אויף אַ באַזוך אָן מתנות. ווייסטו וואָס, אַבדאַלאַ, איך האָב אַן אויסוועג: מיר וועלן דיר געבן די מתנה. און דו טו דערמיט וואָס דיר געפעלט. מיר קענען נישט קומען אָן אַ מתנה. אפשר וועלן מיר קויפן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אייך ביידן.

— מילא, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש — איז אַבדאַלאַ מסכים — אָבער איך בעט אייך איר זאָלט זיך נישט ווענדן דערמיט דירעקט צו מאַריאַ. איר קענט זאָגן סתם: מיר האָבן עפּעס געבראַכט פאַר אייך און אַוועקשטעלן די זאַך. איך בעט אייך אָבער נישט אויסגעבן קיין סך געלט. מאַריאַן פעלט גאָרנישט. זי האָט אַ שיינע משכורת, קען זי זיך דערלויבן קויפן וואָס איר געפעלט. זי פאַרדינט פיל מער ווי איך. אויך מיר פעלט גאָרנישט. נאָר, אַז דו זאָגסט, אַז מען דאַרף עס צוליב העפלעכקייט און עס איז ביי אייך אַזאַ מנהג, געפעלט עס מיר זייער און איך בין מסכים.

☆

אַ צוויי טעג פאַר שבת טרעפט דער באַלעבאָס איטשען, ווייזט אויס נישט צופעליק, און ווענדט זיך צו אים:

— איך האָב צו דיר אַ גרויסע בקשה און בעט דיך מיר נישט אָפּצוזאָגן.

איטשע שטעלט אָן מויל און אויערן און זאָגט מיט אַ שמייכל:

— איך בין בערייט צו הערן די בקשה פון מיין באַלעבאָס. אויב עס וועט נאָר מעגלעך זיין צו דערפילן איז מיטן גרעסטן און שענסטן כבוד!

— הער זיך צו! — זאָגט דער באַלעבאָס — איך פאָר אַוועק אויף שבת קיין ירושלים. איך וועל נישט זיין אין דער היים בערך אַ דריי טעג.

— פאָרט לחיים ולשלום! — ווינטשט איטשע — מיט וואָס קען איך אייך העלפן? וואָס זשע קען איך טאָן פאַר אייך? און וואָס ווילט איר פון מיר?

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — זאָגט אָלץ נישט דער באַלעבאָס וואָס ער וויל — איך בין צו דיר דרייסטער, היימישער, אַזוי ווי צו אַן אייגענעם, ווי צו אַ בן־בית. דעריבער נעם איך מיר די דרייסטקייט צו בעטן עפּעס ביי דיר.

— באַלעבאָס — ווערט שוין איטשע נייגעריק — וואָס דאַרפט איר די פאַררעדע? איך בין גרייט.

— איך בעט דיר צוהעלפן מיין פרוי אין געוועלב און אַכטונג געבן אויף דער שטוב. ווי דו ווייסט איז עס אַן אַראַבישע סביבה. גאַנץ באַזונדער בעט איך דיך נישט צו פאַרשטערן דעם שבתדיקן טיש מיינעם — דערביי קוקט אים דער באַלעבאָס אָן מיט אַן אויספאַרשנדיקן בליק, ווי ער וואָלט געמאַכט אָפּהענגיק זיין פאָרן פון איטשעס הסכמה.

איטשע קלערט אַ ווײַלע און זאָגט:

— מילא, די ערשטע בקשה פאַרשטיי איך. אָבער וואָס איז די צווייטע? וואָס הייסט נישט פאַרשטערן און נישט פאַרשעמען דעם שבתדיקן טיש? וואָס מיינט איר דערמיט?

— וואָס הייסט? — קלערט אויף דער באַלעבאָס — איך מיין זאָלסט מיטעסן, פירן זיך אַזוי ווי איך וואָלט געוועזן, מיטן קידוש־מאַכן, אַפילו

מיט די סיפּורים. קיין שום ענדערונג, קיין שום שינוי, אַזוי ווי איך אַליין וואָלט געוועזן. איך פֿאָר, בעסער געזאָגט, איך מוז פֿאָרן, אויף אַ בר־מצווה צו איינעם אַ זייער אָנגעזעענעם פֿון מיין משפּחה. איך קען נישט אָפּזאָגן.

— בסדר, באַלעבאָס! — איז איטשע מסכּים נישט קלערנדיק קיין שלעכטס — דאָס איז נישט פֿון די שווערע זאַכן. איך וועל עס גערן טאָן. איר פֿאָרט נישט מיט דער פֿרוי? נעמט מיט אייער פֿרוי וועט איר נישט דאַרפֿן קיינעם בעטן טובֿות. וואָס אָנבאַלאַנגט היטן וועל איך עס במילא טאָן.

— אַזוי האָט געדאַרפֿט זיין — זאָגט דער באַלעבאָס — עס זענען אָבער דאָ עטלעכע סיבות, וואָס שטערן. ערשטנס איז עס טעכניש אוממעגלעך פֿרייטיק און זונטיק צו פֿאַרמאַכן אַ ברויטגעשעפֿט. איך קען זייער פֿיל אָנגווערן. עס זענען דאָ נאָך סיבות. איצט, אַז איך לאָז אַלץ איבער אונטער דיין השגחה קען איך רויִק פֿאָרן. אויף דיר קען איך זיך פֿאַרלאָזן ווי אויף מיר אַליין. איך קען דיין כאַראַקטער, דיין אָרנטלעכקייט. איך זאָג דיר צו אַ באַפֿרידיקונג. איך פֿאַרלאַנג נישט אומזיסט.

— וואָס זאָגט איר, באַלעבאָס, אַ באַפֿרידיקונג? — פּראָטעסטירט איטשע — איך וויל גאָרנישט. איך טו נאָר דעם רצון פֿון מיין באַלעבאָס.

דאָנערשטיק ביי נאַכט איז דער באַלעבאָס געקומען אין בעקעריי, דערציילט, אַז ער פֿאָרט גאַנץ פֿרי קיין ירושלים, דעריבער האָט ער איצט געבראַכט די משכּורות און וויל זיך געזעגענען. אַלע געזעגענען זיך מיט אים פֿריינדלעך. דער באַלעבאָס פֿאַרגעסט נישט צו דערמאָנען אי־טשען, וואָס יענער האָט אים צוגעזאָגט.

דער עול האָט איטשען נישט געלאָזט לאַנג שלאָפֿן פֿרייטיק. קוים אַ צוויי־דריי שעה. ער מוז שנעל אַוועק אין געשעפֿט העלפֿן דער באַלעבאָסטע, דאַן דאַרפֿן זיי, ער און שלום, קויפֿן אַ מתּנה, וויל שפּעטער גייען זיי צו אַבדאַלאַן. קוים מיט צרות האָט ער דערוועקט שלומען און זיך אָפּגערעדט מיט אים וועגן די אַלע זאַכן.

איטשע לאָזט זיך גיין אין שטאָט אַריין. ער גייט און קלערט פֿאַר וואָס ער האָט נישט קיין ענטפֿער אויף די בריוו, סיי פֿון דער חבֿרה, סיי פֿון תּמר, אויך נישט פֿון דער היים. דאָרט אין דער היים דאַרף דאָס שיקן געלט פֿון ישׂראל מאַכן אַ רושם. ער האָט אַריינגעלייגט צוויי

פונט. ער באַשליסט נישט אויפהערן שרייבן. ער וויל צוגיין צו דער פּאָסט, אָבער ער דערמאָנט זיך דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן דעם באַלעבאָס. ער הייבט אָן איבערקלערן:

— מילא גיין איך געשעפט, דאָס יאָ. אָבער צו וואָס האָב איך געדאַרפט צוזאָגן צו פירן דעם שבתדיקן טיש? צו וואָס? צו ווען? צוליב וואָס דאַרף איך עס? שלום קוקט אַזוי אויך אויף מיר מיט קנאה! „אַז די באַלעבאָסטע קריכט דיר אונטער די נעגל. זי האַלט אין איין קוקן אויף דיר, ווען קיינער זעט נישט". ער זאָגט עס מיר אַלע מאָל. אויך מיר זענען געוויסע זאַכן נישט קלאָר. ווער ווייסט צו וואָס דאָס קען ברענגען? מען דאַרף זען דאָס אויסמיידן. איך וואָלט געגעבן מי יודע וויפל, אַז מען זאָל מיך באַפרייען דערפון. אַ גרויסער שטות געווען פון מיר. אָבער פאַרפאַלן. צוגעזאָגט מוז מען וואָרט האַלטן. אפשר געפינען אַ תירוץ?

אָנגעקומען אין געוועלב דערפרייט זיך די באַלעבאָסטע, זאָגט אים צו ערשט דעם שלום, דאַן גיט זי אים אַ גלעט און בעט אים:

— זייער גוט, וואָס איר זענט געקומען. בלייבט אין געוועלב עטלעכע מינוט. איך וויל קויפן אַ לעבעדיק פּישל לכבוד שבת. איך קום גלייך צוריק. לאַנג וועל איך דאָס געוועלב נישט האַלטן אָפן. אַלע ברויט זענען שוין באַלד אויספאַרקויפט. שפּעטער גיי איך אַהיים מאַכן שבת. סליחה.

— עס דוכט זיך מיר — טראַכט איטשע — אַז מיין באַלעבאָסטע איז היינט פריילעכער, לעבעדיקער ווי שטענדיק, מער רעדעוודיק. אפשר צוליב דעם, וואָס זי איז פּטור געוואָרן דעם מאַן אויף עטלעכע טעג. זייער פאַ־ מיליע־לעבן מוז נישט זיין גאָר פויגלדיק. דער אונטערשייד אין עלטער...

עס באַווייזט זיך שלום מיט אַ שמייכעלע. ער נעמט אַרויס פון קע־ שענע אַ שיין איינגעפּאַקט פּעקעלע מיט אַ שנור קרעלן. ער פרעגט איטשען:

— נו, ווי געפעלט עס דיר? אַ פיינע, שיינע מתנה און נישט טייער. מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף שלומען.

— עס איז טאַקע שיין — זאָגט איטשע — אָבער מיר האָבן דאָך גערעדט זאָלסט קויפן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאַרביידן. קרעלן זענען דאָך נאָר פאַר מאַריִאַן.

— איטשע, וואָס רעדסטו? — ענטפערט שלום מיט אַ שמייכל — אויך מענער צירן זיך דאָ מיט קרעלן. האָסט נישט געזען ווי אַראַבער האַלטן אַ שנור קרעלן און האַלטן אין איין ציילן הין און צוריק. די קרעלן זעען אויס פון בורשטין. וועסט זען ווי אַבדאַלאַ וועט דאָס אויפנעמען. ווי איך זע ווערסטו ביסלעכווייז דער פאַרטרעטער פון אונדזער באַלעבאָס. היינט ווערסטו גאָר מאַכן אַ לעבן. איך בין דיך מקנא. ווו האָסטו זי פאַר־שטעקט?

— זי איז געגאַנגען וואָס קויפן און קומט גלייך צוריק. איך בעט דיך אין איר קעגנוואַרט נישט רעדן קיין נאַרישקייטן — באַמערקט שטרענג איטשע — ווי נאָר זי קומט גייען מיר.

עס איז אָנגעקומען די באַלעבאָסטע און דערזען די קרעלן פרעגט זי פאַר וועמען זיי זענען.

— מיר גייען אויף אַ וויזיט צו אַבדאַלאַן. נעמען מיר מיט פאַר אים אַ מתנה. ווי געפעלן אייך די קרעלן? — פרעגט שלום.

— זייער שיינע — ענטפערט די באַלעבאָסטע — אָבער דאָס פּאַסט פאַר אַ פרוי, אַ מיידל.

— מיינע ווערטער — לאַכט איטשע — שלום וויל מיר איינרעדן, אַז דאָ אין לאַנד שפּילן זיך אויך מענער אין קרעלן.

— ריכטיק, אַראַבער שפּילן זיך אין קרעלן — זאָגט די באַלעבאָסטע — איטשע, איך באַפריי אייך שוין.

איטשע וויל העלפן דער באַלעבאָסטע שליסן דאָס געוועלב און צו־טראָגן די פּעקלעך. זי וויל נישט און יאָגט זיי אונטער צו גיין, ווייל זיי וועלן נאָך פאַרשפּעטיקן.

דעם גאַנצן וועג הערט נישט שלום אויף צו רעדן וועגן דער באַלעבאָסטע:

— די פאָר איז פאַר מיר אַ רעטעניש. ער איז טאָפּלט אַלט, ווי זי. זי איז דאָך אַזוי יונג, און שיין ווי די גאַנצע וועלט, פול מיט חן. איך האָב נישט געגלויבט, אַז זיי זענען מאַן און ווייב, געמיינט פאָטער און טאָכטער. איך וואָלט זי איינגעשלונגען. דו ביסט אַ מבין אויף איר. אָבער מער פון אַלעם פאַרשטיי איך נישט פאַר וואָס זיי האָבן נישט קיין קינד.

— שלום, רעד נישט קיין נאַרישקייטן, עס פּאַסט נישט פאַר דיר, ווען נישט ווערן מיר אויס חברים. — שטראָפט אים איטשע — די באַלעבאַטים זענען אָנשטענדיקע, פרומע און ווילע מענטשן. דו ביסט דאָך פרום און דו ווייסט, אַז רכילות איז אַ גרויסע עבירה. פרעג נישט און קוק נישט, ווו מען דאַרף נישט. אַלץ איז פון גאָט. האָב זי ווייניקער אין געדאַנק, ווייל זי איז אַ פרוי פון אַ מאַן. לא תחמוד אשת רעיך. דאָס איז אַ גרויסע עבירה. פאַרשטאַנען?

זיי זענען אָנגעקומען צו אַבדאַלאַס שטוב. אָנגעקלאַפּט, האָט זיי אַבדאַלאַ אויפגענומען זייער פריינדלעך, מאַריאַ איז אויך שיין אָנגעטאָן. זי בעט זיי זיצן. זיי זעען אַ נייעם שטיח און ווינטשן די באַלעבאַטים, זיי זאָלן זיך קויפן אַ סך שיינע זאַכן.

—איטשע, געבן דיר אַ קישעלע צו זיצן — פרעגט אַבדאַלאַ — ווייל דיר איז שווער צו זיצן ווי מיר זענען געוווינט.

— תודה רבה, איך קען שוין זיצן גלייך מיט אייך. איך האָב גע־לערנט אַ גאַנצע וואָך ביז איך האָב סוף כל סוף געכאַפּט דאָס פאַרטל — זאָגט איטשע און אַלע לאַכן.

— אפשר האָסטו זיך אויך אויסגעלערנט רויכערן אַ נאַרגילע? — פרעגט ווייטער אַבדאַלאַ — וועל איך דיך מכבד זיין מיטן ערשטן...

— דאָס נאָך נישט. דערווייל רויכער איך אַליין געמאַכטע סיגאַרעטן — ענטפערט איטשע און נעמט אַרויס אַ זעקעלע טאַבאַק, איז אַלעמען מכבד.

שלום נעמט אַרויס די מתנה און דערלאַנגט זי אַבדאַלאַן.ביידע זענען דאַנקבאַר און באַוווּנדערן די מתנה. אַבדאַלאַ טוט אָן די קרעלן מאַריאַן. זיי זאָגן, אַז דאָס וועט זיין שטענדיק אַ ליבע דערמאָנונג.

— איך וועל גיין מאַכן קאַווע — רייסט איבער מאַריאַ די קעגנ־זייטיקע ווינטשעוואַניעס — ווער וויל טערקישע קאַווע, ווער לייכטע, אָדער ביידע צוזאַמען?

— פון דיין האַנט באַדינגט צו ווערן — זאָגט איטשע — איז אַלץ גוט. וואָס דו וועסט געבן וועט גוט זיין.

מאַריאַ האָט אָנגעשטעלט אַ פולן טיש מיט גוטע זאַכן, שאַרפע מאכלים

און זיך אַליין באַלד צוגעזעצט. דער שמועס איז אַרויף אויף דער רייזע פון זייער באַלעבאָס.

— וואָס זאָגט איר אויף דעם — קען שלום נישט אָוועק פון זיינע געדאַנקען — אַליין געפאָרן און נישט מיטגענומען די פרוי. איך וואָלט עס נישט געטאָן. און דערצו נאָך וואָס פאַר אַ פרוי. איטשע, וואָס מאַכסטו דערפון אַ סוד, אַז דער באַלעבאָס האָט דיך געבעטן אַכטונג געבן אויף איר? אפשר שעמסטו זיך דערמיט?

— פון יעדער זאַך מאַכט שלום אַ געשעעניש — ענטפערט איטשע אַ ביסל ברוגזלעך — אמת, ער האָט געבעטן ביי מיר. האָב איך געדאַרפט אים אָפּזאָגן? ווען ער בעט ביי דיר, שלום, וואָלסטו אים אָפּגעזאָגט? ער איז ווערט ביי מיר, און אויך ביי אייך, אַז מען זאָל אים אַנטקעגנקומען. ער האָט אונדז קיין שלעכטס נישט געטאָן. איך האָב נאָר איין זאַך נישט גוט דערליידיקט, דערפאַר בין איך אין אַ פאַרלעגנהייט. נישט געדאַרפט נעמען אויף זיך. געקענט עס אויסמיידן. איצט האָב איך חרטה.

— קען מען וויסן, וואָס די שווערקייט איז. אפשר קענען מיר דיר מיט עפּעס העלפן, עס זאָל נישט דאַרפן פאַלן צו לאַסט דיר אַליין — איז אַבדאַלאַ גרייט צו טיילן די זאָרג.

— דאָס איז נישט צו העלפן — שמייכלט איטשע — צו שנעל און אומבאַרעכנט האָב איך צוגעשטימט נישט צו פאַרשעמען דעם שבתדיקן טיש און נישט אָוועקגיין ערגעץ אַנדערש עסן, נאָר פירן זיך, ווי ער, דער באַלעבאָס, זאָל דאָ זיין.

— מה רעש — פאַרשטייט נישט אַבדאַלאַ — דוכט זיך, אַז דו עסט אַלע שבת מיט זיי?

— עס איז אַן אונטערשיד, מיט אים, אָדער אָן אים — דערקלערט איטשע — איך האַלט עס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע. איך בין ממש אין אַ פאַרלעגנהייט. כאָטש ער האָט געזאָגט: „איך האָב צו דיר דעם פולן צוטרוי. דיין ערלעכקייט און פיינקייט איז מיר באַקאַנט״.

— דאָס הייסט ער האָט צו אייך דעם פולן צוטרוי, אַן אויסערגעוויינלעכן צוטרוי — וווּנדערט זיך אויף מאַרזאַ — לאָמיר זאָגן ווי צו אַ מענטשן פון דער נאָענסטער משפחה, ווי צו אַ ברודער. ביי אונדז

ווען אַזאַ זאַך נישט פּאַסירן. ביי אונדז קען אַזעלכעס אין לעבן נישט געשען.

— אויך נישט ביי אונדז — זאָגט שלום — און אויך נישט ביי מיר. אַלץ אין דער וועלט וואָלט איך דיר געטרויט און געגלויבט, אָבער מאַכן דיך פאַר אַ שומר אויף מיין פרוי? אַליין זי איבערלאָזן מיט אַ מאַן אין איין שטוב? עסן און טרינקען ביי איין טיש און פאַרברענגען צוזאַמען אַליין עטלעכע טעג? בפרט ווען זי איז אַזאַ שיינינקע און יונגע. איך וואָלט דאָס בשום אופן נישט געטאָן.

— און איך וועל אייך זאָגן אָפן, אַז עס זענען דאָ אויסנאַמען — זאָגט אַבדאַלאַ — איר קענט נישט איטשען. איך קען אים בעסער ווי איר, איך קען גוט זיין כאַראַקטער, זיין נאַטור. אָן פחד און מורא וואָלט איך געווען דער זעלבער, ווי מיין באַלעבאָס.

— עס ווענדט זיך אויך ביי וועלכע אומשטענדן, ביי וועלכן עלטער, אין וועלכן מצב, און מיט וועמען — לאָזט אַלץ שלום נישט אָפּ.

— קודם כל מיין דאַנק פאַר דיין גוטער מיינונג וועגן מיר, חבר אַבדאַלאַ — זאָגט איטשע — אָבער מער אויסגעהאַלטן זענען זיינע מיינונגען. ביי אונדז זאָגט מען כבדהו וחשדהו. עס איז דערלויבט צו האָבן חשד אויף יעדן איינציקן מענטש. אפילו געזעצלעך איז עס דער־לויבט. אין לעבן קען אַלץ פּאַסירן, אַז מען זאָל דאַרפן חושד זיין. ביי פרומע יידן, גאָר רעליגיעזע, וועט קיין מאַן נישט בלייבן מיט קיין פרעמדער פרוי קיין איין מינוט. אויך ביי יענעם אין געשעפט — אַלץ צוליב חשד. בעסער און גלייכער איז נישט ברענגען צו דעם חשד. אָבער עס זענען דאָ אַ סך פאַלן, ווען מענער און פרויען בלייבן אַליין אַ סך שעהן, מען גייט שפּאַצירן ווייט פון מענטשלעכע אויגן און עס געשעט גאָר־נישט. מיט מיר אַליין האָט זיך שוין פיל מאָל געטראָפן, אַז איך בין געבליבן אַליין מיט אַ מיידל לאַנגע שעהען און ווייט פון מענטשן און עס איז קיין שום שלעכטס נישט געשען. עס איז דאָ אַ געוויסן, מאָראַל און מענטשלעכקייט. אַ מענטש מוז זיך באַהערשן און צוימען. אַ מענטש איז נישט קיין חיה.

— איך זאָג — האָט זיך מאַריאַ אָפּגערופן — אַז אַ מענטש, וואָס באַזיצט די אַלע מעלות, וועלכע איטשע האָט אויסגערעכנט, איז נישט קיין מענטש נאָר אַ מלאך.

— איך זאָג — כאַפּט אונטער שלום — אַז אויף דער ערד זענען נישטאָ קיין מלאכים. דער מלאך, וועלכער קומט אַראָפּ אויף דער ערד, ווערט אַ מענטש מיט ווילן, מיט פאַרלאַנגען, ווי אויך מיט אַ יצר־הרע.

— גלויבט מיר — פאַרזיכערט איטשע — ווען איך דאַרף איצט באַשטימען וואָלט איך בשום אופן נישט מסכים געווען. די הסכמה איז געווען נישט באַרעכנט. איך האָב געוואָלט אַרויסווייזן מיין באַלעבאָס אַ שיינעם, העפלעכן זשעסט, האָב איך זיך אַ ביסעלע צוגעאיילט.

— מיט מיר טרעפן נישט אַזעלכע ניסים — באַדויערט שלום — הלוואי וואָלט עס מיט מיר געטראָפן וואָלט איך גאָר נישט געווען באַזאָרגט.

— אפשר ווילסטו עס איבערנעמען? ביטע זייער — לייגט איטשע פאָר שלומען.

— מיט מיר ביסטו פאַרטיק. איך בין גרייט — זאָגט שלום — קום נאָר אַדורך מיטן צווייטן צד. אָבער איך האַלט דיך נישט פאַר אַזאַ בטלן, זאָלסט אַרויסגעבן אַזאַ געשמאַקן ביסן פון דיינע הענט. אַזוי יונג, אַזוי שיין און באַטעמט, בלוט און מילך. יעדעס גליד געטאָקט, פאַררונדיקט. זאָל איך דיר גלויבן, אַז דו מיינסט עס ערנסט?

— שלום, הייבסט שוין ווייטער אָן — ווערט איטשע אין כעס — האָסט שוין פאַרגעסן וואָס מיר האָבן גערעדט?

— שלום, מער קיין מעלות האָסטו נישט ביי דער באַלעבאָסטע? — רופט זיך אָפּ אַבדאַלאַ — דוכט זיך אַ שטילינקער, קוקט נישט און זעט נישט. מען זעט פון דיין רעדן, אַז דו ביסט מקנא איטשען.

— ביי אונדז זאָגט מען: שטילע וואַסערן גראָבן טיף — גיט צו מאַריאַ און גייט אַוועק ברענגען אַ טרונק.

איטשע נוצט אויס מאַריאַס אָפּוועזנהייט און שטראָפט שלומען:

— איך האָב דיך געבעטן און בעט דיך נאָך אַ מאָל: רעד נישט פון דער באַלעבאָסטעס שיינקייט. באַזונדערס געפעלט מיר נישט דיין אופן רעדן. ווען דו רעדסט פון אַ מיידל, אָדער פרוי, קריכסטו אַריין אין אַזאַ

התלהבות, אַז דו פֿאַרלירסט די קאָנטראָל איבער דיין מויל און דו זאָגסט ווערטער סתם אין דער וועלט אַריין.

ווי שטיל איטשע האָט גערעדט, האָט דאָך מאַריאַ געכאַפּט עטלעכע ווערטער און ווען זי איז אַריינגעקומען מיט די גוטע זאַכן און מיטן פרישן טרונק האָט זי זיך אָפּגערופֿן:

— איטשע, איר דאַרפֿט נישט בייז זיין אויף שלומען און אויך זיך נישט שעמען. איר זענט גאָר נישט שולדיק, אויב עמיצער האָט אייך גערן, און אַפֿילו ליב אָן אייער וויסן. וואָס אַרט אייך דאָס? איך אויף אייער אָרט וואָלט געווען שטאָלץ דערמיט. טוט מיר צוליב און האָט נישט קיין פֿאַרדרוס. לאָמיר האָפֿן, אַז שלום וועט זיך אונטער אייער השפעה בעסערן. ער מיינט נישט חס ושלום דערמיט עמיצן צו ערגערן, גאָר פּראָסט און פּשוט ער איז אייפֿערזיכטיק און איז אייך מקנא.

— מאַריאַ, מאַריאַ, — לויבט זי שלום — ביסט דאָך אַ טייערע בחורה מיט אַלע מעלות...

— איך דאַנק דיר, מיין חברס שוועסטער, מאַריאַ, — זאָגט איטשע — איך דאַנק דיר פֿאַר דער טרייסט. איר קענט אפשר מיינען, אַז איך ערגער זיך פֿון זיינע רייד. ניין. איך וועל אייך באַרויקן, אַז איך מאַך נישט קיין וועזן פֿון דעם וואָס ער זאָגט, סתם גערעדט. ביי מיר הייסט עס רכילות, לשון־הרע, אַ נישט אָנגענעמער שמועס. איך האָב עס נישט גערן. לאָמיר פֿאַרענדיקן דעם נאַרישן שמועס. בעסער לאָמיר הערן אַבדאַלאַן זינגען. ער זינגט אַזוי שיין די אַראַבישע אָדער טערקישע לידער.

— דו פֿאַרשטייסט דאָך נישט, איטשע, נישט טערקיש, נישט אַראַביש, — זאָגט אַבדאַלאַ — און איך קען נישט זינגען אויף קיין אַנדער לשון.

— זינגען דאַרף מען נישט פֿאַרשטיין — דערקלערט איטשע — זינגען דאַרף מען פֿילן. דאָס געזאַנג פֿיל איך און די ווערטער וועט מיר שלום איבערזעצן.

— שלום פֿאַרשטייט נישט קיין טערקיש — זאָגט אַבדאַלאַ — ער דאַרף אַליין אָן איבערזעצער.

— איך וועל גערן איבערזעצן אַלע לידער פֿאַר אונדזערע געסט —

לייגט פאַר מאַריאַ איר הילף און נעמט אַראָפּ פון דער וואַנט אַן אינסטרו־מענט צו באַגלייטן דעם ברודער. די כלי איז אַן ערדענע און די ברייטע זייט איז פאַרמאַכט מיט אַ ווייסער פעל, ענלעך צו פּאַרמעט. זי טוט אַן אויף די פינגער אַזעלכע „פינגערהוטן״. אַבדאַלאַ נעמט אויך אַן אינסטרו־מענט, האַלב מאַנדאַלינע, האַלב באַלייליקאַ. ביידע גיבן אַ שפּיל. אַבדאַלאַ שפּילט מיט פאַרמאַכטע אויגן. דער ניגון איז ערנסט, לאַנגע מאָנאָטאָנע טענער, געציקלטע, געדרייטע ווי השלשלת. די קאָלירן אויף אַבדאַלאַס פּנים ענדערן זיך, מען פילט ווי ער איז אָפּגעריסן פון אַרום און פליט ערגעץ הויך. ענדלעך דערהערט מען די נישט פאַרשטענדלעכע ווערטער, וואָס קומען אַרויס פון אַבדאַלאַס מויל און פון האַלדז. ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ בעתן זינגען:

ווו ביסטו, מיין געליבטע ?
גיב מיר וועלכן רמז אָדער סימן,
און וועלכע דוגמא אָדער פאָרם,
באַווייז זיך אַפילו אין חלום,
קום איך צו דיר!

אַפילו דער וועג מרחקים ווייט,
מיט חיות ווילדע פאַרשפּרייט,
מיט קראַבן, עקדישן, שלאַנגען,
מיט קוצים שטעכיקע ווי נאָדלען
קום איך צו דיר!

דורך ימען, טייכן, אָזיערעס, וואַסערן,
דורך מדבריות ווייסע געלע זאַמדן,
דורך רעגן, קעלט, האָגלען,
דורך שטורעמס, דונערן, בליצן
קום איך צו דיר!

מיט ליבע פיל לוסט מיט תאווה געמישט
פון יאָרן לאַנגע, לאַנגע געזאַמלט
איך היט זיי ווי דאָס גרעסטע פאַרמעגן
פאַר דיר, אַ שאָד אַ טראָפּן צו פאַרלירן,
קום איך צו דיר!

אַבדאַלאַ האַלט נאָך אַ ווײַלע די אויגן פאַרמאַכט. קיינער וויל נישט שטערן די שטימונג. ווען ער עפנט די אויגן זעט מען ווי זיי זענען פייכט. מאַריאַ פאַרטייטשט ווונדערבאַר, וואָרט ביי וואָרט. גאָלדענע, טייערע ווערטער. איטשע איז פול מיט התפעלות אי פון די ווערטער, אי פון געזאַנג און בעט אַבדאַלאַן נאָך זינגען. דער לעצטער לאָזט זיך שוין נישט בעטן, אַ פּנים ער אַליין האָט אויך הנאה. ער זינגט פון אַ בת־מלכה, וואָס פאַרליבט זיך אין אַן אָרעמען פּאַסטוך און גנבעט זיך אַרויס פון קעניגלעכן פּאַלאַץ און זיי אַנטלויפן אַוועק זייער ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב, ווו קיינער קען זיי נישט און קיינער שטערט זיי נישט. אַבדאַלאַ גייט אַריין אין עקסטאַז, זינגט איין ליד נאָכן אַנדערן, אַלע מאַנאָטאָן, ערנסט, טרויעריק.

— מיין ברודער אַבדאַלאַ — רייסט מאַריאַ איבער — גענוג מיט די ערנסטע מעלאָדיעס. זאָל זיין גענוג די ערנסטע שטימונג, לאָמיר בעסער רעדן און אַפילו שפּאַסן.

— ביסט גערעכט, מיין שוועסטער, עס זענען דאָ אויך פריילעכע מעלאָדיען. — זאָגט אַבדאַלאַ — אַז דו ווילסט וועלן מיר זיי זינגען.

— אַבדאַלאַ זינגט דאָך אַזוי שיין — מיינט איטשע — אַזוי האַרציק, צום האַרצן...

— גענוג דאָס זינגען — באַפעלט מאַריאַ — מיר וועלן נאָך האָבן צייט צו וויינען און טרויערן. מיר זענען אַלע יונגע מענטשן. פריילעך דאַרפן מיר זיין, לוסטיק, לעבעדיק, אַזוי ווי די ניי געקומענע. זיי טאַנצן שטענדיק.

— בראַוואָ, מאַריאַ — איז שלום מסכים — איך בין אין דער זעלבער מיינונג. מיר דאַרפן זיך פירן ווי די ניי געקומענע! פריילעך, לעבעדיק

כל זמן מיר זענען יונג. מען דאַרף אויסנוצן די צייט, פריילעך פאַרברענגען די יוגנט. אָבער צו פאַרברענגען מוז מען אויך האָבן דעם צווייטן מין, בחורות, מיידלעך, און ביי די ניי געקומענע זעט מען כמעט בלויז מענער. צי ווערן אין אייערע לענדער געבוירן נאָר ייגגלעך? בלויז בחורים וואַקסן ביי אייך?

— שלומקע, איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — באַרויקט אים איטשע — איך וועל דיר דערציילן אַ סוד דו זאָלסט זיין רויק. דער גרעסטער איבערפלוס פון מיידלעך איז דאָ אין אונדזערע לענדער. אַ ביסעלע סבלנות, ברען נישט, זיי וועלן קומען, זיי וועלן מוזן קומען, גאַנצע מחנות וועסטו זיי דאָ האָבן...

— פאַר וואָס וועלן זיי מוזן קומען? ווער וועט זיי צווינגען? און פאַר וואָס קומען זיי נישט אַליין? צי נישט אויס די נשמה, דערצייל! — פרעגט שלום און אַלע לאַכן.

— הער זיך צו — דערקלערט איטשע — די פיר יאָר וועלט-מלחמה האָבן אַוועקגעהרגעט זייער פיל יונגע מענער, און די, וואָס זענען געבליבן, פאָרן אַוועק אין אַלע עקן פון דער וועלט, וווּ מען לאָזט נאָר אַריין, ווייל עס איז נישטאָ דאָרט וואָס צו טאָן. טאָ מיט וועמען וועלן בלייבן די מיידלעך? מיידלעך מיט מיידלעך? אַזאַ וועלט האָט אַ קיום? אַז זיי וועלן נאָר געוואָר ווערן פון דעם מאַנגל אין מענער, וואָס הערשט דאָ, וועסטו זיי האָבן גאַנצע שיפן. דאָס הייסט נישט געצווונגען? עס איז דאָך אַ פּראָסטער שכל.

— גוט, אַן אמתדיקער, שכלדיקער געדאַנק — איז שלום מסכים — אָבער ווען? ווען וועט דאָס געשען? — ער מאַכט אַ צופרידענע מינע, רייבט די הענט פאַר גרויס פרייד — טאָ וואָס ראַטסטו מיר, זאָל איך וואַרטן?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט: סבלנות און נאָך אַ מאָל סבלנות. אָבער אַזאַ ברען פייער ווי דו ביסט, דו וועסט זיך קענען איינהאַלטן און וואַרטן? — פרעגט איטשע און אַלע לאַכן.

— פאַר וואָס זאָל ער וואַרטן? פאַר וואָס זאָל ער ליידן? — זאָגט מאַריאַ — אַ רחמנות אויף אים. ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט דאַרפן וואַרטן? און טאָמער קומען זיי נישט, און טאָמער פאָרן זיי אַוועק אין

אַנדערע לענדער? דאָ פעלט שוין אויס דער מין. שלום, פאָלג מיך און וואַרט נישט. אַזאַ אַלטער בחור ווי דו ביסט דאַרף נישט וואַרטן און פאַרלאָזן זיך אויף נסים. די היגע מוסולמענער אין דיינע יאָרן האָבן שוין צו עטלעכע ווייבער.

— נישט עס פעלט, נאָר עס איז נישטאָ! — טענהעט שלום — פראָסט און פשוט אַ מאַנגל. און אויב עס איז שוין דאָ עפּעס ווילן זיי דווקא אַ נייעם. די נייע ווו ערגעץ אַ מיידל אַ יונגע, אַפילו אַן אַלטע, כאַפּן זיי אַוועק. אַפילו קאַליקעס, מיט אַ קורצן פוס, הינקעוואַטע, יענקע־וואַטע, פליכעוואַטע, תמעוואַטע, אַלץ ווערט פאַרכאַפּט!

— כאַפּ אויך — ראַט אים אַבדאַלאַ — פאָר אַראָפּ קיין ירושלים אין די שמאָלע קליינע געסעלעך דאָרט וועסטו קענען כאַפּן אָדער פאַרכאַפּט ווערן. כל זמן דו וועסט וואַרטן דאָ, אַז עס זאָל דיר אַריינפליען אַ פייגעלע אין האַנט וועסטו פאַרלירן דיין מזל.

— גוט צו זאָגן כאַפּ, כאַפּן אויף די הענט? — זאָגט טרויעריק שלום — דאַרף זי דאָך וועלן און באַשטיין. ביי אַזאַ מצב זענען זייערע אַקציעס געשטיגן כמעט ביז צום הימל. זיי גייען מיט די נעזער אַרויף, דער קאָפּ פליט. נאָר גיב זיי, צאָל זיי, אַלע לאַפּיטוטנס, וואָס דרייען זיך לעבן זיי. די גאַנצע משפּחה וויל געלט, זיי רייסן, פּליקן אָן רחמנות. און די מיידלעך אַליין ווילן דאָס טעלערל פון הימל. דאָס איז פאַר מיר אַן אוממעגלעכקייט. אַ חלום.

— אַ גרויסער, ביטערער רחמנות אויף דיר! איך פיל דיר מיט — טרייסט אים איטשע — איך האָב פאַר דיר אַן עצה. אויב דו האָסט נישט קיין געדולד צו וואַרטן, טאָ גיב זיך אַליין אַ כאַפּ אַראָפּ אין יענע מקומות און זאָג, אַז דו ביסט אַן ארץ־ישראל־ייד און דו ביסט געקומען חתונה האָבן און מיטנעמען די בחורה קיין ארץ־ישראל. וועסטו זען וויפל קאַנ־דידאַטקעס וועלן זיך אָפּרופן. און דו וועסט זיין ווי אין טערקישן גן־עדן. וועסט זיך קענען אויסקלויבן די שענסטע און די בעסטע.

— דאָס איז שוין פאַרבונדן מיט אַ סך געלט, איבער מיינע מעגלעכ־קייטן. איך וועל וואַרטן. איך האָב געוואַרט אַזוי לאַנג וועל איך וואַרטן נאָך אַ שטיקל צייט — זאָגט שלום מיט רעזיגנאַציע — און דיר, איטשע,

אַ ישר־כוח פאַר דער גוטער בשורה, און אַ באַזונדערן ישר־כוח פאַר דער עצה־טובה.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — רופט זיך אָפּ מאַריאַ מיט אַ שמייכל — איך האָב אויך גערנער די נייע.

— נאַ, דאָ האָסטו, איטשע, מיינע רייד — זאָגט מיט טריומף שלום — אַפילו מאַריאַ וויל אויך אַ נייעם. איך האָב געוואָלט וואָס זאָגן האָב איך געכאַפּט אַ ביס אין צונג. אָט איז בלוט. אַ סימן, אַז איך דאַרף נישט זאָגן...

— שלום, עס פּאַסט נישט פאַר דיר — בעט זיך מאַריאַ — דו ביסט דאָך אַ פּאַרגעשריטענער, אַ מאָדערנער. דו זאָלסט זיין אַבערגלויביש, נאָך מער ווי די אַראַבער. רעד פריי, זאָג, שעם זיך נישט!

— זאָגסט מיר צו, אַז עס וועט דיך נישט פאַרדריסן און וועסט נישט זיין ברוגז אויף מיר? וועל איך דיר זאָגן — וויל שלום זיך פאַרזיכערן.

— איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל נישט זיין ברוגז און עס וועט מיך נישט פאַרדריסן אויף דיר. מעגסט רעדן און זאָגן וואָס דו ווילסט אַליין — דערקלערט מאַריאַ פייערלעך.

— ווען איך קען דיך נישט און זע דיך אין גאַס וואָלט איך געשווירן, אַז דו ביסט אַ יידישע, און וואָלט זיך... — האָט שלום אָפּגעהאַקט אין מיטן רעדן.

— טאָ וואָס איז? וואָס וואָלט געוועזן? רעד ווייטער, וואָס ביסטו שטיין געבליבן אין מיטן? האָסט עפּעס נישט דערזאָגט, פאַרענדיק — האָט געמאָנט מאַריאַ און זעענדיק שלומס שווייגן זאָגט זי ווייטער — ווילסט נישט פאַרזעצן? טאָ וועל איך פאַרענדיקן: וואָלסט זיך פאַרליבט אין מיר! ריכטיק? אמת? געטראָפן? — זעענדיק ווי שלום ווערט רויט און לאָזט אַראָפּ די אויגן ווענדט זי זיך צו אים — פרווו, שטעל אייך! פאַר וואָס האָסטו מורא איינצושטעלן? איבעריקנס זענען מיר דאָך אַלע סעמיטן. אגב דו ביסט נישט דער איינציקער, וואָס מיינט, אַז איך בין אַ יידישע. אַ סך מאַכן דעם טעות.

— גלייב מיר, אַז עס וואָלט נישט געווען קיין אומגליק — גיט צו אַבדאַלאַ — דו ביסט דאָך כמעט ווי אַן אונדזעריקער. רעדסט אונדזער

שפּראַך, גייסט אַנגעטאָן ווי אַן אונדזעריקער. ביסט דאָך ענלעך צו אַן אונדזעריקן.

— אָט די ענלעכקייט שרעקט מיך אָפּ — זאָגט מאַריאַ — דאַרפסט זיך נישט שעמען דערמיט. זיי דרייסט. איך נעם עס אין באַטראַכט. שלום, ביסט ווויל — ענדיקט מאַריאַ מיט אַ שמייכל, אָבער שלום ענטפערט גאָרנישט.

— ביי אונדז זאָגט מען — רופט זיך אָפּ איטשע — שתיקה כהודאה דמיא. דער פּירוש דערפון איז אַז מען שווייגט און מען ענטפערט נישט איז אַזוי ווי מסכים געווען, צוגעשטימט. שלומקע, האָסט אַ גוטן געשמאַק. און איר, מאַריאַ, זייט נישט ברוגזלעך אויף מיר, אויב איך וועל אייך פרעגן פאַר וואָס שרעקט אייך די ענלעכקייט.

— איך האָב פאַרשטאַנען און דערוואַרט די פראַגע — האָט מאַריאַ געענטפערט — איר זענט אַ נייער דאָ אין לאַנד און איר קענט נישט די טבע פון די אַראַבער. איר זענט נישט באַקאַנט מיט די מנהגים און דער פירונג זייערער. זיי זענען זייער ווייט פון דער אייראָפּעישער, אַזוי ווי מזרח פון מערב. באַזונדערס זעט מען עס אין דער באַציִונג צו דער פרוי. ערשטנס איז ביי זיי דאָ פילווייבעריי. ממילא קענט איר זיך פאָרשטעלן ווי אַזאַ פאַמיליע־לעבן זעט אויס. די פרוי איז נאָר אַן אָביעקט צו שטילן זייערע ווילדע תאוותדיקע אינסטינקטן. זי האָט נישט קיין אייגענעם ווילן, קיין דעה, קיין וואָרט. ער האָט זי געקויפט, ווי מען קויפט אַן אייזעלע. אַ שקלאַפין. איצט פאַרשטייט איר שוין מיין מורא?

— אויב מען באַהאַנדלט זי אַזוי שלעכט קען זי דאָך אים איבער־לאָזן, אַנטלויפן פון אים? — באַמערקט איטשע.

— נישט ביי די אַראַבער — שמייכלט מאַריאַ — צו וועמען וועט זי לויפן? אירע עלטערן וועלן זי נישט אַריינלאָזן. זי טאָר אים נישט פאַרלאָזן. ער מעג זי שלאָגן ביז בלוט, און אַפילו הרגענען צום טויט, אַרויסוואַרפן זי פון שטוב, אויסהונגערן זי. אים קומט גאָרנישט דערפאַר. אָבער ווען ער וויל קען ער זי אַרויסטרייבן אַן אַ פאַרוואָס, אָדער ער מאַכט זי פאַר אַ דינסט ביי די נייע פרישע ווייבער. ווער ווייסט ווען

די היגע וועלן קומען צו דער מדרגה פון די אייראָפּעישע מענער. נישט איין דור וועט פאַרבייגיין. אַן עקל און אַ פּחד כאַפּט מיך אַרום.

— אָבער איר זייט דאָך קריסטן — באַמערקט איטשע — און ביי אייך איז דאָך נישטאָ קיין פּילוּוייבעריי.

— ריכטיק — ענטפערט מאַריאַ — אָבער די באַציִונגען צו דער פרוי ווערן באַאיינפלוסט פון אַרומיקן לעבן. ביי אונדז, קריסטן אין אַזיע, איז נאָך ווייט צו די קריסטן אין אייראָפּע.

— עס איז זייער אָנגענעם צו הערן אַזעלכע אינטערעסאַנטע און פול מיט וויסן דערקלערונגען. לאָמיר האָפן, אַז די ווילדקייט וועט זיך ענדערן וואָס גיכער ביי דער מיטווירקונג אויך פון די אייראָפּעישע יוגנטלעכע, וועלכע קומען אין לאַנד אַריין — מיינט איטשע.

— לאַנגע צענדליקער יאָרן דאַרף געדויערן אַזאַ פּראָצעס — האַלט מאַריאַ — אויב די פרויען אַליין וועלן נישט אָנהויבן אַ שווערן ביטערן קאַמף פאַר זייערע רעכט. די אַראַבישע פרוי איז אונטערטעניק, דער־שלאָגן, אין פּחד פאַר דער אינקוויזיציע, וואָס דער מאַן קען אָנווענדן לגבי איר, און זי וועט אַזוי גיך נישט וואַגן צו פּראָטעסטירן. די פאַר־שקלאַפונג איז שוין אין דער נאַטור ביי זיי. זיי מיינען, אַז דאָס איז נאָרמאַל, אַזוי דאַרף זיין.

— אין די אייראָפּעישע לענדער זענען דאָ חברות צער בעלי חיים — זאָגט איטשע — און דאָ דאַרף מען שאַפן חברות צער בעלי אַראַבישע פרוי.

— גלייבט מיר — פירט ווייטער איר געדאַנק מאַריאַ — איך זאָג דאָ אָפן פריי פאַר אַלע, אַז איך האָב זיי זייער גערן די ניי אָנגעקומענע, וועלכע מען רופט מאַסקאָבים. מיר געפעלט זייער אַרט רעדן צו אַ פרוי, זייער העפלעכקייט, זייער באַנעמען זיך מיט פרויען. זיי אונטערשיידן זיך נישט בלויז פון די היגע אַראַבער, נאָר אויך פון די היגע יידן. זיי זענען גאַנץ אַנדערע יידן.

— אדרבא — פרעגט איטשע — קענט איר מיר אפשר זאָגן מיט וואָס זענען זיי אַנדערש?

— מיך פרעגט איר, איטשע — וווּנדערט זיך מאַריאַ — איר ווייסט אַליין גאַנץ גוט דעם אונטערשייד.

— איך וואָלט אָבער געוואָלט דווקא הערן פון אייך, מאַריאַ, — בעט זיך איטשע.

— מען דאַרף נישט זיין קיין פּסיכאָלאָג און קענער צו קענען מערקן דעם אונטערשייד — זאָגט מאַריאַ — עס איז בולט אויבן אויף דער אונטערשייד. מען דאַרף נישט אַריינקריכן אין דער נשמה. די נייע זענען געזונטע, בלוט שפּראָצט פון זיי, פריילעכע, שטאַרקע, שטאָלצע, דרייסטע מיט אויפגעהויבענע קעפּ, יונגע, באַנעמען זיך אַנדערש, פירן זיך אַנדערש, גייען אַנדערש געקליידט. זענען זייער העפלעך. זייער רעדן, זייער שפּראַך איז אַנדערש. איך באַגעגן זיך מיט זיי אָפט אין בית־חולים.

— מאַריאַ — שפּאָסט אַבדאָלאַ — קענסט אַ מאָל קריגן חשק צו נעמען אַזאַ מאַסקאַבי. קיין שום אומגליק וועט נישט זיין אין דעם. מיר זענען נישט אַזוי פרום... איך האָב זיי אויך גערן די נייע. די היגע זענען בלאַסע מיט געשטאַרבענע געזיכטער, אויסגעווייקטע, איינגעבויגענע, אַפילו די יונגע, די אַראַבער רופן זיי וולאַדי די מת. און די נייע זענען גלייכע, פעסטע, אָפּגעברענטע. זיי אַרבעטן זינגנדיק און טאַנצנדיק. זיי זענען גוטע און העפלעכע כאָטש זיי זענען געלערנטע, געבילדעטע...

— מיינע טייערע מאַריאַ און אַבדאָלאַ — רופט אויס איטשע — איך באַוווּנדער אייך. איר זענט דאָך אויך אַ קורצע צייט אין ארץ־ישראל און איר האָט זיי קענען געלערנט. עס איז אמת, די גרעסטע טייל האָט אַקאַדעמישע בילדונג. אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן, דאָקטוירים האָבן איבערגעריסן זייער לערנען, זייער שטודיום, זייער קאַריערע און געקומען טאָן פּראָסטע, שוואַרצע אַרבעט.

— גיט מיר צו פאַרשטיין — פאַרלאַנגט פון איטשען מאַריאַ — פאַר וואָס טאָן אַזעלכע מענטשן, אין וועלכע די מענטשהייט נויטיקט זיך און דערוואַרט פון זיי עפּעס העכערס, מענטשן מיט אָפענע קעפּ, פאַר וואָס קומען זיי טאָן שווערע, פּראָסטע, שוואַרצע אַרבעט? פאַר וואָס?

— מיין חברס שוועסטער! — ענטפערט איטשע — דאָס פאָדערט אַ גרויסע, ברייטע דערקלערונג. דאָס זענען אידעאַליסטן, זיי טוען עס

פאַר אַ ציל. דעריבער זענען זיי גרייט מוותר צו זיין אויף אַלעם, אויך אויף דער קאַריערע, אויף באַקוועמלעכקייטן. אַפילו צו הונגערן זענען זיי גרייט, אויף די גרעסטע קרבנות.

— אָבער זאָגט מיר — פרעגט מאַריאַ — ווי לאַנג, וויפל צייט דאַרפן זיי מאַכן די שוואַרצע שווערע אַרבעט?

— עס איז נישטאָ קיין באַשטימטע צייט — זאָגט איטשע — דאָס זענען פרייוויליקע. קיינער צווינגט זיי נישט. זיי טוען די אַרבעט ווי לאַנג זיי אַליין ווילן.

— איך אַליין האָב געזען זייער אַרבעט — דערציילט אַבדאַלאַ — זיי מאַכן נייע וועגן, בויען הייזער, נאָך בעסער ווי אונדזערע. ווען איך אַליין זע נישט מיט מיינע אויגן וואָלט איך נישט געגלויבט.

— זיי האָבן פאַר דער אַרבעט נישט מער ווי דאָס עסן — דערציילט איטשע — זיי קריגן נישט באַצאָלט און לעבן אין שווערע און שלעכטע באַדינגונגען.

— צו וואָס דאַרפן זיי דאָס? — פרעגט ווייטער מאַריאַ — און דערצו מאַכן זיי עס מיט אַזאַ חשק און פלייס, שנעל און גיך, מיט פרייד, פריילעך און לוסטיק.

— מיין חברס שוועסטער, איך האָב אייך פריער געזאָגט — זאָגט איטשע — אַז די פראַגע פאָדערט אַ ברייטערע דערקלערונג. עס איז שווער זי צו פאַרשטיין און איצט איז נישט די פּאַסיקע צייט. מיר זענען געקומען צו אַ חבר אויף אַ פריינדלעכן באַזוך. צו וואָס זיך אַריינלאָזן אין ערנסטע, פּאָליטישע שמועסן. איין שאלה ברענגט די צווייטע. און אפשר קענען זיי ברענגען אַ וועלכן נישט איז פאַרדרוס. לאָמיר בעסער דאָס אויסמיידן.

— עס איז דאָך היינט פרייטיק, מאָרגן שבת, צוויי רוטעג און עס איז פאַראַן גענוג צייט — מיינט אַבדאַלאַ — עס איז מיר דאָ מער אָנגענעם ווי צו זיצן אין קאַפע צו הערן זייערע שטותערייען. וואָס שייך פאַרדרוס איז דאָס נישט ביי אונדז. מיר זענען דאָך נישט קיין היגע און מיר בלייבן נישט דאָ. וועגן פאַרשטיין וועלן מיר זיך באַמיען יאָ צו פאַרשטיין. מיר הערן גערן דיינע דערקלערונגען.

— איטשע, מיין ברודערס חבר, — האָט מאַריאַ זיך געבעטן — רוף מיך נישט מיין חברס שוועסטער, נאָר ביים נאָמען. איך האָב דיך פּאַריקס מאָל געבעטן און דו האָסט מיר צוגעזאָגט. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, דו מעגסט זיך גרויס האַלטן דערמיט וואָס איך האָב אַ גאַנצע וואָך געוואַרט מיט אומגעדולד אויף די שמועסן און דערקלערונגען. זיי זענען זייער וויכטיק, פאַר מיר זענען זיי ניי און באַלערנדיק. זיי דרינגען אַריין אין מיין מוח און האַרץ. וואָס שייך פאַרשטיין האָב איך שוין געהערט שווערע רעפעראַטן און זיי פאַרשטאַנען. דערצייל, דערקלער אָפּן פריי, ביי אונדז וועט נישט זיין קיין שום פאַרדרוס. דערווייל בעט איך דיך מיר נישט אָפּצוזאָגן אַ לייכטן סענדוויטש. אָט איז ברויט מיט אייער, קעז, זיתים און לייכטע קאַווע. מיר וועלן האָבן געגעסן וועלן מיר האָבן מער כוח צו שמועסן.

— ביי מיר — דערקלערט שלום — איז עס איינס פון די בעסטע פאַרגעניגנס צו הערן די שמועסן. איך בין גרייט מוותר צו זיין אויף אַלע זאַכן, וואָס איך האָב היינט צו דערליידיקן.

אַלע עסן געשמאַק, דאַנקען מאַריאַן. זי רוימט שנעל אַוועק און זעצט זיך נאָענט צו איטשען.

— מיינע טייערע און ליבע — הייבט אָן איטשע — איך וויל אייך קודם בעטן, אַז צוויי שעה פאַר פינצטער ווערן זאָלט איר מיר דערלויבן אייך צו פאַרלאָזן אומאָפּהענגיק ווו מיר וועלן האַלטן. ווי איר ווייסט האָב איך אָן אויפגאַבע און וויל נישט פאַרשפּעטיקן.

— בסדר — ענטפערט מאַריאַ אין אַלעמענס נאָמען — אויב מיר וועלן נישט ענדיקן קען מען דאָך מאַכן אַ המשך אַ צווייט מאָל. וואָס, מיר וועלן זיך דען נישט מער באַגעגענען?

— מאַריאַ איז גערעכט. ווו עס איז דאָ חכמה און דעת מוז דאָרט זיין שכל — זאָגט איטשע און באַקומט אַ שמייכלדיקן ליבעסבליק פון מאַריאַן — גערעכט, מיר וועלן קענען פאַרזעצן אַ צווייט מאָל. איצט וועט מען קענען זיצן געמיטלעך און אויספּערלעך רעדן. כדי צו ענטפערן אויף אייערע שאלות וועט איר מיר דערלויבן צו געבן אייך אַ קורצן איבערבליק פון דער יידישער געשיכטע: מיר זענען דאָס איינציקע פאָלק

כמעט אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער היים און צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט. אומעטום זענען פאַראַן יידן, און אומעטום זענען מיר אַ מינדערהייט. עס האָט אונדז געדראָט אונטערצוגיין אַלס פאָלק. כאָטש דאָס געדויערט שוין צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר זיך נישט אויסגעמישט און נישט געלאָזט זיך איינשלינגען. די גאַנצע צייט האָבן אונדזערע שונאים געוואָלט אונדז פאַרטיליקן דורך פּאָגראָמען, שחיטות, שמד, און פאַרשיידענע בלבולים. ווו עפּעס שלעכטס האָט מען אונדז באַשולדיקט. דאָס האָט אונדז כסדר געצוווּנגען צו וואַנ־דערן. אָבער שטענדיק איז ביי אונדז געווען די האָפענונג צוריק צו קומען אין אונדזער לאַנד. מיר זענען געבליבן ביי אונדזערע מנהגים, ביי אונדזער שפּראַך. מיר זענען געבליבן ווי אַ פאָלק, און אין דער זעלבער צייט זענען גרויסע פעלקער אין גאַנצן פאַרשוווּנדן, פון טייל איז קיין זכר נישט געבליבן.

— סליחה, איטשע, — פרעגט אַבדאַלאַ — פריער פאַר די צוויי טויזנט יאָר, וואָס איז געווען מיט אייך ?

— פאַר די צוויי טויזנט יאָר — דערקלערט איטשע — זענען מיר געווען אַ פאָלק גלייך מיט אַלע פעלקער. מיר האָבן געהאַט אַן אייגן לאַנד, געפירט אַ מלוכה, געהאַט מלכים. עס זענען געווען שטעט, דערפער, וויינגערטנער. יידן האָבן געאַרבעט אויפן באָדן, געזייט, געשניטן.

— ווו ? וועלכעס לאַנד איז עס געווען ? — פרעגט אַבדאַלאַ.

— דאָ, ווו מיר קומען יעצט. — זאָגט איטשע — ביי די ענגלענדער הייסט עס פּאַלעסטיין, ביי אונדז יידן הייסט עס ארץ־ישראל ! דאָס איז דאָס לאַנד פון די עברים, ישראלים, יידן.

— אין דעם וויסטן מדבר, ווו מען זעט אויף לאַנגע קילאָמעטערס נישט קיין לעבעדיק באַשעפעניש, דאָ איז אַמאָל געווען אַ לאַנד פון חלב ודבש ? דאָס איז באַאַרבעט געווען פון יידן ? — פרעגן אַלע פאַרוווּנדערט.

— יאָ, אַזוי איז געווען — זעצט איטשע פאָר ווייטער — אונדזער געשיכטע שפּעטער איז אַ קייט פון פאַרפאָלגונגען און צרות, פון גרויסע קרבנות. כאָטש מיר האָבן ערלעך געאַרבעט, געווען שטילע, געלאַסענע בירגער, האָט מען אונדז געשאָכטן אָן אַ פאַרוואָס. מיר האָבן געפונען

אַ טרייסט אין די תפילות, געוואָרט מיט אומגעדולד אויף משיח, געזאָגט דריי מאָל אין טאָג ותחזינה עינינו בשובך לציון. ציון דאָס איז ארץ־ישראל.

איטשע מאַכט אַ פויזע. אַלע זיצן שטיל. די מענער פאַררויכערן. מאַריאַ דערלאַנגט שוואַרצע קאַווע. איטשע פרעגט:

— מיינע ליבע, אפשר איז אייך נישט אָנגענעם צו הערן דאָס קלאָג־ליד פון יידישן פאָלק? זייט אויפריכטיק און זאָגט מיר.

— פאַר וואָס זאָגסטו אַזוי? פאַר וואָס רעדסטו אַזוי? — זאָגט אַבדאַלאַ — דו קענסט דאָך מיך נאָך אַזוי פיל וואָכן אַרבעטן צוזאַמען. פאַר מיר, און פאַר מיין שוועסטער, זענען דאָס וויכטיקע זאַכן, וועגן וועלכע מיר האָבן נישט געוווּסט. מיר דאַנקען דיר און בעטן ווייטער דערציילן. איך האָב עטלעכע פראַגן צו שטעלן, אָבער נישט איצט. איך געדענק זיי.

— מיר האָבן קיינעם נישט געטשעפּעט — רעדט ווייטער איטשע — מיר האָבן געבויט און געשאַפן, מיר זענען געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד, ווו מיר האָבן געוווינט. דאָך האָט מען אונדז באַדאַנקט מיט פּאָגראָמען, באַשווערט דאָס לעבן. אין סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט איז אונטער דער השפּעה פון די לעצטע געשעענישן אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג, וואָס איז געווען לאַנגע דורות אין האַרץ פון יעדן ייד, אָבער נישט געווען קיין מעגלעכקייטן צו רעאַליזירן. די לאָזונגען זענען געווען: גענוג געשאַפן פאַר פרעמדע, מען דאַרף בויען אַן אייגן ווינקל, אַן אייגענע היים. אַ גרעסערע גרופּע יונגע מענטשן, מערסטנטייל סטודענטן, האָבן געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען בילו, בית יעקב לך ונלכה. מיט דער הילף פון באַראָן ראָטשילד האָבן זיי געקויפט באָדן אין ארץ־ישראל. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז געקומען הערצל און אָרגאַניזירט די באַוועגונג אין אַ גרויסן פאַרנעם און געגעבן עס אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. דער פונק האָט זיך צעפלאַמט און אָנגעצונדן אַלע יידישע הערצער. ארץ־ישראל האָט געהערט צו די טערקן און באַראָן ראָטשילד מיט אַנדערע יידישע רייכע לייט האָבן געוואָלט ביים סולטאַן אָפּקויפן דאָס גאַנצע לאַנד.

— און די אַראַבער האָבן נישט געשטערט? — פרעגט אַבדאַלאַ.

— זייער ווייניק אַראַבער זענען דאַן געווען אין ארץ־ישראל — דערי־

ציילט ווייטער איטשע — נישט געווען אַפילו ווער עס זאָל שטערן. דער סולטאַן האָט שוין געפירט אונטערהאַנדלונגען, איז געקומען די איבער־קערעניש און צו דער מאַכט זענען געקומען די יונג־טערקן אונטער דער אָנפירונג פון קעמאַל אַטאַטורק. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט איינ־אָרדנען די מלוכה, מאָדערניזירן זי און נישט געהאַט קיין קאָפּ צו אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען.

— לאָמיר גיין צוריק צום פריערדיקן ענין — זאָגט שלום — וויפל וויבער האָט געקענט האָבן דער טערקישער סולטאַן?

— פון וואָס חלומט די גאַנדז? פון האָבער — לאַכט איטשע און אַלע צוזאַמען מיט אים — לאָמיר בעסער זיך אומקערן צום ענין. די יונג־טערקן זענען געווען פאַרנומען מיט זיך. אויפן באַלקאַן זענען אויס־געבראָכן אויפשטאַנדן און די פעלקער האָבן זיך אָפּגעריסן פון טערקיי, איז ממילא דער ענין אָפּקויפן ארץ־ישראל געוואָרן נישט אַקטועל. שפּעטער איז געקומען די וועלט־מלחמה.

— איטשע, רו אַ ביסל אָפּ — האָט אַבדאַלאַ איבערגעריסן — איך וועל דערווייל דערציילן וועגן דער מלחמה. איך בין מאָביליזירט געוואָרן דורך די טערקן. אַלע אַראַבישע לענדער האָבן געהערט צו טערקיי. איך האָב זיך אויסגעצייכנט אין מיליטער און גענומען אַ פּרס פאַר טרעפן אין ציל. איך בין געוואָרן אַ מפקד פון אַ פּלוגה, באַקומען דריי בענדלעך. איך בין אויך געוואָרן צוויי מאָל פאַרוווּנדעט. שפּעטער בין איך אַריין אין מיליטער פון קעניג פייסאַל פון איראַק. איך בין געווען ביי דער קרוינונג. איך בין אויך געווען דערביי ווען דער באַוווּסטער לאָורענס האָט איבער־געגעבן פייסאַלן אַ מתנה פון ענגלישן קעניג — אַ שווערד מיט טייערע שטיינער, אַ גאָלדענע שווערד. שפּעטער בין איך געווען אין די אָפּטיי־לונגען פון לאָורענס.

מאַרי׳אַ האָט איבערגעריסן אַבדאַלאַן און געבעטן דאָס אָפּלייגן אויף אַ צווייט מאָל. זי האָט פאַרגעלייגט צוריקגיין צום פריערדיקן ענין. איטשע איז צופרידן פון דער אויפמערקזאַמקייט פון מאַרי׳אַן און ער זעצט פאָר:

— די מלחמה האָט שווער געטראָפן די יידן. עס האָבן זיך אויף די שלאַכטפעלדער געטראָפן יידן מיט יידן אַלס צדדים פון ביידע זייטן. גאָר

טראַגיש איז געווען בעת אַ באַגנעטן־אַטאַקע, ווען צוויי יידן האָבן זיך קעגנזייטיק געשטאָכן און ביידע האָבן אין לעצטן גסיסה־געשריי אויס־געדופן „שמע ישראל".

— צו דעם איז קיין עצה נישט געווען — באַמערקט שלום — יעדער האָט דאָך געמוזט געטריי זיין זיין לאַנד.

— דאָס איז דער פּאַראַדאָקס — זאָגט איטשע — קיין באַזונדערע יידישע אָפּטיילונגען זענען נישט געווען. עס איז געקומען זאב זשאַבאָטינסקי און אָרגאַניזירט אַ יידישן לעגיאָן צו קעמפן אויף דער זייט פון די אַליאירטע און באַפרייען ארץ־ישראל פון די טערקן. ער האָט געזאָגט, אַז קיין לאַנד שענקט מען נישט, מען מוז עס דעראָבערן מיט בלוט. געווען אַ סך קעגנער פון אָט דער אידייע, אַפילו צווישן יידן.

— פאַר וואָס אויך צווישן יידן? — פרעגט אַבדאַלאַ.

— ווייל עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געטענהעט, אַז יידן דאַרפן בלייבן נייטראַל, ווייל מיר ווייסן נישט ווי אַזוי די מלחמה וועט זיך ענדיקן. קען זיין אַז דאָס שטעלן זיך אויף איין צד וועט ברענגען מיט זיך נקמה פון אַנדערן צד. — דערקלערט איטשע און דערציילט ווייטער — קורץ פאַרן סוף פון דער מלחמה האָט ענגלאַנד געגעבן די באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכע האָט צוגעזאָגט צו שאַפן אַ יידישע היים אין ארץ־ישראל. דערווייל זענען אין אייראָפּע אויסגעבראָכן רעוואָלוציעס און עס זענען אַנטשטאַנען אַ סך קליינע מלוכות. פון טערקיי האָבן די אַליאַנטן אָפּגעשניטן שטיקער און געטיילט די אַראַבישע נכבדים און גע־מאַכט זיי פאַר קעניגן און פירשטן. ענגלאַנד האָט פאַר זיך איבערגעלאָזן ארץ־ישראל, אונטער איר מאַנדאַט האָט זיך געדאַרפט בויען אַ יידישע היים. אַלע פעלקער האָבן אין סאַן־רעמאָ אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציע. אין מזרח־אייראָפּע האָט געבושעוועט אַ בירגערקריג און יידן האָבן גע־ליטן פון די אומרוען און פּאָגראָמען. געווען צענדליקער טויזנטער קרבנות. געווען אויך עפּידעמיעס, הונגער, נויט. בקיצור עס איז געווען זייער שלעכט.

— האָבן די יידן נישט געפּרוווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד? — פרעגט אַבדאַלאַ.

— יאָ, געוויס זענען געווען פאַלן פון קעמפן קעגן די פּאָגראָמשטשי־

קעס — זאָגט איטשע — אָבער דאָרט זענען מיר געווען אַ מינדערהייט, אומבאַוואָפנט קעגן אָרגאַניזירטע אַרמייען, וועלכע האָבן געהרגעט און גערויבט. די רעגירונגען האָבן די מערדער דערמוטיקט. אַזוי האָבן מיר פאַרלוירן דעם צוטרוי צו די שכנים, מיט וועלכע מיר האָבן געוואָלט לעבן בשלום. ביי יידן איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן די שטרעבונג צו אַן אייגענער היים. זעסט די אַלע, וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע קאַריערעס, און געקומען אַרבעטן שווער, זיי זענען אידעאַליסטן, דער אַוואַנגאַרד, דער פאַרפּאָסטן, וואָס גרייט צו דעם באָדן, אַז אַלע יידן זאָלן קענען קומען זיך באַזעצן דאָ. אַלע פעלקער האָבן אָנערקענט, אַז עס איז געווען אונדזערס און עס דאַרף ווידער ווערן אונדזער היים. מיר זענען געקומען אַהער דורכפירן דעם צוואָג. וואָס האָבן מיר דאָ געטראָפן? מדבר, מאַלאַריע, דעזינטעריע, געלן פיבער, אויגן־קראַנקייטן, טראַכאָמע. דאָס אַלץ שרעקט אונדז נישט. מיר וועלן די קראַנקייטן פאַרטרייבן, ריין מאַכן די וואַסערן, אויסטריקענען די זומפּן, אָפּרייניקן דעם באָדן. מיר וועלן דאָ אָרגאַניזירן פּרנסות, עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן, פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פאַר אַלע איינוווינער אָן אונטערשייד, יידן, קריסטן, מוסולמענער...

איטשע רוט זיך אָפּ, פאַררייכערט. אַבדאַלאַ ציט זיין נאַרגילע. מאַריאַ בעט מען זאָל פאַרזוכן פון רייך אָנגעשטעלטן טיש. איטשע בעט מען זאָל אים שטעלן פראַגן, אויב מען פאַרשטייט נישט. מאַריאַ זאָגט:

— וואָס אַנבאַלאַנגט פראַגן און די ענטפערס אויף זיי איז זייער וויכטיק זיי צו הערן. איך אַליין וועל זיין דערין שטאַרק פאַראינטערעסירט. אָבער נישט מיד צו מאַכן אונדזער געערטן חבר איטשע, אים נישט אויסנוצן צו פיל מיט אַ מאָל, מיין איך, אַז מיר זאָלן עס אָפּלייגן אויף אַ צווייט מאָל.

— אויך איך האָב וואָס צו פרעגן — זאָגט שלום — נאָר זעענדיק די שטרענגע אויפזיכט פון מאַריאַן, וואָס טוט אַכטונג געבן איטשע זאָל חס ושלום נישט צו פיל מיד ווערן, טו איך זיך אונטערוואַרפן איר באַפעל.

— פיל געשעצטע און גוטע מאַריאַ, — ווענדט זיך איטשע צו איר — דו ביסט אין אַ טעות מיט דיין מיינונג איבער מיר. עס איז מיר טאַקע זייער אָנגענעם צו הערן אַזעלכע האַרציקע ווערטער פון דיר, אָבער איך קען דיר זאָגן, אַז איך בין נישט מיד. אדרבא, איך האָב ליב דאָס רעדן

און שמועסן. איך האָב אַ באַפרידיקונג פון אַזעלכע שמועסן. נאָר עס קען זיין, אַז ווער פון אייך האָט נישט קיין סבלנות. דאַמאָלסט בין איך מסכים מיט אייך.

— צוליב דעם חשד פון געערטן אורח אויף מיר — זאָגט מאַריאַ — נעם איך אַראָפּ די שמירה, ווי שלום זאָגט. אפשר האָב איך אַ טעות. איך אַליין וויל אויך גערנער די שמועסן און דער עיקר די ענטפערס פון אונדזער גאַסט. פרעגט, ביטע! אויך איך וועל פרעגן, אָבער מיט רחמנות — פאַרענדיקט מאַריאַ מיט אַ שמייכל. אַלע שמייכלען מיט.

— די שאלות וועלן זיין קורצע, אָבער ווי דער ענטפער וועט אויסזען ווייס איך נישט. — האָט אַבדאַלאַ אָנגעהויבן — איך וועל פרעגן דער ערשטער, ווייל איך בין דאָ דער עלטסטער. צי זענען די אַראַבער בכלל, און בפרט די אַראַבער פון פּאַלעסטיין, געווען אין אָנפאַנג קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע?

— אַ וויכטיקע און ריכטיקע פראַגע, מיין חבר און פריינד אַבדאַלאַ — ענטפערט איטשע — נישט די אַראַבער זענען געווען קעגן, נאָר גראָד פאַרקערט, זיי זענען געווען פאַר. אָט צוליב וואָס: ערשטנס האָבן זיי דאָן כמעט אָן קאַמף באַקומען אַ צען מלוכות. צווייטנס זענען אין ארץ־ישראל נישט געווען קיין סך אַראַבער. מער ווי צוויי דריטל זענען לעצטנס צו־געקומען. ממילא איז נישט געווען ווער עס זאָל זיין קעגן. מיטן גרויסן שטראָם יידישע עולים האָבן זיך געשאַפן נייע פּרנסה־מעגלעכקייטן און עס זענען געקומען גאַנצע מחנות אַראַבער. דריטנס האָבן די אַראַבער פאַרשטאַנען אונדזער היסטאָרישע רעכט און זיי האָט נישט געשטערט וואָס מיר וועלן האָבן אַ קליין ווינקל לענדעלע. דער מלך פייסאַל האָט דאָס אָפיציעל באַשטעטיקט, ווי אויך אַנדערע. ערשט שפּעטער האָבן די רייכע עפענדיס און די מופטיס, וועלכע די ענגלענדער האָבן געהעצט, געטענהעט אַנדערש, אַז פּאַלעסטיין איז פאַר די אַראַבער.

— פרעג דו, שלום! איך וועל זיין די לעצטע — זאָגט מאַריאַ.

— פאַר וואָס האָט דער ענגלענדער געמאַכט פון ארץ־ישראל צוויי לענדער? אַלע ווייסן, אַז עבר הירדן איז אויך געווען ארץ־ישראל. דאָרט

האָבן געוווינט די שבטים ראובן און גד, ווי אויך אַ האַלבער שבט מנשה, לויטן תנ״ך.

— איך אַליין פרעג אויך די זעלבע שאלה — ענטפערט איטשע — דאָס האָבן זיי געטאָן אויס רשעות. אָוועקגעזעצט אַ מלכל און „טייל און הערש״.

— האָט דען די באַלפור־דעקלאַראַציע נישט אָנגעוויזן די גרעניצן? — פרעגט שלום.

— ניין. אַ דעקלאַראַציע איז נישט מער ווי אַ שטיקל פּאַפּיר. ווי לאַנג די מלחמה האָט געדויערט האָבן די ענגלענדער צוגעזאָגט די יידן אַ היים. גלייך נאָך דער מלחמה האָבן זיי גענומען חנפענען זיך צו די אַראַבער, געשניטן שטיקער פון ארץ־ישראל. מיר האָבן גענומען ערנסט די דעקלאַראַציע.

— אין דער צייט פון טערק זענט איר דאָך דאָ נישט געווען. איך בין יאָ געווען. קען איך אייך זאָגן, אַז עס איז געווען שלום און שטיל. יידן און אַראַבער האָבן געלעבט פריינדלעך. זייט די ענגלענדער זענען געקומען וואַקסט די שנאה — זאָגט שלום. — דער בעסטער באַווייז איז דער פּאָגראָם אין דער אַלטשטאָט אין ירושלים.

— צו וואָס טוען עס די ענגלענדער? קענען דען די יידן מיט די אַראַבער נישט לעבן בשלום — פרעגט מאַר׳אַ.

— ביי די ענגלענדער איז דאָס אַ שיטה פון הערשן, דאָס אויפהעצן איין טייל פון דער באַפעלקערונג קעגן צווייטן — דערקלערט איטשע — דערנאָך קומען זיי ווי אַ גואל, זיין די גוטע און רודף־שלומניקעס. זיי ווילן ווייזן ווי נייטיק זיי זענען. ווען נישט די ענגלענדער וואָלטן זיך די אָרטיקע אויסגעשאָכטן קעגנזייטיק. אַזוי אַרום קענען זיי באַהערשן אַזאַ גרויסע אימפעריע.

— פון וואַנען קומט צו די אַראַבער די מיינונג, אַז די יידן ווילן איבער זיי הערשן? — פרעגט ווייטער מאַר׳אַ.

— דאָס האָבן אויסגעטראַכט די ענגלענדער — זאָגט איטשע — דאָס איז שקר, ליגן. מיר זענען געקומען אַרבעטן, שאַפן, בויען פאַרן וווּיל פון ביידע פעלקער.

— איז מעגלעך, אַז צוויי פעלקער זאָלן הערשן צוזאַמען אין איין לאַנד? — פרעגט אַבדאַלאַ מיט אַ לאַנגזאַמען טאָן, ווי נישט זיכער.

— עס איז מעגלעך — ענטפערט איטשע — עס זענען פאַראַן לענדער, ווו צוויי פעלקער לעבן צוזאַמען בשלום לאַנגע יאָרן.ביידע שפּראַכן זענען די אומגאַנגשפּראַכן, קיינער צווינגט נישט אויף דעם צווייטן זיינע מנהגים. באַזונדערס לייכט איז עס דאָ צו טאָן, ווייל מיר שאַפן ערשט אַלץ. איך וועל אייך ברענגען דאָס בוך פון ד״ר הערצל „אַלט נײַ לאַנד״.

— מען קען נאָך עפּעס פרעגן — זאָגט אַבדאַלאַ — האָסט געזאָגט וועגן ווידעראויפלעבן דאָס לאַנד. צי איז עס דען פריער געווען אַנדערש ווי איצט?

— זיכער — ענטפערט איטשע — פריער איז עס געווען זייער פרוכטבאַר. זייט מען האָט די יידן פאַרטריבן איז גאָטס קללה דערויף. נאָר דורך יידישע הענט וועט אַלץ צוריק אויפבליען.

— אַלע דאַרפן זיין פאַר אויפלעבן דאָס לאַנד, פאַר מאַכן פון אַ מדבר אַ פרוכטבאַר לאַנד — זאָגן מאַריאַ מיט אַבדאַלאַן אין איינעם.

— אַזוי רעדן אָרנטלעכע מענטשן. נישט אַזוי אָבער רעדן די הע־צער — זאָגט איטשע.

— ווען דו וואָלסט פאַרשטאַנען אַראַביש — זאָגט אַבדאַלאַ — וואָלט איך דיך איבערגעטאָן און מיטגענומען אין מעטשעט וואָלסטו געהערט די העצרעדעס פון די מופטיס און עפענדיס.

איטשע ווערט נישט מיד צו דערציילן און זיי צו שטעלן פראַגן. מאַריאַ קוקט אויף איטשען מיט פאַרליבטע אויגן און טראַגט אים אַלע מינוט צו עפּעס טועם צו זיין. אַלע דאַנקען איטשען פאַר זיינע וויכטיקע דערקלערונגען. איטשע דריקט אויס זיין אָנערקענונג זיינע אַראַבישע נאָענטע פריינד, מאַריאַן און אַבדאַלאַן. דער לעצטער הייבט זיך פלוצעם אויף, גייט צו צו דער איקאָנע און זאָגט אַ תפילה פאַר איטשען, ער זאָל זיין געשיצט פון שלעכטס. צו איטשען זאָגט ער, אַז ער איז אַ גאָטס־פאָרכטיקער מענטש. איטשע בעט נישט איבערטרייבן. אויך שלום דריקט אויס זיין פרייד פון דעם וויסן, וואָס ער דערוועדבט זיך ביי די שמועסן. מאַריאַ און אַבדאַלאַ לאַדן איין איטשען צו קומען אין אָוונט. איטשע

קלערט זיי אויף, אַז ער מוז זיין ביי דער באַלעבאָסטע. דאָס גיט שלומען אַ געלעגנהייט צו זאָגן:

— איטשע איז פאַרנומען. ער דאַרף פאַרטרעטן דעם באַלעבאָס אין אַלעם, אין אַלעם, אַפילו מיטן שבתדיקן טיש, מיט עסן, מיט טרינקען, מיט שלאָפן און... ווייטער וויל איך נישט ברענגען פאַרן מויל. עס קען שוין הייסן רכילות. דאָס וויל איך אויסמיידן.

אַלע לאַכן און איטשע שטראָפט שלומען פאַר זיין נישט טאַקטישן באַנעמען זיך. אַ סך שענער האָט ער אויסגעזען, ווען ער איז געזעסן און אויסגעהערט שטיל די שמועסן. אויב שלום וויל געפינען חן אין די אויגן פון מענטשן, זאָל ער רעדן נאָר ריינע ווערטער, פריער קאָנטראָלירן זיי, איידער ער לאָזט זיי אַרויס פון מויל.

— אַדרבא, לערן מיך — בעט זיך שלום — איך וועל דיך פאָלגן און הערן. אָבער איך מיין, אַז מען דאַרף צו דעם אויך אַ ביסעלע מזל. איך בין פיש־מזל. אַלץ גייט ביי מיר להיפוך. אַזאַ גליק וועט זיך ביי מיר נישט טרעפן, ווי עס האָט געטראָפן איטשען, כאָטש איך אַרבעט ביי זיי לענגער ווי ער.

אַלע לאַכן. איטשע קען זיך נישט באַרויקן פון שלומס נאַרישע רייד. מאַריאַ טרייסט שלומען, אַז זיין מזל וועט אומגעריכט קומען. זי איז מכבד מיט סענדוויטשן און זי שלאָגט פאַר איטשען:

— עס קען זיין, אַז ביי אונדז אין בית־חולים וועט מען דאַרפן אַ סאַניטאַר. איך האָב דאָרטן אַ השפעה וועל איך קענען עפּעס טאָן פאַר דיר. דו האָסט עפּעס אַ געפיל פאַר אַזאַ אַרבעט, ווי מעסטן די היץ, וויקלען אַ באַנדאַזש, דאָס איבעריקע וועל איך דיר ווייזן.

— וווּנדערבאַר — איז איטשע צופרידן — דאָס איז דאָך געווען מיין אַרבעט אין פּוילישן מיליטער. איך האָב דאָרט געאַרבעט אַלס סאַניטאַר. איך האָב אַפילו זיך אויסגעצייכנט. אַלע קראַנקע האָבן געוואָלט מיין באַהאַנדלונג. אַפילו די דאָקטוירים און שוועסטערן האָבן גערן געהאַט מיין אַרבעט. זיי האָבן נישט געלאָזט מיך שיקן אויפן פראָנט, נאָר גע־האַלטן אין שפּיטאָל.

— דער עיקר, וועסט דאָרט האָבן שיינע אחיות. וועסט שוין קענען

דאָרטן מאַכן דאָס אמתע לעבן — האָט שלום אַרייננגעוואָרפן זיינע דריי גראָשן.

— ביסט מיך שוין מקנא, שלום — לאַכט איטשע — דערווייל בין איך נאָך מיט דיר. איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן.

— ווי לאַנג ביסטו אין לאַנד, איטשע? — פרעגט מאַריאַ.

— מער ווי אַ האַלב יאָר און ווייניקער ווי אַ יאָר — ענטפערט איטשע.

— די גאַנצע צייט אין חיפה? — פרעגט ווייטער מאַריאַ.

— געווען אין יפו, דערנאָך אין טבריה, געאַרבעט ביים כביש טבריה־צמח, קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע, קדחת, מאַלאַריע, און נאָך צרות. ביז איך האָב געמוזט פאַרלאָזן די אַרבעט. דאַן געקומען קיין חיפה און געוואָרן אַ בעקער. צו וואָס די אויספאָרשונג, מאַריאַ? — האָט איטשע זיך געוווּנדערט.

— קיין שום מיין דערביי. איך פרעג סתם. — זאָגט מאַריאַ — אַז איך האָב שוין אַזוי פיל געפרעגט, וועל איך נאָך פרעגן: פאַר וואָס האָסטו געמוזט פאַרלאָזן די אַרבעט אויפן כביש?

— איך האָב דאָרטן די גאַנצע צייט געליטן פון מאַלאַריע — דער־קלערט איטשע — און דער דאָקטאָר האָט מיר געראָטן טוישן אויף אַ געוויסער צייט דאָס אָרט. דאָ שפּיר איך זיך בסדר. ביז איצט נישט געהאַט קיין איין פאַל פון מאַלאַריע.

— דאָ, אין חיפה, איז די לופט אַ טרוקענע — זאָגט מאַריאַ — נישטאָ דאָ קיין מאַלאַריע. די דאָזיקע קרענק איז נאָר אין פייכטע, זומפּיקע ערטער. איך בין נאָך אין טבריה נישט געווען. בכלל בין איך חוץ חיפה אין ערגעץ נישט געווען. אפשר מאַכן מיר אַ שפּאַציר אין יענע מקומות?

— און דו האָסט נישט קיין אַנגסט צו מאַכן אַ שפּאַציר אַליין מיט אַ מאַן, דערצו נאָך אַ פרעמדער, אַ שפּאַציר פון אַ צוויי דריי טעג? — פרעגט איטשע.

— מיט אַראַבער וואָלט איך זיך נישט אַנגעטרויט — ענטפערט אָפנהאַרציק מאַריאַ — נאָר מיט אַ ייִד, בפרט מיט דיר אָן מורא און

פּחד, אָן שום איבערקלערונג. איך האָב דעם פּולן צוטרוי צו דיר. ווען דו וועסט מיר זאָגן מיט צוויי טעג פריער וועל איך זיין גרייט.

— נעמט מיך מיט — בעט זיך שלום — איך וועל זיין אַ שומר פאַר אייך. איך וועל אייך אָפּהיטן און אַכטונג געבן ווי די אויגן מיינע...

— מיר דאַרפן נישט קיין שומר, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף אונדז — זאָגט מאַר׳יאַ — מיר האָבן נישט די בייזע געדאַנקען, וואָס דו טראָגסט זיך אַרום מיט זיי, שלום, ווילסט סתם מיטפאָרן, בבקשה, אָבער נישט ווי אַ שומר.

— מאַר׳יאַ, מאַר׳יאַ׳שי, אַ געזונט און גליקלעך לעבן אויף דיר — שווערט זיך שלום — זאָל עס מיר געשען וואָס איך ווינטש דיר און געוואָלט זען אין דיר, ווי אויך אין איטשען. וואָס פאַר אַ בייזע געדאַנקען זאָגסטו? אויף וועמען? האָסט דאָך אַ גרויסן טעות געמאַכט אויף דיין אמתן און ערנסטן גוטן פריינד.

— סליחה, שלום — באַרויִקט אים מאַר׳יאַ — איך האָב טאָקע געמאַכט אַ טעות. עס האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט „בייזע געדאַנקען״, איך האָב געוואָלט זאָגן זינדיקע געדאַנקען.

— אַז דו ביסט אַליין מודה אויפן טעות בין איך דיר מוחל — זאָגט שלום — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. יעדער מענטש, אַפילו אַ צדיק, כאַפּט זיך אַ מאָל אַרויס ביי אים אַ זינדיקער געדאַנק. אויף אונדזער ערד זענען נישטאָ קיין מלאכים. ווען עס פאַלט ווען אַראָפּ אַ מלאך פון הימל ווערט ער אַ מענטש.

— טעות לעולם חוזר — גיט צו איטשע און ווענדט זיך צו מאַר׳יאַן — איך נעם אין זין דיין פאָרשלאַג, אָבער מיר דאַרפן געפינען די פּאַסיקע צייט. ביי אַ בעקער איז עס נישט אַזוי פּשוט. ביי יעדער אַרבעט קען מען מאַכן אַ הפסקה, אָבער נישט ביי אַ בעקער. אַלע טאָג עסט מען ברויט, און מען וויל דווקא פריש ברויט. נאָר אַזוי ווי מיר האָבן נישט לאַנג צו פּסח, ווען יידן טאָרן נישט עסן קיין ברויט, האָבן מיר במילא חופש גאַנצע אַכט טעג, וועלן מיר צוּוואַרטן. דאָס איז די שענסטע צייט אין יאָר צו שפּאַצירן. נישטאָ מער קיין רעגן, ווינטן, קעלטן. עס איז שוין וואַרעמער. אַלץ איז גרין, אַלץ לעבט אויף, אַלע באַשעפענישן וואַכן

אויף, אַלץ בליט און אין דער לופטן טראָגט זיך אַ ריח פון די בליענדיקע ביימער און בלומען...

— וויפל איז נאָך ביזן יום־טוב פסח? — פרעגט מאַריאַ.

— צום יידישן פסח איז נאָך אַ פינף זעקס וואָכן — זאָגט שלום.

— דאָן דוכט זיך איז אויך אונדזער יום־טוב פסחא — זאָגט מאַריאַ און גיט אַ קוק אין אַ קאַלענדאַר — גענוי קומט אויס אונדזער פסח דעם פינפטן אַפּריל. ווען קומט אויס דער יידישער יום־טוב?

— איך האָב נישט קיין לוח, נאָר איך וועל פּרווון באַרעכנען — רעכנט איטשע אויף די פינגער — יאָ דעם זונטיק אין זעקס וואָכן אַרום וועט זיין דער ערשטער טאָג פסח.

— בראַוואָ — דערפרייט זיך מאַריאַ — גענוי דעם פינפטן אַפּריל. דאָס איז אַ סימן, אַז מיר דאַרפן דעם טאָג צוזאַמען שפּאַצירן. וועגן עסן זאָלט איר נישט זאָרגן. איך וועל אַלץ צוגרייטן, אַפילו מצה. אָבער ביז צו יענער צייט מעגט איר אויך קומען אָן אַן איינלאַדונג. די שטוב איז פאַר אייך אָפן אַלע מאָל. איך וועל אייך אויפנעמען ווי אויפגעלייגטע געסט.

— אַ שיינעם דאַנק פאַר דער האַרציקער איינלאַדונג — זאָגט איטשע — מיר האָבן זיך פאַררעדט און שטאַרק פאַרשפּעטיקט. שוין באַלד שבת. שלום, דו ווילסט גיין? — איילט זיך איטשע.

— מיינע טייערע געסט! ווען זעט מען זיך? — פרעגט מאַריאַ — איך פּאַס זיך צו צו אייער פרייע צייט און וועל ענדערן מיין רוטאַג פון זונטיק אויף שבת.

איטשע זאָגט אַ פאַר פריינדלעכע און האַרציקע ווערטער. ער דאַנקט פאַר דער אויפנאַמע. מאַריאַ געזעגנט זיך מיטביידע הענט און נעמט זיי נישט אַרויס פון איטשעס הענט. די האַנט מאַריאַס בריט. איטשע קוקט זי אָן, נעמט מיט אייַן האַנט גלעטן איר האַנט ווי צו באַרויקן. מאַריאַ בויגט זיך אָן צו אים און מיט די אויגן בעט זי ער זאָל נישט אַוועקגיין, זאָלן די אַנדערע גיין פאַרויס, זיי זאָלן קענען בלייבן נאָך אַ מינוט צוזאַמען.

אויפן וועג אַהיימגייענדיק לייגט איטשע אַוועק שלומען אַ פאַרציע מוסר פאַר די נאַרישע פלאַפּלערייען, וואָס מאַכן אָן חרפּות און בושות.

ער דראָט אים אויפצוהערן זיך חברן. מיט טרערן אין די אויגן בעט אים שלום איבער און גיט אים די האַנט תקיעת־כף, אַז ער וועט מער נישט.

מאַריאַ מיט אַבדאַלאַן האָבן, אַריינקומענדיק אין שטוב נאָכן באַגלייטן די געסט, נישט אויפגעהערט רעדן וועגן איטשען.

— איך האָב אים געקענט פאַר אַ זייער אָרנטלעכן פיינעם מאַן — זאָגט אַבדאַלאַ — אָבער היינט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר עפּעס אַן אויסנאַם. ער האָט אַן איבערצייגנדיקע רעדנערקראַפט. יעדעס וואָרט דרינגט אַריין אין מענטש. ער פאַרמאָגט אַ סך מעלות...

אַבדאַלאַ לויבט איטשען און מאַריאַ הערט זיך צו מיט פאַרגעניגן און טראַכט, אויב אַ מאַן לויבט איטשען אַזוי, וואָס זאָל זי, אַ פרוי, זאָגן? ער איז דאָך אַ שיינער מאַן, וואָס מען קען נישט בלייבן גלייכגילטיק צו אים. זי איז אין גאַנצן אונטער זיין איינפלוס.

— זעסט, ביי דער אַרבעט רעדט ער נישט — לויבט אַבדאַלאַ ווייטער איטשען — הערסט נישט קיין וואָרט. ער איז אַ גוטער, אַ גוטע נשמה. ער טיילט זיך מיטן ביסן פון מויל. איך וועל דיר דערציילן אַזאַ פאַקט: יעדער בעקער־אַרבעטער באַקומט צוויי ברויט אַ טאָג. ער קען מיט זיי טאָן וואָס ער וויל, אפילו פאַרקויפן. אַזוי טוען אַלע. איטשע האָט אָפּ־געפונען אַן אָרעמע משפּחה בשכנות און טראָגט דאָרט אַריין יעדן טאָג אַ ברויט. איך האָב געפרעגט די שכנה וויפל ער נעמט פאַרן ברויט. האָט זי געענטפערט: „חס ושלום, ער וויל נישט קיין באַצאָלונג. פיל מאָל לאָזט ער נאָך איבער אַ פּאָר טאַלער. ער איז טאַקע אַ יאַהוד, אָבער אַ סך בעסער ווי אַן אונדזעריקער. אַללאַ זאָל אים באַצאָלן! איך האָב אים איין מאָל געוואָלט געבן אַ קוש אין האַנט, האָט ער נישט געלאָזט, מען דאַרף נישט. ער האָט אַן איבעריק ברויט, און איך מיט די קינדער דאַרפן הונגערן? אַזוי האָט ער געזאָגט". זעסט, ער טוט עס שטיל, אָן רעש, אָן באַרימעריי. ער ווייסט נישט, אַז איך האָב גערעדט מיט דער שכנה. ער טוט עס געטריי יעדן טאָג. איטשע בעט מיך איך זאָל אים לערנען רעדן און שרייבן אַראַביש, און ער וועט מיט מיר לערנען עברית.

— איך וואָלט עס גערן געוואָלט — בעט זיך מאַריאַ ביים ברודער — גיב אים איבער צו מיר, טו עס מיר צוליב. איך בעט דיך.

— די באַלעבאָסטע, האָב איך אַ חשד, איז נישט גלייכגילטיק צו אים — רעדט ווייטער אַבדאַלאַ — איך מאַך מיך נישט זעענדיק. זי פרעגט אים אַלע מאָל צי ער וויל אַ גלאָז טיי, אפשר דאָס, אפשר יענץ. די אומרייניגע וועש נעמט זי ביי אים אַוועק. שבת מוז ער עסן ביי זיי. און דער שלום, זאָג איך דיר, פּלאַצט פון קנאה.

— נישט קיין וווּנדער — האַלט אונטער מאַריאַ — אַ שיינער מאַן, ווער קען בלייבן צו אים גלייכגילטיק? בפרט, אַז זי האָט אים כמעט שטענדיק לעבן זיך. זי האָט אַ מאַן אַ לעמעשקע. אַזאַ אַלט פּאַרזשעניש מיט אַ גרויסער באָרד. און זי איז אַזוי יונג און שיין. ער זעט דאָך אויס ווי אירס אַ טאַטע.

— און דער שלום — ציט ווייטער זיין געדאַנק אַבדאַלאַ — קען זיך קיין אָרט געפינען און האַלט אין איין רעדן פון גרויס קנאה. ער האַלט, אַז איטשע האָט איר אָנגעטאָן אַ כישוף. איך זאָג אים, אַז איטשע האַלט נישט פון כישוף און קיינער גלייבט נישט דערין.

— האָסט אים געדאַרפט זאָגן, דעם טיפּש, — לאַכט מאַריאַ — אַז עס איז אַ פאַרשטענדלעכע און נאַטירלעכע סיבה. ער אַליין איז כישוף. ווען ער האָט גערעדט, זאָג איך דיר, האָב איך נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים. וואָס איז דאָס?

— גלייב מיר, מיין שוועסטער, — האָט אַבדאַלאַ געזאָגט — איך האָב עס געמערקט און געזען. איך וואָלט נישט געוועזן קעגן דעם, אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון, אַז עס איז אַזוי ווייט ווי פון מזרח צו מערב. מיר מוזן קוקן מיט אָפענע אויגן. בפרט דו, מיין שוועסטער. מיר מוזן זיין פּראַקטיש. עס וועט קיין מאָל נישט קענען געשען, אַז די פאַרבינדונג זאָל קענען פאַרווירקלעכט ווערן. עס איז אוממעגלעך. צעברעך נישט דיין יונג האַרץ. דו ביסט יונג און שיין און מיט פיל מעלות. דיין אמת גליק איז אָנגעגרייט פאַר דיר דורך אַ סך וועגן. אין דעם פאַל איז מיר אַ רחמנות אויף דיר, ווייל ער איז אַ ייד און דו אַן אַראַבישע קריסטין.

— וואָס שטערט מיר זיין יידישקייט? — אָפּגענירט מאַריאַ — די יידן זענען בעסערע און איידעלערע מענער, האָבן צו איינציקע פרויען. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין פרומע...

— אָבער אים שטערט דיין קריסטלעכקייט. איך קען אים אַלס אַ שטאָלצער ייד, וועלכער באַרימט זיך ביי יעדער געלעגנהייט מיט זיין אָפּשטאַמונג. אויב איך מאַך קיין טעות נישט איז ער אויך אַ ביסל פרום. ער וועט נישט איבערגיין... — מיינט אַבדאַלאַ.

— צו אַלעם איז דאָ מיטלען און עצות — גיט זיך מאַריאַ נישט אונטער — זענען דען נישטאָ פאַרהייראַטע פּאָרלעך פון צוויי רעליגיעס. זיי דאַרפן נאָר האָבן פאַרשטענדעניש און נישט שטערן דעם צווייטן די פּירונגען. איך ווייס פון אַזעלכע פּאָרלעך, וואָס לעבן זייער צופרידן און גליקלעך.

— יאָ, פאַראַן אַזעלכע פּאָרלעך — שטימט צו אַבדאַלאַ — אָבער נישט ביי יידן.

— וואָס רעדסטו — רייסט אים איבער מאַריאַ — אויך ביי יידן. קנאַפּ האָסטו זיי אין ביירוט. איך אַליין קען עטלעכע אַזעלכע פּאָרלעך.

— אָבער פון וואַנען ווייסטו, אַז ער וויל עס — שטייט אַבדאַלאַ ביי זיינעם — צי וויל ער בכלל זיך פאַרבינדן? אפשר האָט ער ערגעץ אַ בחורה? און אפשר איז ער שוין אַ געהייראַטער? עס פרעגט זיך אויך צי ער וויל בכלל דיך, צי האָט ער דיך גערן? מען מוז אַלץ אויסרעכענען, נישט כאַפּן און זאָגן אים: איך האָב דיך ליב! דו דאַרפסט אויך געליבט ווערן. פון פריינדלעכער פאַרבינדונג, פון העפלעך זיין ביז צו אַזאַ ערנסטן שריט איז נאָך זייער ווייט. מיין ליבע און טייערע שוועסטער! דעריבער זאָלסטו מיך פאָלגן, און דאָס איז אַן עצה פון אַ ברודער, וואָס האָט דיך ליב ווי דאָס לעבן, און זאָלסט באַלד נישט צולאָזן דעם געדאַנק אַפילו. פאַרטרייב עס.

— דער געדאַנק איז שוין דאָ — זאָגט טרויעריק מאַריאַ — ער גייט שוין פאַר מיר. ער ווייזט מיר דעם וועג. ער איז דער מדריך. איך זע אים כסדר, איך זע אים מיט אָפענע אויגן, איך זע אים מיט פאַרמאַכטע אויגן. טאָ ווי אַזוי קען איך דעם דאָזיקן געדאַנק פאַרטרייבן פון מיר, סיידן מיט מיר צוזאַמען. איך האָב קיין כוח דאָס צו טאָן. און מיט וואָס? אוועקבלאָזן מיטן מויל? זאָג מיר, ווייז מיר און איך וועל דיך פאָלגן.

— באַהערש זיך מיט אַלע כוחות — עצהעט אַבדאַלאַ — כל זמן

עס איז פריש, כל זמן עס איז ניי, קען מען זיך באַהערשן, מיין טייערע שוועסטער! שטעל דעם גרעסטן ווידערשטאַנד, זיי שטאַרק! דערלאָז נישט צו דער טראַגעדיע, וואָס קען דערפון אַרויסקומען. ביסט נאָך אַזוי יונג און עס איז בכלל צו פרי צו לאָזן זיך באַהערשן פון אַזעלכע געפילן. דו הייבסט דאָך אָן איצט צו בליען. דיין גליק וועט קומען. עס איז נאָך צו פרי פאַר דיר איבערצוצולעבן אַזעלכע טראַגישע געשעענישן, וואָס קענען ברענגען, חס ושלום, שלעכטע רעזולטאַטן. איך בין זיכער, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ מאַן ווירקט אַזוי אויף דיר. דו האָסט עס באַלד און שטאַרק אָנגענומען. זאַכן, וואָס נעמען באַלד ביים אָנהייב אָן אַזוי שטאַרק, קענען זיך אויך שנעל אָפּקילן. פאָלג מיך. איך בין עלטער און פראַקטישער פון דיר. די איינציקע עצה איז: האַק אָפּ וואָס גיכער. טרעף זיך מער נישט. קיין שפּאַצירן. דאָס קען און וועט דיר העלפן.

— איך וויס, מיין ליבער ברודער, אַז דו ביסט מיר געטריי — זאָגט מאַריאַ מיט אַ טרויעריקער שטים — מיינסט נאָר מיין טובה. האָסט געטראָפן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב ליב באַקומען אַ מאַן ביי דער ערשטער באַגעגעניש. פון זיך, פון זיך אַליין איז עס געקומען. איך האָב גאָרנישט געטאָן. באַלד ביים ערשטן בליק האָט עס מיך אַזאַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן און אויך אין דער נשמה. ביים היינטיקן געזעגענען זיך, ווען ער האָט מיר געגעבן די האַנט, איז געשען עפּעס אַזעלכעס, פאַר וועלכן איך האָב נישט קיין נאָמען. אַ ברענענדיקער פייערשטראָם איז אַדורכגעלאָפן מיין קערפּער און דערנאָך דער לאַסט־שענדיקער גלעט, אַז איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן אים נישט אַרומ־צוכאַפּן און קושן. איך בין טאַקע אַ שטאַרקע, אַז איך האָב געקאָנט זיך איינהאַלטן. דאָס בלוט האָט ביי מיר געגומען קאָכן... — און מאַריאַ ווערט טרויעריק ערנסט און ברומט זיך שטילערהייט אַ לידל, וואָס זי האָט אין דער מינוט פאַרפאַסט:

זענען דען מענטשן נישט אַלע גלייך,
ייד, קריסט, אָרעם רייך...

זי קלערט אַ ווײַלע און זעצט פאָר:

יעדער מענטש איז פון צלם אלוקים.
איין גאָט פאַר אַלע, אומעטום.

גאָט אין הימל קוקט און זעט.
מיר, מענטשן, — צו דיר איין געבעט:

יעדער נעמט זיין גליק, וואָס אים באַשערט.
פאַר וואָס זאָל דער גלויבן זיין אַ שטער?

איך מאַך נישט קיין חשבונות
פון מצוות, עבירות, חטאים אָדער עוונות.

וואָס ביי אייך מענטשן איז אַ זינד.
ליבע איז אומשולדיק ווי אַ קינד.

ליבע איז דער זאַפט פון קערפער, נשמה,
תאווה, תענוגים, טרייסט און נחמה.

נישטאָ פאַר איר קיינע צוימונגען,
קיין אָפּהאַלט, קיין שטערונגען...

מאַריאַ ווערט שטיל, פאַרמאַכט די אויגן. דער ברודער קוקט אויף איר מיט ליבשאַפט און ער זאָגט איר מיט אַ תפילה־טאָן:

— מאַריאַ, מאַריאַ, פון ווען האָבן דיינע ליפּן געטאָן אַרויסזאָגן אַזעלכע שיינע ווערטער אין אַ פאָרם פון פּאָעזיע, מיט אַזאַ תפילה־שפּראַך? עס איז פאַר מיר אַ נייעס. מיר דוכט זיך, אַז דו האָסט עס איצט פאַרפאַסט. איך האָב עס נאָך פון דיר נישט געהערט. הער זיך צו,

מאַריאַ! הער זיך צו צו דער עצה פון דיין ברודער, און איך וועל עס דיר אויך זאָגן אין פאָרם פון אַ ליד:

אזן כדי דיך פאַרהיטן פון נישט ריכטיקע שריט
מוזסטו פאַרזיכטיק זיין פון פאַלשע טריט.

דיינע ווערטער — פערל, שענער פון שיין.
אפשר וועט קומען אַ צייט, וואָס וועט אַזוי זיין?

דערווייל זענען מענטשן, געטער פאַרשידן.
פון קינדווייז אָן טוט מען זיי אַזוי פאַרוויגן.

ליבע איז טאַקע אומשולדיק ווי אַ קינד,
אָבער אויך בלינד.

דאָס לויפט אויך שנעל פאַרביי ווי אַ ווינט.

עס איז געוואָרן שטיל. אַבדאַלאַ ציט זיין נאַרגילע. מאַריאַ איז פאַר־טראַכט.

— מאַריאַ, דו שלאָפסט? — פרעגט אַבדאַלאַ.

— איך שלאָף נישט. איך ליג סתם מיט פאַרמאַכטע אויגן — ענט־פערט מאַריאַ.

אַבדאַלאַ בעט זי איבערגיין אויף דער סאָפע זיך אָפּרוען. מאַריאַ טוישט די קליידער, לייגט זיך אַוועק און קלערט. עס דוכט זיך איר, אַז איטשע זיצט לעבן איר, האַלט זי ביי דער האַנט און גלעט זי. זי שלאָפט איין און דער זעלבער געפיל און געדאַנק באַגלייטן זי אין חלום. דאָס פאַרשאַפט איר זייער פיל פאַרגעניגן. זי טראַכט, אַז זי וועט אים אַרומ־נעמען, און זי פילט ווי זי דריקט אים פעסט צו צום האַרצן. זי וויל אויסקושן אים, אָבער זי האָט מורא זיך צו באַוועגן אים נישט צו שטערן צו גלעטן איר האַנט. „לייג דיין קאָפּ אויף מיין שויס!" שעפּטשעט זי —

„ווילסט נישט, טאָ לייג דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט! אַבדאַלאַ זאָגט, אַז מען קען דיר אַלץ געטרויען. איך וועל אַלץ טאָן דיר צוליב. וואָס דו וועסט נאָר פאַרלאַנגען, אַפילו מיט מגייר זיין זיך. איך וועל ווערן אַ ידישע...” זי הערט ווי מען רופט זי ביים נאָמען: מאַריאַ, מאַרישקאַ! ווער איז עס, איטשע? ניין. זי דערקענט אַבדאַלאַס קול. ווי קומט ער דאָ אַהער? איז עס געווען אַ חלום? „ניין! בלייב! איך וויל פאַרזעצן דעם חלום!”.

— מאַריאַ! עס מוז שוין זיין שפּעט. מירביידע זענען איינגעשלאָפן. — זאָגט אַבדאַלאַ — שטיי אויף! מיר האָבן דאָך אַפילו נישט געגעסן. עס איז שוין נאַכט.

— ברודער מיינער — בעט זיך מאַריאַ — טו מיר צוליב און מאַך זיך אַליין עסן. איך וויל נישט עסן. עפּעס שפּיר איך זיך נישט מיט אַלעמען.

— ביסט מיד פון די געסט און פון די לאַנגע שעהען פון שמועסן און רעדן — מיינט אַבדאַלאַ — און אויך פון די נישט אַנגענעמע מחשבות וועגן דיין ליבשאַפט צו איטשען. פון דעם וועט קיין גוטס נישט אַרויס־שפּראָצן. דיין שלעכט פילן זיך איז שוין אַ רעזולטאַט דערפון. אפשר זאָל איך זיי מער נישט פאַרבעטן? וועסט אים נישט זען און ביסלעכווייז פאַרגעסן. איך בין דער שולדיקער. איך האָב אים אַהער געבראַכט.

— האָסט אַ טעות, מיין ברודער! — זאָגט מאַריאַ שטיל — איך האָב ווייניק גערעדט. גערעדט האָט ער און מיר האָבן געגאַפט. דו אַליין האָסט אים אָנגערופן הייליקער מאַן. ביסט צוגעגאַנגען צום הייליקן בילד און זיך געבוקט. דאָס זעלבע געפיל האָב איך אויך געשפּירט...

— ליבע שוועסטער — זאָגט אַבדאַלאַ — ביי דיר איז עס עפּעס אַנדערש און ביי מיר אויך אַנדערש. דו ביסט פאַרליבט אין אַ מאַן פון אַ צווייטן גלויבן. דאָס קען נישט פאַרווירקלעכט ווערן.

— מיר שטערט נישט זיין גלויבן — זאָגט פעסט מאַריאַ.

— אָבער אים שטערט דיין גלויבן — מיינט אַבדאַלאַ — איך קען גוט זיין כאַראַקטער, זיין נאַטור. די פאַראייניקונג וועט קיין מאָל נישט צושטאַנד קומען. פון וואַנען ווייסטו, אַז ער האָט אויך דיך ליב? און צי

ווייל ער מאַכן אַזאַ שריט? וואָרט, האָב געדולד, קלער איבער! אפשר קלערט ער גאָרנישט וועגן אַזאַ ווענדונג אין לעבן?

מאַריאַ וויל נישט נאָכגעבן דעם געדאַנק. אַבדאַלאַ רעדט צו איר, קלערט איר אויף. ער לייגט זי שלאָפן מיט די ווערטער: „וועסט זיך אויסניכטערן פון דעם טשאַד!”. ער אַליין קען נישט איינשלאָפן. עס מאַטערן אים רעיונות ווי צו העלפן דער שוועסטער, אָבער ער קען גאָרנישט געפינען. ער פאַרגעסט צו עסן, לעשט אויס דעם לאָמפּ און בלייבט אַזוי מיט זיינע אומקלאָרע געדאַנקען.

פרייטיק צו נאַכטס ביי דער באַלעבאָסטע

אַ שבתדיקער געדעקטער טיש, אַ שיין ווייס סערוועט־טישטעך, עטלעכע זילבערנע לייכטער מיט גרעסערע ליכט, גרעסער דוכט זיך ווי שטענדיק, אַ פלאַש ווייַן, אַ פלאַש קאָניאַק, אַ שיינער גראַווירטער זיל־בערנער בעכער, צוויי חלות צוגעדעקט מיט אַ טישטעכל אויסגעניית מיט קאָלירטע בלומען אַרום און אין מיטן מיט בלויע גרויסע אותיות „שבת קודש" און מיט זיידענע פעדעם אויסגענייט „ירושלים"; אַ גרויסער בליצלאָמפּ, ספּעציעל אויף שבת, מיט אַ גרעסערער שיין. דוכט זיך, אַז אַלץ איז ווי יעדע וואָך, ווי אַלע פרייטיק צו נאַכטס, אָבער ווען מען קוקט זיך בעסער צו זעט מען, אַז עס זענען יאָ דאָ שינויים, וועלכע עס איז טאַקע שווער אויפצוכאַפּן באַלד, אָבער זיי זענען דאָ. למשל, די באַלעבאָסטע איז נישט ווי שטענדיק אָנגעטאָן. זי טראָגט מער צירונג, אויערינג, מיט דיאַמאַנטן, וועלכע איטשע זעט ביי איר דאָס ערשטע מאָל. דאָס שטערנטיכל איז מער פאַררוקט אויפן הינטערשטן טייל קאָפּ. עס איז אויך אַ ניי שטערנטיכל מיט טערקישע געשטרייפטע בלומען און צוויי לאַנגע, ברייטע שפּיצן פאַלן אויפן פאָדערשטן טייל קערפּער. דער פאָדערשטער האַלבער קאָפּ האָר שיין פאַרקעמט, געניט און מייס־טעריש געמאַכט, מיט לאָקן. די האָר זענען נאָך פייכט, ווייזט אויס פריש געוואַשן, אָדער אָנגעשמירט. מען פילט אַ שמעקעדיקן ריח־ניחוח באַלד ביים אַריינקומען פון זייף און אַנדערע זאַכן. דאָס פּנים פון דער באַלעבאָסטע איז מער פאַרפלאַמט ווי תמיד, צי פון אָנשטרענגונג פון פאַרען זיך, צי פון דער וואַרעמקייט, פון די ליכט און בליצלאָמפּ, צי...

— שבת שלום! געערטע באַלעבאָסטע!

— שבת שלום! — ענטפערט זי מיט אַ שמייכל.

איטשע ווערט איבערראַשט אַנקוקנדיק די באַלעבאָסטע. ער האָט געוווּסט, אַז זי איז שיין. אָבער איצט זעט זי אויס פיל שענער, רייצנ־דיק, אַזאַ בליאַסק גייט פון איר, אַזאַ שיינקייט. אין אַזאַ מצב האָט ער זי נאָך קיין מאָל נישט געזען. זי טראָגט אַ ווייס, דין, געפּרעסט בלוזקעלע מלא־טעם, מען זעט אָן די ברוסטוואַרצלען ווי זיי שפּאַרן אַרויס, ווילן זיך אַרויסרייסן אויף דער פריי. איטשע טראַכט, אַז אפשר האָט זי ספּעציעל דאָס געטאָן. אויב אַזוי וואָס קלערט זי דערמיט? וואָס מיינט זי? אַרויסרופן גלוסטיקייט. אויפרייצן תאווה, ווילן פאַרפירן? וועמען? אים, איטשען? זי איז דאָך אָבער אַ פרומע, רעליגיעזע, ירושלימ־דיקע טאָכטער. און אפשר איז עס בלויז אַן אָפּשיין, אָדער די ווירקונג פון דער נשמה־יתרה, וואָס יעדער ייד באַקומט שבת, מאַן אָדער פרוי, פון פרייטיק אָוונט ביז מוצאי־שבת. איטשע בלייבט שטיין אומבאַוועג־לעך, פאַרגאַפט, און די באַלעבאָסטע וואַרט וואָס עס וועט זיין ווייטער. נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן רופט זי זיך אָפּ:

— וואָס האָט איר זיך פאַרקלערט? וואָס פאַר אַ מחשבות האָט איר איצט? וואָס זענט איר געבליבן שטיין אויף איין אָרט? אָט אַזוי, קומט ווייטער! וואָס זענט איר פּלוצעם געוואָרן אַ שעמעוודיקער? איך קען אייך נישט פאַר אַזעלכן. מיר זענען דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל צוזאַמען שבת. איר דאַרפט שוין זיין געוווינט. איר דאַרפט זיך שפּירן שוין מער היימיש, מער דרייסט, ווי מיט אייגענע. איר האָט זיך טאַקע אַ ביסעלע פאַרשפּעטיקט, אָבער צוליב דעם דאַרפט איר זיך נישט ערגערן. עס מאַכט נישט אויס. איך האָב דערווייל אַלץ צוגעגרייט.

איטשע אַנטשולדיקט זיך פאַר דער פאַרשפּעטיקונג, אָבער זי לאָזט אים נישט האָבן פאַרדרוס: — איר זענט זיכער געווען אין שטאָט ביים דאַווענען. דאָס דאַווענען געדויערט היינט אַ ביסעלע לענגער, און דער וועג איז אויך אַ ווייטער. איר זענט אוודאי אויך מיד נאָך פון דער אַרבעט. ערגערט זיך נישט צוליב דעם. איר זעט דאָך, איך האָב געגעבן גרעסערע ליכט אין די לייכטער און איך האָב געהאַט צייט אַלץ צוצוגרייטן — און די באַלעבאָסטע ווייזט אים, אַז אין קיך זענען אָנגע־

גרייט אַלע פּאַרציעס עסן, צוגעדעקט, אַלץ גרייט זי זאָל קענען זיצן אומגעשטערט ביים טיש.

איטשע רימט איר בריהשקייט און קלערט איר אויף זיין פאַר־טראַכטקייט:

— איך האָב געשטוינט פון התפעלות פון דעם שיינעם געדעקטן טיש. דאָס האָט אָפּגעשפּיגלט די יום־טובדיקייט פון שבת, און עס האָט מיך דערמאָנט מיין אַלטע היים, נאָך וועלכער איך בענק. איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט נישט צוליבן דאַווענען, נאָר איך בין צוגעגאַנגען זען די אויפרייסן ביים חיפהער פּאָרט. האָב איך שלעכט אויסגערעכנט די צייט, געמיינט אַז עס איז נאָענט.

— ערגערט זיך נישט — טרייסט אים די באַלעבאָסטע — די ניי געקומענע ווייסן נישט, אַז די ארץ־ישראל־לופט איז זייער אַ ריינע און קלאָרע, אויך אַ שיטערע. דער גרעסטער, ווייטסטער וועג זעט אויס נאָענט.

— איך האָב געוווסט דערפון — זאָגט איטשע — אָבער פון טעאָריע ביז פּראַקטיק איז אַן אונטערשייד. איך האָב גערעכנט צו מאַכן דעם וועג אין עטלעכע מינוט, דערוויילע שעם איך זיך צו דערציילן ווי לאַנג עס האָט געדויערט. דערפאַר, באַלעבאָסטע לעבן, וועל איך מאַכן דאָס דאַווענען אחת שתים.

— לאָזט נישט אויס דעם כעס צום דאַווענען — לאַכט די באַלע־באָסטע — וואָס איז דאָס דאַווענען שולדיק? עס איז דאָך שבת, האָבן מיר צייט. איצט מעג איך אייך זאָגן דעם אמת: איך האָב שטאַרק איבערגעקלערט. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס.

— וועגן מיר האָט איר נישט געדאַרפט איבערקלערן — לאַכט איטשע

— איך בין נישט פאַרלוירן געוואָרן פאַרנדיק פון פוילן אַזאַ לאַנגן וועג, וועל איך אין חיפה אויך נישט פאַרלוירן גיין.

איטשע דערציילט איר וועגן זיין באַזוך ביי אַבדאַלאַן און לסוף פרעגט ער זי:

— איך וואָלט וועלן אייך עפּעס פרעגן, אָבער זאָגט מיר צו, אַז איר וועט נישט זיין ברוגז אויף מיר צוליב דעם, וואָס איך וועל אייך פרעגן.

די באַלעבאָסטע ווערט שטיל, ערנסט און זאָגט צו נישט צו זיין בייז.

— ווען אייער מאַן האָט מיר דערציילט, אַז ער פאָרט אַוועק דעם שבת אויף אַ בר־מצוה קיין ירושלים — הייבט אָן איטשע — און ער האָט מיך געבעטן נישט אַוועקגיין ערגעץ, נאָר זיין מיט אייך און פירן דעם טיש בין איך געווען אין אַ נישט אַנגענעמער לאַגע.

— פאַר וואָס — פרעגט זי — איר עסט דאָך אַלע שבת מיט אונדז...

— אמת, צוזאַמען — זאָגט איטשע ווייטער — ווען אייער מאַן איז דאָ. איך האָב אים געבעטן באַפרייען מיך פון דער אויפגאַבע, און ער בשום־אופן נישט. ער האָט מיך ווידער געבעטן נישט צו פאַרשעמען זיין טיש. ער האָט אַפילו געזאָגט, אַז אויב איך וועל נישט מסכים זיין, וועט ער נישט פאָרן, ווייל זיין פרוי וועט נישט וויסן פון קיין שבת. צוליב דעם לעצטן האָב איך מסכים געווען. איך וויל נישט זיין דער גורם אייך צו פאַרשטערן אַ שבת. מען טאָר אייך נישט ווי טאָן, גלויבט מיר.

— פאַר וואָס? מיט וואָס? — זאָגט די באַלעבאָסטע פאַרשעמט — מיט וואָס האָב איך זיך פאַרדינט ביי אייך? זאָגט מיר, איך בעט אייך.

— אַז איר בעט מיך, וועל איך זאָגן. ווייל איר זענט אַ גוטע, איידעלע, הערלעכע, יידישע כשרע נשמה. אייך ווי טאָן איז אַ זינד, אַן עבירה — האָט מיט איין אָטעם איטשע געזאָגט.

— אַ דאַנק אייך פאַר דער מיינונג איבער מיר — שמייכלט די באַלע־באָסטע — אָבער איך מיין, אַז איר האָט איבערגעטריבן. יעדנפאַלס האָט איר גוט געטאָן וואָס איר האָט אָנגענומען די איינלאַדונג...

— וואָס איז איבערגעטריבן — טרעט איטשע נישט אָפּ פון זייניקן — אַדרבא, זאָגט מיר. אייער מאַן זענדיק ווי איך קען זיך נישט באַשליסן האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיך גוט קענען געלערנט און ער האָט צו מיר דעם פולן צוטרוי. דאָס לעצטע האָב איך שוין נישט פאַרשטאַנען...

— ער האָט נישט וואָס צו פאַרלירן, ער האָט נישט וואָס אָנצוווערן — האָט נאָך אַ לאַנגער ווײַלע געזאָגט די באַלעבאָסטע זייער שטיל און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

איטשע קוקט אויף איר מיט צערטלעכע און רחמנותדיקע בליקן. ער מאַכט זיך אַליין אַ פאָרוואורף פאַר וואָס ער האָט אָנגעהויבן דעם שמועס

און זי דערפירט צו דעם מצב. פּאַמעלעך קומט זי צו זיך, קוקט זיך אַרום. איטשע כאַפּט אונטער די געלעגנהייט:

— באַלעבאָסטע לעבן, מאַכן קידוש?

— איר וואַרט אויף מיין הסכמה, אָדער איר דאַרפט מיין דערלויבעניש? איך בין יעצט נישט אייער באַלעבאָסטע און איר זענט נישט יעצט מיין פּועל. מיר זענען אייגענע, נאָענטע, פריינדלעכע, גלייכע מענטשן. איר זענט זייער העפלעך, איר האָט אַן איידעלע באַנעמונג — גיט זי צו.

— ביי מיר איז עס בכבודיקע פאַרערונג — זאָגט איטשע — איך האָב דעם גרעסטן כבוד און דרך־ארץ פאַר איך. עס קומט איך.

איטשע מאַכט קידוש. גיט איר צו פאַרזוכן. שפּעטער גיסן זיי אָן גלעזעלעך קאָניאַק. ער גיסט אָן פאַר זיך אַ פול גלעזל קאָניאַק און פאַר דער באַלעבאָסטע אַ האַלב גלעזל.

— לחיים — ווינטשט איטשע — קאָניאַק נעמט אַוועק די ערנסטקייט און שאַפט אַ גוטן מצב־רוח.

— טאָ פאַר וואָס האָט איר מיר געגעבן נאָר אַ האַלב גלעזל? איך דאַרף קיין מצב־רוח? — טענהעט די באַלעבאָסטע און דערלאַנגט די פיש. זי באַוועגט זיך שנעל און געשיקט, זי שוועבט ממש. איטשע קוקט איר נאָך און זאָגט אַ פריילעכער:

— איך האָב מיך נאָר וואָס דערמאָנט. מיין זיידע ע״ה, זייער אַ פרומער חסידישער ייד, האָט געזאָגט, אַז שבת דאַרף מען טרינקען פינף כוסות יין. און ווער עס טרינקט מער הרי זה משובח.

— ווייזט אויס געווען אַן אמתער חסיד — לאַכט די באַלעבאָסטע מיט מיט איטשען — נאָך מער כוסות ווי פּסח ביים סדר. ער האָט איך אפשר געזאָגט פאַר וואָס.

— איך וועל זיך פּרווון דערמאָנען — זאָגט ער מיט אַ ניגון — איין כוס דער ערשטער איז דאָך קידוש, דער צווייטער איז פאַר אונדזער גאַסט, שבת, ער האָט נאָך צוגעגעבן פאַר שבת מלכתא, דער דריטער פאַר דער נשמה יתירה. שבת האָט יעדער ייד צוויי נשמות, איין נשמה, אַ שבתדיקע, גיט מען אים צו.

— ער האָט איך געזאָגט ווו עס איז געשריבן — רייסט איבער די

באַלעבאָסטע — איך וויל עס וויסן. אויך מיין מאַן האָט עס מיר נישט געזאָגט.

— עס איז דאָ אַ שבתדיקע תפילה נישט אין עברית, נאָר אין אַראַמיש — נעמט איטשע אויפקלערן — אַמאָל האָט אַ גרויסער טייל יידן גערעדט אַראַמיש, ווי היינט יידיש. און די תפילה איז אַרויסגענומען פון באַוווּסטן קבלה־ספר זוהר, וועלכן עס האָט געשריבן דער גרויסער תנא און צדיק ר׳ שמעון בר יוחאי: מתעטרין בנשמתין חדתין, דאָס הייסט, אַז שבת האָבן יידן צוויי נשמות. מען פילט דאָס און מען שפּירט דאָס, יעדער ייד.

— מיין האַרציקן דאַנק אייך פאַר דער אויפקלערונג — זאָגט זי — ווען נישט איר וואָלט איך קיין מאָל נישט געוווּסט. אין דער היים האָב איך געהערט זאָגן וועגן דער נשמה יתירה, אָבער איך האָב נישט פאַרשטאַנען. זאָגט מיר, איז עס אפשר דער זעלבער תנא ר׳ שמעון בר יוחאי, וואָס עס קומט אויס ל״ג בעומר זיין יאָרצייט, און זיין קבר איז אין מירון.

— אמת, ריכטיק — באַשטעטיקט איטשע — ל״ג בעומר איז זיין יאָרצייט... אַ סך אגדות און לעגענדעס זענען פאַרבונדן מיט דעם תנא.

— וואָלט איר מיר אפשר דערציילט זיי? איר קענט דאָך זיי, די אגדות. פון שטענדיק אָן הער איך גערן מעשיות פון הייליקע און פרומע יידן.

— פאַר וואָס נישט? — איז איטשע גרייט — מיטן גרעסטן כבוד, אָבער, באַלעבאָסטע, איר האָט פאַרגעסן, אַז מיר האַלטן אין מיטן פון די פינף כוסות. אַלזאָ, דעם פערטן כוס טרינקט מען נאָך די פיש. און דעם פינפטן איז די מעשה אַזוי. ווען מען טרינקט שוין פיר כוסות ווערט מען אַ צווייטער מענטש, און ער, דער צווייטער, דאַרף דאָך אויך עפּעס טרינקען. אָט איז דער חשבון פון די פינף כוסות. דערהוויל האַלטן מיר ביים דריטן כוס סך הכל, און איך וויל נאָכטאָן מיין זיידן, לכל הפחות היינטיקע נאַכט.

— טאָ גיסט אָן צו ביסלעך ווייַן — איז זי שנעל מסכים — בעסער קאָניאַק. איר זאָגט דאָך, אַז קאָניאַק גיט מצב־רוח.

איטשע גיסט אָן קליינע ביסעלעך, כמעט טראָפּן. די באַלעבאָסטע לאַכט:

— וואָס טוט איר? עס איז דאָך כמעט ליידיקע גלעזלעך.

— מטיפה לטיפה נתצלא ההין. איר ווייסט וואָס מען זאָגט — איז איטשע מסביר די זאַך — פּרוטות קטנות מצטרפות לחשבון גדול. פון אַ

ביסל און אַ ביסל ווערט אַ פולע שיסל. ביי אונדז אין פוילן טרינקען חסידים שבת נאָך די פיש י״ש. דאָס איז יין שרף, ספּירט, 96ער. ביי אונדז איז קאַלט און אַ ביסעלע ספּירט וואַרעמט אָן ווי דער בעסטער אויוון. טייל טייטשן י״ש, אַז דאָס מיינט שמים, אָדער מיט אַ ביסעלע י״ש קען מען דינען גאָט מיט פרייד. אַ סך חסידים האָבן שטענדיק געהאַט מיט זיך אַ פלעשל ספּירט אין בוזעם־קעשענע.

— וואָס זאָגט איר? — וווּנדערט זיך די באַלעבאָסטע — זיי האָבן געגעסן אַלע טאָג פיש?

ביידע צעלאַכן זיך הויך. איטשע קלערט אויף, אַז דער מנהג האָט אַ סיבה. עסן פלייש נאָך פיש איז נישט גוט. און ספּירט טרייבט אַוועק די פעטקייט. די באַלעבאָסטע וויל זען ווי אַזוי עס ווירקט און זי נעמט אַרויס אַ פלעשעלע ספּירט, וואָס זי האָט געהאַלטן אַלס אַ רפואה. זי זעצט זיך אַוועק נאָענט צו איטשען, כמעט באַרירנדיק זיין קערפּער. זי שפּירט ביי אים דעם מענער־ריח, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט פון איר זיין צוזאַמען מיטן מאַן נישט געפילט. עס נעמט זי אַרום אַ גלוסטיקייט און זי לייגט זיך מער און שטאַרקער אויף אים. די בלוזקע טיילט זיך אָפּ און עס זעט זיך אַרויס איר אַלאַבאַסטער ווייסער האַלדז ביז די ברוסטן, וועלכע טיילן זיך אויס מיט זייער רונדער ליניע. נישט ווילנדיק פאַלן איטשעס אויגן אויף דעם שניט צווישן די ברוסטן. ער ווערט צעטומלט. אָט און ער וועט זיך פאַרלירן. ער שפּירט די הייסע וואַרעמקייט פון איר אָטעם. אַזאַ הייסקייט. אַזאַ ברען פון אַ פרוי האָט ער נאָך נישט באַגעגנט. זי איז אויפגערייצט, ווי זי וואָלט נישט געהאַט קיין מאַן יאָרן לאַנג. ער וויל זי אַרומנעמען, אַרומהאַלדזן, אויסקושן אירע איברים... ער ראַנגלט זיך מיט זיך עטלעכע סעקונדן און קען נישט באַשליסן...

זי פאַרלירט דאָס געדולד, שעפּטשעט ווערטער, וואָס מען הערט זיי קוים, מען פאַרשטייט זיי נישט, עפּעס זאָגט זי: „טוט עפּעס! אויף וואָס וואַרט איר?". איטשע קען נישט באַהערשן זיך, ער איז ווי אין אַ הינער־פּלעט. ענדלעך נעמט ער זיך צוזאַמען:

— סליחה, איך האָב זיך פאַרקלערט. ווו איז דאָס פלעשל ספּירט? —

פרעגט ער, כאַטש ער האַלט דאָס פלעשל אין האַנט — אַט זעט ווי די פאַר טראָפּן ספּירט טיילן אַפּ די פּעטקייט פון די פיש...

די באַלעבאָסטע זעט ווי צעטומלט ער איז, צעקאַכט און עס קומט אים אָן שווער דאָס רעדן. זי זעט זיין אומדרייסטקייט, זיין שעמעוודיקייט און בויגט זיך נעענטער צו צו אים, ווי ווען לנדיק זען בעסער. זי נעמט אים לייכט אַרום ביי דער טאַליע...

—איך זע — זאָגט זי מיט באַגייסטערונג — ווונדערבאַר. דער ספּירט יאָגט נאָך די פּעטקייט פון די פיש. וואָס זעען מיינע אויגן? ווען איך זע אַליין נישט וואָלט איך נישט געגלויבט. עס מוז זיין אין דעם כישוף.

— כישוף איז ליגנט, שווינדל — רייסט איבער איטשע.

— וואָס רעדט איר? כישוף איז פון אייביק אָן. גאַנץ מצרים איז געווען פאַרפלייצט מיט כישוף. — ווונדערט זיך די באַלעבאָסטע.

— וואָס דעמאָלסט איז געווען ווייסן מיר נישט — שמייכלט איטשע — מיר זענען דאַן נישט געווען. היינט הערט מען נישט פון קיין כישוף.

און ער גיט דער באַלעבאָסטע אַן אויפקלערונג וועגן ציגיינערס, אַראַב־קעס־קאָרטן־לייגערינס. דאָס איז אַלץ שווינדל. בלויז אַ שלעכט אויג קען זיין. ער ברענגט פּסוקים פון אונדזערע חכמים, וואָס באַווייזן דאָס.

— איך וועל דאָך ווערן אַ גאַנצע וויסערין לעבן אייך — איז די באַלעבאָסטע פריילעך — פאַר וואָס האָבן די פיש מורא פאַרן ספּירט?

איטשע לאַכט און קלערט אויף, פאַר וואָס צוויי מינים ווילן זיך נישט מישן. ער גיסט זיך אָן אַ ביסעלע ספּירט, טרינקט אויס. אויך די באַלע־באָסטע וויל אַ טראָפּן. זי פאַרזוכט און פאַרהוסט זיך. איטשע גיט איר חלה נאָכצועסן. זיי עסן די מאכלים און ווערן אַלץ היימישער. ער ענטפערט אויף איר פראַגע צי ער איז אַ פרומער, אַז זיינע עלטערן זענען זייער פרום, אויך ער אַליין איז א דתי, כאַטש מאָדערן געקליידט. ער נעמט אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע און ווייזט איר ווי ער האָט אויסגעזען אין דער חסידישער קליידונג. זי קען זיך נישט אָפּרייסן פון בילד.

— געווען אַמאָל אַ שיינער בחורטשיק — שמייכלט זי — און וואָס פעלט אייך היינט? — גיט זי צו און קוקט אים אין די אויגן אַריין.

איטשע זינגט זמירות. זי העלפט אים אונטער. פּלוצלונג בלייבט ער

שטיל און די באַלעבאַסטע ענדיקט אַליין די זמירות. איטשע מאַכט איר אַ קאָמפּלימענט, אַז זי זינגט אָן פעלערן. ער וווּנדערט זיך. זי קלערט אים אויף, אַז זי פלעגט אַלע מאָל צוהעלפן דעם מאַן זינגען זמירות. נאָר זייט איטשע איז צו זיי געקומען, האָט דער מאַן זי געבעטן נישט מיט־צוזינגען.

— פאַר וואָס האָט איר נישט געפרעגט אייער מאַן וועגן דער סיבה?

— פרעגט איטשע.

— מיר פרעגן זיך נישט קיין שאלות. מיר האָבן נאָר פליכטן — ענט־פערט זי נאָך אַ ווײַלע קלערן — מיר שמועסן זיך קיין מאָל נישט דורך. מיר רעדן צווישן זיך ווייניק. ער פאָלגט מיך, איך פאָלג אים. אפשר וועט איר מיר זאָגן?

און איטשע האָט איר אויפגעקלערט, אַז די יידישע געלערנטע האָבן געוואָלט יידן זאָלן זיין אַנדערש, כדי זיך נישט אויסצומישן מיט אַנדערע פעלקער. זי האָט באַמערקט:

— איך וואָלט אויסגעלעבט מיינע יאָרן און וואָלט דאָס נישט געוווּסט, וואָס איך האָב געהערט דאָ פון אייך. איר זענט היינט ביי מיר מער געאַכט און געשעצט. איך האָב גאָר נישט קיין לויבווערטער פאַר אייך. איר זענט דאָך ווערט אָן אַ שיעור. וואָס גיט מען אייך? איך וואָלט אייך אויס...

— גיט מיר גאָר נישט.. איך וויל גאָר נישט — האָט איטשע איר איבערגעריסן די רייד — איך דאַרף גאָר נישט. איך מאַך נישט קיין געשעפט, קיין מסחר. איר האָט מיך געבעטן האָב איך אייך צוליב געטאָן. באַזונדערס ווען איך ווייס, אַז מיינע רייד ברענגען אייך אַ באַפרידיקונג. דאָס איז שוין מיין פאַרדינסט. איך וועל מיר נעמען אַ ביסעלע קאָניאַק און טרינקען לחיים.

— אויך איך, צוזאַמען מיט אייך. גיסט אָן צוויי גלעזלעך, פאַרביידן — זאָגט די באַלעבאַסטע און טרינקט צוזאַמען מיט איטשען — דאָס איז דאָך קליינע ביסעלעך — גיט זי צו און גיסט אָן פרישע גלעזלעך.

— באַלעבאַסטע, צו פיל, בפרט פאַר אייך — באַמערקט איטשע.

— פאַר מיר? — וווּנדערט זיך די באַלעבאַסטע — איך טרינק אַלע

מאָל אַ ביסעלע קאָניאַק. פון היינטיקן אָוונט בין איך דערגאַנגען דעם סוד, אַז דאָס איז זייער אַ גוטע זאַך, אַז עס ברענגט מצב־רוח...

— דאָס איז, אַז מען טרינקט אַ קליין ביסעלע — האַלט זיך ביי זיינס איטשע — אָבער נישט אַ פול גלעזל, אָדער מער. דאָס ברענגט צו שיכּרות. פאַר אַ פרוי איז נישט שיין צו זיין שיכּור.

— און פאַר אַ מאַן יאָ? — פרעגט זי.

— פאַר אַ מאַן איז אויך נישט שיין — איז ער מסכּים — אָבער נישט אַזוי פיל ווי אַ פרוי. אַ שיכּור פאַרלירט די קאָנטראָל איבער זיך. ער קען אָפּטאָן פאַרשיידענע זאַכן, איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די רייד, קען אַרויסזאָגן נישט שיינע ווערטער. ווי זאָגט מען ביי אונדז: וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג איז ביי אַ שיכּורן אויפן צונג. דער קערפּער פון אַ מאַן איז פעסטער און שטעלט זיך שטאַרקער אַקעגן דער ווירקונג פון אַלקאָהאָל, ווי אַ פרוי. איך וואָלט געוואָלט איך עפּעס פרעגן, נאָר...

— עפּעס זענט איר מיר היינט געוואָרן נישט דרייסט, שעמעוודיק. פרעגט אַלץ וואָס נאָר איר ווילט — דערמוטיקט זי אים.

— פאַר וואָס זענט איר נישט מיטגעפאָרן מיט אייער מאַן? — איז איטשע נייגעריק — די בר־מצווה איז דאָך אין ירושלים. און אויב איך מאַך קיין טעות נישט, זענט איר אַ געבוירענע אין ירושלים. יעדער בענקט נאָך זיין געבוירן־שטאָט און מען נוצט אויס יעדע געלעגנהייט זיך צו זען.

— ריכטיק, איך בין אַ געבוירענע פון ירושלים — קלערט אים אויף די באַלעבאָסטע — די שטאָט איז הייליק און טייער ביי יעדן יידיש קינד. אָבער איך האָב קיין סך נחת נישט געהאַט אין דער שטאָט. די בר־מצווה איז פון זיין משפּחה און איך בין נישט אין די בעסטע באַציונגען מיט זיי, כּמעט ברוגז. וויפל מיין מאַן האָט מיך נישט געבעטן איז מיין האַרץ נישט געווען דערביי. און אויב דאָס האַרץ איז נישט דערפאַר טו איך נישט. און איך מיין, אַז איך דאַרף נישט האָבן קיין חרטה דערויף. אָבער, האָב איך געזאָגט צו מיין מאַן, אַז דאָס טאָר נישט זיין קיין אָפּהאַלט ער זאָל

יאָ פאָרן צו דער בר־מצוה. ער האָט נישט געוואָלט, אָבער סוף כל סוף איינגעגאַנגען.

— פון דעסטוועגן איז מיר אַ גרויס ווונדער, אַז ער איז אַליין געפאָרן, אייך געלאָזט אַליין, ווייט פון שטאָט, און דערצו מיט שכנים אַרום בלויז אַראַבער. — האָט איטשע געזאָגט.

— ער האָט דאָך מיר איבערגעלאָזט אַ שומר — שמייכלט זי — איר זענט אַ שלעכטער שומר? איר אַליין זאָגט דאָך, אַז ער האָט אַליין געזאָגט, אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן און ער האָט צו אייך דעם גרעסטן צוטרוי — זי ווערט שטיל און זאָגט, קוים וואָס מען הערט — ער האָט נישט וואָס צו פאַרלירן...

— איך וואָלט סיי ווי סיי געשומרעוועט, און איר וואָלט געקענט פאַרברענגען אַ פריילעכן שבת אין ירושלים — מאַכט זיך איטשע נישט הערנדיק אירע לעצטע ווערטער.

— פאַרברענגט אַ פריילעכן, אַ פריילעכן שבת — זאָגט די באַלעבאָסטע איבער איטשעס ווערטער — איך בין גערן, אַז ער באַפרייט מיך אַ טאָג. איך קען נישט... איך קען אים נישט...

זי בלייבט שטיל, דערזאָגט נישט דעם געדאַנק. איטשע באַמערקט ווי די קאָלירן אין איר פנים בייטן זיך, ווי עס וואָלט אין איר פאַרגעקומען אַ שטרייט, אַ געראַנגל. וויל ער איר אַרויסהעלפן און רופט זיך אָפּ:

— וואָס? ער האָט אייך נישט ליב?

— הלוואי וואָלט ער מיך נישט ליב געהאַט — זאָגט זי מיט טרויער — ער האָט מיך צו פיל ליב און איז זייער גוט צו מיר. בעסער וואָלט געווען פאַר מיר ווען ער וואָלט מיך נישט ליב געהאַט, וואָלט מיך נישט געפּיעשטשעט. ער כאַפּט מיר אויס אַלע אַרבעטן. ער לאָזט מיך אין שטוב גאָר נישט טאָן, ווען ער איז דאָ. ער הייסט מיר רוען, ער וועט שוין טאָן די אַרבעט פאַר מיר. איך שעץ אים, האָב דעם גרעסטן דרך ארץ פאַר אים, אָבער נישט ליב. איך פאַרטראָג נישט זיין קערפּער־ריח, זיין ווען דערנענטערן זיך צו מיר. פאַר וואָס האָט גאָט מיך אַזוי גע־שטראָפט? צי בין איך אַזוי זינדיק? פאַר וואָס?

ביידע בלייבן שטיל. איטשע פאַרשטייט וואָס איר פרעסט, אָבער

ער מאַכט זיך נישט פאַרשטיין. זי האָט אַ פייכטן גלאַנץ אין די אויגן, לאָזט אַראָפּ די ברעמען. דער גאַנצער בוזעם וואַרפט זיך איר ווי עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך. אפשר פון שווערן אָטעמען. איטשע בלייבט זיצן פאַרלוירן, ער ווייסט נישט ווי צו האַנדלען, וואָס צו טאָן. עס קומען אים געדאַנקען צוליב וואָס האָט אים געטויגט דאָס גאַנצע עסק. ער קוקט אויף איר און באַמערקט, אַז דאָס קלייד און די בלוזקע זענען נישט פון די, וועלכע זי טראָגט געוויינלעך שבת. שטענדיק טראָגט זי קליידונג פאַרמאַכט ביזן האַלדז און די אַרבל זענען לאַנגע. איצט זעט ער ווי די בלוזקע האָט אַ טיפן דעקאָלט, וואָס אַנטפּלעקט אַ טיפן אויסשניט צווישן די ברוסטן, און די אַרבל זענען קורצע און מען זעט אַרויס איר פולע רונדע פרויען־האַנט. וואָס איז דאָ געשען? מיינט זי אפשר אים דערמיט? זי וויל, ווייזט אויס, אַרויסרופן גלוסטיקייט ביי אים. אָבער זי איז דאָך אַ פרומע. מען טאָר דאָך נישט. זי איז אַ פרוי פון אַ מאַן. ער שפּירט איר האַנט אויף זיין אַקסל. ווי אַזוי דאָס איז געשען ווייסט ער נישט. פּאַמעלעך, געלאַסן נעמט ער זי אָן, האַלט זי אַ ווײַלע, וויל איר אַ קוש געבן — צי פון רחמנות, צי פון תאווה — דאָס מויל איז שוין כמעט נאָענט, אָבער ער האַלט זיך אָפּ, אָדער ווי עמיצער וואָלט אים אָפּגעהאַלטן, עמיצער לאָזט אים נישט און וואָרנט אים, ער זאָל זיך באַרעכענען פריער וואָס ער גייט טאָן. איטשע שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות, באַהערשט זיך, און אַ שמייכל פון צופרידנקייט, אַז ער האָט גובר געווען דעם נסיון, אַ זעלבסטצופרידנקייט נעמט אים אַרום.

— באַלעבאָסטע לעבן — זאָגט ער צופרידן — וואָס איז געשען? די גאַנצע צייט זענט איר געווען גוט געשטימט, פריילעך, אַפילו געוויצלט זיך. און אין איין ווײַלע אַזאַ ענדערונג...

— דאָס איז שוין נישט קיין ווײַלע — ענטפערט זי — נישט פון היינט, נישט פון נעכטן. שוין אַ לאַנגע צייט. באַלד נאָך מיין חתונה. שוין באַלד פיר יאָר ווי אַ ווונד איז מיר דאָ — ווייזט זי אויפן האַרץ — די ווונד וואַקסט, ווערט גרעסער און ברייטער. איך האָב נישט און קען נישט דערציילן פאַר קיינעם...

— וואָס הייסט איר האָט נישט פאַר וועמען צו דערציילן? — ווונדערט

זיך איטשע — איר האָט דאָך אַ מוטער, משפּחה. דערציילט זיי, האַלט זיך מיט זיי אַן עצה. זיי וועלן אייך העלפן. מען טאָר נישט אַרומטראָגן זיך מיט אַזאַ עגמת־נפש אַליין, מען מוז זיך פּאַר וועמען אויסרעדן. בפרט אַזאַ יונגיטשקע און נאָך נישט דערפאַרענע אין לעבן...

— איך קען נישט און וויל נישט — זאָגט זי פאַרצווייפלט — מען טאָר דאָס נישט טאָן. איך וויל אים נישט פאַרשעמען. ער איז דאָך אַזוי גוט צו מיר. ער האָט מיך ליב. איך וועל ליבערשטליידן, ווייטיקן און אַזוי אויסגיין מיט די ווייטיקן צוזאַמען.

— ווילט איר זיך מאַכן אַליין פאַר אַ קרבן — פרעגט ער שוין אָפן — עס איז אַ גרויסע זינד. אויב אייער מאַן, ווי איר זאָגט, האָט אייך אמת ליב, און אויב ער האָט אַ געוויסן, וועט ער אייך פאַרשטיין. רעדט זיך מיט אים דורך און איך בין זיכער, אַז ער אַליין וועט נישט פאַרלאַנגען אַזאַ קרבן.

— איך האָב מורא, אַז ער וועט עס נישט קענען איבערהאַלטן — זאָגט זי מיט פּחד.

— איך מיין, אַז איר מאַכט אַ טעות — זאָגט שוין איטשע זיכערער — איר נעמט עס צו ערנסט. עס וועט אים גאָרנישט זיין. איר טרייבט איבער. איר אַזוי יונג,אַזוי שיין, אַזוי בליענדיק. איר הייבט אָן צו לעבן. איר טאָרט נישט ליידן. ליידן ברענגט וועלקן, און דאָס קען מען נישט צוריק־כאַפּן. דאָס איז אַ זינד, אַן עבירה. אַ ווונד, וואָס וואַקסט, מוז מען אויס־שניידן. בעסער איין מאָל פּטור ווערן אַפילו מיט שטאַרקע יסורים, ווי פּלאָגן זיך אַ גאַנץ לעבן...

— לאָמיר היינט מער וועגן דעם ענין נישט רעדן — רייסט איבער די באַלעבאָסטע — בעסער טרינקען אויף מצב־רוח — און זי גיסט אָן פון ס׳ניי די גלעזלעך.

— אויב איר וועט אָנטאָן אַן אַנדער פּנים, באַלעבאָסטע לעבן, און ווערן אַ ביסעלע פריילעכער וועל איך טרינקען — שטעלט איטשע אַ באַדינג.

— לחיים, מסכים — זאָגט זי און ביידע טרינקען — איך וויל אויך וואָס פון אייך בעטן.

— אויב נאָר מעגלעך וועל איך גערן טאָן אַלץ פאַר אייך — איז איטשע גרייט.

— עס איז אַ קלייניקייט, וואָס איר קענט זיכער טאָן — לאַכט די באַלעבאָסטע — רופט מיך נישט באַלעבאָסטע און נאָך מיטן צוגאָב „לעבן". איך פיל זיך מיט דעם נישט גוט. שענער, בעסער און איינפאַכער איז רופן ביים נאָמען. מיין נאָמען, דוכט זיך, קענט איר. עס איז היימישער, נעענטער. מיט אייער רופן שטעלט איר אַוועק אַ וואַנט, איר באַטראַכט מיך ווי עפּעס אַ בכבודן עלטערן מענטשן. איך בין נישט עלטער פון אייך, און נישט קליגער, און אפשר בין איך נאָך ייִנגער פון אייך. איך וויל נישט און דאַרף נישט דעם גרויסן טיטל באַלעבאָסטע לעבן — דאָס לעצטע וואָרט צעציט זי אין דער לענג און ברייט.

— דאָס איז די גאַנצע בקשה אייערע? איך קען אײַך צוליב טאָן און רופן בלויז באַלעבאָסטע — איז איטשע מסכים נאָר אויף אַ טייל פון איר ביטע.

— מילא, זאָל זיין אַזוי. נאָר נישט דאָס וואָרט „באַלעבאָסטע לעבן". גענוג אַזוי. דערציילט עפּעס פון אייערע מעשהלעך — בעט זי זיך.

— אפשר עפּעס זינגען? — שלאָגט איטשע פאָר — איר זינגט דאָך אַזוי שיין, אַזוי באַטעמט.

— געזונגען האָבן מיר שוין, און מיר וועלן נאָך זינגען — מיינט די באַלעבאָסטע און זי גיט צו מיט אַ שמייכל — איר האָט דאָך פריער געזאָגט קול באשה ערוה.

— נישט פאַר מיר — לאַכט איטשע — פאַר מיר איז עס אַ פאַרגעניגן.

— מיר וועלן נאָך זינגען — באַשטייט אויף אירס די באַלעבאָסטע — די נאַכט איז נאָך גענוג גרויס. עס איז נאָך דאָ צייט. יעצט דאַרף מען הערן אַ שיין מעשהלע.

— ווי איך זע, גברת באַלעבאָסטע, — זאָגט איטשע — ווילט איר זיך פאַרנעמען ביז שפּעט אין דער נאַכט. און אפשר נאָך מער?

— מיט אַ נייעם נאָמען האָט איר מיך געקרוינט — לאַכט זי אויף אַ קול — אַ נאָמען מיט אַ פּאַטשעווקע, גברת! וואָס? איר שרעקט זיך פאַר דער נאַכט. איר דאַרפט נישט מורא האָבן. איך האָב אַריינגעגעבן

אין לאַמפּ אַ סך נאַפט. עס וועט זיין גענוג ביז פרי. און טאָמער, חס ושלום, וועט ער אויסגיין איז אויך נישט קיין אומגליק...

— איך האָב נישט קיין פּחד פאַר דער נאַכט — פאַרטיידיקט זיך איטשע — זי שרעקט מיך וויניק. נאָר סתם די פינצטערניש איז נישט אַנגענעם. איר האָט פּאַראיבל אויפן נאָמען גברת?

— יאָ — ענטפערט זי — זאָל זיין אַן גברת. וואַרפט עס אַוועק!

— וואָס זאָגט איר? אַוועקוואַרפן די גברת? — וויצלט זיך איטשע — אַזאַ יונגעטשקע וואַרפט מען נישט אַוועק. גוט, איך וועל אייך פאָלגן און דערציילן אַ מעשהלע. לאָמיר עס מאַכן מיט אַ תור. איך אַ מעשהלע, איר אַ מעשהלע. איך וועל דערציילן דער ערשטער. קלויבט אייך אויס וואָס איר ווילט: אַ מעשהלע, אַן אגדה, רייזע־איינדרוקן, וועגן חברים. איך האָב פון אַלעם.

— איך ווייס נישט וואָס צו קלויבן. אַלץ איז גוט צו הערן — זאָגט די באַלעבאָסטע — זאָל זיין רייזע־איינדרוקן. איך אַליין בין נאָך נישט געפאָרן אין ערגעץ. אַפילו דאָ אין לאַנד קען איך בלויז ירושלים און חיפה.

— גוט! איך וועל דערציילן וועגן מיין פאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער זאָגט מיר דעם אמת. איר האָט דאָך געהאַט היינט אַ שווערן טאָג. ביז מיטיק אין געשעפט און דערנאָך דאָס צוגרייטן דעם שבת. אפשר זענט איר מיד?

— וואָס רעדט איר? — ענטפערט זי — מיט גרויס אינטערעס וועל איך אייך הערן. אַלץ, וואָס איר דערציילט, איז אינטערעסאַנט.

— אויב אַזוי, וועל איך אָנהייבן. אָבער איך דערצייל פּראָסט און פשוט. איך פאַרשענער נישט, פוץ נישט צו — באַמערקט איטשע און נעמט דערציילן — מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פינף מאַן, אַ קבוצה חלוצים, כמעט אַלע פוילישע זעלנער. מיר זענען געווען גוטע חברים. אַ יאָר מיט אַ פערטל זענען מיר געווען אין וועג ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל. מיר האָבן געדאַרפט שוואַרצן אַ גרענעץ, גיין צו פוס דורך די קאַרפּאַטן־בערג ניין־צען שעה אָן אָפּרו. מיר זענען געגאַנגען מיט אַ מענטש, וואָס האָט געקענט דעם וועג. ער האָט געווינט אין אַ שטעטל ביי דער גרענעץ. מען האָט אים געדאַרפט גוט באַצאָלן. ער האָט צעריסן

אַלע פּאַפּירן, פּאַספּאָרטן, בריוו כדי אין פֿאַל ווען מען כאַפּט אונדז איז בעסער און געזינטער גאָרנישט צו האָבן. טאָמער וועט מען אונדז פרעגן ווו מיר גייען דאַרפן מיר זאָגן אין נאָענטסטן דאָרף אַריין צו אַ פאַר־ווײלונג צו דעם און דעם. איבעריקנס האָט ער אונדז געראָטן צו זאָגן תפילת־הדרך.

— דאָס הייסט, אַז איר האָט זיך גוט געשראָקן, איר האָט אײנגעשטעלט דאָס לעבן — האָט די באַלעבאָסטע איבערגעריסן.

— יאָ, מיר האָבן געהאַלטן די נשמות אין די הענט. אין אַזאַ צייט און אין אַזאַ וועג קען מען קיין מאָל נישט וויסן צי ערגעץ זענען נישט פאַראַן פאַרשטעקט אַזעלכע, וועלכע וואַרטן אויף אַזעלכע פּאַסאַזשירן ווי מיר — דערציילט איטשע ווייטער — מיר גייען און קריכן אויף די בערג, וועלכע זענען באַוואַקסן מיט וואַלד און מיט טיפע גראָזן, וואָס באַשווערן שטאַרק דעם וועג. אויך דער טוי איז גרויס און אַלץ אויף אונדז איז געוואָרן נאַס און דורכגעווייקט ווי מיר וואָלטן געגאַנגען אין וואַסער. די שיך זענען צעריבן געוואָרן אין די שפּיציקע שטיינדלעך. מיר האָבן אַזוי אָנגעשטרענגט מאַרשירט, אַז מיר האָבן נישט געשפּירט, אַז מיר זענען געבליבן אָן שיך. עס איז געשען מיט מיר אַ קאַטאַסטראָפע. איך האָב געהאַט אײנגענייט אין די שיך מיין גאַנץ פאַרמעגן, פּאַפּירגעלט, און דאָס איז אַזוי צעריבן געוואָרן, אַז מען האָט נישט געקענט צוזאַמענשטעלן קיין צוויי שטיקלעך. אָבער מיר האָבן באַלד פאַרגעסן אין די צרות, ווייל עס איז געשען אַן ערגערע זאַך. אַ חבר האָט באַקומען אַן אַטאַק פון אַסטמאַ און גענומען פּאַכען מיט דער נשמה און קען ווייטער נישט גיין. מיר האָבן דאָ קיין רפואות נישט און מיר קענען אויך נישט גיין ווייטער. גיין צוריק קען מען אויך נישט, ווייל איין טאָג נאָך אונדזער אַרויספאָרן פון שטוב האָט מען אײנגעפירט טויטשטראָף פאַר דעזערטירן, אַנטלאָפענע פון מיליטער־דינסט. די געפאַר איז גרויס. זעלנער און פּאָליציי זענען אויף אַלע וועגן...

— פאַר וואָס זענט איר אַוועק און נישט געדינט אין מיליטער? בעסער געווען איבערקומען די צייט און שפּעטער פאָרן ווי פרייע מענטשן — מיינט די באַלעבאָסטע.

— מיר האָבן נישט געוואָלט און נישט געקענט וואַרטן. אין דער צייט ווען יידישע זעלנער זענען געווען אויפן פראָנט און אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר שאַפן אַ גרויס פוילן — קלערט איטשע אויף — אין דער צייט האָבן די פּאָליאַקן געמאַכט פּאָגראָמען, געהרגעט, געשענדעט, גע־וואָרפן יידן פון די באַנען, געשניטן בערד צוזאַמען מיט שטיקער פלייש. האָבן מיר געדאַרפט זיי געבן אונדזערע לעבנס. מיר האָבן נישט געקענט ביי אַזאַ מצב זיין אויפן פראָנט און וואַרטן. לאָמיר צוריקגיין צו אונדזער דערציילונג. אַלזאָ, עס איז נישט גוט. מיר שטייען און זוכן אַן אויסוועג און דער זייגער רוקט זיך. מיר פאַרלירן די בעסטע צייט, די פינצטערניש. דער וועגפירער שרייט, מאַכט געוואַלדן, אַז מיר, און ער אויך, זענען אין געפאַר. אויב מען האָט אַ קראַנקן חבר שמוגלט מען נישט קיין גרענעצן. טאָמער ווערט ליכטיק זענען מיר אַלע פאַרלאָרן. דער קראַנקער האָט געזען, אַז דער מצב איז ערנסט האָט ער געבעטן מיר זאָלן אַליין, אָן אים, פאַרזעצן דעם וועג, און ווען ער וועט קומען צו זיך וועט ער אַליין זיך לאָזן צוריק. ער האָט אונדז געבעטן מיט טרערן אין די אויגן מיר זאָלן גיין, מיר זאָלן צוליב אים נישט פאַלן קיין קרבנות...

— און איר האָט אים געפאָלגט? — פרעגט די באַלעבאָסטע מיט אַנגסט.

— וואָס רעדט איר? וואָס פאַלט אייך איין? וואָס הייסט מיר וועלן אים איבערלאָזן? — ענטפערט איטשע — מיר האָבן באַשטימט אים צו טראָגן. יעצט גייט מען שוין נישט נאָר מען מוז לויפן און דעריאָגן די צייט, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן. אויך דער וועגפירער יאָגט אונדז אונטער זאָגנדיק, אַז יעדע רגע איז טייער. מיר זענען געוואָרן שטאַרק מיד. דער שווייס מיטן טוי מישן זיך אויס. עס רינט פון אונדז ווי בעת אַ רעגן. אַם ערגסטן איז געווען ווען מיר האָבן געדאַרפט אים טראָגן באַרג אַרויף. מיר האָבן געפונען אַן עצה צו טראָגן אים אין צווייען. מיר פלעכטן אויס פון די הענט אַ בענקעלע, דער קראַנקער זיצט אויף דעם און האַלט אונדז ביי די אַקסלען. דאָס איז געווען אַ ביסעלע גרינגער. איך וועל די דאָזיקע נאַכט נישט פאַרגעסן. דערווייל האָבן מיר געהערט שאָסן, אָבער דער וועגפירער יאָגט אונדז כסדר פאָרויס. ענדלעך קומען מיר גאָר נאָענט

צו דער גרענעץ. ער הייסט אונדז זיך אַוועקלייגן און קריכן שאַ שטיל. אַזוי קריכן מיר אין איין שרעק ביז מיר זענען אַריבער די גרענעץ־ליניע. דאָ האָט אונדז דער וועגפירער געהייסן בענטשן גומל, ווייל מיר זענען געווען אין אַ גרויסער געפאַר. ער הייסט אונדז אָפּרוען זיך, נישט דרייען זיך פאַר מענטשן אין די אויגן. ער וועט אונדז אַריינפירן צו אַ ייד. מיר מעגן אים טרויען. ער וועט פאַר אונדז אויסקויפן בילעטן אויף דער באַן צו פאָרן קיין פרעשבורג (בראַטיסלאַוואַ). פאָרן זאָלן מיר ביי נאַכט. מיר האָבן זיך געזעגנט און אים געגעבן דעם אָפּגערעדטן סימן, ער זאָל באַקומען דאָס געלט פאַר זיין טירחה.

— און ווו געפינט זיך היינט דער קראַנקער חבר? און די איבע־ריקע? — איז די באַלעבאָסטע נייגעריק.

— דעם קראַנקן האָבן מיר געבעטן דעם גאַנצן וועג ער זאָל אַהיימ־פאָרן. באַזונדערס ווען ער איז נישט געווען קיין זעלנער. ער האָט נישט געוואָלט — דערציילט ווייטער איטשע — און אינטערעסאַנט, ערשט פון ארץ־ישראל איז ער אַהיימגעפאָרן. די איבעריקע חברים מיינע אַרבעטן ביים כביש טבריה צמח. אַז מיר זענען בשלום אַריבער די גרענעץ זענען מיר אַלע געבליבן אָן געלט. עס איז נישט גוט צו זיין אין דער פרעמד אָן געלט. וואָס ווייזט זיך אַרויס? דוקא דער קראַנקער האָט אונדז גע־ראַטעוועט. ער האָט געהאַט עטלעכע ווערטפולע דימענטלעך, גוט באַהאַלטן אויף זיך. ער האָט אונדז געבעטן נישט צו זאָרגן, ווייל זיינע דימאַנטן זענען יעצט אַלעמענס. אין פרעשבורג האָבן מיר געטוישט דעם ערשטן שטיין און מיר האָבן געהאַט צו באַזאָרגן דאָס מינימאַלסטע.

— מיר וועלן פאַרזעצן אונדזער עסן — זאָגט די באַלעבאָסטע און וויל דערלאַנגען צום טיש. איטשע לאָזט אָבער נישט.

— איך האָב גענוג. איך קען מער נישט עסן. בעסער רוט זיך אָפּ. מיר האָבן דאָך אָן אָפּמאַך, אַז יעצט זאָלט איר דערציילן. דערציילט ווי אַזוי איר האָט זיך באַקענט מיט אייער מאַן...

— באַקענט? — רייסט די באַלעבאָסטע שאַרף איבער — באַקענט? מען האָט מיך פאַרקנסט! אונטער מיינע אויגן, נישט פרעגנדיק ביי מיר און נישט זאָגנדיק גאָרנישט! נישט איך האָב אים געזען, נישט געקענט.

צי ער האָט מיך געזען ווייס איך נישט. אפשר יאָ? זעכצן יאָר בין איך אַלט געווען. מען האָט מיר געזאָגט: מזל טוב! ביסט געוואָרן מיט מזל אַ כלה. איך האָב געטראַכט, אַז עס איז אַ גוטע זאַך: כלה, חתן, אַלע ווילן דאָס. און איך האָב שוין געפילט די רייפקייט פון אַ פרוי, ווייל איך בין געווען מער אַנטוויקלט ווי מיינע יאָרן. אַלע האָבן מיך געשאַצט מער יאָרן, ווי איך בין געווען.

— און ווען האָט איר אים געזען דאָס ערשטע מאָל? — איז איטשע נייגעריק.

— ביי דער חופה. — ענטפערט זי מיט טרויער — עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אַן אַלטער בחור, טאָפּלט יאָרן פון מיר, מיט אַ באָרד. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געוויינט. שוין געווען פאַרפאַלן. אַזוי פינצטער איך שוין אָפּ פיר יאָר, פיר אייביקייטן. און דערצו איז ער נישט...

זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געשעמט. אַ שטילע טרער פאַלט. איטשע קוקט און טראַכט: ווי אַנגעווייטיקט איז ביי איר דאָס יונגע האַרץ, ווען עס קומט צו רייד וועגן פאַמיליע־לעבן. ווי געראָטן זי איז. ווי שיין. זי איז דאָך יעצט נאָך אַזוי יונג. ווי געטאָקט זענען אירע אברים. דערצו איז זי אַזוי געפילפּול, זייער אַ גוטע, טייערע נשמה. פאַר וואָס איז די נאַטור אַזוי אומברחמנותדיק? וואָס איז זי נעבעך שולדיק? אירע בלוטן קאָכן טאָג־טעגלעך, נאַכט ביי נאַכט. טראַגיש איז דיין וועלטל,גאָט! און איטשע נעמט אָן די באַלעבאָסטע ביי דער האַנט און זאָגט איר שטיל:

— באַלעבאָסטע, היינט איז שבת. איר זענט דאָך אַ פרומע, ווייסט איר, אַז שבת טאָר מען נישט טרויערן, באַזונדערס נאָך מיט טרערן. צו וואָס? צו וואָס האָב איך עס באַדאַרפט?

זי הייבט אויף דעם קאָפּ, עפנט אויף אירע אויגן און איטשע דערזעט צוויי גרויסע בלישטשענדיקע טרערן, ווי צוויי בריליאַנטן. ער טראַכט, אַז עס איז אַ שאָד זיי צו פאַרלירן. מען דאַרף זיי אויפכאַפּן און אַריינפאַסן אין אַ רעם. אפשר גאָר אויסלעקן זיי? אויסקושן די טרערן? דאָס איז דאָך פון רחמנות, איר צו פאַרגינגערן די ליידן. בלויז טרייסטווערטער

װעלן דאָ גאָרנישט פאַרגרינגערן. זי דאַרף לאַשטשען און אַרומאַרמונג פון אַ מאַן. ער איז גרייט עס צו טאָן, אָבער ער האָט מורא. ער קען אַליין נישט פאַרשטיין פאַר װאָס. די באַלעבאָסטע באַהערשט זיך אַ ביסל, ציט אַרויף אויף זיך אַ געמאַכט שמייכעלע און זאָגט:

— זייט מיר מוחל! איך בין נישט מער װי אַ מענטש, בלוט און פלייש. אַ מענטש איז דאָך נישט פון אייזן. איך האָב אַפילו נישט פאַר װעמען אַ װאָרט אַרויסצורעדן. און אַפילו יאָ, קען מען דען דערציילן? און דאָס פרעסט און גריזשעט, פּייניקט טאָג און נאַכט אָן אויפהער. אַ װאָרעם טאָטשעט מיין האַרץ. און װאָס זענט איר נעבעך שולדיק װאָס איך בין זיך אָפּן מתודה פאַר אייך אָן בושה. איך װיל זיין אָפנהאַרציק, איך װיל אייך האָבן פאַר אַ פריינד. איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין איין גוטן טאָג אין מיין לעבן. אַן אָרעמע הײם, פרום פאַנאַטיש, געהאָדעװעט אונטער אַ שװערן, פרומען און פאַנאַטישן עול. נישט געהאַט קיין חברטעס, קיין קינדער־יאָרן, קיין מאָל זיך נישט געשפּילט. נישט געהאַט קיין פריי־הייט, שטענדיק אויפן אויג. אַן אייזערנעם װילן האָבן זיי געהאַט אַדורכ־צופירן איך זאָל זיין אַ פרומע טאָכטער. נאָך אַלס קינד, נישט פרעגנדיק ביי מיר, מיך חתונה געמאַכט מיט אַן אַלטן בחור, אַ כלומרשט רייכן און פרומען. ער איז גיכער צוגעפּאַסט צו זיין מיין פאָטער. צו די צרות האָט ער מיך ליב אויף אַזוי פיל, אַז ער װעט נישט לעבן אָן מיר. אַזוי האָט ער געזאָגט בפירוש עטלעכע מאָל. ער איז מיר איבערגעגעבן. אָבער זיין ליבשאַפט איז ביי מיר פאַררעכנט װי פון אַ גוטן, געטרייען, אַלטן פאָטער...

— איך פאַרשטיי אייך זייער גוט — זאָגט איטשע מיט מיטגעפיל — אויסערלעך װעט קיינער נישט זאָגן, אַז איר לעבט איבער אַ טראַגיש לעבן. אייער אויסזען מאַכט אַן איינדרוק װי פון אַ מענטש, װאָס איז צופרידן פון זיין לעבן. קיינער קען נישט פאַרדאַכטן, אַז ביי אייך אין האַרצן טוט זיך אָפּ אַזאַ טראַגעדיע. שױדערלעך טרױעריק איז דאָס מענטשלעכע לעבן. אייער דערציילונג האָט מיך דערשיטערט. איך פיל אייך מיט און פאַרשטיי אייער גרױסן װיי און צער. מיר זענען דאָך נישט קיין קינדער טאָ קען מען רעדן אָפן, פריי. פאָרט צו אַ דאָקטער, צום בעסטן.

ביי די היינטיקע מעגלעכקייטן פון דער מעדיצין איז נישטאָ קיין אומ־מעגלעכס. פּרוּווט און איר וועט זען, אַז גאָט וועט העלפן...

— איך האָב אים געזאָגט — זאָגט זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם זיפץ נאָך אַ ווײַלע שטילשווײַגן — ער וויל נישט, וויל אַפילו נישט הערן דערפון. מען טאָר נישט, זאָגט ער.

— אויב אַזוי — זאָגט איטשע — האָט איר אײַן עצה. אָן סענטימענטן, אָן מיטלייד, אָן רחמנות. זאָל נישט ווערן שפּעט. אַ קייזערשניט. דאָס לעבן איז דער גרעסטער גוקם פאַרן מענטש.

— איך קען זיך נישט באַהערשן — זאָגט די באַלעבאָסטע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די אויגן פאַרשטעלט מיט אַ טיכעלע — די צרות זענען אַזוי גרויס. איך שעם זיך שוין גאָר נישט פאַר אײַך. איך בין נאָך די זעלבע ווי געווען...

שטיל ווערט אין צימער. איטשע איז דערשיטערט, אָבער ער באַהערשט זיך, הייבט איר פּאַמעלעך אויף דעם קאָפּ, נעמט אַוועק אירע הענט און זאָגט מיט האַרץ און מיט טרייסט:

— גוטע באַלעבאָסטע, איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט. איך קען נישט פאַרנעמען קיין טרערן. איך פאַרשטיי און ווייס שוין אַלץ. אָבער מיט טרערן וועט איר נישט געהאָלפן ווערן...

— נישט מער — זאָגט זי שוין מיט אַ מער שמייכלנדיק פּנים — איך וועל זיך באַמיען איינצוהאַלטן. עס קומט אַליין. יעצט איז מיר שוין גרינגער געוואָרן. איך האָב געמוזט פאַר עמיצן אַרויסזאָגן מײַן פאַרבי־טערקייט, אַראָפּוואַרפן אַ שווערע פּרעס פון מײַן האַרץ. פון יעצט אָן זענט איר געוואָרן ביי מיר ווי אַן אייגענער, אַ נאָענטער, איך שפּיר זיך צו אײַך נעענטער ווי צו אַ ברודער.

— אַזוי, אַזוי, אַ שמייכל, פריילעך — זאָגט איטשע מיט צופרידנ־קייט — איר זענט גאָר נישט קיין מבין אויף זיך אַליין. ווען איר ווײַנט מאַכט איר אַ תל פון ליכטיקן פּנים. שפּיגלט זיך, ווען איר שמייכלט, וועט איר זען, אַז איך בין גערעכט. איך בין זיכער, אַז איר וואָלט קיין מאָל נישט געוויינט. דאָס שמייכלען גיט אײַך צו אַ וועלט מיט חן, מלאַ־טעם. איר זענט נאָך אַזוי יונג און הייבט דאָך אָן ערשט צו לעבן. די

גאַנצע וועלט איז נאָך אָפן און פריי פאַר אייך. עס קענען קומען פאַר־שיידענע ענדערונגען. נאָר זיין שטאַרק ביי זיך. מיין באָבע האָט געזאָגט, אַז אַ פּאָלק סאָלדאַטן קענען אַ מענטש נישט טאָן אויף אַזוי פיל ווי דער מענטש זיך אַליין. גאָט האָט אייך באַשאַנקען, נישט יעדעס נפש איז זוכה דערצו. איר מעגט זיך גרויס האַלטן דערמיט. איר זענט אַליין נישט קיין מבין אויף זיך. יעדער אבר איז דאָך ווי געשניצט פון אַ גרויסן קינסטלער. זייט שטאָלץ דערויף.

— נאָך אייערע ווערטער — זאָגט די באַלעבאָסטע מיט אַ שמייכל — וועל איך שוין שטענדיק שמייכלען און לאַכן. איר זענט דאָך אַזוי וויל, גוט און קלוג. איך דאַנק אייך פאַר אייער מיינונג און טרייסט. דאָס וועט מיר געבן אַ סך האָפענונג און זיכערקייט אין מיין ווייטערדיקן גאַנג אין לעבן. זאָגט מיר און לערנט מיך. איך וועל אייך אַלץ פאָלגן און זיין געהאָרכזאַם ווי אַ גוטער תלמיד. וואָס אַנבאַלאַנגט שיינקייט איז אייך אויך נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. איר זענט נישט קיין פסולע הושענא — קוקט זי אים אָן מיט בעטנדיקע אויגן — איך וויל אייך עפּעס געבן, איך ווייס אַליין נישט וואָס. איר זענט מיר געוואָרן אַזוי נאָענט, היימיש ווי איך וואָלט אייך געקענט פון לאַנגע יאָרן. זייט איר אויך היימישער און דרייסטער צו מיר. בעט עפּעס פון מיר. ווילט עפּעס פון מיר. איך וועל אייך גערן אַלץ געבן. אַפילו אוממעגלעכס. פּרוווט. איך בין אין גאַנצן... לאָמיר טרינקען אויף מצב־רוח. לאָמיר טרינקען, שיכורן. איך וויל איין מאָל זיין שיכור. איך וויל וויסן דעם טעם און געפיל פון אַ שיכורן.

— אַ ביסעלע טרינקען ברענגט מצב־רוח, דאָס בין איך מסכים מיט אייך — איז איטשע צוריק אַריין אין זיין שטענדיקער ראָל פון אַ דער־קלערער — אָבער טרינקען אויף ווערן שיכור, דאָס נישט. דאָס איז נישט שיין, נישט אָנשטענדיק נישט פאַר אַ מאַן און נישט פאַר אַ פרוי. איר האָט פריער געזאָגט איך זאָל אייך לערנען און אַז איר וועט מיך פאָלגן, טאָ טרינקט אַ קליין ביסעלע און איר וועט זיין פריילעך. וועגן מיר איז אייער מיינונג איבערגעטריבן, צו פיל שבחים גיט איר מיר. עס איז שוין נישט פרי, אפשר באַפרייען אייך?

— וואָס רעדט איר? — דערווידערט זי אים — וואָס שטערט אייך די שפּעטקייט? בלייבט! בלייבט אַ גאַנצע נאַכט, פאַרלאָזט מיך נישט! איך האָב מורא אַליין צו בלייבן. מאָרגן איז שבת וועלן מיר האָבן צייט צו רוען און שלאָפן. איך וועל דערלאַנגען אַ פרישן גלאָז טיי און איר וועט עפּעס דערציילן.

די באַלעבאָסטע דערלאַנגט די טיי און זי גיט זיך אַ גליטש און פאַלט אויף איטשען. שטאַרק דערשראָקן, אַזוי דוכט זיך איטשען, כאַפּט זי אים אַרום און דריקט זיך צו אים מיטן גאַנצן קערפּער און בוזעם. בשעת מעשה פילט איטשע אַן אַנגענעמע וואַרעמקייט. ער שפּירט אויף אירע ליפּן אויף זיין האַלדז. די וואַרעמקייט לויפט דורך זיין קערפּער. אַ שווערער קאַמף קומט פאָר אין אים. ער קלערט און שמועסט אין געדאַנק מיט זיך: וואָס טוט מען? מען האָט דאָך אים איבערגעלאָזט אַלס שומר. וואָס פאַר אַ שומר איז ער? איזהו גיבור? הכובש את יצרו. ער שטאַרקט זיך. ער נעמט זי אויף די הענט, זעצט זי אַוועק. זי ציטערט אין גאַנצן, אָטעמט שווער. איטשע פאַרדעכטיקט יעצט, אַז זי האָט עס געמאַכט בכוונה. זי שפּאַרט אָן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

— איר זענט געפאַלן אויף זיכערע הענט — זאָגט לסוף איטשע — שרעקט אייך נישט. עס האָט געקענט זיין ערגער. דערפאַר זאָג איך אייך צו, אַז פון היינט אָן וועט שוין אַלץ זיין גוט.

— הלוואי — ענטפערט זי — פון וואַנען ווייסט איר דאָס צו זאָגן?

— די וועלט זאָגט, אַז אַ געפאַלענעם העלפט גאָט — זאָגט איטשע שוין אַ ביסל באַרויִקט — פשוט מאוד.

— כדאי געווען צו פאַלן — זאָגט די באַלעבאָסטע מיט אַ שמייכל — כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אַריינצופאַלן אין אייערע הענט. איך האָב אייך זיכער באַגאָסן. אַ נס וואָס די טיי איז נישט געווען הייס.

— ווי זאָגט איר — שפּאַסט איטשע — שוין כדאי געווען נאַס ווערן, אַבי נישט געלאָזט אייך פאַלן. איר זענט אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט, ווי אַ מלאך וואָלט זיי אונטערגעשטעלט.

— גאַנץ אַנדערע הענט ווי ביי מיין מאַן — זאָגט זי און באַקוקט, און באַטאַפּט איטשעס הענט — דאָס הייסט מענערשע הענט.

— און ביי אייער מאַן זענען אַנדערע הענט? — פרעגט איטשע.

— נאָך ערגער ווי ווייבערשע — זאָגט זי מיט עקל — ווייכע, פוכקע, אַזוי ווי דער גאַנצער קערפּער. אַ לעמעשקע. דיקלעך, ברייט, ווייך, אָנגעבלאָזן ווי אַ שוואָם. איך האָב עס פיינט.

איטשע וויל נישט דערהערן די לעצטע ווערטער און קלערט איר אויף, פאַרטייטשט איר דעם גאַנצן ענין פון האַנט געבן, שילדערט פאַרשיידענע אופנים פון געבן די האַנט. זי לאָזט אָבער נישט אָוועקגיין פון דער טעמע און זי זאָגט:

— נאָר דאָס ערגסטע זענען די פוכקע הענט. וואָס זאָגט איר צו מיינע הענט? — גיט זי צו קאָקעטיש מיט אַ שמייכעלע.

— אייערע הענט — זאָגט איטשע נאָך אַ ווײַלע קלערן — אין אייערע הענט איז דאָ אַן עלעקטרישער שטראָם, וואָס מען קען געהיילט ווערן פון זיי. רפואה־הענט. עס זענען פאַראַן אַזעלכע.

— הלוואי וואָלט עס ריכטיק געווען — לאַכט זי — וואָלט איך געהיילט אַלע מענטשן אַן געלט. איך וועל געבן אַנדערע טיי, מיין גוטער פאַרטייטשער!

— איין ביטע האָב איך צו אייך — זאָגט איטשע האַלב אין שפּאַס — איר זאָלט נישט דאָס מאָל פּרווון ווייטער פאַלן — ער צעשפּרייט די הענט און בויגט זיך איין — אָט אַזוי. ווי עס מאַכט זיך זאָל איך זיין גרייט. נאָר בעסער זייט פאָרזיכטיק, נישט געאײַלט זיך.

זי דערלאַנגט די טיי פאָרזיכטיק און ווענדט זיך צו אים:

— איך וויל אייך עפּעס זאָגן, נאָר לאַכט נישט פון מיר.

— איך לאַך נישט פון קיינעם — דערקלערט איטשע — ובפרט פון אייך. איך קען נאָר זיך פריילעך מאַכן. איך בין גרייט צו הערן.

— מיין באָבע, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן — הייבט אָן די באַלעבאָסטע — איז געווען זייער אַ פרומע און געהאַלטן פון סגולות און אָפּשפּרעכונגען. זי האָט געזאָגט, אַז אויף דעם אָרט, וווּ מען גליטשט זיך אויס, זאָל מען אָנשמירן מיט אַ שאַרפער זאַך. אַזוי ווי איך האָב נישט קיין שאַרפע זאַך, מעג איך אפשר נוצן קאָניאַק אָדער ספּירט?

— שאַטן קען עס זיכער נישט — שמייכלט איטשע — דאָס הייסט

מען דאַרף פֿאַרשיכורן, צעמישן דעם שטן. דוקא די סגולה געפֿעלט מיר.

ביידע צוזאַמען שמירן אויס דאָס אָרט מיט קאָניאַק. זיי לאַכן. דערנאָך נעמען זיי צו ביסעלעך און טרינקען אויך צו סגולה. זי וויל נאָך אַ ביסל, אָבער איטשע רעדט זי אָפּ, ווי געווייִנלעך. דאַן נעמט זי דאָס פֿלעשל, גיסט זיך אָן אַ פֿול גלעזל און טרינקט עס אויס מיט אַ מאָל. איטשע דערשרעקט זיך און פֿרעגט:

— וואָס טוט איר? איר וועט דאָך שיכור ווערן.

— איך האָב דאָך שוין אייך געזאָגט — ענטפֿערט זי ערנסט — איך וויל איין מאָל אין מיין לעבן זיין שיכור, פֿילן דעם טעם. ווי אַזוי ווייסט מען, אַז מען איז שיכור? זאָגט מיר. איר ווייסט דאָך פֿון אַלעם.

— אַז דער קאָפּ דרייט זיך און עס ווערט וואַרעם און מען ווערט פֿריילעך, לוסטיק. אַלץ דרייט זיך, אַפֿילו די שטוב — דערקלערט איטשע.

— אויב דאָס זענען די סימנים — זאָגט זי פֿריילעך — בין איך שיכור. מיר איז גוט, וואַרעם. עס דרייט זיך דער קאָפּ, די שטוב און אַלץ אַרום דרייט זיך מיט. עס ווילט זיך לאַכן, שטיפֿן, פֿריילעך זיין. לאָמיר שפּילן אין כאַפּערלעך. אַלס קינד האָט מען עס מיר פֿאַרבאָטן און נישט געלאָזט זיך שפּילן מיט די קינדער. לאָמיך יעצט זיך דאָס אָפּנעמען. לויפֿט, און איך וועל אייך כאַפּן. נו, לויפֿט, מיין טייערער שומר!

— באַלעבאָסטע —שטעלט זיך איטשע אָקעגן — מיר זענען דאָך נישט קיין קינדער. מיר זענען דערוואַקסענע מענטשן. מיר קענען נישט דרייען די צייט אויף צוריק.

— איך וועל אייך פֿאָלגן, ווייל איך האָב אייך צוגעזאָגט — זאָגט זי אַרויספֿאָדערנדיק — אָבער, מיין אַלצווייסער, זאָגט מיר, מעג איך מאָנען אַ חוב, וואָס מען איז מיר שולדיק? עס איז טאַקע אַ פֿאַרעלטערטער חוב, אָבער אַ חוב: מיין פֿאַרגאַנגענהייט, מיין לעבן, מיין קינדהייט. זיי זענען מיר שולדיק און איך וויל נישט מוותר זיין. זאָגט איר, האָב איך רעכט איינצוקאַסירן מיין חוב?

— יאָ — זאָגט איטשע און גיט באַלד צו — דאָס איז אויך אַ סימן

פון שיכרות. מיט אַזאַ שאלה דאַרפט איר זיך ווענדן צו אַ גרעסערן מענטש ווי איך, צו אַ רב אָדער דאָקטער.

ביידע לאַכן צוזאַמען. זי זעצט זיך אַנטקעגן אים און ביידנס פּיס רירן זיך אָן.

— פון וועלכן לאַנד זענט איר? — פרעגט זי.

— דאָס איז נאָך אַ גרעסערער סימן פון שיכרות — באַמערקט איטשע — מיר האָבן היינט אָוונט אַ סך גערעדט פון מיין לאַנד.

— אמת, — זאָגט זי און ווייזט מיטן פינגער אויף איר קאָפּ — עס דרייט זיך אַ ביסל. סליחה, איך מיין צו פרעגן פון וועלכער שטאָט?

— און אַז איך וועל אייך זאָגן וועט איר וויסן ווו דאָס איז — לאַכט איטשע — פון כעלעם, פון דער קלוגער שטאָט כעלעם האָט איר געהערט?

— איר מיינט עס ערנסט? — פרעגט זי פּאַטשנדיק מיט ביידע הענט און צעלאַכט זיך מיט אַ גרויס געלעכטער און לאַכנדיק כאַפּט זי אים אַרום, אויך איטשע נעמט זי אַרום און זיי צעקושן זיך לאַכנדיק — איז טאַקע דאָ אַזאַ שטאָט און זי הייסט כעלעם? אַ שטאָט מיט לעבעדיקע מענטשן? און איך האָב געמיינט, אַז עס איז גאָר אַ משל.

ביידע לאַכן ווידער און קענען זיך נישט באַרויקן. איטשען ווערט וואַרעם פון איר קלינגענדיקן געלעכטער, אָבער ער קלערט איר פון דעסטוועגן אויף:

— כעלעם איז אַ גרויסע שיינע שטאָט. מער יידן ווי אין חיפה, פיר מאָל מער. בעסערע און קליגערע.

— איך קען אַ סך לאַכנדיקע מעשיות פון כעלעם — דערציילט די באַלעבאָסטע — איך האָב זיי געלייענט אין אַ יידיש ביכל וואָס הייסט „די כעלעמער נאַראָנים". גאַנץ ארץ־ישראל קען עס. גיי און ווייס, אַז עס איז דאָ אַזאַ שטאָט...

— אין כעלעם זענען נישטאָ קיין נאַראָנים. אַלץ איז רכילות — זאָגט איטשע.

— געוויס — באַשטעטיקט זי — אַ סימן האָב איך אין אייך. אָט זאָגט איר, אַז איר זענט אַ כעלעמער און איר זענט ווייט נישט קיין נאַר. וואָס בין איך היינט אַלץ נישט געוואָר געוואָרן. פאַר דער אויפקלערונג

זענט איר ווערט צו קריגן פון מיר די בעסטע און שענסטע מתנה. איך גיב אייך די מעגלעכקייט לויט אייער ווילן און געשמאַק זיך אויסצוקלויבן וואָס איר וועט נאָר וועלן. איך בין גרייט דאָס פּאָר אייך אויסצופירן.

פּויזע. איטשע ענטפערט נישט. דאָס נעמט אַ פּאָר מינוט.

— וואָס? איר קענט זיך נישט דעצידירן? עס איז אייך שווער צו זאָגן — און זי קוקט אים שאַרף אין די אויגן אַריין, גלעט אים און לאַשטשעט. — אַפילו דאָס טייערסטע פון טייערסטן...

איטשע געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. אים דוכט זיך, אַז ער פאַרשטייט וואָס זי צילט. באַלד אָבער האָט ער מורא, אַז אפשר האָט ער אַ טעות. דאָך זעט ער ווי זי גיט אָנצוהערענישן און סימנים, דערמוטיקט אים.

— איר זאָגט נישט? — רופט זי אויס הויך — אויב איר זאָגט נישט וועל איך פּרווון זאָגן. אָבער פאַר דעם מוז מען, בעסער ביידע צוזאַמען, מאַכן אַ גוטן לחיים, פאַר דער קלוגער שטאָט כעלעם!

איטשע שטערט איר טרינקען און דערמאָנט איר, אַז דער קאָפּ און די שטוב דרייען זיך שוין ביי איר אין קאָפּ.

— נו איז וואָס? סיי ווי סיי דרייט זיך אַלץ, וועט זיך דרייען אַ ביסל שנעלער. אויב נישט באַקומט איר די מתנה אָן אַ ביסעלע משקה — זאָגט זי און כאַפּט אים אַרום, דריקט צו איר קערפּער צו איטשעס, איר פּנים מיט די ליפּן בייגן זיך צו אים. זי זוכט עפּעס מיט פאַרמאַכטע אויגן. איטשע שפּירט אירע ברוסטן באַוועגן זיך האַסטיק אונטער דער כמעט אָפענער בלוזקע. איטשע וויל זי באַרויקן, גלעט זי ווייך איבער די האָר, פּנים און האַלדז. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ יונגער מענטש און ער טראַכט, אַז ער וועט איר נישט שטערן. ער האָט דאָך איר נישט געגעבן קיין געלעגנהייט. פאַרקערט. וואָס איז ער שולדיק? זי רופט דאָך אים אַרויס מיט איר באַנעמונג. ער קריגט אויף איר רחמנות. זי וויל זיין ליבע. ווי נאַאיוו זי איז. און אפשר האָט זי דאָס אַלץ בכיוון צוגעגרייט. דערצו איז זי אַ ביסל שיכורלעך. זי פאַרשטייט נישט די פאָלגן. איטשע האָט נישט מורא, אַז מען וועט אים שמייסן אויף יענער וועלט, אָבער ווו איז דאָס געוויסן? עס קומט אין אים פאָר דער אייביקער קאַמף צווישן יצר־הרע מיטן יצר־טוב. זי איז דאָך אַ פרוי פון אַ מאַן, אַן אשת־איש.

און ווי איז זיין זעלבסט־קאָנטראָל. זי האָט זיך איינגעקלאַמערט אין אים נישט אָפּצורייסן,ביידע הענט אַרומגעוויקלט אַרום אים. ער מוז אָנווענדן כוח זיך אָפּצורייסן פון איר. זי סאָפּעט, דאָס פּנים רויט, אויפגערעגט. איטשע רעדט צו איר און צו זיך וועגן אַוועקגיין ווי די אויגן וועלן טראָגן. אָבער זי כאַפּט אים ווידער אַרום נאָך שטאַרקער ווי פריער. ווו האָט זי גענומען אַזאַ כוח? זי קושט אים אָן אויפהער איבעראַל. זי שעפּטשעט:

— ניין! איר וועט נישט גיין! בלייבט מיט מיר, בלייבט אַ גאַנצע נאַכט! בלייבט אויף שטענדיק! גייט נישט, לאָזט מיך נישט אַליין! איך וויל אייך, איך האָב אייך ליב! איר האָט צוגעזאָגט מיין מאַן, אַז איר וועט אים פאַרטרעטן, פאַרטרעטן מיט אַלעם!

— טייערע און גוטע באַלעבאָסטע — בעט זיך איטשע — לאָזט אייך אָוועקלייגן. איר האָט פיבער. לייגט זיך צו, וועט אייך בעסער ווערן.

— ניין, מיין טייערער! — איז זי נישט מסכים — איך האָב נישט קיין פיבער. עס איז מיר נאָר שטאַרק וואַרעם — זי טוט אויס די בלוזקע — עס איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך. מיר איז וואַרעם. זאָגט, וואָס דרייט זיך, מיין קאָפּ אָדער די שטוב, אָדער ביידע צוזאַמען?

איטשע לייגט צו זיין האַנט צו איר שטערן. ער גלעט זי, לאַשטשעט זי, באַרויִקט זי. נישט ווילנדיק פאַלן זיינע אויגן אויף די אָפּענע ברוסטן, שטייפע ווי ביי אַ יונג מיידל, נישט אויסגענוצט. זי רוימט אים עפּעס איין אין אויער אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. ער וויל זי נעמען אויף די הענט און אַוועקלייגן. זי כאַפּט אים אַרום, האַלדזט אים און קושט אים. מיט די לעצטע כוחות זאָגט איטשע:

— וואָס טוט איר? איר זענט דאָך אַ פרוי, וואָס האָט אַ מאַן. באַרויִקט זיך!

— איך האָב נישט קיין מאַן. איך בין נישט קיין פרוי. נאָך נישט געפּילט דעם טעם. דאָס זעלבע מיידל וואָס געווען. די זעלבע ווי פאַר דער חופּה... — רעגט זי זיך ווייטער אויף.

איטשע פאַרלירט זיך. ער וויל זי באַרויִקן, אַנטקעגנקומען זי זאָל זיך נישט מערער אויפרעגן. ער גלעט איר די האָר, דאָס פּנים. ער איז שוין נישט ביי זיך אין די הענט. זיינע געבליטן צעקאָכן זיך. ער ווערט ווי

פאַרנעפּלט, פאַרלירט זיך. ער זעט גאַנצע רעדער פאַר די אויגן. נאָר דער געדאַנק אַרבעט נאָך. ער קעמפּט מיט זיך ווי אַ לייב. דאָס איז אין זיין לעבן דער גרעסטער און שטאַרקסטער נסיון. ער בעט זיך ביי איר:

— ברענגט מיך נישט צו קיין נסיון. ביי מיר איז עס אַ פאַרברעכן, אַ מאָראַליש פאַרברעכן.

— אויף מיר דאָס פאַרברעכן — רעדט זי מיט היץ — אויף מיר די זינד. איר זענט גאָר נישט שולדיק. איר זענט ריין. איר זענט נישט קיין מענטש, נאָר אַ מלאך. איך נעם אויף זיך דאָס פאַרברעכן! אויף מיר! אויף מיר! מיר! מיר!

מיט גרויס מי און מאַטער געלינגט איטשען זי אַוועקצולייגן אויף דער סאָפע. ער ווענדט אָן זיין גאַנצן טאַלאַנט פון רעדן און איבערצייגן, ער זאָגט איר צו פאַרשיידענע זאַכן, ער קושט זי, האַלדזט זי, גלעט זי נישט מיד ווערנדיק, אַפילו מיט... ביז ער האָט דערגרייכט, אַז זי איז איינגעשלאָפן. די איינציקע רפואה וואָס וועט איר העלפן און אַוועקנעמען די שיכרות און די אויפרעגונג. זי שלאָפט און איטשע באַוווּנדערט ווי שיין איר קערפּער איז. אַלץ איז אָן אַ פּגם, קלאָר, ווייס־ראָז. ער דעקט זי צו. דאָס איז אויך בעסער פאַר אים. ער איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש.

איטשע דערמאָנט זיך אַלע אַזעלכע צופאַלן אין זיין לעבן, ווען די בלוטן זענען צעקאָכט געוואָרן און דאָך האָט ער אויסגעהאַלטן. ער איז צופרידן דערמיט. זיין געוויסן פּלאָגט אים נישט, און אויך די אַנדערע זענען שפּעטער געווען צופרידן און אים געלויבט פאַר זיין האַלטונג, געהאַלטן אים פאַר אַן אידעאַלן מענטש. ער זיצט לעבן דער שלאָפנדיקער באַלעבאָסטע, גייט נישט אַוועק אויף קיין טריט און האַלט אין איין קוקן אויף איר. דער הייסער שטורעם אין זיין האַרץ ווערט שוואַכער. ער האָט מורא זיך אויפצושטעלן זי זאָל זיך נישט איבערוועקן. עס טאָגט שוין. דער מאָרגנשטערן איז פאַרשוווּנדן און עס ווערט בלוילעך. דאָס בלויע ליכט גייט אַריין דורך די אָפענע נישט פאַרמאַכטע לאָדנס. איטשע הערט דאָס פּישטשען פון די פייגעלעך, ווי די קליינע עופלעך בעטן עסן און די מוטער זייערע ברענגט זיי אַ קרישקעלע און עס ווערט פריילעך אין

נעסט. ער זעט ווי עס זאַמלען זיך פייגל, אויך טויבן, היימישע און ווילדע. אַלע זוכן זיי עסן.

די באַלעבאָסטע שלאָפט געשמאַק. איטשע נעמט זיך אַליין אַ גלאָז טיי פון שבתדיקן נאָפט־מאַשינקעלע. עס איז שוין גוט ליכטיק. די זון איז אויפגעגאַנגען. ער זיצט און קלערט וואָס ווייטער צו טאָן: בלייבן ביי דער אַרבעט, אָדער אַוועק. נאָך דער היינטיקער נאַכט וועט ער נישט קענען קוקן איר אין די אויגן. און אפשר וועט זי אים פאַרפאַלגן? ער קען נישט און וועט נישט דאָ פאַרבלייבן. ער וועט פאַר קיינעם נישט דערציילן די סיבה פון זיין אַוועקגיין. ער וועט שוין געפינען אַ תירוץ. אמת, ער איז געבליבן אָן איין טאָלער. ער האָט גראָד אַוועקגעשיקט אַהיים דעם איינציקן פונט, וואָס ער האָט געהאַט. אָבער ער וועט זיך אַן עצה געבן. ער וועט נישט שטאַרבן פאַר הונגער. ער וועט פאָרן קיין יפו, נוה־שלום, נוה־צדק, אָדער תל־אביב. ווו געפינט זיך נישט דאָס אַ בעקעריי? ער קלערט ווייטער צי ער זאָל זיך געזעגענען מיט זיינע חברים שלום און אַבדאַלאַ, און מיט מאַריאַ? אפשר בעסער זיי זאָלן נישט וויסן פון זיין אַוועקפאָרן. ער וועט זיי שרייבן. נאָר דעם באַלעבאָס מוז ער זאָגן, ער זאָל קענען זיך צוגרייטן אַ נייעם פועל. ער קלערט אויף אַ מאָמענט אפשר נישט אַוועקצוגיין. עס איז דאָך דאָ גאָרנישט געשען. אָבער ניין. ער איז אומרויִק און זוכט עפּעס צו לייענען, ער זאָל נישט בלייבן מיט זיינע געדאַנקען. ער געפינט ספר בראשית און די מעשה פון יוסף הצדיק און זיין באַגעגעניש מיט פוטיפרע. זעט אויס, אַז פון אייביק זענען געווען אַזעלכע זאַכן, אין פאַרשיידענע פאָרמען...

די באַלעבאָסטע האָט זיך אויפגעכאַפּט און זעענדיק, אַז ער האָט זיך אַליין גענומען אַ גלאָז טיי, זאָגט זי:

— גוט האָט איר געטאָן, אַז איר האָט זיך גענומען טיי. עס מוז שוין זיין גוט שפּעט. צו פיל געשלאָפן. איך וואָלט אייך געווען דאַנקבאַר, ווען איר וואָלט מיך נישט געלאָזט אַזוי לאַנג שלאָפן.

— אפשר דערלאַנגען אייך אַ גלאָז טיי? — מאַכט זיך איטשע נישט הערן אירע ווערטער.

— איך דאַנק אייך זייער — זאָגט די באַלעבאָסטע — איך וועל מיר אַליין נעמען. איר זענט עפּעס געשלאָפן?

— ביז יעצט גאָרנישט. איך האָב אַכטונג געגעבן אויף אייך — זאָגט איטשע און שטרייכט אונטער — איך האָב געמוזט אַכטונג געבן אויף אייך. איר האָט זיך שלעכט געפילט. האָב איך אייך נישט געוואָלט איבער־לאָזן אין דעם מצב, וואָס איר זענט געווען — און ער קוקט אַריין אין ספר, בעת ער רעדט און בליקט נישט אויף איר.

— תודה רבה און אַ ישר כוח פאַר אייער הערלעכער שמירה, מיין ערלעכער שומר — זאָגט זי שטילערהייט — דער קאָפּ טוט מיר ווי. אין מיין לעבן האָב איך נישט געהאַט און נישט געוווסט פון קאַפּווייטיק.

זי איז צעמישט, וויל זיך דערמאָנען די געשעענישן פון דער לעצטער נאַכט און קען נישט געגוי צוזאַמענשטעלן דעם סדר פון די געשעענישן. אַלץ איז איר פאַרנעפּלט. זי קען נישט געגוי פעסטשטעלן ווי משוגע ווילד זי איז געווען מיט איר תאווה צו אים, וועלכע מיטלען זי האָט אָנגעווענדן, ווי קומט זי אויף דער סאָפע אין די קליידער? און וווּ איז די בלוזקע? דער קאָפּ קלאַפּט איר ווי מיט האַמערס, אפשר צובינדן דעם קאָפּ וועט לייכטער ווערן. זי נעמט זיך צוזאַמען און זאָגט:

— אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן? זענט איר דאָך שלעפּעריק, טאָ גייט יעצט שלאָפן. אָבער איך וועל אייך בעטן פריער עפּעס אָפּעסן. איך האָב צוגעגרייט אַ גוט ביסל טשאָלנט און צוויי קוגלען. איך גיי זיי ברענגען פון דער בעקעריי. דערנאָך וועט איר זיך דאָ אויף דער סאָפע צושפּאַרן ביז מיטאָג און איך וועל אייך שוין וועקן.

— זייט אייך נישט מטריח, באַלעבאָסטע, — ענטפערט ער — איך וויל נישט עסן, איך קען נישט יעצט עסן. איך וועל זיך צושפּאַרן אין מיין צימער. איר דאַרפט אויך נישט קומען מיך וועקן. איך וועל נישט פאַרשפּעטיקן. אַ בעקער האָט אַ טבע נישט צו פאַרשפּעטיקן.

די באַלעבאָסטע וויל איבעררייסן די אָנגעצויגענע שטימונג און דער־לאַנגט אים, נישט פרעגנדיק, טיי מיט קוכן.

— אייגענע אַרבעט, פאַרזוכט און עסט. זאָגט מיר צי ער טויג אויף עפּעס? — פרעגט זי.

— פיין און גוט — ענטפערט איטשע קורץ, אָפּגעהאַקט, נישט קוקנדיק אין איר זייט.

— קיינער האָט מיך נישט געלערנט — פירט זי ווייטער דעם שמועס — סתם גענומען פון דעם אַ ביסל, פון יענעם אַ ביסל, אויס־געמישט און אַריינגעשטעלט אין אויוון.

זי האַלט אין איין רעדן וועגן קוכן און אַנדערע זאַכן, וואָס קומען נאָר און איר געדאַנק אַריין. איטשע מיידט אויס צו פרעגן און ענטפערן. ער זיצט און טראַכט: צי געדענקט זי נישט, וואָס עס איז פאָרגעקומען די נאַכט, די ווילדע באַנעמונג אירע, אפילו זי איז געווען שיכור? איז עס מעגלעך זי זאָל נישט געדענקען? עס קען נישט זיין! ער, טראַכטנדיק, פאַרמאַכט די אויגן.

— איר זענט טאַקע שלעפעריק. אָט האָט איר געכאַפּט אַ דרימל אַזוי זיצנדיק. גייט, שפּאַרט זיך צו — זאָגט אים די באַלעבאָסטע.

— סליחה, כמעט צוויי נעכט נישט געשלאָפן — זאָגט איטשע און הייבט זיך אויף און וויל גיין.

— פאַר וואָס ווילט איר נישט שלאָפן דאָ? איך וועל אייך מיט גאָרנישט שטערן. איך וועל מאַכן טונקל אין שטוב. צומאַכן די לאָדנס. עס וועט זיין שטיל. — בעט זיך די באַלעבאָסטע — איך האָב וואָס צו טאָן די צוויי שעה.

— איך בין געוווינט צו שלאָפן אויף מיין געלעגער. און עס איז אפשר אויך מער געוווּנטשן — זאָגט איטשע שטיל און מיידט אויס אירע בליקן.

ער שעמט זיך און וויל נישט זי זאָל זיך פאַרשעמען פאַר אים. ער מיינט, אַז זי פאַרשטייט פאַר וואָס ער מיידט זי אויס און ענטפערט נישט אויף אירע רייד. ער גייט אַוועק שפּירנדיק אויף זיך די בליקן פון דער באַלעבאָסטע.

ווען איטשע איז אַוועק האָט זיך די באַלעבאָסטע צוריק אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע. זי קען נישט טאָן קיין שום אַרבעט. זי קען ווייטער נישט קלאָר מאַכן זיך דעם סדר פון די געשעענישן. זי געדענקט ווי זי האָט שוין נישט געקענט הערשן איבער זיך, נישט געקלערט וועגן קיין

פּאָלגן און ער, ווי אַן אמתער צדיק, איז בייגעשטאַנען דעם נסיון. יעצט האָט זי אים נאָך מער ליב, ביז שגעון. זי וועט אים אַלץ דערציילן. זי פילט, אַז אויך ער איז נישט גלייכגילטיק צו איר. ער וויל איר העלפן. ער האָט איר געהייסן מאַכן אַ קייזערשניט. ריכטיק און אמת זענען זיינע ווערטער. זי דאַרף זיך נישט ברענגען פאַר אַ קרבן. זי איז יונג. זי וויל אויך געניסן פון לעבן. זי קען זיך אייביק נישט פּייניקן. פאַר איטשען וועט זי זיין אַ דינסט, אַ קנעכט. זי וועט אים וואַשן זיינע פיס. אַלץ וועט זי אים זאָגן. ער וועט זי פאַרשטיין. וואָס פריער מוז עס געשען. אַזוי קען ווייטער נישט גיין.

אַזוי מישן זיך איר די געדאַנקען. זי זוכט עפּעס צו טאָן קעגן קאַפּוויטיק. דאָס איז די ווירקונג פון אַלקאָהאָל. דער קערפּער פון אַ פרוי איז צו שוואַך אַנטקעגנצושטעלן זיך דער ווירקונג פון אַלקאָהאָל. אַזוי זאָגט דאָך איטשע...

— — — — — — — — — — — — — — — —

זונטיק אין דער פרי איז איטשע געווען אין שטאָט. אַדורכגייענדיק דאָס געוועלב זעט ער דעם באַלעבאָס, גייט אַריין און גיט אים אָפּ אַ פריילעכן שלום עליכם. דער באַלעבאָס פרעגט איטשען אויס ווי עס איז צוגעגאַנגען מיט דער צייט, ווען ער איז נישט געווען, און בפרט דער שבת.

— אַלץ בסדר — ענטפערט איטשע קורץ — ווי איז אייך דערגאַנגען אין ירושלים, אין דער הייליקער שטאָט? ווי אַזוי האָט איר פאַרבראַכט? איך בין נאָך נישט געווען אין ירושלים. איך וואָלט זייער וועלן דאָרט זיין, באַזוכן אַלע הייליקע ערטער.

— עס איז שוין נישט לאַנג צו וואַרטן וועט זיין פּסח — ענטפערט דער באַלעבאָס — וועט איר קענען פאָרן. אין צוויי וואָכן אַרום האָבן מיר פּורים.

איטשע געזעגנט זיך מיטן באַלעבאָס און וויל דערווייל אים נישט זאָגן וועגן זיין באַשלוס אָוועקצוגיין. ער מוז צוואַרטן עטלעכע טעג, כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט. ער לייגט אָפּ די דעציזיע פון טאָג

אויף טאָג. ער וועט אים זאָגן מאָרגן. עס איז איטשען שווער דאָס צו זאָגן. די באַציונג פון באַלעבאָס איז געוואָרן בעסער, ער טראָגט איטשען אָקעגן דעם שלום, פרעגט אים פאַר וואָס מען זעט אים נישט ביי זיי אין שטוב.

אין אַ געוויסן טאָג זאָגט די באַלעבאָסטע איטשען, אַז זי וויל גיין מיט אים צוזאַמען אין שטאָט. איטשע אַנטשולדיקט זיך, אַז ער גייט נישט, ער שפּירט זיך נישט גוט, ער איז נישט מיט אַלעם. דאַן קומט באַלד די באַלעבאָסטע צו אים אין צימער, טרעפט אים שלאָפן, שטעלט זי אַוועק אַ גלאָז טיי מיט לימענע און גייט שטילערהייט אַוועק. אין עטלעכע שעה אַרום קומט זי ווידער, ברענגט אים עפּעס עסן.

דאָס באַאומרויקט איטשען. ווען זי פאַרפאָלגט אים נישט, וואָלט ער אפשר נישט אַוועק פון דער אַרבעט. ער האָט אויך מורא פאַר זיך, ווייל ער האָט זי אויך גערן. זי האָט אַלע מעלות טובות אַחוץ איר נאַטירלעכער שיינקייט.

עס איז געקומען פרייטיק צו נאַכט און איטשע איז נישט געקומען. די באַלעבאָטים וואַרטן.

— ער איז זיכער ביי זיך אין צימער. גיי, רוף אים! — זאָגט די באַ־לעבאָסטע.

דער באַלעבאָס איז אַוועק רופן איטשען. איטשע בעט מען זאָל אים באַפרייען פון קומען, ווייל ער פילט זיך שלעכט, ער האָט פיבער.

— אין זכות פון שבת פאַרהאָף איך וועט דיר גאָרנישט זיין — זאָגט דער באַלעבאָס און לייגט אים צו אַ האַנט צום קאָפּ — עס איז גאָרנישט, האָסט נישט קיין פיבער. נעם אַ גלעזל קאָניאַק וועט עס איבערגיין. נישט איך, נישט מיין פרוי ווילן מותר זיין פון דיין אַנוועזנהייט. קום!

די באַלעבאָסטע קומט איטשען אַנטקעגן מיט אַ פריילעכן „שבת שלום". זי גייט אַנגעטאָן ווי פאַריקן שבת און איטשען קומען גלייך אויף די געדאַנקען אַלע סצענעס פון דער פריערדיקער וואָך.

— מיר האָפן און ווינטשן זיך, אַז איר זאָלט זיין מיט גאָטס הילף געזונט — זאָגט די באַלעבאָסטע — איר ווייסט, אַז מיר וואַרטן אָפּ מיט גרויס אומגעדולד אַ גאַנצע וואָך אויף אייערס אַ סיפּור?

— אמת — שמייכלט דער באַלעבאָס אין זיין באַרד אַריין — דיין סיפּור האָט אַריינגעגעבן אין אונדזער שבת אַ סך אינהאַלט, געמאַכט דעם שבת אינטערעסאַנטער און אפשר הייליקער. בפרט ביי מיין פרוי. מיין מיינונג איז, אַז דו זאָלסט עסן מיט אונדז גלייך. עס וועט דיר גאָר־נישט שאַטן. קיין פיבער האָסטו נישט. נעם נאָר אַ גרויס גלעזל קאָניאַק. נאָכן עסן צוויי הייסע גלעזער טיי מיט לימענע און קאָניאַק. דאָס איז די בעסטע רפואה.

אַלע טרינקען לחיים. איטשע באַקומט אַ גרעסער גלאָז קאָניאַק. עס ווערט אים וואַרעמער און ער נעמט דערציילן מעשיות וועגן קאָזשעניצער מגיד. די גאַנצע צייט נעמט די באַלעבאָסטע נישט אַראָפּ די אויגן פון אים. ביידע באַלעבאָטים באַדינען אים מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. איטשע פילט זיך אומבאַקוועם פון דער באַלעבאָסטעס בעטנדיקע בליקן. מיט אכזריות צו זיך וויל ער זיך מיט אירע בליקן נישט באַגעגענען. ער האָט באמת מורא באַקומען צי ער וועט זיין בכוח די נסיונות אויס־צוהאַלטן...

☆

באַלד זונטיק איז איטשע אַריין צום באַלעבאָס און געמאָלדן, אַז צו זיין גרויס באַדויערן מוז ער פאַרלאָזן די אַרבעט. עס קען זיין, אַז ער זאָל צוריקקומען נאָך אַ געוויסער צייט, אָבער ער ווייס נישט אויף זיכער. ער וועט נאָך אַרבעטן ביז דאָנערשטיק, כדי דער באַלעבאָס זאָל זיך קענען פאַרשאַפן אַ פּועל אויף זיין אָרט.

— איטשע, וואָס איז געשען? פאַר וואָס? פאַר ווען? — פרעגט דערשראָקן דער באַלעבאָס — אפשר איז דיר ווייניק דער משכורת? זאָג און מיר וועלן אַדורכקומען. ביסט שוין געווען פאַררעכנט ווי אַן אייגענער, ווי אַ נאָענטער קרוב, איינגעלעבט זיך ווי גוטע פריינד. דיינע שבתים און פרייטיק צו נאַכטסן וועלן מיר נישט פאַרגעסן. אַ גרויסער שאָד. ווּעסט אונדז פעלן. אפשר קען נאָך קומען וועלכער שינוי? — קוקט

ער איטשען אין די אויגן אַריין פאַרשנדיק — פאַר וואָס? באַרעכן זיך גוט. מאַך עס נישט אין איילעניש. אפשר האָסטו צו ווען אַ טענה? אַלץ קען מען פאַרריכטן און אויסבעסערן.

— חס ושלום. איך האָב צו קיינעם גאַרנישט — ענטפערט איטשע — די צוויי פּועלים זענען מיר געוואָרן אמתע גוטע פריינד און גוטע חברים. איך פאַר צו מיינע שטאָטישע חברים. זיי רופן מיך אַרויס, זיי האָבן פאַר מיר אַן ערנסטן, וויכטיקן פאַרשלאָג וועגן איינאָרדענען זיך. מעגלעך, אַז איך וועל נישט מסכים זיין מיט זיי, דאַן קום איך באַלד צוריק. אָבער איך וויל נישט איר זאָלט בלייבן אָן אַ פּועל. איך בעט אייך דערווייל נישט דערציילן. דעם לעצטן טאָג וועל איך זיך געזעגענען ווי געהעריק מיט אַלע, און זאָגן זיי די סיבה...

— אויב דו פאָרסט ווייל דו ווילסט דיר אויסבעסערן, וועל איך דיך נישט אָפּרעדן און נישט איינהאַלטן — זאָגט דער באַלעבאָס — אָבער איך קען נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איטשע פאָרט אַוועק. שווער וועט זיין פאַר אונדז. דיין זיין מיט אונדז שבת האָט געשאַפן אַ יום־טובדיקן אינהאַלט ביי אונדז, בפרט ביי מיין פרוי. זי האָט אַ גאַנצע וואָך איבערגעחזרט די סיפּורים דיינע, ווי אַ חסיד, וואָס וויל נישט פאַרגעסן די תורה פון זיין רבין. אַלץ, וואָס זי האָט געקויפט אויף שבת, האָט זי געפּלעגט זאָגן, אַז דאָס האָסטו גערן, אָדער ליב.

איטשע ענטפערט נישט אויף די לעצטע ווערטער, ער קוקט אים נישט אין די אויגן אַריין. ער געזעגנט זיך און גייט אַוועק. ער טראַכט, אַז עס קען זיין, אַז ער מאַכט אַ טעות, אָבער ער קען אַנדערש נישט. ער מוז זיך צולייגן. דער קאָפּ טוט אים ווי פון מחשבות...

ווי מיד איטשע איז נישט געווען קען ער נישט שלאָפן. ער קלערט אַריין אין זיין סיטואַציע. איצט איז אויפגעשווומען אַ נייע פראַגע: דאָס געזעגענען זיך מיט מאַריאַן. צי זאָל ער בכלל זיך געזעגענען מיט איר? מיטגיין מיט אַבדאַלאַן? אָדער שיקן דורך אַבדאַלאַן אַ בריוול? ניין? ער מוז צוגיין. עס איז נישט שיין נישט צו געזעגענען זיך. און וואָס וועט זיין מיט דער באַלעבאָסטע? אַנטלויפן אָן אַ זיי געזונט פון אַזאַ אומגליקלעכער נשמה? אַנטלויפן ווי אַ פאַרברעכער? אָפּגענאַרט

דעם באַלעבאָס, געזאָגט ליגן. עבירה גוררת עבירה. ווו אַהין פאָרט מען? איטשע ווייסט אַליין נישט. און אפשר איז עס נישט קיין ליגן, אַז ער וועט קומען צוריק...

די לעצטע טעג פאַר זיין אָפּפאָרן האָט איטשע מיט קיינעם נישט גערעדט, געווען צעשטרייט, קיין אָרט זיך נישט געפונען. ער האָט געשיקט עטלעכע בריוו צו די חברים פון כביש, באַזונדערס צו תמרן, און געבעטן זיי זאָלן דערווייל נישט ענטפערן ביז ער וועט זיי נישט שיקן קיין נייעם אַדרעס.

— איטשע, וואָס איז מיט דיר? ענטפערסט אַפילו נישט אויף אונדזערע פראַגן. וואָס איז געשען מיט דיר? אפשר האָסטו אויף וועמען פאַרדרוס? — זענען שלום און אַבדאַלאַ צוגעשטאַנען צו איטשען מיט טענות.

— חס ושלום — ענטפערט ער — אויף אייך? פאַר וואָס? פאַר ווען? דאָס זענען, מיינע פריינד, שטימונגען. יעדער מענטש פאַלט אַ מאָל אַריין אין אַזאַ שטימונג, אפילו קעגן זיין ווילן. עס וועט מיר איבערגיין. אַט איז מיר שוין פיל בעסער. מיינע חברים און פריינד, איך וויל אייך וואָס זאָגן: איך פאָר אַוועק פון דאַנען, אפשר צייטווייליק, אָבער איך ווייס נישט ווי לאַנג דאָס וועט דויערן.

— וואָס איז געשען? מיר האָבן זיך אַזוי איינגעלעבט מיט דיר ווי מיט אַ ברודער. — האָבן ביידע גערעדט צוזאַמען.

— זאָג מיר, מיין פריינד אַבדאַלאַ — פרעגט איטשע — איך וויל זיך געזעגענען מיט מאַריאַ. ווען קען איך זי טרעפן?

— נאָר פרייטיק, ווייל אַ גאַנצע וואָך איז זי שטאַרק פאַרנומען. זי מוז אפילו דאָרט אַרבעטן איבערשעהען, ווען מיר אַרבעטן שלאָפט זי... — האָט אַבדאַלאַ געענטפערט.

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד — זאָגט איטשע מיט באַדויער — פרייטיק וועל איך שוין האָבן אַוועקגעפאָרן. וואָס טוט מען? גיב אַן עצה.

— איך האָב אַן עצה — האָט אַבדאַלאַ געזאָגט — קענסט מיט מיר איבערשיקן אַ געזעגענונג. איך וועל עס איר איבערגעבן אַזוי ווי דו אַליין וואָלסט עס געמאַכט.

אַבדאַלאַ האָט דאָס געזאָגט מיט פרייד. ווי גערן ער האָט נישט געהאַט איטשען, האָט ער מורא געהאַט פאַר אַ באַגעגעניש פון איטשען מיט מאַריאַן. זי וואָלט נאָך געקענט אויף אים משפיע זיין, ער זאָל נישט פאָרן. ער האָט געוואָלט ראַטעווען די שוועסטער פון דער נישט־פאַסיקער ליבע.

אין נוה־שלום

איטשע איז שוין עטלעכע טעג אין נוה־שלום. ער דרייט זיך אַרום אין די שמאָלע, ענגע געסלעך פון נוה־שלום און נוה־צדק. ער איז שוין געווען אין די צוויי בעקערייען, געפרעגט זיך וועגן אַרבעט. נישטאָ קיין אַרבעט. אָדער דער באַלעבאָס אַליין אַרבעט, אָדער עס אַרבעטן אַראַבער פאַר אַ ביליקן לוין. זיי אַרבעטן לאַנגע שעהען, רעכענען זיך נישט מיט דער צייט, שלאָפן אויף די זעק מעל. זייערע קליידער באַשטייען פון אַ זאַק, וואָס ער מאַכט אין זיי דריי לעכער. איין לאָך פאַרן קאָפּ, די אַנדערע צוויי פאַר די הענט. דאָס איז זיין קליידונג ביי טאָג, ביי נאַכט, שבת און יום־טוב. ער איז ברודיק, שוואַרץ, וואַשט זיך נישט. עסן עסט ער ברויט, וואָס קאָסט אים נישט, זיתים און אַ לימענע. ווי אַזוי קען איטשע קאָנקורירן מיט אים? ווי אַזוי קען ער אַרבעטן אויף זייערע באַדינגונגען? איטשע איז שוין אויך געווען אין די אַראַבישע פּיתה־בעקערייען. האָט מען אים אויסגעלאַכט: אַ יאַהוד — אַ פּיתה־בעקער. דער מצב פון אַלע בעקערייען איז געווען זייער אַ שלעכטער, ערגער ווי אַ שטאַל...

ער האָט אויך נישט געקענט באַקומען קיין אַנדערע אַרבעט. ער האָט געוואָלט אַלץ טאָן, אַבי פאַרדינען אַ פּאָר טאַלער. אַ לאַנד וואָס דאַרף גאָרנישט און האָט גאָרנישט. מען דאַרף נישט קיין פאַכמענער, קיין שוסטער, קיין שניידער, קיין היטלמאַכער. אַלע גייען באָרוועס און נאַקעט. פאַר די עטלעכע רייכע ברענגט מען אַלץ פון חוץ־לארץ פאַרטיקע זאַכן פון קלענסטן ביזן גרעסטן. טאָמער פעלט עפּעס אויס מוזסטו וואַרטן ביז די שיף וועט קומען. פּיפּיקע סוחרים דערשפּירן באַלד די לאַגע און הייבן די פּרייזן. בלית־ברירה צאָלט מען. אַזוי האָט אויסגעזען דער מסחר.

איטשע געפינט זיך אין זעלבן מלון, אין וועלכן ער איז איינגע־שטאַנען, ווען ער איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, מלון „ברזל", ביים ים. די כוואַליעס כאַפּן זיך כסדר קושן מיט די קליינע הייזקעס, רוישן און מאַכן אַן אַ רעש, ווי אַלע שדים וואָלטן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט. די ערשטע נאַכט איז שווער צוצוגעוווינען זיך, שפּעטער ווערט שוין לייכטער. טייל מענטשן געוווינען זיך אַזוי צו, אַז אָן דעם רעש קענען זיי גאָר נישט שלאָפן. דער מלון געפינט זיך אין אַ פאַרמאַכטן חצר, ברוקירט מיט נישט קיין גלייכע שטיינער. די געביידע איז געווען אַ גרויס הייזל אין פאָרם פון אַ „ח", נידעריק, קליין. די טירן און פענצטער האָבן זיך שווער פאַרמאַכט, אָדער אין גאַנצן נישט. יעדעס צימערל האָט געהאַט אַ טיר אין הויף אַריין. וועגן מעבל איז בעסער נישט צו דערמאָנען. דער באַ־לעבאָס פון מלון, אַ פרומער ייד מיט אַ ברייטער באָרד, האָט אויך גע־האַלטן אַ שפּייז־געוועלבל מיט סחורה פאַר אַ דרייער. דאָס הויפּטגעשעפט איז טאַקע געווען דאָס קרעמל. דער מלון איז נאָר געווען אַ בייגעשעפט, מיט וועלכן עס האָט זיך באַשעפטיקט זיין פרוי, אַ יידענע איבער די פערציק, אַ ברייטע, אַ צעגאָסענע, מיט אַ הויכן בויך ווי זי וואָלט געווען מעוברת. עטלעכע קליינע קינדערלעך, נישט איבעריק ריין אָנגעטאָן, האַלטן זי ביים קלייד, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זי זאָל נישט אַנטלויפן. ווען זי רעדט קוקט זי נישט אויף די מענטשן, אפשר צוליב פרומקייט. אַ דאָפּל־טע ליפּ. דער קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ גרויסער פאַטשיילע, געבונדן אין פאָרם פון אַ קופּקע. די באַלעבאַטים זענען פרומע מענטשן פון ירושלים.

זי האָט באַלד איטשען דערקענט, געפרייט זיך מיט אים און געגעבן אים אַ פריינדלעכן ברוך הבא.

— אמת, ריכטיק, — זאָגט איטשע מיט אַ שמייכל — קומענדיק אין לאַנד האָט מיר דער ועד הצירים געגעבן צו וווינען דאָ ביי אייך זיבן טעג. אַ גוט אויג ביי אייך. איצט האָב איך זיך פאַרבענקט...

— אַ גוט אויג צום גוטן — ענטפערט די באַלעבאָסטע — ווי נאָר איר האָט איבערגעטרעטן די שוועל האָב איך אייך דערקענט. ווו זענט איר געווען ביז איצט ?

— איך בין געווען ווייט, געבויט דאָס לאַנד. צו דעם זענען מיר געקומען. געאַרבעט ביים כביש טבריה־צמח.

—אַ שווערע אַרבעט האַקן שטיינער. יידישע קינדער האַקן שטיינער, יידישע קינדער. איך וואָלט זיך קיין מאָל אין לעבן נישט געגלויבט, אַז יידישע קינדער זאָלן האַקן שטיינער. דאָס איז דאָך אַ שווערע אַרבעט, אַן אַרבעט פאַר גויים, פאַר אַראַבער, אָבער נישט פאַר יידישע קינדער. זיצט, וואָס שטייט איר? נעמט אַ טרונק קאַלטע וואַסער — זאָגט די באַלעבאָסטע און דערלאַנגט איטשען אַ שעפּ קאַלט וואַסער.

— תודה רבה, דאָס וואַסער איז קאַלט — זאָגט איטשע — יאָ, יאָ, אַז מיר וועלן האָבן אַ יידיש לאַנד מוזן מיר האָבן יידישע גויים...

— נישטאָ קיין יידישע גויים — שמייכלט די באַלעבאָסטע — אָדער יידן, אָדער גויים. קען דען נישט זיין אַ יידיש לאַנד מיט גוייִשע, אָדער אַראַבישע, כבישניקעס?

— איר זענט גערעכט, באַלעבאָסטע, — שאָקלט איטשע מיטן קאָפּ — הלוואי וואָלטן געווען עטלעכע כבישים צו מאַכן. איך וואָלט געווען דער ערשטער, וואָס וואָלט געגאַנגען אַרבעטן צום כביש. בעסער ווי אַרומדרייען זיך אָן אַרבעט און שלינגען דאָס שפּייעכץ. זאָגט מיר צי איר האָט אַ פריי בעט פאַר מיר?

— וואָס פרעגט איר? — ברוגזט זי זיך — און אַז נישט? וועל איך אייך אַוועקלאָזן. מען וועט שוין געפינען. עפּעס מאַכן. איר דאַרפט דערפון נישט האָבן קיין דאגה.

די צייט גייט, אַ טאָג נאָך אַ טאָג און איטשע באַקומט נישט קיין אַרבעט. עס איז שוין אים פאַרמיאוסט דאָס אַרומגיין און פרעגן זיך אויף אַ טאָג אַרבעט. דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט געהאַט, איז שוין אַוועק. דערצו איז ער אַ בעל־חוב. ער איז שולדיק פאַרן מלון, אין דער מסעדה „פּולוניה". ער שעמט זיך שוין אפילו אַריינגיין. אפשר וואָלט מען אים געבאָרגט, אָבער ער אַליין שעמט זיך. דער באַלעבאָס רעדט נישט, מאָנט נישט, אָבער איטשען דוכט זיך, אַז ער גיט נישט געערן. און באמת, פון וואַנען וועט ער, איטשע, נעמען צו באַצאָלן? בעסער און אָרנטלעכער איז צו הונגערן ווי צו עסן פרעמדס. דער רעסטאָראַטאָר איז אויך אַ ניי

געקומענער, אַ בעל־משפחה מיט קינדער. איטשע מיינט, אַז עס איז אַ זינד צו עסן אָן געלט. איטשע ליגט טאָקע לענגער אין בעט צו פאַרשלאָפן דעם הונגער, אָבער עס העלפט נישט. דער הונגער לאָזט נישט שלאָפן. די באַלעבאָסטע פון מלון זעט זיין טרויעריקן מצב און ראָט אים צו גיין אין אַ מושבה צו קריגן אַ טאָג אַרבעט אין אַ פּרדס, אַ כרם.

— איך האָב געהערט — זאָגט איטשע טרויעריק — אַז די יידישע חקלאים, די קאָלאָניסטן, ווילן נישט געבן קיין יידן אַרבעט. זיי באַשעפטיקן נאָר אַראַבער...

— עס קען נישט זיין — זאָגט די גוטע באַלעבאָסטע — איך גלייב נישט. נישט אמת. ווער האָט אייך דערציילט די רכילות?

ליידער איז עס געווען אַן אמת, אַ טרויעריקער אמת. איטשע גייט ווייטער אין די געסעלעך. ער גייט צו צו חנה מייזלס קיך אויף הרצל־גאַס, וווּ מען שיקט די נייע עולים און חלוצים עסן. אפשר וועט ער געפינען אַ היימישן. די הרצל־גאַס איז די איינציקע גאַס אין תל אביב. נידעריקע, קליינע הייזקעס. עס איז מיטאָגצייט, ווען חברה קומט עסן. דער ריח פון די געקאָכטע און געפּרעגלטע מאכלים נעמען איטשען אַרום. ער פאַר־שטעלט זיך די נאָז. דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים, רעדער דרייען זיך אים פאַר די אויגן. ער זוכט אין די קעשענעס, אפשר האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ טאַלער. אָבער מער ווי אַ לאָך אין קעשענע געפינט ער נישט. ער זוכט אַ באַקאַנט פנים און געפינט אויך נישט. ער קען נישט געבן קיין טראָט. ער זעצט זיך צו אויף אַ בענקל ביי דער זייט, רייבט זיך דעם שטערן, די אויגן. ער קומט אַ ביסל צו זיך, קוקט זיך נאָך אַ מאָל אַרום. אַלץ פרעמדע פנימער. ער שלינגט דאָס שפּייעכץ. עס קומט צו אַ קעלנערין מיט אַ ווייס פאַרטעך און פרעגט איטשען וואָס צו געבן אים.

— תודה רבה. איך האָב שוין געגעסן — זאָגט איטשע מיט שווערי־קייט — איך רו זיך אָפּ אַ פּאָר מינוט. כ׳האָב געזוכט אַ באַקאַנטן.

איטשע איז פאַרצווייפלט. ער פאַרלאָזט די מסעדה און שלעפּנדיק זיך אַזוי טראַכט ער: אפשר האָט ער געמאַכט אַ צוגעאיילטן שריט מיטן אַוועקגיין פון דער בעקעריי. ווער האָט אים געטריבן? געלאָפן ווי נישט קיין נאָרמאַלער. ער האָט געאַרבעט, פאַרדינט, געשפּאָרט, אַהיימגעשיקט

עפּעס געלט, געווען געשעצט און אויך געליבט. אין שווערע טראַכטענישן, מיט חרטה־געפילן גייט ער אַזוי סתם, גייט פאַרביי השחר, שבזי, אחד העם. לעבן דער גימנאַזיע „הרצליה" באַמערקט ער אַ קליין שילדל „משרד של ועד הצירים". איטשע דערמאָנט זיך, אַז קומענדיק אין לאַנד האָט ער באַקומען פון ועד הצירים צעטעלעך אויף זיבן טעג צו עסן אין חנה מייזלס קיך. ער וועט אַריינגיין יעצט, אפשר וועט מען אים באַרגן אַזאַ צעטעלע אויף איין מיטאָג. ער וועט אַרבעטן וועט ער אָפּגעבן. ער קלאַפּט אָן, מען ענטפערט נישט. ער עפנט די טיר און גייט פּאַמעלעך אַריין.

דער פקיד איז געשמאַק געשלאָפן אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט, געכאַרכלט און געפייפט אויף אַ קול. איטשע בלייבט שטיין און וואַרט. נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן נעמט ער אַ בענקל און זעצט זיך אַוועק. ער וואַרט אַלץ געדולדיק. ווען דאָס נעמט נישט קיין סוף גיט ער אַ קליינעם הוסט. דער פקיד וועקט זיך, גענעצט זיך אויס הויך אויף אַ קול, גיט נאָך אַ צי כאַרכלענדיק מיט דער נאָז, אויפן מיאוסן אַראַבישן שטייגער, וואָס באַדייט גרינגשעצונג צום באַזוכער. איטשע פילט זיך געטראָפן פון דעם געמיינעם קבלת־פּנים, כאָטש דעם פולן באַדייט פון אָט דעם אופן האָט ער נישט געוווּסט. און אפשר איז בעסער געוועז, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס דאַמאָלסט, ווייל ער וואָלט זיכער שאַרף רעאַגירט און עס וואָלט אַרויסגעקומען נישט קיין הימלעכע זאַך.

איטשע פרעגט געלאַסן און שטיל:

— סליחה, איך האָב אייך אפשר געשטערט? איך וואַרט שוין דאָ אַ לענגערע צייט. נישט געוואָלט אייך שטערן. נישט געוואָלט אייך וועקן.

— זאָג, וואָס ווילסטו? וואָס טוסטו דאָ? ווער האָט נאָך דיר געשיקט? — פאַלט אויף איטשען אָן דער פקיד מיט אַ גראָבן טאָן, זאָגנדיק אים באַלד דו.

— דאָ איז דער ועד הצירים? — פרעגט איטשע איבער פאַרוווּנדערט, אָבער דער פקיד לאָזט אים נישט רעדן און האַקט אים איבער:

— זאָג, וואָס דו דאַרפסט און וואָס דו ווילסט, און פאַר מיר נישט קיין אויספאַרשונגען אָדער געשפּרעכן — און ער פאַרוויקלט זיך אַ סיגאַרעטל.

— איך בין אַרבעטלאָז. איך זוך אַרבעט.

— דאָ טיילט מען נישט קיין אַרבעט.

— איך ווייס — זאָגט איטשע און וויל ווייטער רעדן, אָבער דער פּקיד רייסט אים איבער:

— און אַז דו ווייסט, טאָ צו וואָס ביסטו געקומען אַהער? בלויז מיר צו שטערן און נישט לאָזן מיך אַרבעטן, דרייען אַ קאָפּ.

— איר טיילט דאָך אויס תלושים פאַר די ניי־געקומענע אויף עסן. אפשר קענט איר מיר אויסבאַרגן איין תלוש. פון ערשטן טאָג אַרבעט וועל איך באַצאָלן מיט דאַנק — האָט איטשע מיט אַ שטיל קול געבעטן.

דער פּקיד האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער. אַלע אברים האָבן זיך אים געשאָקלט ווי אין קדחת.

— אַ ניי אַנשיקעניש. ווי געפעלט אייך די חוצפה פון די חלוצים? גיב זיי עסן אָן געלט — ווענדט ער זיך צו די ווענט.

— ווער וויל אָן געלט? איך וויל נישט אומזיסט. איך וויל נישט קיין נדבה, קיין געשאַנק. נאָר באָרגן. איך שרייב אייך אונטער, אַז פון ערשטן פאַרדינסט גיב איך אָפּ מיט גרויס דאַנק. איך שווער אייך — רעדט איטשע נאָך אַלץ געלאַסן, כאָטש עס קאָכט און ברויזט אין אים.

— אויף וועלכער שפּראַך ווילסטו דאָס זיך אונטערשרייבן? — פרעגט דער פּקיד מיט אַ ציניש געלעכטער — אַ נייער בעל־בטחון! אַ גאַנצן טאָג גייען זיי אַהער מיט ליגנס און לאָזן מיך נישט אַרבעטן און רוען. טאָ עפּעס. נאָר גיב זיי.

— נעמט מיינע חלוץ־פּאַפּירן פאַר ערבות. נישט קיין שלעכטע גאַ־ראַנטיע — בעט זיך אַלץ איטשע, אָבער דער פּקיד וויל אַפילו קיין בליק נישט וואַרפן אויף די פּאַפּירן — איך האָב געאַרבעט ביים כביש טבריה־צמח, אָבער געמוזט פאַרלאָזן צוליב דער מאַלאַריע...

— ווער דאַרף וויסן די אַלע מעשיות? ווען גייט עס אָן? איך קען דיך נישט. ביסט אַ פרעמדער. איך האָב דיך קיין מאָל נישט געזען. גיי דיר פון וואַנען דו ביסט געקומען — האָט אָפּגעפּסקנט דער פּקיד.

— איך בין נישט קיין פרעמדער. איך בין אַ חבר. יאָרן לאַנג אַ חבר פון פּועלי־ציון. — טענהעט איטשע — אַלע מיינע יוגנט־יאָרן אַוועק־געגעבן פאַר די חברים, געטיילט זיך מיטן ביסן פון מויל. יעצט בין איך

אַ פּרעמדער אין תל־אביב, אָן באַקאַנטע. איך וועל אייך זאָגן אָפן: איך בין הונגעריק. שוין צוויי טעג נישט געגעסן. גיט מיר איין תלוש, נישט מער ווי אויף איין מנה ברויט מיט אַ גלאָז טיי. וויפל איז די סכנה, וויפל שטעלט איר איין?

— געגנוג שוין, גענוג גערעדט! לאָז מיך אַרבעטן. שטער מיר נישט. טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, פאַרלאָז דעם משרד! — זאָגט שטרענג דער פּקיד.

— אַ פּנים, איר זענט נאָך קיין מאָל נישט געווען הונגעריק! — שרייט אויס איטשע.

— שוין פאַרלאָזן דעם משרד!!! — גיט דער פּקיד אַ געשריי — פאַרלאָז דעם משרד מיט גוטן. איך וויל נישט הערן פון דיר קיין מוסר־רייד. פריידיק מיר נישט דאָ קיין מאָראַל. אַ חוצפּה און העזה קומען אַהער מיך שטראָפן. אַ חוצפּה פון חלוצים.

— און אַז נישט, אַז איך וועל נישט פאַרלאָזן דעם משרד? וואָס וועסט דו מיר טאָן? — איז איטשע איבערגעגאַנגען אויף דו, שטאַרק פאַרביטערט פון דער גראָבער באַציִונג.

— וועל איך דיך אַרויסוואַרפן.

— וואָס? — איז איטשע אַרויס מיט לשון — זאָלן דיר די הענט פאַרטריקנט ווערן און אָפּגעדאַרט, אויב דו וועסט נישט האַלטן וואָרט. אַנו, פּרוּוו! ריר מיך נאָר אָן. מיט גרעסערע גיבורים האָב איך זיך אַן עצה געגעבן און זיי האָבן פאַרזאָגט אַ צענטן נישט צו טשעפּן מיט אַ „זשידעק". בפרט אַזאַ גראָבער פּעטניאַק ווי דו, מיט צוויי טאָפּלטע גוידערס, מיט אַזאַ גראָבן טרעלבויך. וואָס שטייסט דו? קום אַהער, דו שטאַרקער!

איטשע ביילט די פויסטן, נעמט אָן די פּאָזיציע פון אַן אויסגעשולטן באָקסער. זיין גאַנץ פאַרביטערט האַרץ וואָלט ער אויסגעלאָזן צום פעטן פאַרשוין. אָבער יענער האָט מורא צוצוגיין און שרייט נאָר געוואַלט און פּאָכעט פון דער ווייטנס מיט דער האַנט:

— ביסט געקומען מאַכן אַוואַנטורעס!

— איך בין געקומען מאַכן אַוואַנטורעס? — ווערט איטשע נאָך מער

אין כעס — און דו ביסט דאָס דער פיינער, אָרגטלעכער מענטש. וואָס האָסטו פאַרגעסן מיך אַרויסצוּוואַרפן? האָסט מורא איינצושטעלן? אַ קול האָסטו פון אַן אויפגערייצטן אָקס, אַ פּנים פון אַ פאַרברעכער אָדער פון אַ מסור. ווילסט פּראָוואָצירן מיט דיין שרייען. וואָרן איך דיך וועסט מאַכן ערגער.

דער פעטער פּקיד איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן און אַרויסגעמרוקעט:

— פאַר דיין חוצפּהדיקער האַלטונג וועסטו קיין תלוש נישט באַקומען.

— אַ שאָד וואָס קיינער איז נישטאָ צו זען ווער עס איז געווען הוצפּהדיק — זאָגט איטשע און מיט אַ מאָל פאַרגעסט ער אין הונגער און עס ווערט אים איבלדיק צו האָבן צו טאָן מיט דעם פאַרשוין און ער פאַרענדיקט דעם ענין — דו גראָבער נפש, דו ביסט אַן כאַראַקטער און אַן געפילן, דו ביסט קיין מענטש נישט, קאַניבאַל איינער, חיה אין מענטשלעכן געשטאַלט. קילסט זיך אין יענעמס בלוט. אַזוי רעדט מען צו אַ פרעמדן, הונגעריקן מענטש? עס איז אַ פאַרברעכן אָנצורופן דיך אַרבעטער. מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען. איך האָב אַ גוטן זכרון און איך וועל דיך נישט פאַרגעסן און פאַרהאָף דיר צו באַצאָלן כפל כפלים. איך בין יעצט צופיל אויפגערעגט און האָב מורא פאַר מיין האַנט, איך זאָל דיך נישט מאַכן פאַר אַ קאַליקע. מיט אייזערנע צוואַנגען האָב איך זיך אַליין באַהערשט.

אַזוי האָט איטשע געזעגנט דעם פעטן פאַרשוין, און יענער איז געזעסן שטיל, דערשראָקן און נישט געוואָגט צו ענטפערן אַ וואָרט. איטשע האָט פאַרלאָזט דעם משרד און ס׳רעגט אים אויף די באַציִונג צו מענטשן. ער זעט נישט דעם וועג. עס איז אים טונקל אין די אויגן, כאָטש די זון שיינט העל. ער קומט אַ ביסל צו זיך און קלערט: ווער איז דער גראָבער נפש? אפשר איינער פון די אָנפירנדיקע חברים? אָבער ניין. עס איז אוממעגלעך, אַז אַזאַ פאַרשוין זאָל בכלל זיין. מען האָט אים געדאַרפט שיקן צום כביש האַקן חצץ. דאָרט וואָלט ער פאַרלוירן זיין גראָבן בויך און די דיזענטעריע מיט דעם קדחת וואָלטן אויסגעאיידלט זיין כאַראַקטער. מילא, ער וויל נישט געבן. אָבער ער האָט דאָס געקענט מאַכן אויף אַן אַנדערן אופן. אַ יחסן. באשר ער איז געקומען עטלעכע יאָר פריער פאַר אים. מען מוז עס ענדערן. איטשע זעצט זיך צו. ער דערמאָנט זיך ווי

ער האָט געזאַמלט געלט ביי אַלעמען, געריסן פּאַסן. און אַלץ כדי אויס־צוהאַלטן אַזאַ נפש.

און ווידער קומען אים אויף די געדאַנקען די לעצטע פּאַסירונגען אין חיפה. נישט געדאַרפט אַנטלויפן. אַ יינגלשע פּירונג. אויב ער האָט געקענט בייקומען זיך אין יענעם פּרייטיק צו נאַכטס טאָ וואָס האָט ער מורא באַקומען און אַנטלאָפן? עס פּלאָגט אים אויך דער געדאַנק וואָס ער האָט זיך נישט געזעגנט מיט מאַריאַן. וואָס וועט זי זאָגן אויף אים? זי וואָלט אים נישט געלאָזט אַוועקפאָרן. געגעבן אים אַ בעסערע עצה. אפשר פאָרן צוריק? אָבער ווו נעמט מען אויף הוצאות? אפשר גיין קיין פּתח־תקווה זוכן אַרבעט? און ווידער קומט אים אויפן זינען יענער פּרייטיק צו נאַכטס. ער שטראָפט זיך אַליין: ביסט דאָך שיר נישט אַריינ־געפאַלן אין דער טומאה. ער שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ און ווערט אַנטשלאָפן...

אין האַלב־שלאָף, האַלב־וואָך הערט ער ווי עמיצער וועקט אים:

— זייט מיר מוחל! וואָס איז אייך? אפשר זענט איר נישט געזונט? אפשר דאַרפט איר עפּעס, פעלט אייך עפּעס? קומט מיט מיר וועט איר זיך אָפּרוען אויף אַ סאָפע, נישט דאָ אויף אַ שטיין.

איטשע עפנט די אויגן און זעט פאַר זיך אַן אַלטע פרוי מיט אַ ליב געזיכט.

— וואָס? איך בין געשלאָפן? איך דאַנק אייך זייער פאַר דעם, וואָס איר האָט מיך אויפגעוועקט. נישט שיין צו שלאָפן אויף דער גאַס. זייט מיר געזונט, ליבע פרוי — און איטשע הייבט זיך אויף און לאָזט זיך גיין זיין וועג. ער גייט אָפּ עטלעכע שריט ווי ער הערט ווי די פרוי רופט אים:

— חלוץ! חלוץ. זייט מיר מוחל! איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

איטשע קערט זיך אום פאַרוווּנדערט. די פרוי בעט אים ער זאָל איר מוחל זיין די פראַגע, עס זאָל אים נישט פאַרדריסן. איטשע פאַר־זיכערט איר.

— כ'מיין צו זאָגן — זאָגט זי שטיל — איך ווייס. אפשר האָט איר

נישט קיין שטוב? קיין היים? ביז איר וועט געפינען אָדער קריגן... קענט...

— איך דאַנק אייך זייער — לאָזט איטשע איר נישט ענדיקן — איך גיי קיין פּתח־תּקווה — און ער דרייט זיך אויס און גייט אַוועק.

— זייט מיר מוחל — הערט ער ווייטער איר קול — איך בעט אייך, עס זאָל אייך נישט פאַרדריסן אויף מיר...

— טייערע באָבעשי — זאָגט שוין איטשע מיט אַ שמייכל — אַ געזונט אין אייך. וואָס ווילט איר פון מיר? און פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין אַ חלוץ?

— וואָס רעדט איר? מען דערקענט אין אייך. אַלע ווילע, גוטע קינדער. טאָן אַלע שווערע אַרבעט און נעמען נישט טייערער פון די אַראַבער. זאָל אייך זיין, וואָס איך ווינטש אייך כאָטש אַ העלפט. טייערער, ליבער גאָט, רחום וחנון. טאָ זאָגט מיר צו, אַז איר וועט נישט האָבן קיין פאַרדרוס... — בעט זיך די אַלטיטשקע.

— טאָ זאָגט שוין וואָס איר ווילט פון מיר — איז איטשע מסכים — לאָמיר שוין הערן.

— איך זע, אַז איר האָט צייט, טאָ וואָס זשע זענט איר אַזוי אומגעדולדיק. סבלנות. איך וועל בעטן נישט האָבן אויף מיר קיין פאַרדרוס און נישט זיין אין כעס אויף דעם, וואָס איך וועל אייך זאָגן.

— איך האָלט שוין ביי אַ האַלבן טוץ פאַרדרוסן — שמייכלט איטשע — און דעם עיקר, באָבעשי, זאָגט איר נישט. שעמט אייך נישט, זאָגט. איך וועל נישט האָבן קיין פאַרדרוס.

— שוין, שוין, איך זאָג אייך שוין — ענטפערט זי — עס איז מיר אַפילו אַ ביסעלע שווער דאָס צו זאָגן. נאָר איידער די פּאָר טאָלער זאָלן אַריינפאַלן צו אַ פרעמדן, בעסער צו אַן אייגענעם. איך האָב איבערצוטראָגן אַ זעקל ברענקוילן פון שבזי אויף די בוסטראַ גאַס, נישט ווייט פון דאַנען, פאַר אַ שניידער.

— דאָס זענען די אַלע פאַרדרוסן אייערע? — פרעגט איטשע מיט אַ שמייכל.

— אפשר ווילט איר נישט? טאָ זייט מיר מוחל און זאָל אייך נישט פאַרדריסן — זאָגט די באָבע מיט ציטער.

— באָבעשי! נישט איך האָב פּאַרדרוס, נאָר איך וועל עס גערן טאָן, אָן פּאַרדרוסן — לאַכט איטשע און פּאַלט אַריין אין איר טאָן פון רעדן — עטלעכע טאָלער וועלן זיין. בפרט, אַז איך בין הונגעריק.

— ווי צו מיר, ווי צו די אויערן, וואָס הערן דאָס — ווערט די אַלטע איבערגענומען — קומט מיט מיר. איך האָב אַ גוט ביסל פּריש באַטעמט עסן, געקעכטס, וואָס איז ממש מחיה־נפשות. אָט דאָ, נישט ווייט.

— איך דאַנק אייך, גוטע און טייערע באָבעשי, אַ געזונט אין אייך — ווינטשט איטשע.

— גיט אַ קוק, בלוט און מילך — באַטראַכט אים די אַלטיטשקע — און דאָס האָבן טאַטע־מאַמע אַוועקגעלאָזט אין דער פרעמד, אין אַ ווייט לאַנד זיך צו פּלאָגן...

— וואָס האָט איר געזאָגט? אַ פרעמד לאַנד? — איז איטשע נישט מסכים — וואָס זאָגט איר, באָבעשי? עס איז דאָך אַן אייגן לאַנד. עס איז דאָך ארץ־ישראל, ארץ הקודש, דאָס הייליקע לאַנד, וואָס מען גייט איצט צוריק אויפבויען, צוריק באַנייען. עס איז דאָך אונדזערס. זיי די טאַטע־מאַמע וועלן אויך קומען. אַלע יידן וועלן קומען קיין ארץ־ישראל. איר האָט דען דערפון נישט געהערט? נישט געהערט, אַז מען גיט אונדז צוריק אַוועק אונדזער ארץ־ישראל.

— אַז ארץ־ישראל איז אונדז טייער און הייליק ווייס איך — ענטפערט די באָבע — אָבער, אַז מען גיט עס אַוועק צוריק אונדז, יידן, ווייס איך עס פון מיינע שכנים, די אַראַבער. אָבער איך גלייב זיי נישט. זיי זאָגן שקר מיט ליגן. זיי זאָגן, אַז אין ירושלים איז שוין דאָ אַ יידישער מלך. איז עס אמת?

— פאַר וואָס גלייבט איר נישט די אַראַבער? — איז איטשע נייגעריק.

— נאָך דעם פּאָגראָם אין ירושלים אין דער אַלטשטאָט גלייב איך זיי שוין גאָרנישט מער. זיי זענען געוואָרן שונאים, שלעכט. אַלץ וואָס מען זאָגט זיי און דערציילט זיי איז נאָר אויף העצן קעגן אונדז.

— באָבעשי — האָקט איטשע איבער די פּאָליטישע דעבאַטע — איך בעט אייך. גיט מיר דערוויל איין טאָלער וועל איך קויפן אַ ברויט און אָפּעסן. נאָכער וועל איך איבערטראָגן די קוילן.

— איך גיב אייך — אײַלט זיך די אַלטיטשקע — פאַר וואָס נאָר איין טאָלער. נאָט אייך פינף טאָלער.

— פאַר וואָס אַזוי פיל? — פרעגט איטשע — פאַר דער אַרבעט, מיין איך, איז עס צו פיל.

— דאָס איז נישט צו פיל — דערקלערט זי אים — די אַראַבישע טרעגערס נעמען פינף טאָלערס און איך וויל נישט האַנדלען ביי אייך קיין מציאה.

— טאָ, פאַר וואָס געטרויט איר מיר נאָך פריער איידער איך מאַך די אַרבעט. איר זעט, באַבעשי, דאָרט דער האָט מיר נישט געוואָלט געטרויען — און איטשע ווייזט מיט דער האַנט אויפן משרד ועד הצירים קעגנאיבער.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר זאָגט — זאָגט די אַלטע און הייבט אונטער דאָס קלייד און פון אַ קעשענע פון צווייטן קלייד נעמט זי אַרויס פינף טאָלער — אַז איר וועט ענדיקן עסן וועט איר צוקומען אָט דאָ באַלד אין צווייטן הויז, ווו די טיר מיטן פענצטער זענען צוזאַמען. דאָרטן וווין איך. וועל איך אייך געבן דאָס זעקל קוילן און דעם פּינקטלעכן אַדרעס פון שניידער. אפשר וועט איר זיך מטריח זיין צו קומען מיטן ברויט, וועל איך אייך געבן אַ ביסל מרק, וועט איר האָבן מער הנאה פון עסן.

איטשע קוקט איר נאָך און טראַכט וואָס פאַר אַ גוט האַרץ זי פאַרמאָגט. אַן אמת יידישע מאַמע. ער מאַכט אַ חשבון וואָס מען קען אַלץ קויפן פאַר די פינף טאָלער. פאַר איין טאָלער ברויט, אַ האַלבן טאָלער אַ הערינג, איין טאָלער אַ פּעקל סיגאַרעטן און עס וועט נאָך בלייבן צוויי און אַ האַלבן טאָלער. ער גייט אַריין אין נאָענטן געוועלבל קויפן די זאַכן און בעט ביים קרעמער, אַז ער זאָל אים דערלויבן אויפן אָרט צו מאַכן די סעודה.

אָפּגעגעסן זאַט, כמעט אויפגעגעסן דאָס גאַנצע ברויט גייט ער נעמען דאָס זעקל קוילן. באַגעגנט ער צוויי יונגע בחורים, האַלב מיליטעריש געקליידט. זיי פרעגן אים:

— אפשר ווייסט איר ווו עס געפינט זיך דער ועד הצירים?

— צו וואָס דאַרפט איר דעם ועד הצירים? — פרעגט זיי איטשע — אפשר ווילט איר באַקומען אַ תלוש אויף עסן?

— ניין. מיר דאַרפן דאָס נישט. — ענטפערן די יונגע לייט — מיר זענען פרעמדע און מיר זוכן אַ מלון, אַ נאַכטלעגער אויף עטלעכע טעג.

— איר ווילט אַ צעטל צו אַ מלון אַן געלט? — פרעגט איטשע ווייטער.

— וואָס עפּעס? חס ושלום — ענטפערן זיי — מיר דאַרפן נישט קיין נדבות. מיר ווילן בלויז אינפאָרמאַציע.

— טאָ צו וואָס דאַרפט איר זיי מיט זייערע טובות — דערפרייט זיך איטשע — איך וועל אייך זאָגן פון אַ מלון, נישט ווייט פון דאַנען, אין נוה־שלום. פאַר צוויי טאָלער שלאָפט איר אָפּ אַ נאַכט ווי די גראַפן, ווי קיסרים.

— כאָטש עפּעס אַ פיינער, לייטישער מלון? — פרעגן זיי מיט אומצוטרוי.

— באַקומסט איינער אַליין אַ ווייך ריין בעט — קלערט זיי איטשע אויף — איך מיין אַז קיין בעסערס איז דאָ בכלל נישטאָ. ווען זענט איר געקומען אין לאַנד און ווי לאַנג זענט איר שוין דאָ? ווו זענט איר געווען ביז יעצט?

— מיר זענען געווען אין גדוד העברי, אין יידישן גדוד. מיר זענען חיילים פון גדוד, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט געשאַפן — זאָגן די בחורים — איר האָט זיכער געהערט דערוועגן. מיר זענען היינט געוואָרן דעמאָבי־ליזירט.

— זיכער געהערט — פרייט זיך איטשע און ווייזט אַרויס זיין קענטשאַפט — איך ווייס אַפילו וועלכע דאַטע, וועלכן טאָג די דאָזיקע היסטאָרישע געשעעניש איז אַנטשטאַנען און באַשטעטיקט געוואָרן דורך די גרויסמאַכטן. הייסט עס, אַז איר זענט אַמעריקאַנער.

— אמת — רופט זיך אָפּ איינער פון זיי — איך בין אַן אַמערי־קאַנער, אָבער מיין חבר איז פון ענגלאַנד.

זיי זעצן זיך צו און די חיילים דערציילן איטשען, אַז זיי זענען נישט דעמאָביליזירט געוואָרן אויף זייער פאַרלאַנג, נאָר מען צווינגט זיי. זיי

זענען זיכער געווען, אַז זייער באַטאַליאָן, דער לעצטער, וועט בלייבן ווי אַ שוץ פאַרן ישוב. אָבער די ענגלענדער האָבן אַנדערע חשבונות. זשאַבאָטינסקי איז געפאָרן אינטערווענירן, אָבער עס וועט גאָרנישט העלפן. מען האָט אַפילו נישט געלאָזט די חיילים באַשיצן די אַלטשטאָט בעתן פאָגראָם. מען האָט זיי פאַרהאַלטן אין די קאַזאַרמעס בגוואַלד, אַנטוואָפנט און אַרומגערינגלט מיט מאַשין־געווער. מען האָט די יידישע זעלנער גע־מאָלדן אויסדריקלעך, אַז ווער עס וועט פאַרלאָזן דעם מיליטערישן לאַגער דער וועט געשאָסן ווערן אָן אַ וואָרענונג. זיי דיסקוטירן וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איר באַדייטונג און דער פאַלשער פאָליטיק פון די ענגלענ־דער. איין זעלנער זאָגט אַזוי:

— אין חדר האָט מיין רבי געפרעגט, וואָס איז געווען ויקרא אַ ייד אָדער אַ גוי. איינער האָט געזאָגט אַ ייד, אַ צווייטער — אַ גוי, און דער דריטער האָט גאָר געזאָגט, אַז עס איז אַ טייטשוואָרט...

אָפּגעדיסקוטירט אַ לענגערע צייט וועגן פּאָליטיק און ישוב האָבן די זעלנער גענומען די גענויע אַדרעס פון האָטעל „ברזל" און אָפּגערעדט זיך אין אָוונט ווייטער פאָרזעצן דעם שמועס. איטשע גייט צו דער באָבעשי נעמען די קוילן.

— איר האָט שוין זיכער איבערגעקלערט: אַנטלאָפן מיט די פינף טאָלער. איר האָט זיך שוין נישט געריכט אויף מיר? — פרעגט איטשע.

— איך האָב נישט געהאַט קיין פאַרדרוס — ענטפערט די אַלטע רוזיק — געטראַכט, זאָל אים ווויל באַקומען די פינף טאָלער. איר זענט דאָך נעבעך געווען הונגעריק. איר האָט דאָך זיי נישט פאַרנאַשט.

— טייערע באָבעשי — בעט זיך איטשע — גיט מיר די קוילן. אפשר האָט איר אַ שטריק? איך וועל זי אָפּברענגען. אַזוי איז גרינגער צו טראָגן.

איטשע באַקומט אַ שטריק, וויקלט זיך אַרום און נעמט דאָס זעקל. ערשט עס איז גרינג.

— דאָס זענען ברענקוילן פון האָלץ דערפאַר זענען זיי נישט שווער — דערקלערט די אַלטע — גייט געזונטערהייט.

איטשע איז אַוועק, באַלד צוריקגעבראַכט די שטריק, ווי אויך אַ צעטל פון שניידער, אַז ער האָט די קוילן באַקומען.

— טאָמער האָט איר נישט ווו צו שלאָפן — ווענדט זיך די אַלטע צו איטשען — קענט איר דאָ שלאָפן. איך האָב אַ גאַנץ באַזונדער צימערל.

— אַ דאַנק אייך, טייערע און גוטע באָבעשי — דאַנקט איטשע — אָבער איך גיי באַלד אַוועק קיין פּתח־תקווה זוכן אַרבעט. זייט מיר געזונט!

— גייט מיר לחיים־לשלום און זייט מצליח — ווינטשט די אַלטע — דער וועג קיין פּתח־תקווה איז אַ גלייכער מיט טיפע, גרויסע זאַמדן. פאַרקריכט נישט אין אַ זייט. נאָר גלייך.

איטשע לאָזט זיך גיין מיט דער הרצל־גאַס. איין זייט פירט קיין יפו, איין זייט צו פּתח־תקווה. ער וויל אויסטאָן די שיך, ער האָט צו גיין אַ דריי שעה און מען מוז די שיך שאַנעווען. אָבער עס איז נאָך צו קאַלט צו גיין אָן שיך, כאָטש עס איז שוין צוויי טעג נאָך פּורים. אָפּגייענדיק אַ קילאָמעטער קומט ער צו דער קאָלאָניע שרונה. דאָרט וווינען דייטשן. אַ שיין באַגרינטער שטח מיט הייזקעס, וואָס זענען באַדעקט מיט קריכ־פלאַנצן. דער שטח איז גלייך ווי אַ טיש, פאַרמאַכט מיט דראָטענע צוימען. ער זעצט זיך צו אָפּרוען און זעט ווי אַ יונגע, בלאָנדע פרוי גייט מיט דער טוריע פאַרויס און צוויי אַראַבער גייען באַין־ברירה נאָך. דאָס איז אַ שיינער איינפאַל. די אַראַבער פּאַסט נישט, אַז אַ פרוי זאָל גיין פאַרויס.

איטשע מאַרשירט ווייטער, אין אַ גוטער שטימונג. ער באַמערקט פאַרשיידענע זאַכן אין וועג, קלערט וועגן זיי די צייט זאָל אַדורך גיכער. ער זעט ווי אַ הון לערנט אירע קליינע הינדעלעך. ער גייט פאַרביי אַ פּרדס. אויפן איינגאַנג אַן אויפשריפט „פּרדס גולדברג". איטשע גייט אַריין, רעדט מיט די יידישע פּועלים, באַקומט אַ פּאָר מאַראַנצן און גייט ווייטער.

אין פּתח־תּקווה

אָנגעקומען קיין פּתח־תּקווה פרעגט זיך איטשע אויף דעם קלוב פּועלים. געקומען איז ער שוין פאַר נאַכט. אין דרויסן איז טונקל. אין קלוב זיצן עטלעכע יונגע חברה. איטשע פרעגט זיך אויפן מנהל. דער מנהל, אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אין אַ שוואַרצער בלוזע מיט אַ גאַרטעלע אַרומגעבונדן, פון פאָרנט צוויי קוטאַסן. דאָס קעלנערל איז אויסגעהאַפטן מיט בלימעלעך אין פאַרשיידענע קאָלירן. ער האָט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר ווי אַ פּאַעט. איטשע דערציילט אים פון וואַנען ער קומט, ער האָט דאָ נישט קיינעם און איז אויך אָן געלט. דער מנהל ענטפערט אים שטיל, געלאַסן, אַז אַלץ וועט זיין בסדר. שלאָפן וועט איטשע דערווייל דאָ אין פּרוזדור און וואָס שייך אַרבעט, וועט ער אים מאָרגן פרי געבן אַ צעטל צו אַ קאָלאָניסט צו מאַכן גריבלעך ביי מאַנדלביימער. איטשע דאַנקט און באַמערקט, אַז אַזאַ אַרבעט איז ביי אים אַ נייעס, ווייל ער איז פון פאַך אַ בעקער.

דער מנהל ראָט אים דערווייל גיין צו דער אַרבעט ביי די ביימער. וועגן אַ בעקעריי וועט ער זיך פאַראינטערעסירן. די זעלבע אַרבעט גיט ער נאָך צוויי חברה, וועלכע זענען געקומען וועגן אַרבעט.

איטשע איז צו מאָרגנס אַוועק צו דער אַרבעט. צוריקגייענדיק האָט ער געזען אַ בעקעריי, ווו מען באַקט מצות. איטשע האָט נאָך אין דער היים געאַרבעט ביי מצות. אין דער אַלטער היים האָט מען אַזאַ מצה־בעקעריי גערופן „שוואַלניע". פאַר וואָס ווייס ער נישט. ער האָט געוווּסט, אַז אין אַזאַ בעקעריי פלעגט מען נעמען אַלע סאָרט אַרבעטער, וועלגערינס, רעדל־דרייער, קנעטערס, וואַסער־גיסער, מעלשיטערס און דער עיקר שיבערס, וואָס אַרבעטן ביים אויוון. די קנעטערס האָבן געמוזט זיין גוטע,

אויסרעכענען פּינקטלעך וויפל מעל און וואַסער, צוגיסן וואַסער, אָדער צושיטן מעל טאָר מען נישט. איטשע האָט צוויי יאָר דאָרט געאַרבעט אַלס שיבער און זיך אויסגעצייכנט. ער גייט אַריין און פרעגט זיך אויף אַרבעט. מען הייסט אים פּרוּוון. ער נעמט אויס און מען לאָזט אים שוין נישט אַוועק. ער באַקומט זיבעציק טאָלער אַ טאָג. איטשע דינגט זיך נישט, ווייל זיבעציק טאָלער איז פאַר יענער צייט געווען אַ סך געלט. ער איז געבליבן אַרבעטן ביז ערב־פּסח. ער איז געווען גליקלעך.

אין דער צייט ווען ער האָט געאַרבעט אין בעקעריי ביי די מצות, איז צו אים צוגעקומען אַ ייד און געפרעגט צי איטשע איז בלויז אַ שיבער, צי אויך אַ ברויטבעקער.

— ברויטבאַקן איז מיין פאַך — דערקלערט ער שטאָלץ — איך קען די גאַנצע אַרבעט. אי ביים קאַסטן, אי ביים אויוון.

— איך דאַרף אַן אויוון־מענטש אויף מיין אָרט — זאָגט דער ייד — און מיר געפעלט אייער אַרבעט. באַלד דעם ערשטן טאָג נאָך יום־טוב קומט אַרבעטן צו מיר. איר באַקומט אַכט לירות אַ חודש מיט אַ באַזונדערן צימער. איר קענט שוין אַפילו פון היינט אָן שלאָפן אין דעם צימער.

איטשע איז מסכים. זיי גיבן זיך די הענט און ווינטשן זיך הצלחה אין אַ מזלדיקער שעה.

— נאָך דער אַרבעט קום צו מיר און איך וועל דיר ווייזן די בעקעריי, ווי אויך דאָס צימער. ביי אַ גלעזל וויין וועלן מיר זיך ווינטשן לחיים. איך האָף, אַז מירביידע וועלן נישט קיין חרטה האָבן, שלום! — האָט דער ייד זיך געזעגנט.

און באמת. ביידע זענען צופרידן געווען פון געשעפט. דער באַלעבאָס, וואָס ער האָט געפונען אַ גוטן פאַרטרעטער און איטשע פון פאַרדינסט. מיט אַכט פונט האָט מען געקענט שיין לעבן, אַפילו מיט אַ משפחה. פון די מצות האָט ער טאַקע אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פונט, אָבער עס איז נישט גוט צו לעבן פון גרייטן. בעסער, אַז מען פאַרדינט. דער עיקר ער אַרבעט ביים פאַך, נישט שוואַרצע אַרבעט.

דער באַלעבאָס איז געווען אַ רוסישער ייד, אַ היימישער, נישט קיין גרויסהאַלטער. ער איז באַלד היימיש געוואָרן, געצווונגען היימיש צו ווערן.

ער האָט ליב געהאַט צו רעדן און מען האָט געקענט אים גערן הערן, נישט גענודזשעט, געווען נישט קיין נאַרישער מענטש. געווען נישט פרום און נישט פריי. ער האָט געהאַט גרויסע וואָנצן און זיי געהאַלטן אין איין פּלעכטן און דרייען מיט אַ שפּיץ. ער האָט געטראָגן אַ קמץ בערדל און געגאַנגען אָנגעטאָן ריין און ציכטיק.

ער איז געקומען אין לאַנד אין יאָר 1907. געווען אַ רוסישער סאָלדאַט אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. מיטגעמאַכט דעם אויפשטאַנד. שפּעטער פאַרטיידיקט יידן בעת אַ פּאָגראָם און געווען פאַרוווּנדעט. אָפּגעגאַנגען מיט אַ סך בלוט און נאָר מיט אַ נס געבליבן לעבן. גלייך נאָכן פּאָגראָם באַשלאָסן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט ער דערציילט אַ סך שיינע מעשיות. ער האָט אָנגערופן מיט די נעמען אַלע קאָמאַנדירן און גענעראַלן: סטעטל, קוראָפּאַטקין, קאָנדראַטענקאָ א״א. אַ שווערער קאַמף געווען. דאָרט אין יענער מלחמה האָט טרומפּעלדאָר פאַרלוירן אַ האַנט. דער באַלעבאָס האָט ליב געהאַט אונטערצוברומען אַ לידל וועגן פאַלן פון פּאָרט אַרטור. ער איז געווען אַ גוטער דערציילער און געקענט אַ סך סיפּורים וועגן רוסישן לעבן.

זיין פרוי איז שוין געווען אַריבער די מיטעלע יאָרן, אָבער זי האָט אויסגעזען יינגער פון מאַן. קיין איין האָר נישט גרוי, קיין קנייטשעלע אויפן פּנים, די פיגור גלייך, הגם פול. זי גיט קוים פון צייט צו צייט אַ שמיר צו. מען זעט, אַז זי איז געווען אין די יונגע יאָרן זייער אַ שיינע. זי האָט געהאַט אין זיך אַ סך מעלות־טובות, די גוטסקייט און העפלעכקייט פון אַ יידישער מאַמע. זי איז נישט געווען פרום, אָבער אַ יידישע, נאַציאָנאַלע, שטאָלצע פרוי. איטשע איז געווען צופרידן וואָס ער האָט מצליח געווען מיט אַזעלכע מענטשן.

אַ קורצע צייט נאָך פּסח. עס איז אַ הייסער טאָג מיט אַ שטיקעלע חמסין. עס איז שוין נאָך דער אַרבעט, ווי אויך נאָכן שלאָפן. די באַלע־באַטים און איטשע זיצן אויף דער מרפּסת. איטשע שרייבט בריוו אַהיים, קיין טבריה צו דער חברה, באַזונדער צו תמרן. ער שרייבט אויך קיין

חיפה צו שלום, אַבדאַלאַ און מאַריאַ. אין די בריוו קיין חיפה גיט איטשע נישט אָן קיין אַדרעס צוריק, נאָר פּאָסט רעסטאַנט יפו. דער באַלעבאָס זיצט און טרינקט טיי, הייסע, זודיקע, גלייך פון סאַמאָוואַר. ער האַלט אַ האַנטעך אויפן אַקסל און ביי יעדן שלוק לאָזט ער אַרויס אַ קול פון גרויס הנאה: איי, איי, ווי גוט. דערביי גיט ער אַ וויש די צוויי האַלבע וואָנצן אַהין און צוריק.

— קום אַהער, טרינק מיט אַ גלעזל טיי — רופט איטשען דער באַלעבאָס — עס איז דאָך פּשוט אַ פאַרגעניגן, מחיה־נפשות. דאָס שרייבן וועט דיר נישט אַנטלויפן.

— באַלעבאָס — ענטפערט איטשע — איך בין נישט געוווינט אין אַזעלכע היצן צו טרינקען הייסע טיי. עס איז מיר אַזוי אויך גוט וואַרעם.

— הער זיך צו — קלערט אים דער באַלעבאָס אויף — הייסע טיי שטילט דעם דורשט. נאָכן טרינקען ווערט דיר קיל. דאָס איז די טבע פון הייסער טיי. פּרווו, פאָלג מיך. איך בין מיט אַ טאָג עלטער פון דיר. פּרווו און דו וועסט זיך אַליין איבערצייגן.

— איר זענט באַגלייבט ביי מיר. איך גלויב אייך אויפן וואָרט — ווערט זיך איטשע קעגן טרינקען הייסע טיי — עס איז זיכער אמת, נאָר פּרוּוון וועל איך נישט. באַלעבאָס, איך וויל אייך עפּעס פרעגן, נאָר איך בעט אייך, אַז עס זאָל אייך נישט פאַרדריסן... ביי וויפל גלעזער האַלט איר שוין? וויפל גלעזער האָט איר שוין געטרונקען? איר ציילט כאָטש די גלעזער?

— איך האָב איין גלאָז, וואָס איך טרינק אין דעם שטענדיק — זאָגט דער באַלעבאָס — און איין גלאָז אין רעזערוו, טאָמער ווערט דאָס ערשטע צעבראָכן. נישט מער.

— איך מיין נישט די גלעזער, נאָר די גלעזער טיי — קרעקט זיך איטשע מיט די ווערטער.

— טאָ רעד, אַז מען זאָל דיך פאַרשטיין — שמייכלט דער באַלעבאָס — איך צייל נישט און וויל נישט ציילן. איך האָב מורא פאַר אַן עין־הרע. איך טרינק אַזוי פּאַמעלעך, כסדר, לאַנגזאַם, געלאַסן, ביז דער סאַמאָוואַר ווערט טרוקן.

— דאָס הייסט — זאָגט איטשע לאַכנדיק — אַז אין אַן עין־הרע גלייבט איר יאָ. אויב אַזוי דאַרפט איר גלויבן אויך אין אַ ברכה. וואָס וואָלט איר געטאָן, למשל, ווען אין סאַמאָוואַר קומט אַריין די ברכה און איר צאַפּט און צאַפּט און ער ווערט נישט טרוקן? ווען וואָלט איר געוווּסט אויפצוהערן?

— קיין גלייבעניש — לאַכט אויך דער באַלעבאָס — עין־הרע טרעפט זיך אָפּט, אָבער אַ ברכה, נישט ביי היינטיקע מענטשן, נישט אין היינטיקע צייטן.

— אָט ווישט איר כסדר דעם שוויס — באַמערקט איטשע — ווען איר טרינקט נישט אַזאַ זודיקע טיי. ווען איר לאָזט די טיי אַ ביסעלע אָפּקילן, וואָלט איר פאַרשפּאָרט צו שוויצן און ווישן. פּרוּווט. איין מאָל מעגט איר מיך פאָלגן. פון הייסער טיי שוויצט מען און פון קילער טיי נישט.

— זאָלסט מיר מוחל זיין, איטשע, ביסט אַ שוואַכער ווייסער — זאָגט דער באַלעבאָס — ביסט נישט באַקאַנט אין דער חכמת הטיי. הער מיך אויס, איך בין אַן אַלטער בעל־נסיון, אַ פּראַקטיקער אין טיי טרינקען. טיי דאַרף מען טרינקען וואָס הייסער, גיכער און שנעלער. דאַמאָלסט ווערט דיר שנעל קיל ווערן.

— באַלעבאָס, זייט מיר געזונט און שטאַרק ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר און טרינקט טיי — לאַכט איטשע — ווערט מען קאָנען זאָגן אויף אייך, אַז איר זענט אַן אַלטער טרינקער. כאָטש מען זאָגט דאָס אויף טרינקער פון בראָנפן, נישט פון מילך, נישט פון טיי.

— אויסגעצייכנט — לאַכט דער באַלעבאָס — עס קומט דיר אַ קניפּ אין בעקל. ווילסט נישט? וועל איך דיך מהנה זיין מיט עפּעס בעסערס. איך וועל דיך אויסלערנען אַלע סודות און כללים פון טיי טרינקען. טיי האָט אירע פעסטע כללים, געזעצן נישט צום ענדערן. קודם כל מוז מען האָבן עקסטראַ כלים אויף צו קאָכן דאָס וואַסער און נישט באַנוצן זיי צו אַנדערע צוועקן. בעסער איז צו האָבן אַ סאַמאָוואַר. טיי דאַרף מען נוצן די בעסטע, פּאָפּאָווס אָדער וויסאָצקי. ביי יעדן מאָל טרינקען נעמען פרישע טיי. די פריערדיקע טיי קאָן נאָך געבן אַ קאָליר, אָבער נישט

קיין געשמאַק. טיי מוז מען טרינקען נאָר אין אַ גלאָז, נישט אין קיין טעפּעלע. וואָס דינער דאָס גלאָז אַלס געשמאַקער די טיי. די טיי דאַרף מען פּאַרבריען, נישט קאָכן. נישט אַנצוקערן, נאָר צובייסן, אָדער בלויז אַ לעק טאָן. אַמבעסטן האַרטער צוקער, פּערלאָווס צוקער, ער איז האַרט און מיט אַ קליין שטיקעלע קען מען טרינקען עטלעכע גלעזער טיי. פּערלאָווס צוקער האָט מען ביי אייך אין פּוילן גערופן היטל־צוקער. אויב דו וועסט מיך פאָלגן וועסטו פילן און וויסן דעם אמתן טעם פון אַ גוט גלעזל טיי.

— באַלעבאָס, אַ דאַנק אייך פאַר די אינפאָרמאַציעס — זאָגט איטשע — אָבער איך גלייב נישט צי זיי וועלן מיר צו נוץ קומען. אין אַזאַ הייסן קלימאַט קען איך נישט ווערן אַ חסיד פון טיי טרינקען.

— אַ רחמנות אויף דיר — קוקט דער באַלעבאָס אַן איטשען מיט באַדויערן — איך דריק דיר אויס מיטגעפיל. אַ מענטש זאָל נישט וועלן געניסן פון אַ שטיקעלע עולם־הזה.

— ווי איך זע, באַלעבאָס, האַלט איר זיך פאַר אַ מבין אויף אַלץ — רייסט איבער איטשע דעם טיי־געשפּרעך — טאָ וויל איך אייך פרעגן וועגן דעם אַראַבער. וויפל צייט אַרבעט ער שוין ביי אייך?

— צוויי יאָר — ענטפערט דער באַלעבאָס נשתומם פון דער פראַגע.

— צוויי יאָר? — איז איטשע נישט ווייניקער פאַרוווּנדערט — אין צוויי יאָר צייט איז אַזאַ מבין ווי איר נישט געוועזן קיין מבין אויף אים. אין חיפה האָב איך געאַרבעט מיט אַן אַראַבער איז ער געווען אַ גוטער חבר, אַ פיינער מענטש. אָבער אייערער איז אַ ווילדע חיה. עס העלפט נישט מיין אויפקלערן אים, ער זאָל נישט גלייבן אַלע ליגנס, וואָס מען רעדט אים איין. ער זידלט און שעלט אונדז, יידן, מיט אַזאַ חוצפה און אומפאַרשעמטקייט. דערצו נאָך איז ער אייך אַ שונא אין דער פרנסה. געגנוג פאַר מיר. איך וויל נישט אַרבעטן מיט אים.

— ווער רעכנט זיך מיט אַ ברודיקן אַראַבער? — מאַכט דער באַלעבאָס צו נישט די גאַנצע מעשה — אַלע זענען זיי שונאים, קאַניבאַלן. איך האָב אַליין געזען ווי אַן אַראַבער האָט געלעקט מענטשן־בלוט. אָבער וואָס זאָגסטו ער איז מיר אַ שונא אין דער פרנסה? וואָס באַדייט דאָס?

— איך האָב אים געכאַפּט ביי דער האַנט און פאַרמיטן פון אייך אַ גרויס עגמת־נפש — דערציילט איטשע — ער האָט געוויינט פאַר מיר און געשווירן ביי אַללאַ, ביי מחמדן, אַז ער וועט עס מער נישט טאָן, ער וועט זיין גוט און פרום, ער האָט געקושט מיינע שיך איך זאָל אייך נישט דערציילן.

— אָבער וואָס האָט ער דאָס געטאָן? — פרעגט שוין דער באַלעבאָס מיט אומגעדולד.

— איך וועל אייך זאָגן, נאָר מיט איין תנאי — זאָגט איטשע — גיט מיר אייער האַנט, אַז איר וועט אים דאָס נישט פאַרהאַלטן. געפינט אַ צווייטן תירוץ צום אָפּזאָגן. ער האָט געוואָלט אַריינלייגן אומריינע, שעד־לעכע זאַכן אין טייג. דאָס איז שנאה נישט בלויז צו אייך נאָר אויך צו די עסערס פון דעם ברויט. נאָך אַלע זיינע שבועות גלייב איך אים נישט, אָבער איך קען נישט שטיין און אַכטונג געבן אויף אים.

— דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש — ציט פּאַמעלעך דער באַלעבאָס זיינע ווערטער — מיט וואָס בין איך זיכער, אַז ער וועט עס נישט טאָן נאָך אַ מאָל. איך באַצאָל אים, וואָס אים קומט און הייס אים מער נישט קומען. איך וועל אים זאָגן, אַז איך אַליין גיי אַרבעטן.

— איך האָב דיר, מיין מאַן, שוין לאַנג געזאָגט — רופט זיך אָפּ די באַלעבאָסטע, וואָס איז ביי דעם לעצטן שמועס אַריינגעקומען אויף דער מרפסת — אַז דער אַראַבער געפעלט מיר נישט. ווער ווייסט וואָס נאָך ער האָט געקענט אָפּטאָן. איך גיי עפּעס ברענגען פון מכולת.

זי גייט אַרויס און קומט מאָמענטאַל צוריק.

— איך וועל שוין מוזן זיך באַגיין אָן דעם — זאָגט זי — ווער קען אַרויסווייזן דאָס פּנים? אַזאַ היץ, אַזאַ ברען.

— מיין באַלעבאָס, אייער מאַן, איז זיך ממש מחיה מיט דער הייסער קאָכעדיקער טיי — לאַכט איטשע.

— יאָ, גיט אַ קוק ווי ער שוויצט און ווישט מיטן האַנטעך דעם שווייס — זאָגט די באַלעבאָסטע צו איטשען — ביי אים איז עס אַ יער־לעכער סעזאָן־געטראַנק. איך פאַרהאָף, אַז דאָס צווייטע יאָר וועט ער

געפינען אַ צווייטן געזונטן געטראַנק. ער וועט שוין עפּעס געפינען. מער ווי אַ יאָר האַלט נישט די מאָדע ביי אים. היי יאָר איז טיי.

— דאָס בלייבט שוין — שטעלט דער באַלעבאָס קאַטעגאָריש פעסט — טיי איז געווען, טיי איז, און טיי וועט זיין און בלייבן די איינציקע געזונטע משקה. בשעת־מעשה ווען דו טרינקסט שוויצסטו אַ ביסעלע, אָבער נאָכער ווערט דיר קיל אַ מחיה. נאָך אַ מעלה האָט הייסע טיי. עס לעשט דעם דורשט.

— און וואָס האָסטו געזאָגט פאַריקעס יאָר? — פרעגט די באַלע־באָסטע — איך געדענק גוט די משקה פון פאַריקן יאָר. זי ליגט מיר נאָך אין מיינע ביינער. דעם געטראַנק רופט מען מיטן רוסישן נאָמען „כלעבנאַי קוואָס״. טאָג און נאַכט האָט ער געהאַלטן אין איין לויבן און זינגען שבחים פאַר יעדן איינציקן, אַז עס איז גוט, געזונט, דאָס מאַכט אַן אַפּעטיט צום עסן, דאָס איז נאַרהאַפּטיק. וועלכע מעלות־טובות האָט ער דאָס נישט אויסגעפונען אין דעם כלעבני קוואָס.

— לאָך און מאַך שפּאַס פון דיין מאַן, אַז דו האָסט הנאה דערפון, מיין גאָלובטשיקל, זאָל דיר וויל באַקומען — זאָגט דער באַלעבאָס.

— אפשר איז עס נישט ריכטיק? אדרבא זאָג! — ענדיקט די באַ־לעבאָסטע אירע רייד — אויב עס וועט זיין נישט ריכטיק וועל איך בעטן סליחה. אַלע יאָר שווימט אַרויס ביי מיין מאַן אַ נייע, געזונטע משקה. עס וועט נאָך קומען אַ יאָר, ווען גזוז וועט פאַרנעמען דעם אויבנאָן. היי יאָר איז טיי אין קורס.

— אויף גזוז וועל איך קיין מאָל אין לעבן נישט געבן מיין הסכמה — היצט זיך דער באַלעבאָס — דאָס שעדלעכסטע פון אַלע געטראַנקען איז גזוז. עס מאַכט אַן גאַז, פּלוישט אַן דעם בויך און עס גייט דיר קאַפּויער. מיר, רוסן, ווייסן נישט פון קיין גזוז. די רוסישע געטראַנקען זענען: וואָדקאַ, כלעבנאַי קוואָס, טיי...

— יעצט איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן די שאלה, פאַר וואָס האָט מען גערופן דעם רוס פאַניע קוואָס — לאַכט איטשע.

— די אמתע רוסן וועלן אייך אָוועקגעבן געבראָטנס, אפילו שאַמ־

פּאַניער, פּאַרן כלעבנאַי קוואַס — דערציילט די באַלעבאָסטע — אַפילו די רוסישע יידן זענען די זעלבע. איר האָט געדאַרפט זען פאַר אַ יאָרן די פאַבריק, וואָס מיין מאַן האָט געהאַט פאַרלייגט. אַ גאַנצע איבערקע־רעניש איז געווען ביי מיר אין שטוב. איך האָב נישט געהאַט ווו אַ פוס אַוועקצושטעלן. עס זענען געשטאַנען טעפּ מיט אַלט געווייקט ברויט, און זייער ריח און זויערקייט האָט מיר געדרייט אין דער נאָז און איך האָב געהאַלטן אין איין ניסן. עס האָט מיך געאיבלט ביז צום חלשן. אַ וועלט פלעשער, צעבראָכענע און גאַנצע, האָט ער צוזאַמענגעשלעפּט. אומעטום אַ נעץ, אַ בלאָטע נישט איבערצוהאַלטן. איך האָב דאָס שוין נישט געקענט איבערטראָגן און געטראַכט אַוועקצופאָרן. האָב איך זיך איבערגעקלערט און אים געשטעלט אַן אולטימאַטום: אָדער איך, אָדער דער כלעבנאַי קוואַס. און עס האָט געהאָלפן. דאַכט זיך, אַז עס איז אים אויך נמאס געוואָרן דער קוואַס. געהאַט האָט ער אַ טעם ווי פּ...... זייט מיר מוחל. זאָל שוין זיין טיי אויף לאַנגע יאָרן.

אַלע לאַכן. דער באַלעבאָס נוצט אויס די גוטע שטימונג און גיט אַ לעקציע וועגן גזוז:

— אַלץ בעסער ווי גזוז, וואָס מאַכט קראַנק דעם מענטש מיט דעם געפּאַרבטן זיסן סאַכאַרין. ביז די פּוילישע זענען נישט געקומען האָט מען גאָרנישט געוווּסט וועגן דעם אַנשיקעניש גזוז, דערצו נאָך אַ זיסן, וואָס נודעט ביז חלשן. היינט איז אומעטום, ווו אַ טיר, אַ לאָך, אַ געוועלבל פון גזוז. דאָקטוירים אַרבעטן מעשים פּטור צו ווערן פון גאַזן און זיי טרינקען זיך אָן מיט גאַזן. בשעת מעשה דוכט זיך דיר, אַז עס איז גוט. בפרט ווען עס איז קאַלט. טאָמער ווערט מען צוגעוווינט דערצו איז עס פונקט ווי כאַשיש. עס איז שווער זיך צו באַפרייען דערפון. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז ווען מען שוויצט טאָר מען נישט טרינקען קיין קאַלטס. פרעגט ביי אַ דאָקטאָר.

דער וויכוח האָט זיך געצויגן לאַנג ביז דער באַלעבאָס האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף גיין אָפּשיקן דעם אַראַבער. איטשע איז אויך אַוועק אויף דער פּאָסט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ צייט אַרום נאָך די געשעעענישן, נאָך די בלוטיקע אומרוען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין פּתח־תקווה, האָבן אַלע געמיינט, אַז עס וועט שוין נישט זיין קיין שלום מיט די אַראַבער און זייער געביין וועט קיין מאָל נישט איבערטרעטן דעם באָדן אין פּתח־תקווה. ביסלעכווייז האָט מען זיך אָפּגעקילט, מען האָט פאַרגעסן דעם פּאַרדרוס און דעם נדר. וואָס די ערד דעקט צו מוז מען פאַרגעסן. די מאַמעס נאָר קרעכצן. זייער האַרץ קען נישט פאַרגעסן, אָבער אַנדערע, וועמען עס האָט דירעקט נישט אָנגערירט, זיי ווערן צוגעוווינט.

עס איז אַ הייסער טאָג. אַלע זיצן אויף דער מרפּסת. דער באַלעבאָס זיצט און טרינקט, ווי געוויינלעך, הייסע טיי. די באַלעבאָסטע ליגט אויף אַן אויסלייגשטול און לייענט אַ רוסיש בוך. איטשע שרייבט בריוו. יעדער איז פאַרטאָן אין זיינס. דער באַלעבאָס ווישט דעם שוויס און זאָגט, אַז דער היינטיקער תמוז איז הייסער ווי שטענדיק.

— איך מיין, מיין מאַן — ענטפערט אים די באַלעבאָסטע — אַז דו האָסט פאַרגעסן. תמוז איז שטענדיק תמוז, שטענדיק די זעלבע היצן. נאָר ביי דיר וואַרעמט נאָך אונטער די זודיקע טיי, וואָס דו גיסט אין זיך אַריין. לאָז כאָטש אויסקילן אַ ביסל וועסטו פאַרשפּאָרן צו שוויצן און נישט דאַרפן כסדר ווישן און רייבן.

— וואָס זאָגט איר דערצו — לענקט איטשע דעם שמועס אויף אַ טעמע, וואָס רירט אים טיף אָן — אונדזערע קוזינען, זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צוריק צו באַווייזן. אונדזערע הקלאים כאַפּן זיי ווי אַ געוואַלדיקע מציאה, אין געהיים קיינער זאָל נישט זען. די זעלבע אַראַבער, וועלכע האָבן געוואָלט אונדז אַלעמען אויסהרגענען, אויסשעכטן, און אַלע פּרויען און מיידלעך צונעמען פאַר זיך, ווי אויך דאָס פאַרמעגן, זיי נעמט מען דאָס צו דערווייל אין געהיים, אָבער עס וועלן אַריבער אַ פּאָר טעג און מען וועט דאָס מאַכן אָפן. עס וועט זיין ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. אויב אַ געוויסע צאָל יידן האָבן לעצטנס געקריגן אַרבעט, וועט מען זיי אַרויס־

וואַרפן און צונעמען אויף זייער אָרט די מערדער. ווי אַזוי האָבן זיי דאָס פאַרגעסן? מיט וואָס זענען זיי זיכער, אַז עס וועט זיך נישט נאָך אַ מאָל איבערחזרן און אין אַ גרעסערן פאַרנעם? מיט אַבו קישעק דעם ווילדן שד פון די בעדואינער האָט מען שוין געמאַכט אַ סולחה, געשאָכטן שעפּסן, געקאָכט רייז, צוגעטרונקען שוואַרצע קאַווע, געגעבן זיך די הענט, צוגע־לייגט זיי צום האַרצן און צו די אויגן. דאָס דאַרף זיין אַ מין שבועה. צעגעזאָגט אַן אייביקן שלום.

— וואָס פאַר ווערט האָט עס — שמייכלט דער באַלעבאָס — די אַראַבער וועלן נישט האַלטן וואָרט סיי ווען זיי שרייבן אונטער, סיי נישט.

— מען זעט שוין אין שוק אַ ביסל גרינס — זאָגט די באַלעבאָסטע — די אַראַבער אַליין קומען נישט, אָבער די יידישע סוחרים גייען צו זיי.

— וואַרט צו אַ ביסל, נאָך עטלעכע טעג — זאָגט דער באַלעבאָס — און דו וועסט די אַראַבער ווידער האָבן אויפן שוק ווי אַמאָל.

— מאָדנע מענטשן זענען אונדזערע יידן — באַמערקט איטשע — קנאַפּ באָדן און מגרשים ליידיקע געפינען זיך אין פתח־תקווה. האָט זיך דען יעדער איינציקער נישט געקענט פאַרזייען אַ ביסעלע גרינס, נאָר פאַר זיין געברויך און נישט דאַרפן בענקען נאָך דעם אַראַבישן גרינס, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט שנאה און קללות אויף אונדזער חשבון. אונדזערע חקלאים ווילן רייך ווערן, מאַכן זיי פּלאַנטאַציעס פון טאַבאַק, כרמים, פּרדסים. אונדזערע יידן ווילן נישט זיין קיין פּויערים, ווילן אַליין בכלל נישט אַרבעטן, זיי ווילן זיין פּריצים. אָבער מיט פּריצים קען מען נישט בויען דאָס לאַנד. מיינע ליבע, קוקט און זעט! אַלע ווייסן, אַז מיר ווילן שלום מיט די אַראַבער. מיר קענען לעבן און עקזיסטירן צוזאַמען. זיי קענען נישט זיין אָן אונדז קיין איין טאָג. מיר קויפן זייערע אויסאַרבעטונגען. מיר געבן זיי באַשעפטיקונג. צי קענען מיר נישט לעבן צוזאַמען אין פרידן?

— מייז טייערער, ביסט גערעכט — זאָגט דער באַלעבאָס — כאָטש מיר פּערזענלעך גייט עס קנאַפּ אָן. איך האָב בכלל נישט גערן דאָס גרינס. ביי מיר הייסט עס פּראָסט און פּשוט גראָז. גיי, עס גראָז, איך קען זיך באַגיין אָן דעם. איך דאַרף עס נישט. איך האָב ליב אַ גוט שטיקל

געבראָטנס, אַ געבראָטענע קאַטשקע מיט אַ פלאַש ביר. וואָס טויג מיר דאָס גראָז?

— ערשטנס זייט איר נישט די גאַנצע וועלט — ענטפערט איטשע — אַ סך מענטשן עסן גרינס, און נישט אַלע קענען זיך דערלויבן צו עסן געבראָטנס און צו טרינקען ביר.. צווייטנס, ווו וועט איר נעמען דאָס פליייש און די קאַטשקע, ביי וועמען? אויך ביים אַראַבער, ווייל דער יידישער פויער האָט דאָס נישט. ער האָט פּלאַנטאַציעס. טאַבאַק. ער האָט נישט קיין פליייש, קיין קאַטשקעס, קיין בהמה, קיין הינער, קיין אייער. מיר האָבן פּריצים, וואָס קוועטשן ווייַנטרויבן און מאַכן שאַרפע געטראַנקען. דאָס וואָלט גוט געווען פאַר די פּאָליאַקן אָדער רוסן, אָבער נישט פאַר אונדז יידן. אפילו די אַראַבער טרינקען נישט דעם ביטערן טראָפּן. מיר דאַרפן גאָר עפּעס אַנדערש. מיר מוזן האָבן אַן אייגענעם פויער, אויב מיר ווילן האָבן אַן אייגן לאַנד. מיר טאָרן נישט זיין אָפּהענגיק פון אַראַבער, אויב מיר דאַרפן זאָרגן וועגן פּראָדוקטן.

— בחיי, ער איז גערעכט — טאַקעוועט צו די באַלעבאָסטע — יעדעס וואָרט איז גאָלד. אויסצוקושן יעדעס וואָרט. יעדער מענטש קען זיך מאַכן אַ קליין גערטנדל לעבן דער שטוב, נאָר פאַרן אייגענעם געברויך. מען דאַרף אַוועקגעבן יעדן טאָג נאָר אַ האַלבע שעה. ווי גוט און גע־שמאַק איז אַן אייגן רעטעכל. זאָלן בעסער די מאַמעס שיקן זייערע טעכטערלעך אַרבעטן אין גאָרטן אַ שעה. עס איז געזונטער פאַרן גוף ווי צו זיצן לאַנגע שעהען ביי דער פּיאַנאָ און באָמבלען די גאַמען. וואָסי, אַלע וועלן ווערן קינסטלער? טאָ ווער וועט אַרבעטן?

— מיינע ליבע, די צייט שטייט נישט — כאַפּט זיך דער באַלעבאָס און שטעלט זיך אויף — איך האָב אַ סך זאַכן צו דערליידיקן. אַ צווייט מאָל וועלן מיר פאָרזעצן דעם שמועס, און דו, מיין ווייב, בעט איך דיך נישט צו קושן איטשעס ווערטער — שמייכלט דער באַלעבאָס און ווענדט זיך צו איטשען — די אַרבעט האָט זיך ביי אונדז ב״ה פאַרגרעסערט וויל איך צונעמען אַ געהילף. מיר וועט זיין אַביסל פרייער און אייך, דיר מיטן צווייטן אַרבעטער, וועט זיין גרינגער. אפשר ווייסטו פון אַן אַנ־

שטענדיקן בחור, טאַקע פון די נייע. איך נעם אים גלייך צו פון מאָרגן. טאַקע צוליב דעם גיי איך. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף איינעם.

— באַלעבאָס, גייט נישט — ענטפערט איטשע — זוכט נישט. איך האָב אַ פיינעם בחור, וואָס וויל זיך לערנען בעקעריי־אַרבעט. מיטן פריערדיקן, וואָס איך האָב אייך רעקאָמענדירט, זייט איר צופרידן? ער אַרבעט בעסער ווי דער אַראַבער. בעקעריי פאָדערט מען זאָל נישט פאַר־נאַכלעסיקן דאָס מינדסטע. יעדע זאַך האָט איר מאָס. איך האָף, אַז דער נייער, וועלכן איך רעקאָמענדיר, וועט זיין נישט ערגער פון איצטיקן, וואָס אַרבעט...

— בסדר גמור — רייסט איבער דער באַלעבאָס — איך וויל נישט וויסן זיין יחוס, אויב ער איז דיינער אַ באַקאַנטער איז עס שוין געגוג.

— זיין ביאָגראַפיע איז אַ קורצע — זאָגט איטשע — אַ טאַטנס אַ קינד, געלערנט אין דער ישיבה, זיך גוט געלערנט, געוואָרן אַ ליבהאָבער פון ארץ־ישראל, פאַרלאָזט די היים, געקומען העלפן בויען דאָס לאַנד...

— אויב אַזוי, נעם פון מיר מעקלעריי אַ גלעזל טיי — לאַכט דער באַלעבאָס און איטשע טוט אים צוליב און נעמט דאָס דערלאַנגטע גלאָז.

— הייס, צו הייס פאַר מיר. איך וועל צוואַרטן ביז עס וועט זיך אָפקילן — זאָגט איטשע צופרידן פון דעם, וואָס ער האָט געשאַפן אַרבעט פאַר אַ חבר.

— בראַוואָ, מיין מאַן — לאַכט אויך די באַלעבאָסטע — האָסט דעם פוילישן איינגעביסן. וועסט אים נאָך מאַכן פאַר אַ פראָפעסיאָנעלן טיי־טרינקער.

— אַלע וועט איר קומען צום שכל — זאָגט ערנסט דער באַלעבאָס — אויך דו, מיין ווייב, וועסט ווערן אַ טייטרינקערין.

— יאָ, געוויס, — זאָגט די באַלעבאָסטע — נאָר וועסט צוואַרטן ביז ווינטער. זומער־צייט און בפרט אין תמוז מעגסטו פאַרגעסן. זאָגט מיר, איטשע, וואָס שרייבט איר אַזוי פיל בריוו? ווען איך זע אייך, שרייבט איר. אַ האַלבע משכורת דאַרפט איר האָבן אויף פאָסטמאַרקן.

— איך שרייב צו חברים — קלערט איטשע אויף — צו חברים

דאָ אין לאַנד און צו חברים אין חוץ־לארץ, אויך צו משפּחה. גראָד דער בריוו איז צו אַ מיידל. איך פיר זיך, אַז איך ענטפער אויף יעדן בריוו, אויף יעדער ווענדונג.

— און ווו געפינט זיך דיין מיידל — איז די באַלעבאָסטע נייגעריק — אין לאַנד אָדער אין חוץ־לארץ?

— אין חוץ־לארץ — זאָגט איטשע — אין דער הויפּטשטאָט פון עסטרייך. איר ווייסט אפשר ווי מען רופט זי?

— אַ שיינע מעשה — רופט זיך אָפּ דער באַלעבאָס — אויב זי איז אַ ווינערין שרייבט זי נישט קיין תפילין. די ווינער מיידלעך זענען מיר גוט באַקאַנט. נישט צו פאַרגעסן...

— פון דעם, מיין מאַן, האָב איך גאָרנישט געוווסט, אַז דו ביסט געווען אַ ווינער לעביונג. פאַר וואָס האָסטו עס געהאַלטן אַ סוד פאַר מיר? — פרעגט די באַלעבאָסטע.

— ווען איך האָב דיך דערקענט, מיין גאָלובטשיקל, האָב איך פאַר־געסן אין אַלע ווינער מיידלעך, פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט — דערקלערט דער באַלעבאָס.

— דאָס הייסט, אַז אייער געוועזענע כלה באַשטייט מער ווי אַלע ווינער מיידלעך — זאָגט איטשע — אויך מיינע איז נישט קיין ווינערין. זי איז אַ פּוילישע. געבליבן שטעקן אין ווין צוליב די לעצטע געשעענישן און אומרוען דאָ אין לאַנד.

— אויב זי איז אין ווין, וועט זי ווערן אַ ווינערין — מיינט דער באַלעבאָס — ווין ווירקט, מען ווערט מיטגעריסן מיטן שטורמישן לעבן. ווין איז די גרעסטע לעבשטאָט אין דער וועלט...

— איר דאַרפט נישט גלייבן מיין מאַן — רופט זיך אָפּ די באַלע־באָסטע — ער קען אַ ביסעלע איבערטרייבן און אַ ביסעלע צולייגן. זאָרגט נישט, אויב עס וועט זיין שלעכט פאַרלאָזט אייך אויף מיר. איך וועל אייך נישט לאָזן פאַרפאַלן גיין.

— און איך זאָג — לאָזט דער באַלעבאָס אַלץ נישט אָפּ — מיידל, יינגל, ליבע, דאָס איז געגליכן צו אַ סאַמאָוואַר. ברענט ווי אַ סאַמאָוואַר

און לעשט ווי אַ סאַמאָוואַר, אָדער געגליכן צו הייסער, זודיקער טיי, עס ברענט און לעשט...

— איך בין נישט פאַרזאָרגט — קלערט איטשע אויף — איך האָב זיך נאָר פאַרטראַכט וועגן אונדזער גורל. פון דאָרטן טרייבט מען אונדז, און דאָ לאָזט מען נישט אַריין. איך פאַרשטיי נישט וואָס דער ענגלישער לייב, די גרויסע בריטישע אימפּעריע פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן האָט פּלוצלונג מורא געקראָגן פאַר אַ הייפעלע אַראַבער. זאָגט מיר, באַלעבאָס, איך וויל אייך פרעגן אַן ערנסטע שאלה?

— מאַכט אים נישט פאַר קיין רב, איך בעט אייך — רופט זיך אָפּ די באַלעבאָסטע — מער פעלט מיר נישט. אויף שאלות האָבן מיר אַ שטאָט־רב אין פּתח־תקוה.

— מיין ווייב איז אַ נישט־פאַרגינערין — זאָגט דער באַלעבאָס און ווענדט זיך צו איר — וואָס אַרט דיך, אַז מען האַלט מיך פאַר אַ וויסער? וואָס דערלייגסטו צו דעם געשעפט? רעד, פרעג, איך וועל דיר גערן ענטפערן.

— אַזוי ווי איר זענט אַ קענער אין פּאָליטיק — הייבט אָן איטשע — וויל איך אייך פרעגן דעם זין, וואָס די המנס האַלטן פאַרמאַכט ארץ־ישראל פאַר די יידן און אין דער זעלבער צייט קומען אַריין אַראַבער פון אַלע אַרומיקע לענדער אָן אַ באַלפור־דעקלאַראַציע. פאַר זיי איז ארץ־ישראל נישט פאַרמאַכט, נאָר פאַר אונדז, יידן. דאָס איז דאָך אַ טראַגעדיע. אין אַלע פאָרטן פון אייראָפּע זענען געבליבן שטעקן די חלוצים. וויפל געגנוי ווייס איך נישט. נאָר אין ווין שאַץ איך ביי אַ דריי טויזנט מאַן. עס איז אודאי פאַראַן אַ צען טויזנט, וואָס וואַרטן אין צער און פּיין אַריינצוקומען אין לאַנד.

— בלי־עין־הרע — ענטפערט אָנשטאָט דעם באַלעבאָס די באַלעבאָסטע — איך מיין, אַז די אַלע, וועלכע זענען אין וועג טאָר מען נישט פאַרהאַלטן. מען מוז זיי גלייך אַריינלאָזן. זיי זענען דאָך צעבראָכענע מענטשן. זיי האָבן דאָך אַלץ ליקווידירט. זיי עסן אויף די פאַר פונט. צוריקפאָרן האָבן זיי אויך נישט מיט וואָס. זיי מוז מען שוין אַריינלאָזן, נישט אויפהאַלטן קיין איין טאָג...

— מיין ווייב האָט שוין געפּסקנט. איצט ביסטו געוואָרן רב אָדער רביצין — לאַכט דער באַלעבאָס — גיי, זאָג די ענגלענדער דאָס. זיי וואַרטן נאָר אויף דיין עצה, אויף דיין פּסק־דין. איך בעט דיך, מיין טייערע, לויף נישט פריער. איבערהויפּט, אַז מען האָט זיך געוואַנדן נישט צו דיר. איצט וועסטו מיך לאָזן רעדן...

— איין קלוגער, איין וויסער, איין מבין איז דאָ אין פּתח־תקוה — לאָזט די באַלעבאָסטע איר מאַן נישט רעדן — און אפשר איז גאַנץ ארץ־ישראל. דאָס איז מיין חכמדיקער מאַן און אַלצוויסער. אַ מענטש דאַרף פון זיך אַזוי נישט האַלטן. דו מיינסט, אַז עס איז די פאַבריק פון קוואַס? איר זענט אַ מבין? ער לאָזט נישט רעדן קיין וואָרט. נאָר ער. באשר בכן דו גייסט אין הויזן? יאָ, ביסט גערעכט, ווייל איך האָב דיר נישט געגעבן קיין פּסק פאַר דיינע פריערדיקע באַמערקונגען וועגן מיר. מיין מאַן איז ווי אַ פּירפּיסיקער. אַז דו גיסט אים אַ פינגער כאַפּט ער אַריין די גאַנצע האַנט...

— נו, שאַ, מיין גאָלובטשיקל — רייסט איבער דער באַלעבאָס — וואָס האָב איך דען געזאָגט? וואָס פאַרדריסט דיך אַזוי? טאָמער האָב איך פּוגע בכבוד געווען, טאָ זיי מיר מוחל. אַ מענטש כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ וואָרט. רעג זיך נישט אויף!

— קוקט אים נאָר אָן — לאָזט די באַלעבאָסטע נישט אָפּ איר כעס — אַזוי איז שטענדיק מיט אים. ער רייסט זיך אָפּ, האַקט אַריין אַ וואָרט ווי אַ יון אין סוכה, און מען ווערט דערפון אויפגערעגט. דערנאָך האָט ער חרטה און בעט סליחה. איך האָב נישט דאָ וואָס צו טאָן.

זי הייבט זיך אויף און וויל אַוועקגיין. דער מאַן לאָזט נישט און פאַר־שטעלט איר דעם וועג. ער נעמט זי אַרום און זעצט זי צוריק אויף איר אָרט:

— איך וויל נישט זאָלסט אַוועקגיין ברוגז. וואָס האָב איך דען אַזעלכעס געזאָגט? איבעריקנס האָב איך שוין געבעטן סליחה און מחילה. דו ביסט דאָך אַ גוטענקע. מער שוין נישט. איך וועל מיר ליבערשט געבן אַ ביס אין דער צונג, איידער דיר זאָגן אַן אויפגערעגט וואָרט.

— הלואי אויף אַ לענגערער צייט — איז שוין די באַלעבאָסטע בעסער

— דו האָסט אָבער אַ קורצן זכרון. איך וויל נישט און דאַרף נישט די חניפה. איך האָב עס פיינט. איך וויל נאָר זאָלסט נישט לאָזן לויפן דיין מויל אָן קאָנטראָל. גענוג! רעד און זאָג!

— ווען איך ווייס, אַז מיין שאלה וועט אַרויסרופן אַזאַ וויכוח ביי אייך, וואָלט איך נישט געפרעגט — רופט זיך אָן איטשע זשעניִרט.

— פאַר וואָס? איר מעגט און דאַרפט פרעגן און איך מעג אויך אָנטיילנעמען און אַרויסזאָגן זיך, נישט זיצן ווי אַ שטומע — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט — און דו, מיין מאַן, ענטפער אויף דער שאלה, וואָס מען פרעגט דיך. לאָז הערן דיין מיינונג און פאַרמאַך נישט דאָס מויל פון אַ צווייטן.

— איך זאָג דיר צו, אַז עס וועט שוין זיין בסדר — זאָגט דער באַלעבאָס אין אַן איבערבעטנדיקן טאָן — די שאלה איז זייער אַ וויכטיקע און ערנסטע. דאָס איז נוגע אַלע יידן און ארץ־ישראל. איך בין זייער סקעפּטיש, אל תפתח פה לשטן, השטן מקטרג אלא בשעת סכנה. איך האָב פּראָסט און פּשוט מורא צו זאָגן.

— טאָ זאָג נישט, אַז מען האָט מורא דאַרף מען בכלל נישט זאָגן קיין שלעכטע בשורות — האָט די באַלעבאָסטע זיך ווידער אַריינגעמישט.

— איר דאַרפט נאָר זען, אַז די מחשבה זאָל זיין אַ גוטע. זאָגט און האָט אין זינען אין האַרצן, עס זאָל זיין צום גוטן — מיינט איטשע — טאָ זאָגט.

— נישט אַזוי גיך וועט דער ענגלענדער לאָזן אַריינקומען די יידן אין לאַנד אַריין — דערקלערט דער באַלעבאָס — ער וועט אָנווענדן אַלע מיטלען, כשרע און נישט כשרע, כדי נישט אַריינצולאָזן קיין יידן אין לאַנד. ער קען די מלאכה.

— אויב ער וועט נישט אַריינלאָזן קיין יידן — טענהעט איטשע — טאָ וואָס טויג דער גאַנצער טאַראַראַם מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע. איז דאָך די יידישע היים נישט מער ווי אַ פּורים־שפּיל.

— זיי נישט אַזוי נאַאיוו — לאַכט דער באַלעבאָס — יידישע היים. דו גלייבסט די גויִים? עס איז טאַקע נישט מער ווי אַ פּורים־שפּיל. זיי האָבן געזען, אַז די יידן נעמען עס ערנסט און קומען אין אַ גרעסערן

פאַרנעם האָבן זיי אָנגערייצט די פינצטערע אַראַבער. זיי אַליין זענען גאָט די נשמה שולדיק, צדיקים. זיי גיבן נאָר די אַראַבער דאָס געווער און זאָגן צו זיי נישט צו באַשטראָפן. דערנאָך גיבן זיי אַרויס אַ פאַרבאָט צוליב די אומרועז אַריינצופאָרן יידן אין לאַנד. ביי די טערקן איז געווען רויק. און עס זענען בכלל אין לאַנד נישט געווען אַזוי פיל אַראַבער. זיי קומען פון אַלע אַראַבישע לענדער. זיי דאַרפן נישט קיין פּעסער און וויזעס. די ענגלענדער דערמוטיקן די אַראַבער צו קומען, זיי גיבן זיי אַרבעט, עפנטלעכע אַרבעט, שטעלעס פון פקידים, שוטרים, שומרים. די אַראַבער קומען מחנותווייז. זיי דאַרפן נישט קיין הייזער. אַ שטיק לייוונט מיט צוויי שטעקנס איז אַ וווינונג. אַ זאַק מיט דריי לעכער, צוויי פאַר די הענט און איינער פאַרן קאָפּ — איז אַ קליידונג. זיי גייען באָרוועס, אַרבעטן ביליק, אַפילו די קליינע פאַרדינסטן גיט ער נישט אויס...

— דאָס יידישע פאָלקסוועדטל זאָגט: ליב האָבן און צוזאָגן קאָסט קיין געלט נישט — מישט זיך אַריין די באַלעבאָסטע — אָבער אָן דער יידישער הילף וואָלטן זיי נישט געווונען די מלחמה דאָ. הערט זיך צו צו אַן איינפאַכער פרוי. וויפל קרבנות מיר האָבן געגעבן. גדוד העברי, נילי, דאָס זענען נישט קיין קלייניקייטן...

— און די יידישע געלערנטע, די ווייצמאַנס, וואָס האָבן געהאָלפן דערפינדן די כלים צו געווינען די מלחמה — פירט ווייטער דער באַלעבאָס דעם געדאַנק פון זיין פרוי — איבעריקנס האָבן די ענגלענדער אויסגע־כאַפּט דאָס וואָרט יידישע היים ביים קייזער ווילהעלם. יעקע האָט געוואָלט האָבן אויף זיין זייט די יידישע געלערנטע. נאָר צוויי טעג נאָך און ווילהעלם וואָלט פּראָקלאַמירט די יידישע היים. האָט דער ענגלישער שפּיאָנאַזש אויס־געכאַפּט...

— ווער ווייסט — זאָגט איטשע — ווו איז יעצט ווילהעלם? די מעשה פון קייזער ווילהעלם איז נאָר אַ מעשה, נישט באַשטעטיקט. אָבער דאָס אַלץ געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. וואָס טוט מען מיט די פאַלשקייטן, וואָס דער ענגלענדער ווענדט אָן צו אונדז? איר זענט אַ מענטש וואָס אָריענטירט זיך אין פּאָליטישע זאַכן, זאָגט!

— ווער וועט מיך הערן און פאָלגן — זיפצט דער באַלעבאָס — איך,

אַ בעקער, וועל זיי גיין זאָגן דעות אָדער געבן עצות. אַז עס קומט צו די פּראַגן וואָס צו טאָן מיט דער אומגערעכטיקייט ווער איך שטאַרק פאַר־צערט און פאַרגעס זיך ווו איך בין. איין רגע. איך וועל מיר נאָר נעמען אַ גלאָז טיי. נישטאָ. אַפילו דער סאַמאָוואַר איז טרוקן געוואָרן. איך מוז שטעלן אַ פרישן סאַמאָוואַר. רעדן אָן טיי קען איך נישט. איך וועל אים אָנפילן מיט וואַסער, צושיטן קוילן, וועלן מיר האָבן פרישע טיי. וועל איך אויך דיך מכבד זיין.

— בבקשה, מיר האָבן צייט — איז איטשע מסכים — מיר וועלן וואַרטן. באַלעבאָסטע, איך זע, אַז איר האַלט אַ ביכל, וואָס פאַראַ ספר איז עס? סליחה.

— לעוו טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום" אין רוסיש — ענטפערט די באַלעבאָסטע — פאַר אייער קומען צו אונדז האָב איך מער געלייענט. לעצטנס קומען מיר אָפּ מיט וויכוחים.

— בין איך הייסט עס — שמייכלט איטשע — דער ברענגער פון ביטול־תורה?

— חס־וחלילה — זאָגט די באַלעבאָסטע — איך ווייס נישט וואָס איז וויכטיקער. אגב ביים לייענען שלאָפט מען אַ מאָל איין, און ביים שמועסן נישט.

— איך בין פאַרטיק — זאָגט דער באַלעבאָס צופרידן — ווו האַלטן מיר?

— וועלכע עצה? וואָס טוט מען? — זאָגן איטשע מיט דער באַלע־באָסטע אין איינעם.

— ערשטנס דאַרפן מיר דערלאַנגען אַן אינטערפעלאַציע צום פעלקער־בונד מיט די אונטערשריפטן פון די יידן אין ארץ־ישראל און פון חוץ־לארץ. עטלעכע מיליאָן אַזעלכע אונטערשריפטן. מען דאַרף דערציילן, אַז דער ענגלענדער פירט נישט אויס דעם מאַנדאַט, וואָס מען האָט געבעך אויף אים אַרויפגעצוווּנגען ער זאָל אָננעמען, בעטן מיר טאַקע מען זאָל אים באַפרייען דערפון און פאַרטווישן אויף אַ צווייטן...

— מען טאָר נישט בעטן אויף קיין נייעם מלך — רופט זיך אָפּ די באַלעבאָסטע — דער ענגלענדער פירט דאָך דאָרט אין פעלקערבונד דאָס

גאַנצע רעדל קען ער נאָך אונדז אַריינרוקן אַזאַ שלאַק, וואָס וועט זיין ערגער פון ענגלענדער.

— נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז דער ענגלענדער וועט אונדז וועלן פאַרלאָזן — מיינט איטשע — באַלעבאָסטע, לאָזט אים אויסרעדן זיך. דווקא די אינטערפּעלאַציע איז נישט קיין נאַרעשער איינפאַל. רעדט ווייטער, באַלעבאָס!

— מיר דאַרפן זיך זעצן צום טיש און רעדן אָפענע דיבורים — ציט ווייטער דער באַלעבאָס — איידער מיר לייגן אַריין אין דעם עסק די מיליאָנען פונטן, מענטשן, שוויס, ענערגיע, כוח און בלוט. מיר דאַרפן שטעלן דריי תנאים: געבן אונדז אַ הלוואה אַן פּראָצענט אויף אַ לענגערער צייט, דורכן פעלקערבונד; צוויי: אָפּשטעלן דעם שטראָם פון די פרעמדע אַראַבער; דריי: געבן אונדז אויף אַ צייט אַ שמירה, אַ פאַרזיכערונג. דאָס אַלץ דאַרף זיין מיט מעשים, נישט אויפן פּאַפּיר, אויב זיי מיינען ערנסט מיט דעם וועלן פאַרזיכערן די יידן אַ נאַציאָנאַלע היים. אויב נישט איז אַן עבירה די גאַנצע מי. מוזן מיר זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ: יידישע היים, מדינה, באַלפור־דעקלאַראַציע, זענען דאָס פּוסטע ווערטער. זיי וועלן נישט אַריינלאָזן קיין יידן און אונדז אָנטאָן דאָ אַזוי פיל צרות ביז מיר וועלן מוזן, איך וויל עס נישט ברענגען פאַרן מויל, פאַרלאָזן אונדזער הייליק לאַנד.

— פאַר! פאַר! ווער האַלט דיך צו? — רופט זיך ווידער אָן די באַלעבאָסטע — איך מיט איטשען וועלן בלייבן. ווערסט אָבער דאַרפן צוריקקומען. דער וואָס עסט דאָ פליש, מוז דאָ איבערלאָזן די ביינער.

— די ערשטע עצה נעם איך אָן — זאָגט איטשע געלאַסן — זי געפעלט מיר, הגם זי איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. אָבער די צווייטע עצה צו פאַרלאָזן אונדזער היסטאָריש לאַנד, דאָס איז פאַרצווייפלונג. מיר גייען נישט פון דאַנען! באשר־בכן די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אַ בלאָף, טאָ ווער שטיצט זיך אויף דעם? איר האָט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אַן אוראַלטע דעקלאַראַציע פון גאָט אַליין! ער האָט אונדז געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד, צו אבות אבותינו, לזרעך אתן את הארץ הזאת. אין דער דעקלאַראַציע גלייבט איר? מיר זענען דאָ געווען מיט טויזנטער יאָרן

פריער, ווען זייערע זיידעס זענען נאָך אַרומגעלאָפן אין די וועלדער מיט די ווילדע חיות. און מיר אַליין, ביי היינטיקן טאָג, זענען גאָרנישט ? ניינצן מיליאָן יידן, בלי־עין־הרע, כן־ירבו, האָבן שוין נישט קיין סבלנות צו לאָזן זיך שעכטן און הרגענען פון יעדן נישטיקן המן, וואָס געפינט זיך אין יעדער צייט און אין יעדן אָרט. גענוג! אַלע קליינע פעלקער האָבן באַקומען זעלבשטענדיקייט, אַלע געניסן פון פרייהייט. ווילן מיר, דאָס עלטסטע פאָלק, נישט זיין קיין אויסנאַם. מיר מוזן צוריק קריגן אונדזער לאַנד. מיר דאַרפן אַריינשרייען אַלעמען אין די אויערן אונדזער פאַרלאַנג, אַז די וועלט קען נישט האָבן קיין קיום אויב די יידן וועלן נישט באַקומען זייער ווינקעלע. אויב נישט איז תמות נפשי עם פלישתים, וועלן מיר עס אַליין נעמען. אַ לאַנד שענקט מען נישט, אַ לאַנד גיט מען נישט ווי אַ מתנה. מיט גאָטס הילף וועלן מיר מצליח זיין.

— זיי לאָזן דאָך נישט אַריין קיין יידן ? — האַלט נישט אויס די באַלעבאָסטע.

— פאַרלאָזט איך אויף אונדזערע יידן — ענטפערט איטשע — מיר וועלן קומען. מיר וועלן געפינען עצות. מיר זענען אַ פאָלק פון רואה ואינו נראה. מיר וועלן קומען און שאַפן אַ יידישע היים, אַ יידיש לאַנד. ארץ ישראל איז געוועזן יידיש און וועט זיין יידיש. דאָס איז אונדזערס פון קדמונים...

— אויסצוקושן אים פאַר די גאָלדענע, טייערע ווערטער — זאָגט די באַלעבאָסטע — האָפענונג און טרייסט געבן זיי דאָך אַריין אין מיין האַרץ.

— מיין ווייב לעקט די פינגער פון דיין רעדן — איז דער באַלעבאָס מסביר — ווייל פרויען איז לייכט איבעררעדן מיט שיינע רייד. נשים דעתן קלות. ביי מיר אָבער רופט עס אַרויס אַ געלעכטער. דו, יאַנקל קאַק, וועסט גיין מלחמה האַלטן מיטן ענגלישן לייב? דאָס זענען חלומות. האָסט אַ ביקס? און אַז יאָ, קענסטו שיסן? ביזן היינטיקן טאָג מוזן מיר דעם ענגלענדער האָבן. ווען נישט וואָלטן זיי, אונדזערע קוזינען, אונדז אַלעמען צעריבן.

— דאָס הייסט, אַז מיר לעבן אין ענגלענדערס זכות — רעגט זיך אויף איטשע — זיי מאַכט איר פאַר די באַשיצער, זיי זענען דאָך די

אמתע פּאָגראָמשטשיקעס. איר, דער אַלטער ישוב, האָט אַריינגעברענגט דעם גלות אַהער אין ארץ־ישראל. איר קושט די רוט פון פּריץ, בייגט זיך כורעים פאַר אַ קנעפּל, טאַנצט מה־יפית לויטן דיריגירן פון זיין שטעקעלע, אָדער איר פּועלט עפּעס מיט שוחד אָדער וויינען. די מעטאָדן וועלן מיר, די דריטע עליה, זיך סטאַרן אויסראָטן. אַלע אייערע מיטלען זענען פאַלשע וועגן. מיר דאַרפן גיין אָפן און פריי און זאָגן, אַז מיר האָבן אויך אַ רעכט צו לעבן, עס איז אונדזערס און מיר וועלן אַליין זיך איינ־אָרדנען. זיי דאַרפן נאָר נישט שטערן, נישט אַנרייצן, נישט צוגיסן קיין נאַפט אויפן פייער, וואָס זיי אַליין האָבן געצונדן.

— אמתע, ריכטיקע ווערטער, וואָס קומען פון האַרצן, פון אַן אמת יידיש האַרץ — זאָגט די באַלעבאָסטע און ווענדט זיך צום מאַן — און דו, מיין מאַן, מעגסט מער אַכט לייגן אויף זיינע רייד און וויניקער לאַכן.

— אינטערעסאַנט, שטענדיק גיט זי אים גערעכט, שטענדיק באַמקעט זי אים צו, צי זי פאַרשטייט יאָ, צי נישט — באַמערקט דער באַלעבאָס — קיין איין מאָל האָט זיך נישט געטראָפן, קיין איין מאָל האָב איך נישט געהאַט די זכיה זי זאָל מיר גערעכט געבן.

— פון דיר רעדט שוין אַרויס אַ ביסעלע אייפערזוכט — לאַכט די באַלעבאָסטע — איך קען דאָך דיין טבע. ריכטיק, מיין מאַן? וואָס זאָל איך טאָן, אַז איטשע רעדט פיינער און פאַרשטענדלעכער און מער צום האַרצן ווי דו? יעצט זאָג מיר, פון ווען אָן ביסטו געוואָרן אַזאַ גרויסער וויסער, וואָס דו מאַכסט מיך אַוועק אין גאַנצן? פון ווען אָן? הייבסט שוין ווידער אָן? זע, מיין מאַן, צו זיין אַ ביסעלע מער איינגעהאַלטן.

— הערט מיך אויס, מיינע טייערע און חשובע באַלעבאַטים — זאָגט איטשע — מיר וועלן איבעררייסן דעם שמועס. איר וועט זיך דערווייל איבערבעטן און מאַכן שלום און איך וועל כאַפּן אַ שטיקעלע דרימל פאַר דער אַרבעט. מסכים?

— מסכים — שטימט צו דער באַלעבאָס — נאָר מיט איין תנאי, מיר זאָלן פאַרזעצן דעם שמועס. איך וויל נישט שטענדיק זיין דער לעצטער, וואָס בלייבט שולדיק אַן ענטפער. איך האָב פיינט צו בלייבן אַ בעל־חוב, נישט דיר, נישט מיין ווייב. אָבער צו אַ גלאָז טיי האָט עס

נישט קיין שייכות. איך מאַך שוין אַ פרישן סאַמאָוואַר טיי. פאַר אַזוי פיל רעדן בין איך ווערט עטלעכע גלעזער טיי. דו, איטשע, וועסט מיט מיר טרינקען, האָסט די ווערט.

— אַ דאַנק — זאָגט איטשע — איך וועל דאָס גלאָז טיי טרינקען אַ צווייט מאָל. איך מוז זיך גיין צושפּאַרן. שלום.

נאָך איטשעס אַוועקגיין פירן ווייטער מאַן און ווייב דעם שמועס.

— שווער צו געווינען ביי אים און באַזיגן אין אַ וויכוח. אוממעגלעך אים איינצובייסן — זאָגט פאַרטראַכט דער באַלעבאָס.

— עס איז ממש אַ פאַרגעניגן מיט אים איינצוטענהען, אים צו הערן רעדן. דיינע שמועסן זענען מלא־טעם — גיט צו די באַלעבאָסטע.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, מיין ווייב, אַז איך אַליין האָב אויך הנאה מיט אים איינצוטענהען, נישט וויכטיק וועגן וואָס. — זאָגט דער באַלעבאָס.

— טאָ פאַר וואָס האָסטו טענות צו מיר, אַז איך גיב אים שטענדיק גערעכט „צי איך פאַרשטיי יאָ, צי נישט" — זאָגט די באַלעבאָסטע סאַר־קאַסטיש — און איך קען דיך נישט אויסלערנען צו רעדן אַ ביסעלע לייטישער. איך זאָג דיר יעצט, אַז טאָמער גיסטו מיר נאָך איין מאָל אַ קלאַפּ איבער דער נאָז הייב איך זיך אויף און וועל שוין מער נישט הערן דיינע שמועסן. וועסט דערנאָך באַדויערן, אָבער עס וועט דיר שוין גאָרנישט העלפן. איך וואָרן דיך.

— וואָס איז, אַז מען כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ וואָרט, מה רעש? — מאַכט דער באַלעבאָס צו נישט די טענה — איך זאָג דיר צו, אַז אַזעלכעס וועט מער נישט געשען. און טאָמער, חס־וחלילה, וועט זיך טרעפן, איז עס נישט מער ווי אַ פּליטת פה. דאָ איז ער אַ שטאַרקער רעדער און ביי דער אַרבעט איז אַ רענדל אַ וואָרט. שטיל און ערנסט איז ער אַריינ־געטאָן אין דער אַרבעט. ער וויל די אַרבעט זאָל זיין אויפן בעסטן אופן, שיין, געראָטן. ער פרעגט זיך נאָך ביי יעדן טייג צי מען האָט נישט פאַרגעסן עפּעס אַריינצוגעבן, כאָטש דאָס איז נישט זיין אויפגאַבע, ווייל ער אַרבעט ביים אויוון. ווער שמועסט נאָך ביי די שבתדיקע חלות האָלט ער זיך אין איין פרעגן צי מען האָט נישט פאַרגעסן זאַלץ, צוקער, שמן.

נאָכן גאַנצן פֿרעגן נעמט ער אַ שטיקל טייג און פֿאַרזוכט. טאָמער פֿעלט עפּעס זאָגט ער דעם קנעטער און ווען יענער וויל נישט מסכּים זיין נעמט איטשע און מאַכט אַ קליין פּלעצעלע, לייגט עס אַריין אין אויוון און גיט עס שפּעטער צו פֿאַרזוכן. ווייזט זיך תּמיד אַרויס, אַז איטשע איז גערעכט, עס פֿעלט זאַלץ.

— קען מען דען נישט פֿעסטשטעלן ביים טייג צי עס איז נישטאָ קיין זאַלץ? — פֿרעגט די באַלעבאָסטע.

— נאָר אַ גוטער פֿאַכמאַן קען פֿעסטשטעלן צי עס איז דאָ זאַלץ — קלערט אויף דער באַלעבאָס — ווייל דאָס טייג אַליין האָט אין זיך אַזאַ זויערקייט, וואָס האָט אַ טעם ענלעך צו זאַלץ. געבאַקענערהייט קען שוין יעדערער פֿעסטשטעלן. וואָס שייך יענעם פֿאַל האָט מען דאָס געבעק געראָטעוועט צוגעבנדיק דאָס זאַלץ, וואָס האָט געפֿעלט. ער איז וווּיל און גוט אין אַלע הינזיכטן, צו גאָט און צו לייט.

— ווייסטו וואָס, מיין מאַן — זאָגט די באַלעבאָסטע נאָך אַ ווײַלע קלערן — עס איז מיר איינגעפֿאַלן אַ רעיון: אים אַרייננעמען אין אונדזער משפּחה. מען טאָר אים נישט איבערלאָזן אויף אַנדערע הענט. אָט קומט צו פֿאָרן אונדזער חנהלע צו גאַסט. זי וויל דעם גאַנצן חופֿש זיין ביי אונדז. וועלן מיר זי באַקענען מיט אים. אַז זי קען געפֿעלן איז קיין שום צווייפֿל. שיין ווי די גאַנצע וועלט, געראָטן, אַ מורה. די שאלה איז נאָר וואָס פֿאַר אַן איינדרוק ער וועט מאַכן אויף איר? צי וועט ער איר געפֿעלן?

— דיין רעיון געפֿעלט מיר — איז דער באַלעבאָס מסכּים — צי ער וועט איר געפֿעלן? ער איז דאָך אַ זייער שיינער מאַן. ער איז צום געפֿעלן. עס איז מיר אַ גרויס וווּנדער אויף דיר. דו ביסט דאָך יאָ אַ מבֿינטע אויף שיינע מענער. געדענקסט, וואָס דו אַליין האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז דו האָסט הנאה אויף שיינע מענטשן צו קוקן. איך זע, אַז דו האַלטסט וואָרט. טאָ וואָס פֿאַר אַ דאגה האָסטו? ער אַליין איז אויך נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. זעסטו, איין זאַך קען אָפּהאַלטן. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ מיידל אין חוץ־לאַרץ, וועלכע איז געבליבן אין ווין.

— טאָ וואָס איז? — מאַכט זי צו נישט זיין טענה — יעדער בחור האָט מיידלעך, באַקאַנטע חבֿרות. אַ מיידל איז נישט קיין פֿרוי. און וועלכעס

מיידל אָדער ייִנגל האָט נישט באַקאַנטשאַפט. עס איז נישט קיין עוולה. זאָג מיר, ווען הייבט זיך אָן דער חופש? באַלד אין צווייטן אָדער דריטן טאָג קומט זי.

— דוכט זיך, אַז די צווייטע וואָך — זאָגט דער באַלעבאָס — וועלן מיר האָבן בקרוב דעם גאַסט.

— שוין פיר יאָר נישט געזען — זאָגט די באַלעבאָסטע מיט בענקשאַפט — נאָכן דערהאַלטן דעם בריוו האָב איך אָנגעהויבן בענקן. אין די יאָרן ענדערט מען זיך. יעדן טאָג קומט אַ שינוי. דאָס איז דאָך אַ ליובע פון אַ מיידל.

— וואַרט צו מיט געדולד עטלעכע טעג — טרייסט זי דער באַלעבאָס — וועסטו זי האָבן דאָ. האָסט געוואַרט פיר יאָר איז נאָך עטלעכע טעג.

— איך מיין, מיין מאַן, אַז דו האָסט אַ טעות. עס איז נאָך דאָ עטלעכע וואָכן צום חופש. — זאָגט די באַלעבאָסטע — פון וואַנען ווייסטו, אַז די צווייטע וואָך הייבט זיך אָן דער חופש? ווער האָט דיר געזאָגט?

— ווער דאַרף מיר זאָגן? — חידושט זיך דער באַלעבאָס — איך ווייס אַליין, אַז שטענדיק נאָך שבועות הייבט זיך אָן דער חופש.

— ביסט דאָך שוין גלייך מיט וואַנקען — צעלאַכט זיך די באַלעבאָסטע — ווען איז פּסחא, וואַנקאַ? ער גיט זיך אַ קראַץ אין פּאַטילניצע, שטעקט אַרייןביידע הענט אין די פלאַקסענע האָר און זאָגט: ווען דער באַטשאַן קומט, אָדער, איך האָב נאָך נישט געפרעגט אונדזער פּאַטערל. אָבער ווי קומט עס צו דיר, מיין מאַן? דו ביסט דאָך עפּעס פון די בעסערע מענטשן, וואָס ווייסן אַלץ.

— איך דאַרף נישט ווייסן. וואָס איז עס אַ וויכטיק געשעעניש? — טענהעט דער באַלעבאָס — וואָס? איך בין אַ לערער? איך קען באַשטיין, אַז דער חופש זאָל זיין פון מאָרגן אָן און אָנהאַלטן ביז ווינטער.

— טאָ זאָג נישט ווען, אַז דו ווייסט נישט — איז די באַלעבאָסטע אין כעס — איך וועל מאָרגן פרעגן אַ קליין קינד. זיי ווייסן גענוי.

— איך גיי שלאָפן — דרייט זיך דער באַלעבאָס אַרויס פון אירע טענות — מיר האָבן אויף מאָרגן אַ גרעסערע באַשטעלונג אויף אַ חתונה, מוז איך מיטהעלפן. לילה טוב!

נאָכן באַלעבאָס׳ס אַוועקגיין איז זיין פרוי געזעסן און נאָך אַלץ געטראַכט:

— אפשר וועט מיר גאָט העלפן, אַז איך זאָל מצליח זיין מיט דער פּאָר. דאַמאָלט וועל איך גליקלעך זיין. דער איטשע איז דאָך אַזוי געפּאַסט פּאַר חנהלען. איך זע נישט קיין בעסערן אין דער גאַנצער מושבה. אין די יאָרן איז די בעסטע צייט פּאַר אַ מיידל חתונה צו האָבן. איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר אין מיינע מעגלעכקייטן, און גאָט זאָל צוהעלפן.

פרייטיק פרי נאָך דער אַרבעט האָט זיך איטשע צוגעשפּאַרט צו כאַפּן אַ דרימל. ווי מיד ער איז נישט געווען האָט ער דאָך נישט געקענט שלאָפן. פאַרשיידענע געדאַנקען קומען אים אין זין. ער מישט איבער אין זכרון די געשעענישן פון דער צייט פון אַרבעטן אויפן כביש, אַלע קראַנקהייטן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין דער קורצער צייט פון זיין ביים כביש, די חברים, די קבוצה, תמר, נאָכער מאַריאַ און שפּעטער די באַלעבאָסטע פון נוה־שלום. עס קומט אים אָן אַ ווילן צו גיין אויף דער יפוער פּאָסט, זיין אין נוה־צדק און נוה־שלום. ער וויל וויסן וועגן זיי אַלע. אויף די בריוו האָט ער קיין ענטפער נישט באַקומען. אפשר ליגן בריוו אויף דער יפוער פּאָסט. אפשר וועט ער טרעפן באַקאַנטע, אָדער ניי־געקומענע. יאָ, אַזוי בלייבט ביי אים. ער וועט צוגיין. שלאָפן וועט ער אין מלון „ברזל״ אין נוה־שלום. ער גייט זאָגן דער באַלעבאָסטע, ווייל דעם באַלעבאָס ווייס ער נישט ווו צו זוכן. ער גייט צו צום שוק, ווו די באַלעבאָסטע פאַרקויפט די געבעקסן.

— שלום, באַלעבאָסטע! — באַגריסט ער זי — ווי איך זע האָלט איר שוין באַלד ביים סוף. כמעט שוין פאַרקויפט די גאַנצע אַרבעט אונדזערע. עס וועט אייך זיכער אויספעלן.

— וואָס זשע האָט איר דערפון עגמת נפש? — שמייכלט די באַלע־באָסטע — איך נישט. עס איז דאָך פרייטיק. אויך איך בין אַ יידישע טאָכטער. איך דאַרף אויך שבת מאַכן. איך דאַרף נאָר זען, אַז מיינע שטענדיקע קונים זאָלן נישט בלייבן אָן ברויט און חלות. זאָגט מיר, וואָס טוט איר יעצט דאָ? איר זענט שוין אויסגעשלאָפן?

— כמעט — ענטפערט איטשע — איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז איך גיי אַ ביסל קיין תל־אביב. אויב איר וועט מיך נישט זען, טאָ קלערט נישט איבער. איך האָף מאָרגן צו זיין צוריק. גיט עס איבער דעם באַלעבאָס.

— אויב איר האָט גערעכנט צו זיין אין תל־אביב, טאָ פאַר וואָס זענט איר נישט געפאָרן מיטן דיליזשאַנס. — זאָגט די באַלעבאָסטע — איר זענט דאָך מיד נאָך אַזאַ לאַנגער, שווערער אַרבעט.

— איר זענט גערעכט — איז איטשע מסכים — דער ווילן איז גע־קומען נאָך דעם ווי דער דיליזשאַנס איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן.

— וואָס איז עס ביי אייך אַזוי דרינגנדיק היינט צו פאָרן? — פאָרשט זי — קען מען דען נישט אָפּלייגן עס אויף אַ צווייטן טאָג?

— היינט האָב איך צוויי טעג, פרייטיק און שבת — קלערט איטשע אויף — עס מאַכט נישט אויס. ביי מיר איז עס אַזאַ שפּאַציר. איך וועל מיר גיין פּאַמעלעך.

— טאָ גייט מיר געזונטערהייט — ווינטשט די באַלעבאָסטע — און קומט געזונטערהייט. רוט אייך אָפּ אַלע מאָל. גייט נישט מיט איין אָטעם. טאָמער טרעפט איר אַראַבער, מיידט זיי אויס.

איטשע געזעגנט זיך און גייט אַוועק. ער דרייט אויס דעם קאָפּ און זעט ווי די באַלעבאָסטע קוקט אים נאָך. ער טראַכט: אַ זעלטענע פרוי. געטריי ווי אַ מאַמע, אַ גוטע. ער פילט אין איר אַ מוטערלעך געפיל צו אים. ווי נאָר ער איז אַרויס פון דער מושבה טוט ער אויס די שיך און נעמט זיי אויפן אַקסל. עס גייט זיך לייכטער און גרינגער, אָבער די טיפע זאַמדן בריען און ער מוז צוריק אָנטאָן די שיך. דער גאַנצער וועג איז זאַמדיק, נישטאָ קיין בוים, נישט קיין גראָז. נישטאָ קיין שאָטן וווּ זיך צו באַשיצן אויף אַ ווייל פון דער ברענענדיקער זון. מען זעט בלויז אַ ביסלווילדע קוצים און חילפה.

פון דער ווייטנס באַוועגט זיך עפּעס. ווען דאָס געשטאַלט דערנעענ־טערט זיך זעט איטשע אַן אַראַבער מיט אַ קעמל. ער שלעפּט די בהמה, האַלט דעם שטריק אויפן אַקסל. דער קעמל פאַררייסט דעם קאָפּ. דער אַראַבער פרעגט אויף אַראַביש „פי געבריטע" און ווייזט מיט דער האַנט ווי מען רייבט אַ שוועבעלע. איטשע ווייסט, אַז אַזוי הייבן די אַראַבער

אַן אויסצופּרווון שטאַרקע אָדער שוואַכע. איטשע זעט, אַז ער וואָלט זיך געקענט מיט אים אַן עצה געבן. ער זעט נישט אויס קיין יונגער און נישט קיין העלדישער. איטשע ענטפערט: „מאַפּיש" און גייט ווייטער, מיידט אים אויס. זיי קוקן זיך ביידע נאָך. איטשע גייט ווייטער און אָט דערזעט ער דעם נאַפּאָלעאָן־באַרג, אַ סימן, אַז ער איז שוין נישט ווייט פון תל־אביב. אָט איז שוין שרונה. דאָ זעצט ער זיך אַפּרוען אונטער דעם שאָטן פון די ביימער.

ווען ער איז אָנגעקומען אויף רחוב הרצל, באַלד ביי די רעלסן פון דער באַן, וואָס גייט קיין לוד, זעט ער אַ פאָטאָגראַף מיטן נאָמען סאָסקין. ער פאָטאָגראַפירט זיך. עס וועט זיין אַ פיינע מתנה אַהיימצושיקן, נישט ערגער פון געלט. נאָכער גייט ער צו דער פּאָסט אין יפו. אפשר איז דאָ אַ בריוו. טאַקע. עס זענען דאָ עטלעכע בריוו. דאָס ערשטע לייענט ער שלומס בריוו מיט איין אָטעם, שטייענדיק. שלום שרייבט, אַז מאַריאַ און אַבדאַלאַ זענען אַוועק צוריק קיין ביירות. פאַרן אָפּפאָרן האָט אַבדאַלאַ שלומען דערציילט, אַז מאַריאַ האָט איטשען ליב געהאַט זייער שטאַרק און פון גרויס בענקשאַפט איז זי אַרומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ, זי האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, נישט געלאָזט צו זיך רעדן. זי איז געווען שטאַרק פאַרביטערט, וואָס איטשע האָט נישט געזעגנט זיך מיט איר. דעריבער האָט זי נישט געוואָלט מער בלייבן דאָ און געטאָן אַלץ צוריקצופאָרן קיין ביירות. אויך די באַלעבאָסטע, די יונגע, האָט אַ קורצע צייט נאָך איטשעס אַוועקפאָרן זיך אַרויסגעקליבן קיין ירושלים און ביז היינט נישט צוריקגעקומען. פון דער שטוב איז אַ תל געוואָרן. דעם אַלטן קען מען גאָרנישט דערקענען. די גאַנצע צייט האָט דער אַלטער באַלעבאָס געטענהעט, אַז איטשע האָט אים צוגעזאָגט צו קומען צוריק. אַבדאַלאַ האָט געבעטן גריסן איטשען און אים זאָגן, אַז ביידע האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, ער און מאַריאַ. איטשע איז דער גורם פון זייער אַוועקפאָרן. שלום האָט אין האַרציקע ווערטער געזעגנט איטשען און אויסגעדריקט די האָפענונג זיך מיט אים צו זען.

איטשען האָט דער בריוו שטאַרק גערירט. וואָס שייך דעם נישט געזעגענען זיך מיט מאַריאַן, האַלט ער יעצט אויך דאָס פאַר ריכטיק.

זי וואָלט אפשר משפיע געווען ער זאָל בלייבן. ווי גאָט פירט, אַזוי דאַרף זיין. בעסער, אַז עס האָט זיך אַזוי געענדיקט. דער בריוו האָט איטשען אַזוי גערירט, אַז ער האָט אָפּגעלייגט דאָס לייענען די איבעריקע בריוו אויף שפּעטער.

ער איז אַוועק אין נוה־שלום אין דער מסעדה „פּולוניה", די ביליקע קיך פון די פּוילישע יידן, וווּ עס האָבן געגעסן כמעט אַלע חלוצים און ניי־געקומענע. ער איז אַרויפגעגאַנגען עטלעכע טרעפּלעך און געזען ווי די מסעדה איז פול, שווער צו געפינען אַ פּלאַץ זיך אַוועקצוזעצן. אַ געפילדער. אַ גערעדעריי. איינער וויל דעם צווייטן איבערשרייען. חברה עסט מיטאָג, רויטן פּוילישן באָרשט, חמיצה, קרויטבאָרשט מיט ברויט, אַלץ ביליקע עסנס. טייל וואַרטן מען זאָל זיי דערלאַנגען, דערווייל ברומען זיי אַ חלוץ־לידל. איטשע געפינט דאָ עטלעכע שיפס־חברים פון דער שיף „אַמבאַציאַ", אַ באַוווסטע שלעפּשיף פון חלוצים. ער באַגריסט זיך און פרייט זיך מיט זיי. זיי מאַכן אים אַ פּלאַץ נעבן זיך. מען פרעגט זיך אויס קעגנזייטיק. איטשע טרעפט אויך אַ חבר פון כביש, נישט פון זיין קבוצה. ער דערציילט אים פון יעדן איינעם. ער דערציילט, אַז תמר איז צוליב אַבראַשען איבערגעגאַנגען צו זיין קבוצה. איטשע לויבט אַבראַשען און פרעגט זיך אויף צביקען. יענער וויס גאָרנישט וועגן אים. דערווייל בעט ער מען זאָל אים שאַפן אַרבעט. ער איז אָן אַ פּרוטה, גאָלע ווי די מאַטקע באָסקאָ.

איטשע דערמאָנט זיך זיינע איבערלעבונגען, ווען ער האָט זיך אַרומגעדרייט און געשלונגען שפּייעכץ און לייגט פאָר דעם חבר קודם אָפּעסן צוזאַמען. ער באַשטעלט פון שענסטן און בעסטן צוויי מיטאָגן. וואָס שייך אַרבעט וויל איטשע אים מיטנעמען קיין פּתח־תקווה און לייגט אים פאָר מיטגיין מיט אים אין האָטעל. דער חבר דרייט זיך, שעמט זיך צו זאָגן, אַז ער האָט נישט וווּ צו שלאָפן. ער וויל בעסער דאָס געלט פאַרן האָטעל פאַרנוצן אויף עפּעס וויכטיקערס. שלאָפן קען מען אומעטום. איטשע באָרגט אים געלט און ביידע נעמען גיין צוזאַמען. פאַרבייגייענדיק די פּינה השחר שטעלט זיך איטשע אָפּ. אַלץ איז ווי געווען. דער חבר פרעגט אים ווו ער גייט, היינט איז דאָרט פאַרמאַכט אין משרד. איטשע זאָגט אים, אַז

ער האָט אַ חשבון מיטן פּקיד, דעם גראָבן פּעטניאַק. דער חבר דערציילט, אַז אַלע קלאָגן זיך און דאָך וויל מען אים נישט בייטן.

זיי גייען פאַרביי נחלת־בנימין. איטשע באַמערקט, אַז אַ סך נייע הייזקעס זענען צוגעקומען. ער געדענקט נאָך ווען דאָרט איז געווען נאָר איין הייזקע. מען פּלאַנעוועט אַ סך. אַט גייט מען מאַכן אַ גאַס פון די באַן־רעלסן ביז צום ים. אויף דעם פּרדס אַנטקעגן הרצל־גאַס גייט מען פאַרבויען. פון דער גאַס, וואָס פירט קיין יפו, וויל מען מאַכן אַ מרכז מסחרי. עס וועט זיין אַ סך אַרבעט.

איטשע איילט זיך צום האָטעל, ווייל זיי זענען פרומע, די באַלעבאַ־טים, און מען דאַרף פריער באַצאָלן פאַר די צוויי נאַכטלעגערס. ער מוז אויך באַשטעלן פרישטיק.

אַזוי גייען זיי צוזאַמען. איטשע דערליידיקט אַלץ און צאָלט. דער חבר איז זייער גערירט און זאָגט צו אָפּצוגעבן. אָבער איטשע ענטפערט אים:

— זיי נישט קיין נאַר. ווער וויל פון דיר עפּעס? איך טו מיין חברישע פליכט. איך ווייס דעם טעם פון עלנט, פון הונגער. איך האָב עס אַליין מיטגעמאַכט. היינט, ברוך השם, קען איך נאָך אַרויסהעלפן. ווער רעכנט זיך מיט דעם? וואָס האָב איך געטאָן? עטלעכע נאַרעשע טאָלערס. רעד נישט מער דערפון.

אַוועק פון האָטעל, ווו מען האָט איטשען זייער גוט אויפגענומען, זענען זיי געגאַנגען זוכן באַקאַנטע. די טבע פון עלנטע, פאַרוואָגלטע איז צו געפינען היימישע. זיי גייען אַריין אין חנה מייזלס קיך. עס זיצן חברה, אָבער נישט קיין היימישע. זיי גייען ווייטער און קומען צוריק אין מסעדה „פּולוניה". דאָרט איז אַ גאַנצן טאָג אַ גרויסער יאַריד. אַריין און אַרויס. דאָרט טרעפט איטשע חברה, מיט וועלכע ער איז געווען אין פרעשבורג, אין ווין, אָבער נישט קיין נאָענטע חברים. בדרך־כלל ווערט מען באַלד היימיש מיט די נישט באַקאַנטע. איטשע לייגט פאָר זיין חבר צו גיין זיך באָדן אין ים.

נאָך דער באָד האָבן זיי געקריגן אַפּעטיט און איטשע פירט אַוועק זיין חבר אין דעם רעסטאָראַן „פּולוניה". דער חבר, פילט ער, איז שטאַרק הונגעריק. אין רעסטאָראַן איז ווידער פול. אַ גרויסע פאַרע זעצט פון די

עסנס. זי באַשטעלן אַ פּלאַץ, אָבער דער עסער איילט זיך נישט, ער האָט צייט. עס איז שבת. איטשע האָט אָפּגעגעסן שפּעט, מיד און מאַט איז ער נאָך געווען פון נעכטן, נישט געשלאָפן. אויך דער וועג און דאָס אַרומ־שלעפּן זיך אַ גאַנצן טאָג האָט אים פאַרמאַטערט. איז ער גלייך אַוועק זיך אויסשלאָפן אין האָטעל.

זיי זענען אַרייגגעשלאָפן אין גרויסן טאָג אַריין, כאָטש זיי האָבן אָפּ־גערעדט פרי אַרויסצוגיין קיין פּתח־תקווה. איטשע האָט נאָך געמוזט וועקן זיין חבר. די באַלעבאָסטע פון האָטעל האָט זיי נישט געוואָלט אַוועקלאָזן ביז זיי וועלן נישט פאַרזוכן איר טשאָלנט. זיי האָבן געדאַנקט און אַוועק זייער וועג.

דער וועג אין צווייען איז שנעל אַדורך. איטשע פירט אַריין זיין חבר צו אַ באַקאַנטן, וואָס האָט אַליין אַ צימער. יענער נעמט זיי גוט אויף און זאָגט צו צו העלפן געפינען אַרבעט פאַרן נייעם חבר, ער האָט באַ־קאַנטע חקלאים.

דער באַלעבאָס זיצט אויף דער מרפּסת און טרינקט, ווי זיין שטייגער איז, הייסע, זודיקע טיי. דאָס האַנטוך איז פאַרלייגט אויף די אַקסלען און ער ווישט כסדר דעם שוויס. איטשע קומט אַריין מיט אַ העפלעכן שלום און בעט אַ דערלויבעניש צו פאַרנעמען אַ שטיקל טעראַסע, ווייל ביי אים אין צימער איז שטאַרק הייס. דאָ איז קילער.

— דו, כסיל שבכסילים! — לאַכט דער באַלעבאָס — וואָס פּתאום פרעגסטו אַ דערלויבעניש? פון ווען אָן? דאָס ערשטע מאָל נוצסטו די טעראַסע? איך וויל זיין דערביי ווען דו וועסט פּרווון אַזאַ דערלויבעניש בעטן ביי דיין באַלעבאָסטע. איך וויל הערן דעם מי־שברך, וועלכן דו וועסט אַריינכאַפּן פאַר דיין פּלוצלינגדיקער העפלעכקייט. דאָס קען מען טייטשן אַנדערש.

— סליחה — זאָגט איטשע, וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון אַנדערש — וואָס האָב איך דאָ געזינדיקט, אַז איך האָב זיך אַרויסגע־כאַפּט מיט אַ העפלעך וואָרט. מה רע בזה?

ביידע שמייכלען. איטשע נעמט אַרויס אַ פּעקל בריוו, נאָר וואָס

אָפּגענומען פון דער פּאָסט. אַ מזלדיקער טאָג. אַזוי פיל בריוו אין איין טאָג. ער לייענט און מאַכט ביים לייענען גרימאַסן מיטן פּנים, באַוועגט מיט די הענט. דער באַלעבאָס קוקט אים אָן.

— זעט, וואָס מען שרייבט מיר — טראָגט איטשע אונטער אַ בריוו און ווייזט אים דעם באַלעבאָס — מען שרייבט: „מיר האָבן דערהאַלטן די פּאָר פונט, וואָס דו האָסט געשיקט. מיר האָבן עס מפרסם געווען פאַר אַלעמען". דאָס האָט געמאַכט אַ רושם און אַ פּראָפּאַגאַנדע מער ווי אַלע רעדנער און בעל־דרשנס און פּריידיקער: מען שיקט שוין געלט פון ארץ־ישראל. איר דאַרפט וויסן, אַז אַ פונט אין פּוילן איז אַ סך געלט. אַ סך וועלן קלערן, אַז אויב אַ יינגל אָן אַ פאַך קען שיקן פונטן, וועלן די פאַכלייט אַוודאי קענען. דעריבער דאַרף מען נישט מורא האָבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

— אמת, ביסט גערעכט. דאָס קען שטאַרק משפּיע זיין — זאָגט דער באַלעבאָס. — אָבער לאָמיר איבערלאָזן דעם שמועס. זאָג מיר, וואָס האָט יענער בעקער געוואָלט פון דיר. ער האָט אין דיר אַזוי אַריינגערעדט.

— איר וועט מיר מוחל זיין און וואַרטן עטלעכע מינוט. — זאָגט איטשע — איך וועל נאָר ענדיקן לייענען די בריוו, וועל איך אייך אַלץ דערציילן.

— האָסט מורא מפסיק צו זיין, האַלטסט אין מיטן דאַווענען? — פרעגט דער באַלעבאָס.

— באַלעבאָס, עטלעכע מינוט. און איך וועל זיין צו אייער באַפעל — זאָגט איטשע.

— בסדר — איז מסכים דער באַלעבאָס — איך וועל דערווייל צו־גרייטן אַ נייעם סאַמאָוואַר טיי. ער טאָר נישט טרוקן ווערן.

— באַלעבאָס, איך בין פאַרטיק. יעצט בין איך צו אייער דיספּאָזי־ציע — זאָגט איטשע נאָכן ענדיקן לייענען די בריוו — איך וועל מיר נאָר נעמען אַ גלעזעלע טיי. איך וויל אייך נישט מטריח זיין. קודם וועלן מיר טרינקען צוזאַמען. יעצט הערט וואָס יענער בעקער האָט געוואָלט פון מיר. איך האָב אים נישט געקענט. שטעלט ער מיך אָפּ און פרעגט מיך צי איך בין דער בעקער־אַרבעטער ביי דעם ליטוואַק. עס איז מיר

באַלד נישט געפעלן זיין צוקומען, זיין אויסדרוק, זיין צוטריט אַן אַ שלום. איך האָב אים נישט געענטפערט. און ער רעדט און רעדט און וואָרט נישט אויף קיין ענטפער. זאָגט מיר, ווו וואַקסן אַזעלכע בהמות? ער האָט גערעדט גיך, אַלץ צוזאַמען, וויפל איך פאַרדין, וויפל מיר באַקן, וויפל חלות, וויפל לחמניות, וויפל דאָס, וויפל יענץ. איך בין געשטאַנען און אים אַזוי אָנגעקוקט ביז איך האָב אים געלאָזן שטיין און אַוועק. איז ער מיר נאָכגעלאָפן און געשריען: „וואָס לויפט איר? הערט מיך אויס. איך דאַרף אַ פועל אַ פּאַכמאַן. גיי איבער צו מיר. וויפל דו קריגסט ביים ליטוואַק גיב איך דיר אַ דריטל מער".

— וויפל האָט ער דיר געוואָלט געבן מער? — פרעגט דער באַלע־באָס — זאָג, שעם זיך נישט.

— באַלעבאָס, אויף מיין ערנוואָרט. איר קענט מיך שווין אַ ביסל. גלייבט מיר, ווען דער ייד גיט מיר טאָפּלט טו איך עס נישט — פאַר־זיכערט איטשע דעם באַלעבאָס — געלט איז נישט וויכטיק. די פּערזאָן, דער מענטש האָט אויך עפּעס צו זאָגן. וואָס פעלט מיר ביי אייך? דער גוטער יחס איז בעסער פון געלט. ביידע האָב איך אייך גערן. די באַ־לעבאָסטע איז דאָך ווי אַ מאַמע צו מיר. עס וועט אייך נישט פאַרדריסן? איך האָב זי ליב ווי אַ מאַמע.

— האָסט מיך שטאַרק איבערגעשראָקן מיטן וואָרט ליב — לאַכט דער באַלעבאָס — ערשט ווען דו האָסט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „ווי אַ מאַמע" האָסטו מיך אַ ביסל באַרויִקט. איך קען יענעם בעקער פון דער וויַיטנס. ער קריכט מיר איבעראַל נאָך, אַפילו מיט די פּרייזן. מאַך איך אַ נייע זאַך, איז ער אויף מאָרגן דאָ. ער איז נישט פאַר מיר קיין קאָנ־קורענט, אַפילו ווען ער לייזט עפּעס ביליקער. איך רעכן זיך נישט מיט אים. איך גיי מיר מיין דרך.

די באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען. אַ ביסל פאַררויטלט, אָנגעטאָן אין אַ ברייטן פאַרטוך מיט אַקסלבענדער. אין דער זייט אַ בינטל שליסלען. אין דער צווייטער זייט אַ לעדערנער טאַש. אויפן קאָפּ אַ שיין טיכל מיט קאָלירטע בלומען. אַ ביסל האָר קוקט אַרויס ווילעריש פון אונטערן טיכל.

דאָס גיט צו חן איר פולן גוף. מיט אַ שמייכעלע און אין אַ פּאָזע ווי אַ שחקנית שטעלט זי זיך אַוועק און זאָגט:

— דער מיט זיינע בריוו, און דער מיטן סאַמאָוואַר טיי, טרינקט און שוויצט, און ווישט דעם שווייס, כרגיל, ווי שטענדיק. שוין אויסגעשלאָפן זיך? און גלייך צו אייער טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג: איינער מיט די בריוו און דער אַנדערער מיטן סאַמאָוואַר.

— וואָס איז געשען? ווּעמען האָסטו געלאָזן שטיין ביי דער שטעל? — פרעגט דער באַלעבאָס.

— שוין געענדיקט. פאַרמאַכט. פאַרשלאָסן. אַלץ פאַרקויפט. דאָס ברויט, די חלות, אַפילו דאָס נעכטיקע ברויט. כ׳בין אַנטלאָפן, ווייל איך האָב מורא פאַר די, וואָס זענען געבליבן אָן חלות. ווי די שדים זענען זיי מיך באַפאַלן סיי די קרעמערס, סיי פּריוואַטע.

— דוכט זיך — זאָגט דער בעקער — אַז היינט איז געוועזן מער געבעק ווי שטענדיק.

— מען קען קיין מאָל נישט וויסן וויפל מען דאַרף. איך ווייס איין זאַך. מיר איז בעסער, אַז איך פאַרטיק זיך אָפּ פריער. נעם און צייל, האָסט היינט מער געלט ווי אַלע מאָל. דאָ האָסטו דאָס צעטל פון די חובות — זאָגט די באַלעבאָסטע אַ פריילעכע און שיט אויס דאָס גאַנצע געלט און גיט דעם מאַן אַוועק אויך דאָס פּאַפּירן־געלט און די לעדערנע טאַש — פון יעצט אָן בין איך אויס סוחרטע.

דער באַלעבאָס נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון איר.

— וואָס איז, מיין מאַן? — פרעגט זי פאַרוואונדערט — וואָס קוקסטו מיך אָן? קענסט מיך נישט? איך בין דיר שוין איין מאָל געפעלן געוואָרן.

— וואָס איז, האָסט אפשר מורא פאַר אַן עין־הרע? — זאָגט פריילעך דער באַלעבאָס — נישט ביי דיין מאַן. איך קוק אויף דיר, ווייל דיין מצב־רוח איז היינט זייער אַ פריילעכער און לוסטיקער. דאָס איז מער ווערט ווי אַלץ. הלואי וואָלסטו תמיד אַזוי אויסגעזען.

— נאָט איך אַ נייע ליבעס־דערקלערונג — לאַכט די באַלעבאָסטע — וואָס בין איך היינט אַנדערש ווי אַלע מאָל. אין איין טאָג קען מען זיך נישט ענדערן. אפשר, מיין מאַן, זעסטו מיך אַנדערש, צוליב די טאַלערס, וואָס

איך האָב דיר היינט געבראַכט. דאָס איז די סיבה פון דיין פרישער ליבעס־דערקלערונג. און וואָס זאָגט איר, איטשע? צי בין איך היינט אַנדערש ווי נעכטן? וואָס שווייגט איר? זאָגט עפּעס. זייט מפסיק אַ רגע פון אייערע בריוו. איר מעגט אַ קוק טאָן אויף מיר און רעדן אַ וואָרט. איך האָב נישט מורא פאַר אַן עין־הרע, און איר, איטשע, זענט נישט אַזאַ פרומער חסיד, וואָס זאָל נישט וועלן קוקן אויף אַן אישה — זי קוקט איטשען גלייך אין די אויגן אַריין און ווענדט זיך צום מאַן — מיט איטשעס אָנקומען צו אונדז, אַ געזונט לאַנג לעבן אויף אים, האָט ער מיטגעבראַכט הימלעכקייט, פריילעכקייט, וואַרעמקייט, מענטשלעכקייט, אָרנטלעכקייט, באַשיידנקייט, ברודערלעכקייט, שאַרפקייט, אַריסטאָקראַטישקייט...

— געזונט קייטן — רופט אויס דער באַלעבאָס — אויב דו האָסט ווייניק קייטן, קען איך דיר צוגעבן.

— היינט דאָס רעדן — ציט ווייטער די באַלעבאָסטע איר לויבגעזאַנג — די שפּראַך. אַפילו מיין מאַן רעדט מיט אים גאָר אַנדערש, כאַפּט נישט, שלינגט נישט די ווערטער. מיך האָבן זיי געמאַכט פאַרן פובליקום, פאַרן צוהערער. מיין מאַן וויל איך זאָל אים דערמאָנען, ווער עס איז געווען דער לעצטער אין די וויכוחים. ווער עס איז געווען דער לעצטער? אַפילו, דו מיין מאַן, ווייסט ווער...

— הערסט, איטשע — זאָגט דער באַלעבאָס — איך האָב אַ נס, וואָס דו ביסט נישט געקומען צו אונדז מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק. מי יודע וואָס עס וואָלט דאַן געשען. מיינע איז דאָך צוגעזאָגט צו דיר אַזוי ווי צו אַ הייס גלאָז טיי.

איטשע ענטפערט גאָרנישט, נעמט צונויף זיינע בריוו, בעט אַנטשולדיקונג און גייט אַוועקטראָגן די בריוו אויף דער פּאָסט.

דער גאַסט

דאָנערשטיק שפּעט ביי נאַכט איז דער באַלעבאָס געקומען פון דער אַרבעט און געטראָפן זיין פרוי וואַכעדיק.

— וואָס שלאָפסטו נישט? דו ווייסט כאָטש ווי שפּעט עס איז? עס טאָגט דאָך שוין. נאָך אין צוויי שעה וועסטו דאַרפן אַרויסגיין אין מאַרק. גיי שלאָפן.

— דו ווייסט, מיין מאַן, אַז היינט קומט חנהלע — זאָגט די באַלע־באָסטע — שוין פיר יאָר נישט געזען זי. עס בלייבט מיר נאָך אויף מאָרגן פיל אַרבעט. איך וויל זיך מאָרגן אָפּפּאַרטיקן פריער און קענען זיין מיט מענטשן גלייך. פון דיר פאַרלאַנג איך זאָלסט מיר צוהעלפן אין מאַרק. איך גיי שוין שלאָפן.

— גיי, גיי, שלאָפן! מיין טייערע, — זאָגט דער באַלעבאָס — אַפילו איין מינוט מער זאָלסטו נישט אויף זיין. איך וועל זיך אויך צושפּאָרן אַ ווײַלע. ווען איך ווייס, אַז דו שטייסט און אַרבעטסט, וואָלט איך שוין דאָ געווען מיט אַ צוויי, דריי שעה צוריק און מיט געוואַלט וואָלט איך דיך געשיקט שלאָפן.

ער פאַרלעשט די לאָמפּ און לייגט זיך צו כאַפּן אַ דרימל. באַלד באַווייזט זיך דער בלויער פרימאָרגן, ווי אַ תכלת־קאָליר, שיין, שטיל, אָן רעש. די לופט איז קיל. דער באַלעבאָס וועקט זיך איבער און באַ־וווּנדערט די נאַטור:

— ווי שיין זענען דיינע פרימאָרגנס, ארץ־ישראל! אַ שאָד צו פאַר־שלאָפן זיי. איך וועל שוין נישט שלאָפן. כ׳וועל צוגיין אין בעקעריי און זאָגן דער חברה זיי זאָלן מיר אַרויסברענגען אַלע געבעקסן אין שוק. כ׳וועל זיי אויסאָרטירן און דאַן ערשט וועל איך זי אויפוועקן. דאָס

הייסט זי וועט קענען שלאָפן אַ צוויי שעה לענגער. האַ? וואָס טוט מען נישט פאַר אַן אייגן ווייב? איי, ווען וועל איך שלאָפן? נישקשה, איך וועל שוין געפינען אַ געלעגנהייט.

עס ווערט אַלץ ליכטיקער. מען זעט נאָך נישט די זון, אָבער דער האָריזאָנט איז שוין אַ ביסעלע רויט. די חברה האָט אַרויסגעברענגט דאָס געבעקס. דער באַלעבאָס לייגט עס אויס, סאָרטירט זייער פיין. ער האָט שוין אַפילו עפּעס געלייזט. דאַן בעט ער אַ פּועל צוהיטן אַ מינוט די שטעל און אַליין גייט ער ברענגען דאָס ווייב. אין איייניקע מינוט באַווייזן זיי זיך ביידע. די באַלעבאָסטע קוקט זיך אַרום, שמייכלט צופרידן און זאָגט:

— פיין, זייער פיין! אויף אַזאַ זשעסט האָב איך זיך נישט גערעכנט. אַלץ איז אויף זיין אָרט. תודה, מיין מאַן! מיין גוטער מאַן! דו ביסט זיכער נישט געשלאָפן. יעצט גיי דו שלאָפן. איך וועל זיך שוין אַליין אַן עצה געבן. גיי, מיין טייערער! זאָלסט נישט זיין פאַרשלאָפן ווען חנהלע וועט קומען. נאָך עפּעס. זאָלסט פאַרבעטן איטשען אויף שבת, אויף גאַנץ שבת מיט אונדז צו עסן. כ'האָב אָנגעגרייט פון כל טוב, אַפילו עס זאָלן קומען נאָך געסט. ווייסט פאַר וואָס איך טו דאָס? איך וואָלט וועלן, אַז עס זאָל קומען אַ דערנענטערונג, אַ היימישקייט צווישן זיי אַליין, אָן וועלכער הילף, אָן שדכנען מצד אונדז. בעסער, אַז עס וועט קומען נאַטירלעך. אולי ירחם השם, זאָל אונדז גאָט העלפן.

— הלואי, רבונו־של־עולם — שטימט צו דער באַלעבאָס — אַ פיינער און שיינער איינפאַל, אַזאַ יאָר אויף מיר. עס וואָלט באמת געווען אַ געפּאַסטע פּאָר. פיר יאָר נישט געזען זי. אויך ער איז גוט און וויל ווי די וועלט.

— גיי, גיי, מיין מאַן! — יאָגט אים די באַלעבאָסטע — איך וועל זיך שוין אַליין אַן עצה געבן. לייג זיך גלייך שלאָפן, זאָלסט גאָרנישט מאַכן, אַפילו דעם סאַמאָוואַר נישט. איך וועל זיך באַמיען וואָס פריער צו קומען אַהיים און איך וועל דיר מאַכן דעם סאַמאָוואַר און דאַן ערשט דיך אויפוועקן.

איטשע זיצט אויף דער טעראַסע אַן אויסגעשלאָפענער. שוין אָפּ־

געגעסן, אָפּגעטרונקען. ער לייענט און נעמט זיך צו שרייבן בריוו. פרייטיק איז דער טאָג פון שרייבן בריוו. ער קוקט זיך אום און זעט נישט דעם באַלעבאָס, טאָ ווער וועט טרינקען דעם סאַמאָוואַר טיי. ער טאַפּט דעם סאַמאָוואַר, ער איז קאַלט. עפּעס איז נישט ווי געוויינלעך. עס קומט אָן די באַלעבאָסטע, אַ פריילעכע, זי זאָגט איטשען:

— היינט האָט איך אויסגעפּעלט סחורה. איך האָב געמוזט צוקויפן ביי אַנדערע בעקערס.

— זייער אַ קלוגער אויפטו — זאָגט איטשע — ווו עס איז דאָ שכל דאָרט איז דאָ חכמה. איך מיין, אַז צוקויפן איז בעסער ווי עס בלייבט סחורה. ווו איז ערגעץ דער באַלעבאָס? דער סאַמאָוואַר איז קאַלט.

די באַלעבאָסטע שמייכלט און דערציילט פאַר איטשען די געשעענישן פון נעכטן ביי נאַכט און פאַרענדיקט:

— היינט וועל איך אַליין מיט מיינע הענט צושטעלן פאַר מיין מאַן דעם סאַמאָוואַר.

— איר ווייסט? — זאָגט איטשע — אייער מאַן איז אַוועק פון בעקריי נאָך דריי ביי נאַכט. פאַר וואָס זענט איר נאָך נישט געשלאָפן?

— איך ריכט זיך אויף אַ חשובן גאַסט — דערציילט די באַלעבאָסטע — האָב איך געוואָלט אַלץ צוגרייטן, כדי צו קענען ביי טאָג זיין פריי. האָט ער מיך גלייך געשיקט שלאָפן, אַליין געעפנט דעם צריף, אויססאָרטירט די געבעקסן און שוין אין גרויסן טאָג אַריין מיך אויפגעוועקט. דערפאַר האָב איך אים געהייסן שלאָפן ביז איך וועל קומען פון שוק, איך וועל צוגרייטן דעם סאַמאָוואַר און דערנאָך אים וועקן.

— פיין, אמתע ליבשאַפט און געטריישאַפט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר — איז איטשע צופרידן — אשה טובה מתנה טובה, אַזוי זאָגן אונדזערע חכמים.

די באַלעבאָסטע איז געגאַנגען וועקן דעם מאַן. זי קומט גלייך צוריק מיט אַ טענה, פאַר וואָס ער האָט זיך נישט אויסגעטאָן, נאָר געגרייט זיך כאַפּן אַ דרימל אויף אַ ווייל.

— אַ גוט מאָרגן דיר, מיין ווייב! אַ גוט מאָרגן דיר, איטשע! —

זאָגט דער באַלעבאָס פריילעך, גייט צו צום סאַמאָוואַר, טאַפּט אים אָן — איי, אַ מחיה! ער איז דאָך קאָכעדיק.

— אַז דיין ווייב זאָגט עפּעס צו איז עס קודש־קדשים — זאָגט די באַלעבאָסטע און גיסט אָן דריי גלעזער טיי, פאַרן מאַן, פאַר איטשען און פאַר זיך.

— דאָס איז אַלץ פאַרן נעכטיקן זשעסט — באַמערקט איטשע — אַז מען טוט אַ גוטע זאַך טוט מען עס פאַר זיך. פון תהילים און טיי זאָגט מען זיך נישט אָפּ. באַזונדערס איז עס משיחס צייטן. אַז איר אַליין, באַלעבאָסטע, דערלאַנגט טיי דאַרף מען טרינקען.

— אַזוי ווי איר זייט שוין געוואָרן אַ טיי־טרינקער וועל איך לכבוד דער געשעעניש אייך אַליין צוטראָגן דאָס גלעזל טיי. — זאָגט די באַ־לעבאָסטע און פאַרקערעוועט דעם שמועס צו איר ציל — איטשע, איך וואָלט וועלן אייך פאַר אַ מיטגליד אין אונדזער משפחה. אַ שאָד איר זאָלט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט. איך האָב פאַר אייך אַ כשרע, יידישע טאָכטער, וואָס עס איז מיר אויך אַ שאָד זי זאָל אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט. דעם אויסזען אירן וועל איך אייך נישט לויבן. איר וועט זי אַליין זען. זי דאַרף היינט קומען פון ראש־פּינה. דאָס איז מיין ברודערס טאָכטער. זי איז ביי אונדז פאַררעכנט ווי אַן אייגן קינד.

— איך דאַנק אייך זייער פאַר דעם ווילן מיך אַריינצונעמען אין אייער משפּחה. זי געפעלט מיר. איר אַליין זענט שוין פאַר מיר אַ שיינער יחוס — זאָגט איטשע רויק — אָבער איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ באַקאַנט מיידל...

— וועלכער בחור האָט נישט קיין קאָנטשאַפט מיט מיידלעך? — זאָגט די באַלעבאָסטע מיט אַ שמייכעלע און זעצט זיך צו צו איטשען — און מיינער, איידער ער האָט מיך דערקענט, האָט ער נישט געהאַט קיין מיידלעך? אַז ער האָט מיך דערזען איז ער געוואָרן צוגעקלעפּט נישט אָפּצורייסן.

— זי, דאָס מיידל, — העלפט צו דער באַלעבאָס — איז דאָך אין וויך, וועט זי נעמען אַ ווינער יינגל. און איר אַ ישראל־מיידל.

— אויב איר ווילט פאַרדינען שדכנות־געלט האָט איר זייער שוואַכע שאַנסן, אַז איר זאָלט מצליח זיין — זאָגט איטשע און שטרייכט אונטער — איך וויל נישט, דאַרף נישט און גייטיק זיך נישט אין שדכנות. איך וויל נישט חתונה האָבן דורך אַ געדרעדטן שידוך. טוט מיר צוליב און רעדט נישט מער דערפון.

— וועסט זי נאָר אָנקוקן, וועסטו שוין אַנדערש רעדן — גיט דער באַלעבאָס נישט אויף זיין מי — וועסט נישט קענען ביישטיין דעם נסיון. געדולד. וועט מען זען.

— יונג, שיין, אַ מורה בחסד עליון, אַ בת־יחידה, רייכע עלטערן, רעכנט די באַלעבאָסטע אויס אַלע מעלות — איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט אַלץ זיין אירס, דאָס הייסט אייערס. זי האָט יעצט חופש, קומט זי צו גאַסט צו אונדז. הייגט דאַרף זי קומען.

— אַ מיידל מיט אַזוי פיל מעלות־טובות, און דערצו נאָך אַ רייכע, וועט קריגן אַ בעסערן בחור ווי איך. — באַמערקט איטשע — וואָס טויג איך אַזאַ אַרעמאַן ?

— זי דאַרף נישט קיין רייכן, ווייל זי אַליין איז גענוג רייך — זאָגט די באַלעבאָסטע — צווישן אונדז גערעדט, זענט איר טייערער און וויכ־טיקער ווי די רייכע. אָבער זאָגט נאָר, פאַר וואָס האָט איר מיך געקרויגט מיטן טיטל שדכנטע. איך בין נישט קיין שדכנטע. איך וויל נישט פאַר־דינען קיין שדכנות־געלט. עס איז בלויז אַ פאַרשלאָג, אַן עצה־טובה.

— וואָס טויגן די אַלע רייד און דאָס צורעדן און דאָס לויבעניש הינטער די אויגן. ער וועט זען, ער וועט אָנקוקן — איז דער באַלעבאָס זיכער — איך וועל דיר זאָגן. שוין פיר יאָר נישט געזען זי, בענק איך צו זען זי. אַזאַ זיס פנים, אַזוי באַטעמט, דערוויל, איטשע, פאַרבעט איך דיך צו אונדז אויף שבת, אויף גאַנץ שבת. מיר וועלן צוזאַמען עסן, טרינקען, פאַרברענגען. וועסטו וועלן, וועסטו זיך באַקענען מיט אונדזער חנהלע. עס וועט דיר גאָרנישט פאַרשאַטן. מיר, איך און מיין גאָלובטשיקל, וועלן זיין העכסט צופרידן, אַז איר וועט זיך געפעלן. און טאָמער, חס ושלום, פאַרקערט, וועט נישט זיין קיין טראַגעדיע. מיר בלייבן די זעלבע גוטע פריינד. איז עס אַ זיווג וועט דיר גאָרנישט העלפן. מיין רעדן און

מיין גאָלובטשיקלס רעדן איז גאָרנישט. איך גלייב אין זיווגים. מיט אַ סך פּאַקטן קען איך עס באַשטעטיקן...

מען קלאַפּט אין טיר. דער באַלעבאָס זאָגט: „בבקשה להכנס", אָבער די טיר עפנט זיך נישט. זי איז פאַרקלאַפּט.

— וויפל איך רעד צו אים: פאַרשליס נישט די טיר! דער קלאַפּ־שלאָס דאַרף זיין פריי. — זאָגט די באַלעבאָסטע מיט טענות — וואָס פאַרמאַכסטו זיך? וואָס האָסטו מורא וועט מען דיר אַרויסגנבענען? אַזאַ חפץ ווער וועט נעמען? בכלל איז אין פתח־תקווה נישטאָ קיין גנבים. איך האָב איין מאָל פאַרגעסן צו נעמען דאָס שליסעלע האָב איך געמוזט אין דרויסן וואַרטן ביז ער וועט קומען.

— צו וועמען האָסטו טענות? — ענטפערט דער באַלעבאָס — דו ביסט געווען די לעצטע צו קומען פון דרויסן. און פאַר וואָס זאָל די טיר שטיין אָפן, יעדער זאָל גלייך קענען אַריינקומען, וואָס איז עס הפקר? אין נאַכט אין יאָר דאַרף די טיר זיין אָפן, פסח ביי נאַכט. זאָגט מען דאָס אויף אַ געלעכטער.

מען קלאַפּט ווייטער און איטשע רופט זיך אָפּ:

— איר אַמפּערט זיך און שפּאַרט זיך און דערווייל שטייט יענער הינטער דער טיר.

איטשע לויפט מיט שנעלע טריט און עפנט די טיר. אַ שיין, אויס־געפּוצט מיידל מיט אַ פריילעך פּנים זינגט אויס מיט אַ לוסטיק קלינגנ־דיקן קול:

— דאָ וווינט יאָשאַ דער בעקער? — דערזעט די באַלעבאַטים און פרעגט לאַכנדיק — פאַר וואָס האָט איר מיך נישט אַריינגעלאָזט?

ביידע שרייען אויס מיט איין קול: חנהלע! אַ געזונט אין דיר! דאָס ביסטו? — און כאַפּן זיך אַרום קושן און האַלדזן. זיי הערן נישט אויף רעדן אין איינעם:

— גיי, ווייס, אַז חנהלע שטייט הינטער דער טיר. ווען מיר וואָלטן געוווּסט, ווען דו קומסט וואָלטן מיר דיך אָפּגעוואַרט ביים דיליזשאַנס.

— צי איך בין עס — לאַכט חנהלע — איך האָב נישט קיין גרעסערע

שוועסטער. דאָס איז — ווייזט זי אויף זיך — חנה, די קליינע שטיפּערקע. היינט די גרויסע שטיפּערקע חנה.

— גיט נאָר אַ קוק, בלי־עין־הרע, קיין שום בייז אויג, זיך צעוואַקסן ווי אַ בלום מיט די שענסטע פאַרבן — קען די באַלעבאָסטע זיך אַלץ נישט באַרויקן — איך האָב דאָך דיך שיר נישט דערקענט. אַ ברכה אויף דיר און אויף דיין קאָפּ. מען דאַרף דיר אָנטאָן אַ רויט בענדעלע, און קנאָבל מיט זאַלץ אַריינלייגן דיר אין קעשענע.

— מיין טייערע דודהלע — קושט חנהלע די דודה — האָסט נאָך נישט פאַרגעסן דיינע סגולות, קמיעות און אָפּשפּרעכונגען.

— מיין טייער קינד — ענטפערט די דודה — ווייסט וואָס מען זאָגט? זאָלסט זיך היטן פאַר גוייִשע הענט און פאַר יידישע אויגן. און דאָס איז אמת. אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט גערעדט פון משיחן. מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט פון דיר. פון דעם, וועגן וועמען מען רעדט, קומט ער. גיב אַ קוק. עיקר שכחתי. זייט באַקאַנט. חנהלע, אונדזער פּלימעניצע פון ראש־פּינה, און איטשע, אונדזער מיטאַרבעטער אין בעקעריי.

אַלע שמייכלען, זענען צופרידן און באַגריסן זיך מיט די הענט.

— פאַר וואָס, — זאָגט איטשע — וואָס עפּעס אַ מיטאַרבעטער? איר שעמט זיך צו זאָגן אַ פּועל? איך שעם זיך נישט. פאַר מיר איז עס אַ כבוד. איך בין אייער דוד'ס אַ פּועל אין בעקעריי, פּראָסט און פּשוט — ווענדט זיך שוין איטשע צו חנהלען.

— זאָגט מיר — ווענדט זיך חנהלע צו אַלעמען — איר האָט מיך כאָטש דערמאָנט צום גוטן? איך האָב דאָך אַזוי געבענקט אייך צו זען. ווי לאַנג איז שוין ווי מיר האָבן זיך נישט געזען? איך האָב שוין לענגער נישט געקענט וואַרטן. פאַר מיר איז דאָס זען זיך די בעסטע טעג פון מיין לעבן — טוליעט זיך און קושט זיך מיט דער דודה — וואָס מאַכט איר, דודהלע און דוד? דודהלע, זעסט אויס זייער גוט, בלי־עין־הרע. האָסט זיך גאָרנישט געענדערט. זעסט נאָך אויס יינגער ווי מיט יאָרן צוריק. דוכט מיר, אַז דו גייסט צוריק. אַזעלכע גוטע מענטשן ווערן קיין מאָל אַלט. געזונט און אריכת־ימים אויף אייך.

— חנהלע, ווייסטו פאַר וואָס? — ענטפערט דער באַלעבאָס — ווייל

זי האָט אַ גוטן מאַן. און אַ גוטער מאַן פאַרזיסט די נעכט, און פאַרצוקערט די טעג. מאַכט פון וואָכעדיקע טעג יום־טובים. וואָס מאַכן די הורים? אבא, אמא?

— זיי בעטן פאַר אייער געזונט. גריסן מיט קושן געברענגט פאַר אייך אַ גאַנצן פּאַק — צענעמט חנהלע די הענט.

— טאַ, קום אַהער און גיב זיי אָוועק, וואָס האַלטסטו זיי ביי זיך? — לאַכט דער באַלעבאָס און מאַכט זיך דראָען מיט אַ פינגער — איך וועל פאָדערן פּראָצענט.

— דוד לעבן! איך וועל דיר אָוועקגעבן מיט פּראָצענט — זאָגט חנהלע — איך וועל נאָר אויפבינדן דעם טשעמאָדאַנטשיק. איך האָב דאָ מתנות פאַר אייך.

— חנהלע — זאָגט די דודה — ער וועט האָבן גענוג, אַז דו וועסט אים אָוועקגעבן דעם קרן אַליין. היינט דאַנקט מען גאָט, אַז מען באַצאָלט דעם חוב אַליין, אָן פּראָצענט. וואָס טויג אים דער פּראָצענט? ער איז נישט קיין פּראָצענטניק.

— אַ ייד טאָר נישט נעמען קיין פּראָצענט — זאָגט איטשע — און די זעלבע עבירה האָט אויך דער געבער.

— טוט נאָר אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך — בייזערט זיך כלומרשט דער באַלעבאָס — גיט נאָר אַ קוק אויף די נישט פאַרגינערס. מילא מיינע רעדט פון אייפערזוכט, אָבער דו, איטשע? דאָס, דוכט זיך מיר, שמעקט שוין מיט קנאה. זאָג, שעם זיך נישט. אַזעלכע חובות און אַזעלכע פּראָצענטער איז אַ גרעסערע עבירה נישט איינצוקאַסירן זיי. הלוואי, טרעפט זיך מיר אַלע טאָג אַזעלכע חובות.

— ווער עס פאַרגינט אייך נישט דעם פּראָצענט, זאָל אים די קנאה אַרויס אויפן שטערן, באַלעבאָס, — זאָגט איטשע — איר זענט גערעכט. אַזעלכע פּראָצענטער מעג מען נעמען אָן אַ שטר עיסקא, און מען טאָר נישט מוותר זיין.

— נאַ דיר אָוועק דעם חוב, נאַ דיר אָוועק דעם פּראָצענט, זאָלן זיי רעדן, וואָס זיי ווילן — לויפט חנהלע צו צום דוד און קושט אים — איך דאַרף אויספירן מיין שליחות און אָוועקגעבן דעם פקדון פון מיינע הורים.

אָבער דער פּראַצענט איז מיינער. איך גיב דיר אַן חשבון. נאַ דיר, דודהלע אויך אַוועק דעם חוב, און דאָס איז מיין פּראָצענט.

— חנהלע, ביסט דאָך ווי אַ שיין שמעקעדיק אתרוגל. קום אַהער, לאָמיר זיך אָנזעטיקן מיט דיין זאַנפטיקן ריח — זאָגט דער באַלעבאָס ווען חנהלע קושט אים — איי, ווי גוט, איי, ווי געשמאַק.

— ביי אַ שמעקעדיק אתרוגל ווערט געזאָגט — רופט זיך אָפּ איטשע — הוא נהנה, דער שמעקער פון אתרוג, והאתרוג אינו חסר כלום, נעמסט גאָרנישט אַוועק פון אתרוג...

חנהלע קוקט אָן איטשען מיט אַ שמייכל, ווייזט אויס עס געפעלט איר זיין פּשט. זי נעמט אַרויס די מתנות פון טשעמאָדאַן און טיילט:

— פאַר דיר, דודהלע, אַ טישטוך, וואָס די אמא האָט עס אַליין אויסגעשטריקט. און פאַר דיר, דוד, אַ שבת קודש־טישטעכל, וואָס די אמא האָט אויך אַליין געמאַכט. איר זאָלט זיי געזונטערהייט פאַרנוצן.

— אויב אַזוי, חנהלע, ביסטו ווערט אַ גוט, הייס גלאָז טיי — טראָגט דער באַלעבאָס אונטער חנהלען אַ גלאָז טיי — נעם, טאָכטערשי, דאָס וועט דיך אַ ביסל אָפּקילן. איך זע, אַז עס איז דיר הייס.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? ביסט נישט נאָרמאַל? — בייזערט זיך די באַלעבאָסטע — פון אַזאַ שווערן וועג, אין אַזעלכע הייסע טעג, מיד, פאַרשוויצט גיט ער איר זודיקע טיי כדי זי זאָל מער שוויצן. אַ מענטש נעמט זיך אין קאָפּ אַריין עפּעס, וויל ער אַלע מזכה זיין מיט זיין טעאָריע.

— גיי, גיב איר קאַלטן גזוז — זאָגט דער באַלעבאָס מיט ביטול — וועט זי זיך חס־ושלום, פאַרקילן.

— חנהלע וועט קיין הייסע טיי נישט טרינקען. איך וועל נישט צו־לאָזן, בשום־אופן — זאָגט די באַלעבאָסטע אַנטשלאָסן.

— ווען איך פּאַק יעצט מיין שדכן, וואָלט איך אים צעריסן — זאָגט דער באַלעבאָס — צעריסן ווי אַ הערינג. שטענדיק זאָגט זי פאַרקערט.

— אויב האָבן טענות צום שדכן, דאַרף איך האָבן — מיינט די באַלעבאָסטע — אויפטוער מיינער, גרויסער חכם מיינער! געפונען אַ פּאָסיקע צייט פּונקט יעצט אויסצוטענהען זיך מיט מיר. איך וועל דיר

נישט פאַרשוויגן. אָבער נישט יעצט. איך וועל שוין געפינען די פּאַסיקע צייט צו מאַכן מיט דיר אַ חשבון.

— מיינע טייערע באַלעבאַטים — רופט זיך אָפּ איטשע — וואָס טוט זיך מיט אייך? איר האָט, דוכט זיך, באַקומען אַזאַ חשובן גאַסט, שטעלט איר זיך אַוועק האַבן וויכוחים, מיט זאַכן שלא היה ולא נברא, לא יער ולא דובים. איך וייס דאָך. איר האָט דאָך מיר ערשט דערציילט אַליין, אַז איר האָט נישט געהאַט קיין שדכנים. הייסט עס, אַז איר ווילט שפּאַסן, טאָ לאָזט עס איבער אויף שבת, ווען די אייניקלעך וועלן קומען צו גאַסט און בעטן שבת־אויבסט און נאָך גוטע זאַכן. דאַן וועט איר זיי דער־ציילן דעם שפּאַס פון מקח־טעות.

— איך וויל נישט אַזעלכע שפּאַסן, אַזאַ געלעכטער — וויל די באַלעבאָסטע נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן — בפרט אויף מיין חשבון. איך וואָרן דיך און בעט דיך זאָלסט זיך אויסזוכן אַ צווייטן קרבן צו מאַכן שפּאַסן.

— נישט שיין — מוסרט זיי איטשע — איר זייט דאָך בעסערע מענטשן. אייער משפּחה־לעבן קען דאָך זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע. איר גיט זיך אָפּ כבוד איינער דעם צווייטן. מען דאַרף נישט דאָס שטעלן זיך אויף יעדן וואָרט, אויף יעדן אויסדרוק.

— ווייסט איר, וואָס? איך וועל אייך ביידן פּאָלגן — רופט זיך אָפּ חנהלע — אַבי שפּאָרט זיך נישט צוליב מיר. דוד, גיב מיר די הייסע טיי. טרינקען וועל איך זי, דודהלע, ווען זי וועט זיך אָפּקילן. בסדר? היינט איז דאָך ערב שבת, מוז זיין שלום ביי יידישע קינדער.

— אַ געזונט אויף דיר און אַ געזונט אויף דיין קאָפּ — זאָגט דער דוד — דו ביסט דאָך אַ חכמה. אין דיר איז דאָ די חכמה פון שלמה המלך. מאַכסט ביידן גערעכט. ווילסט יוצא זיין פאַר ביידן.

— און איך וועל דיר געבן אַ שטיקל קוכן, וואָס איך האָב צוגעגרייט אויף שבת, צו דער טיי — זאָגט די דודה.

— יעצט זייט איר ביידע בסדר. אויך איך. — זאָגט חנהלע — איך וועל טרינקען דעם דוד׳ס טיי און עסן דער דודה׳ס קוכן. איך גיי באַלד דיר העלפן אין קיך. עס איז דאָך היינט ערב־שבת. אין דער היים העלף

איך אויך צו דער אמא. איך קען אַלץ, קאָכן און באַקן. איך קען מאַכן אַלע שבתדיקע מאכלים.

— חנהלע, מיין טייערער גאַסט, דו ביסט דאָך מיד נאָך אַזאַ רייזע. קום, איך האָב פאַר דיר צוגעגרייט אַ ספּעציעלן, באַזונדערן חדר. נעם וואַש זיך אַרום, טויש איבער די קליידער, איך וועל דיר געבן עפּעס עסן און וועסט זיך אָפּרוען, אפשר כאַפּן אַ דרימל ביז שבת. איך וועל דיך שוין אויפוועקן — זאָגט די באַלעבאָסטע.

— דודהלע, איך בין נישט מיד, נישט שלעפעריק — האַלט זיך ביי אירס חנהלע — לאָז מיר העלפן דיר. וועסט זען, אַז איך קען אַלץ מאַכן.

— איך דאַרף נישט און וויל נישט — איז די באַלעבאָסטע איינגע־שפּאַרט — נאָר וואָס געקומען און שוין גיב איר אַרבעט. איך וועל זיך אַליין אַן עצה געבן. און ווער העלפט מיר אַלע ערב־שבת?

— אויב אַזוי וועל איך מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר און באַקוקן מיין שטעטעלע פּתח־תקוה, וואָס איך האָב געבענקט אַזוי צו זען — זאָגט חנהלע — איר ווייסט, איך האָב עס דאָך כמעט נישט דערקענט, אַזוי האָט עס זיך געענדערט. מיין שטעטעלע, ביסט געוואָרן אַ גרויסע שטאָט. גרויסע ענדערונגען זענען פאַרגעקומען פון דער צייט, וואָס איך האָב דיך פאַרלאָזט. איר ווייסט מיר גלייבן — גיט זי צו מיט אַ קלינגענדיקן געלעכטער — איך האָב געבלאָנדזשעט און געמוזט זיך פרעגן. הערט אַ מעשה, חנה בלאָנדזשעט אין שטעטל. ווער וואָלט דאָס געגלויבט? דודהלע, איך האָב אַזוי געבענקט אַנצוקוקן מיין געבוירן־שטעטל, אַז איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, אַז דאָס ערשטע מאָל איך אַ שפּאַציר איבערן שטעטל.

— פּתח־תקוה האָט זיך די לעצטע פאַר יאָר געענדערט — קלערט אויף דער באַלעבאָס — מיר ווערן אַ גרויסע שטאָט. עס זענען צוגעקומען הייזער, נייע, שיינע גאַסן, נייע וועגן, די נייע עולים האָבן אַריינגעבערענגט אַן אויפלעבונג. עס פעלן אויס דירות. עס זענען צוגעקומען מענטשן און חלוצים...

— באַלעבאָס — האָקט אים איטשע איבער שמייכלענדיק — חלוצים

זענען נישט קיין מענטשן? פאַר וואָס מאַכט איר אַן אונטערשייד? פאַר וואָס טיילט איר זיי אָפּ? דאָס איז אַ צווייטער מין?

— חס ושלום — פאַרטיידיקט זיך דער באַלעבאָס — פאַרקערט. דאָס איז אַ בעסערער עלעמענט, אַ בעסערער סאָרט. דאָס וואָרט חלוץ איז ווי אַ טיטל האָר. רב חלוץ.

— זיכער זענען זיי אַנדערש — מיינט אויך חנהלע — דאָס איז אונדזער פּאַרפּאָסטן. אידעאַליסטן, מוסר־נפשניקעס, וועלכע גייען און קעמפן פאַר אונדזער אַלעמענס ציל. זיי ברענגען מיט מיט זיך התלהבות, לעבן, האָפענונג, פרייליכקייט. זינגען און טאַנצן באַגלייטן זיי איבעראַל, ווו זיי קומען. ווו זיי זענען דאָ איז דאָ לעבן.

— אַ געזונט אין דיר, אַ געזונט אין דיין מויל, חנהלע. האָסט מיך געראַטעוועט. ווען נישט דו וואָלט מיך איטשע אפשר פאַרשיקט קיין סיביר אין קייטן. איך וועל שוין באַלד נישט קענען אַרויסלאָזן אַ וואָרט — זאָגט דער באַלעבאָס און ווענדט זיך שוין צו איטשען — אויף יעדן וואָרט מאַכסטו מיר באַמערקונגען. איך וועל מוזן קאָנטראָלירן יעדעס וואָרט, איידער איך וועל עס אַרויסלאָזן פון מויל, אָדער פריער דורכגיין דיין צענזור. ביי דיר איז נאָך ערגער ווי ביים צאַר ניקאָליי אין רוסלאַנד.

אַלע לאַכן. די שטימונג איז אַ גוטע און די באַלעבאָסטע בעט זיך ביי חנהלען:

— רו זיך ליבערשט אָפּ, גיי נישט. וועסט נאָך האָבן גענוג צייט אַנצוקוקן ס'שטעטל.

— דודהלע, איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט, כמעט ווי געשוווירן דאָס ערשטע צו מאַכן אַ שפּאַציר אין שטעטל — זאָגט חנהלע — נישט אויף לאַנג. איך קום באַלד צוריק. זאָל דאָס נישט זיין קיין ברעכן פון מיין נדר. איך ווייס, אַז עס איז ערב־שבת. נאָר אויף עטלעכע מינוט.

— טאָ גיי מיר געזונטערהייט — איז די דודה מסכים — איך וויל נישט זיין קיין צעשטערערין פון דיין שבועה. מען טאָר נישט. גיי אויף יוצא צו זיין. חנהלע, דו זאָגסט דאָך, אַז דו ווייסט נישט ווו צו גיין, טאָ גיי נאָר עטלעכע טריט. נישט מער. און נישט ווייט.

— אַז די חברה און די דודה וועלן מיר דערלויבן וועט זי נישט גיין

אַליין — רופט זיך אָפּ איטשע — זי וועט נישט דאַרפן בלאָנדזשען. איך וועל זי באַגלייטן און זי ברענגען צוריק.

— וואָס זאָגט די דודה אויף דעם פאָרשלאָג? — פרעגט חנהלע מיט אַ פריילעך פּנימל.

— מיט אונדזער איטשעלען מעגסטו גיין אַפילו צו די הרי־חושך — זאָגט די דודה צופרידן פון איר ערשטן דערפאָלג — דיר וועט נישט געמינערט ווערן אַפילו אַ האָר. איין בקשה האָב איך צו אייךביידן: איך וויל אייך זען צוריק פאַר שבת.

— בסדר, דודהלע — זאָגט חנהלע — פאַר שקיעה וועלן מיר זיין צוריק. וויפל מיר וועלן זען וועט דערווייל זיין גענוג. דעם ערשטן שבת וויל איך זיין צוזאַמען מיט מיין דוד און דודה. אַ גאַנצן שבת, פון אָנהויב ביזן סוף, ביז מוצאי־שבת. נישט ווייניקער אַ מינוט.

די דודה ווינטשט זיי אָן, איטשע עפנט די טיר. מיט אַ העפלעכן נייג בעט ער חנהלען גיין פאָרויס. זיי זאָגן שלום און גייען. די באַלעבאַטים קוקן אַרויס דורכן פענצטער.

— זעסט מיין מאַן, — זאָגט די באַלעבאָסטע אַנטוישט — זיי גייען באַזונדער, ווי גאַנץ פרעמדע. נישט ער, נישט זי, פירן זיך נישט אונטער די הענט.

— וואָס איז, וואָס האָסטו שוין געוואָלט? — טענהעט דער באַלעבאָס — אפשר זאָלן זיי זיך שוין קושן? זיי קענען זיך נאָך כמעט נישט. זאָלן זיי זיך שוין פירן ביי די הענט? אַ ביסעלע געדולד. ער איז נאָך נישט דרייסט. אפשר שעמט ער זיך. קאַנטשאַפּט און ליבע ביי יונגע מענטשן איז געגליכן, זאָלסטו וויסן, צו אַ סאַמאָוואַר. עס הייבט אָן לאַנגזאַם צו וואַרעמען, נאָכהער צו זידן און שפּעטער צו קאָכן.

— וואָס עפּעס איז ער דאָ מיט זיין סאַמאָוואַר — זאָגט די באַלע־באָסטע — זאָג נאָר, מיין מאַן, האָסט איטשען פאַרבעטן אויף שבת?

— יאָ, איך האָב אים געבעטן און ער האָט נישט געזאָגט ניין. אַ סימן, אַז ער נעמט אָן — זאָגט דער באַלעבאָס — דו ביסט אַ מבין ווי שיין זי איז. איך האָב נאָך אַזעלכעס נישט געזען. מילא, דו, מיין ווייב, ביסט דאָך געווען שיין, אָבער...

— וואָס „אָבער״ — רייסט אים איבער די באַלעבאָסטע — זאָג, זי איז שענער. וואָס עפּעס געווען? און היינט פאַרשעמסטו זיך מיט מיר, שלימזל מיינער?

— חס־ושלום — זאָגט דער באַלעבאָס און וויל זי אַרומנעמען.

— נישט יעצט, האָב געדולד — שטופּט אים אָפּ די באַלעבאָסטע — יעצט איז פרייטיק פאַר נאַכט. נישטאָ קיין צייט זיך צו שפּילן. שפּעטער. שפּעטער.

— ביסט נאָך היינט פול מיט טעם און געשמאַק — קלערט דער באַלעבאָס איר אויף — אָבער דאָן, מיידלוויז, ביסטו געווען יוצא מן הכלל. אַזוי ווי חנהלע היינט. טאָ זאָג מיר דיין מבינות אויף איר.

— אויף חנהלען דאַרף מען נישט זיין קיין מבין — ענטפערט די באַלעבאָסטע — אַפילו אַ נישט־מבין קען אויך זען, אַז זי איז אַ בריליאַנט. זי שיינט דאָך ווי די זון אין תמוז. דאָס קאָפּעלושל ווי שיין עס ליגט אויף איר. דאָן די פיגור, דער בוזעם, אַלץ ווי געטאָקט. אַלץ נאַטירלעך. נעם, מיין מאַן, העלף מיר צו. עס ווערט שפּעט. רוים צו אַ ביסל. שפּרייט אויס אַ שיין, וויס טישטוך, גרייט צו די לייכטער. שטעל אַריין גרעסערע ליכט. איך וועל דערווייל ענדיקן מיין אַרבעט אין קיך. טו זיך אָן שענערע מלבושים, איך בעט דיך גיי היינט אין בית־הכנסת. דער שבת וועט אויסזען פייערלעכער, מער שבתדיק. זאָלסט זאָגן שלום־עליכם און מאַכן קידוש. דו הערסט, מיין מאַן, זאָלסט מיך פאָלגן און צוליב טאָן וועל איך זיין אַ גוט ווייב און אויך דיר צוליב טאָן און פאָלגן. יאַללאַ, צו דער אַרבעט.

ביידע האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט שנעל און גיך. דער באַלעבאָס, ווי זיין שטייגער איז ווען ער טוט אָן אַרבעט, וואָס געפעלט אים, זינגט ער זיך אונטער אַ רוסיש פּאָפּולער ליד. די באַלעבאָסטע העלפט אים אונטער. זי זינגט שענער און באַטעמטער.

— נאָך געציילטע מינוטן צו שבת — זאָגט די באַלעבאָסטע — טריף אָן די ליכט. וואָס זאָגסטו, מיין מאַן, נביאות: עס וועט עפּעס אַרויסקומען פון דעם, איך מיין פון זיי ביידן? איך זאָג דיר, אַז איך וואָלט זייער גערן געוואָלט.

— איך זאָג דיר, אַז אַלץ גייט לויטן פּלאַן — זאָגט דער באַלעבאָס — דו זעסט גאָרנישט? ווו זענען דיינע קוקערס? זעסטו דען נישט, האָסט נישט באַמערקט ווי די גאַנצע צייט, פון דער ערשטער מינוט ווען זי איז אַריינגעקומען, האָט ער נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. דער, וואָס האָט נישט געוען די זאַך, קוקט נישט אַן אויפהער אויף דעם. מען דאַרף זיין געזונט און משוגע אַזעלכעס אויסצומיידן. שוין, אַלע דיינע פּאַר־אָרדנונגען אויסגעפּירט. איך גיי מיך איבערטאָן.

ער גייט אַוועק זיך איבערטאָן און קומט אַריין, שטעלט זיך אַוועק נעבן דער פרוי:

— וואָס זאָגסטו יעצט אויף מיר?

— ביסט דאָך אַ גאַנץ אַנדערער מענטש — זאָגט זי מיט אַ צופרידענעם שמייכל — טאָ נאָ דיר אַ קוש. פּאַר אַלעם. פּאַרן פּאָלגן. דאָס איז דער־וויילע. דאָס איבעריקע קומט שפּעטער. עס איז קראַנט און זיכער, מיין מאַן!

— איך וויים, אַז דו האַלטסט וואָרט — נעמט ער זי אַרום און קושט, זי שטערט אים נישט — אָט גייען זיי. האָסט זיי שוין צוריק. עס קען זיין, אַז אפשר האָבן זיי געזען עפּעס. מאַכט אויך נישט אויס. וואָסי? איך האָב געקושט אַ פרעמדע?

— איך וואָרט אויף דיר, חנהלע, מיט ליכט בענטשן. איך וויל דיך אויך בענטשן — זאָגט די דודה צו די אַריינקומענדיקע. זי בענטשט ליכט, זאָגט אַלעמען שבת שלום און קושט חנהלען אין קאָפּ און בענטשט זי.

— קינדערלעך, זייט מיר געזונט. איך גיי צו קבלת־שבת אין דער גרויסער שול. דו, איטשע, בלייב שוין דאָ! — זאָגט דער באַלעבאָס.

— איך בלייב נישט. איך גיי מיט אין שול אַריין. אויב איך עס מיט איך, וויל איך אויך דאַוונען מיט אייך. שבת שלום! — זאָגט איטשע און גייט מיט.

נאָכן אַוועקגיין פון די מענער איז חנהלע געגאַנגען זיך אַרומוואַשן. זי האָט ווידער פּאָרגעשלאָגן דער דודה איר צו העלפן, אָבער די דודה האָט נישט געלאָזט. זי האָט סערווירט דעם טיש פאַר פיר פּערזאָן, לייגט אַוועק די חלות, גאָפּל, מעסער, שטעלט אַוועק דעם וויין. שפּעטער זעצט זי זיך אָפּרוען. חנהלע קומט אַריין איבערגעטאָן.

— חנהלע, דאָס ביסטו? — שרייט אויס די דודה — בלי־עין־הרע. זעסט דאָך אויס ווי אַ בת־מלכּה, אַ פּרינצעסין. דער חן פון דער גאַנצער וועלט איז דאָך יעצט אויף דיר.

— זאָל די דודה נישט מגזם זיין. און וואָס פעלט דיר? דו האָסט שבתדיקן חן — ענטפערט חנהלע מיט אַ קאָמפּלימענט.

— צוליב דער הייליקייט פון שבת רוט די שכינה אויף אַלע יידישע קינדער — זאָגט די דודה — נאָר דו, טאָכטערשי, האָסט עפּעס אין זיך אַזעלכעס. איך ווייס נישט ווי אַזוי זיך אויסצודריקן, וואָס זעלטן זעט מען ביי ווערכער פרוי. אָט גייען זיי. איך הער זייער קול.

דער באַלעבאָס מיט איטשען קומען אַריין, זאָגן הויך „שבת שלום!". זיי קוקן פאַרוואונדערט זיך אָן קעגנזייטיק. דער באַלעבאָס זאָגט חנהלען, אַז אַלע אירע געוועזענע חברים ווייסן, אַז זי איז געקומען. ער האָט זיי געבעטן קומען נישט היינט, ווייל זי איז מיד, נאָר מאָרגן. דער באַלעבאָס און איטשע מאַכן קידוש, די פרויען פאַרזוכן פון ווין. די באַלעבאָסטע דערלאַנגט דאָס עסן. חנהלע פּרובירט ווייטער צוהעלפן. אָבער די דודה לאָזט נישט:

— דו ביסט מיין גאַסט. איך האָב אַ פאַרגעניגן דיך צו באַדינען. נעם נישט צו ביי מיר דאָס פאַרגעניגן.

— זאָל דיר ווויל באַקומען — זאָגט חנהלע — דו וועסט דערלאַנגען מיר און איך וועל דערלאַנגען דיר, דעם דוד, ווי אויך מיין באַגלייטער.

אַלע שמייכלען. זיי עסן און רעדן. די באַלעבאַטים פרעגן חנהלען אויף די עלטערן. חנהלע דערציילט:

— זיי זענען, ברוך השם, געזונט. לעבן זיך שטיל, רויק. ווינטער בעטן זיי אויף רעגנס, זומער אויף טל. אַלץ איז שיין געראָטן. שיינע בהמות. יעדן טאָג גייט אַוועק אַ וועגעלע מיט מילך קיין חיפה.

— אינטערעסאַנט צו וויסן — פרעגט דער דוד — ווי אַזוי האָסטו דורכגעמאַכט די רייזע? אַזאַ ווייטער וועג. איינע אַליין און דערצו אַ מיידל.

— פון ראש־פינה איז דער אבא מיטגעפאָרן. ער האָט עפּעס געדאַרפט דערליידיקן אין חיפה. דאָרט בין איך געשלאָפן ביי אַ ידיד פון אבא. גאַנץ פרי בין איך געפאָרן מיט דער באַן ביז לוד. און פון לוד האָב איך

געהאַט תיכף־ומיד די באַן קיין יפו. אין יפו האָב איך שוין געהאַט דעם דיליזשאַנס ביז פּתח־תקווה.

— און די אַלע וועגן געמאַכט אַליין, אָן מורא, אָן פּחד? — פרעגט דערשראָקן די דודה.

— איך האָב געהאַט מיט מיר אַ שמירה. מיר גייען נישט קיין טריט אָן שמירה — זאָגט חנהלע.

— ווער האָט אויף דיר אַכטונג געגעבן? איך מיין, ווער איז געווען דיין שומר? — פרעגט די דודה ווייטער.

— רגע אחד. איך וועל אים אייך באַלד דאָ ווייזן — זאָגט חנהלע מיט אַ שמייכל. זי גייט אַריין אין צווייטן צימער און קומט צוריק מיט אַ רעוואָלווער. זי זאָגט הויך: — דאָס איז מיין שומר.

— ווייז אַ קוק טאָן — בעט זיך דער דוד — איז דאָס אַן אמתער רעוואָלווער? אָדער אַ קינדערש שפּילצייג.

דער דוד לאַכט און די דודה פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים, האָט מורא אַ קוק טאָן אויף דעם. זי בעט מען זאָל עס צונעמען און באַהאַלטן.

— אויב ער איז געלאָדן מיט קוילן — זאָגט איטשע געלאַסן — נעמט אַרויס די קוילן. דאָ דאַרפט איר מער נישט די שמירה. קאָנטראָלירט גוט, צי עס איז נישט געבליבן פאַרשטעקט אַ קויל. געוווינטשן צו האַלטן מיט דער לופע אַראָפּ. אַזוי איז זיכערער. גיט נישט קיינעם צו באַקוקן ביז איר נעמט נישט אַרויס די קוילן. אויב איר ווייסט נישט ווי אַזוי, טאָ גיט אים מיר.

— איך האָב גערן אַזעלכע פּאַרזיכטיקע ווי איר — שמייכלט חנהלע — אויך איך בין די זעלבע. איך האָב געהאַט אַ גוטן מורה.

חנה עפנט דעם רעוואָלווער, לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק. דער דוד מיט איטשען קוקן זיך צו ווי פלינק און בעל־מלאכיש זי נעמט אַרויס די קוילן און קאָנטראָלירט צי עס איז גאָרנישט געבליבן.

— דודהלע, נעם אַראָפּ די הענט פון פּנים — לאַכט חנהלע — שוין. ער איז שוין אומשעדלעך. ער איז שוין נישטאָ. וועסט אים מער נישט זען.

— האָסט אַ רשיון אויף אים — פרעגט דער דוד — ווייסט כאָטש,

אַז צו האַלטן אַזאַ כלי מוז מען האָבן אַ רשיון. אויב נישט איז דאָ אַ שטראָף.

— איך ווייס, דוד, — זאָגט חנהלע — אָבער נאָר מענער מוזן האָבן אַזאַ רשיון, זיך אַרומטראָגן מיט אים, אַפילו שלאָפן ביי נאַכט דערמיט. ביי פרויען זוכט מען נישט. איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו, דודהלע, ביסט אַזאַ שרעקעוודיקע.

— וואָס הייסט? אַ מיידל זאָל גאָרנישט מורא האָבן צו האַלטן אַזאַ משחית. דאָס האָב איך נאָך נישט געהערט — טענהעט די דודה — דאָס געהערט צו אַ מאַן. אָבער אַ מיידל, אַ פרוי? אַ יידענע? דאָס איז דאָך דער שוואַכער מין, וואָס האָט מורא און ציטערט אַפילו פאַר אַ קליין פּיצעלע מייזעלע. ס׳טייטש, דאָס האַרץ איז דאָך מיר אַנטפאַלן בלויז אָנקוקנדיק. היינטיקע מיידלעך, היינטיקע בחורות! זאָג מיר, טאָכטערשי, די אמא נעמט עס אויך אין האַנט אַריין?

— איך האָב זיך דערמאָנט אַ פילם — מישט זיך אַריין דער באַלעבאָס מיט אַ געלעכטער — ווייזט מען דאָרטן צוויי קעמפנדיקע צדדים, איינע פון מענער, די צווייטע פון פרויען. זיי קעמפן מיט געווער. די פרויען זענען שטאַרקער און אָט האַלטן זיי ביי באַזיגן די מענער. האָבן די מענער אַרויס־געלאָזט פון פאַרמאַכטע קעסטלעך מייזלעך. זענען אַלע ווייבער זיך צע־לאָפן. און די מענער האָבן געוווּנען. דאָס איז געווען אַ גאָנישער איינפאַל.

— און דו גלייבסט, אַז דאָס איז אמת, דוד? — פרעגט חנהלע — איך נישט. דאָס איז בלויז אָפּצולאַכן פון פרויען. אָבער היינט זענען אַנ־דערע צייטן, אַנדערע ווינטן, גאָר אַנדערע פרויען. מיר זענען די זעלבע גיבורים ווי איר, מענער. מיר ווילן זיך מיט אַלעם אויסגלייכן. מיר מאַכן די זעלבע אַרבעט. מיר גייען אויף שמירה. מיר רייטן אויף פערד, גייען אין הויזן, רייכערן סיגאַרעטן, שיסן מיט אַלע מינים געווער, מיר זענען לערער, מיר לערנען מיט קינדער. אויף אַלע געביטן ווילן מיר זיך אויס־גלייכן מיט אייך, מענער.

— זאָג מיר, חנהלע — פרעגט די דודה שוין אַ באַרויִקטע — ביסט גערעכט וואָס דו ווילסט זיך אויסגלייכן מיט די מענער, טאָן זייער אַרבעט. טאָ זע אויך אויסגלייכן די אַרבעט פון שוואַנגערן, טראָגן, האָבן און זייגן.

דאָס דאַרף מען אויך איינטיילן גלייך, מענער ווי פרויען. און דו, חנהלע, אַזוי ווי דו זינגסט זייער שיין, האָסט אַ זיס קול, וועסטו נאָך זיין אַ חזנטע אין אַ שול. אַ מיידל וועט אויך קענען לערנען זיין אַ רב און פּסקענען שאלות מיט דין־תורות.

אַלע ברעכן אויס אין אַ געלעכטער.

— ביסט הונדערט פּראָצענט גערעכט, מיין ווייב — זאָגט דער באַ־לעבאָס — אָבער נישט אַלע זענען מסכים מיט חנהלען. דאָס דאַרף מען אָפּשטימען. איך למשל וועל זיין קעגן. איך האָב ליב דעם אַלטן סיסטעם און איך וויל נישט איבערמאַכן די וועלט. האָב רחמנות, זאָל זיין ווי געווען. אויב עס פאַרדריסט דיך די איינטיילונג, וואַרט ביז משיח וועט קומען. ער האָט אַ סך שאלות צו פאַרענטפערן, וועט ער אויך די שאלה פאַר־ענטפערן.

— דער דוד קען וואַרטן אויף משיחן — לאַכט חנהלע — איך האָב נישט קיין געדולד און צייט. איך וויל שוין.

— אַ יידישע טאָכטער גלייבט אין משיחן. בכל יום אחכה שיבוא. אַפילו היינט. היינט איז שוין שפּעט, טאָ זאָל זיין מאָרגן — זאָגט איטשע אין אַ פריילעכן טאָן.

— וואָס איז דאָס איילעניש, דאָס געיעג, וואָס האָסטו נישט קיין צייט ? — פרעגט דער דוד — געוואַרט אַזוי לאַנג, אַזוי פיל טויזנטער יאָרן, איז נאָך אַ טאָג. איטשע איז דאָך גערעכט, מאָרגן קומט ער, וועלן מיר אַלע אים אַנטקעגן גיין. וואָס טויגן די אַלע רייד ? חנהלע, קענסט דאָך זינגען, בעסער, אַז חנהלע וועט אונדז מכבד זיין מיט אַ שבתדיקן זמר געמישט מיט תפילה־טענער. מיר אַלע וועלן דיר צוהעלפן, אויב עס וועט זיין אַ באַקאַנטער זמר.

— איך וועל דיר גערן צוליב טאָן, דוד — זאָגט חנהלע מיט אַ שמייכל, — איך וועל זינגען אַ שבתדיקן זמר, וואָס מיין אבא זינגט אים אַלע פרייטיק־צו־נאַכט מיט גרויס כוונה, אַפילו מיט דער זעלבער נגינה. דוד, גיב מיר אַ סידור. דער זמר הייסט אשת חייל מי ימצא.

חנהלע זינגט שיין, זייער באַטעמט, זי האָט אַ לירישן אַלט, זי זינגט מיט נשמה, מיט האַרץ, גיט צו אַ חסידישן קנייטש. איטשע העלפט איר

צו שטילערהייט. ווען חנהלע ענדיקט, בלייבט אין דער לופט אַ שטילקייט ווי אַ מיסטישע הייליקייט וואָלט געשוועבט אין שטוב און קיינער וויל נישט שטערן אָדער איבעררייסן.

— אַ ברכה דיר און דיין זיס מויל — זאָגט דער דוד שטילערהייט, ווי ער וואָלט נישט וועלן איבעררייסן די שטילקייט.

איטשע רייסט איבער די שטילקייט.

— ווייסט איר, וואָס פאַר אַ ניגון איר האָט געזונגען? ווער עס האָט אים געמאַכט, ווער איז דער פאַרפאַסער?

— ניין, מיין אבא האָט מיר נישט געזאָגט. מיין אבא זינגט אים אַלע פרייטיק־צו־נאַכט. ווער עס האָט אים געמאַכט, ווער דער מחבר איז, האָט ער מיר נישט געזאָגט, נישט דערציילט.

— דער ניגון הייסט: דעם רב׳ס ניגון, אַ תלמיד פון בעל־שם־טוב, דעם גרינדער פון תנועת החסידות. דעם ניגון האָט מען געזונגען אין אַלע חסידישע קרייזן ווי אין אַלע חסידישע שטיבלעך איבערהויפּט שבת פאַר נאַכט ביי דער סעודה־שלישית, ווען עס איז שוין פינצטער, אָבער אַ ליכט האָט מען נאָך נישט געטאָרט אָנצינדן, ווען אַלע זענען געווען שקוע אין מחשבות, געשוועבט אין די הימלען. אויף אונדז קליינוואַרג האָט עס געהאַט אַ גרויסע השפעה.

— שטענדיק האָט דער אבא מיך געבעטן איך זאָל אים צוהעלפן — זאָגט חנהלע — ווען איך האָב שוין געקענט דעם ניגון, האָט ער מיך געלאָזט אַליין זינגען און ער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט און צוגעברומט שטילערהייט, פּונקט ווי איר...

— איז אייער אבא אַ חסיד?

— וואָס הייסט אַ חסיד — מישט זיך אַריין די דודה — אַ ליובאַ־וויטשער חסיד, געפלעגט אויף אַלע יום־טובים פאָרן צום רבין. איך גע־דענק, אַז מיט דעם ניגון האָט מען געפלעגט זאָגן, טאַכטערשי, וועלן מיר אַנטקעגנגיין משיחן.

— דער רב — דערקלערט איטשע — איז געווען אַ גרויסער צדיק, אַן איש־אלקים, אויך אַ פאַרפאַסער פון הייליקע ספרים, וואָס ווערן גע־לערנט אין אַלע יידישע הייזער.

— וואָס אַ טאָג ווייטער ווער איך מער געוואָר וועמען מיר האָבן אין שטוב. פון וואָס מען זאָל נישט רעדן ווייסט ער, און פון אַלעמען ווייסט ער — זאָגט דער דוד — די גרעסטע הפתעה איז ביי מיר, אַז איטשע איז אויך אַ חסיד, און חנהלע און דו, מיין ווייב, שטאַמען פון חסידים. אויב אַזוי בין איך דאָך איין מתנגד.

אַלע שמייכלען.

— און דיר, מיין חנהלע, האָב איך אויך וואָס צו זאָגן: אַלע זינגען, אָבער זינגען צו זינגען איז נישט גלייך. דיין זינגען איז אַ יוצא־מן־הכלל, קיינער וועט זיך צו דיר נישט גלייכן. איך האָב נישט קיין ווערטער ווי זיך אויסצודריקן, אַ וועלט מיט געפיל, רגש, איז דאָ אין דיין זינגען, זעלטן צו געפינען ביי וועמען. פּשוט אַ קאַנאַריקל, אויב עס איז דיר נישט שווער, גיב נאָך עפּעס, וואָס דו אַליין ווילסט. עס איז פּשוט מחיה נפשות — בעט זיך דער דוד.

— איך בין אויך דערפאַר, אָבער איך האָב נישט די דרייסטקייט, די העזה, ביי אייך צו בעטן — גיט צו איטשע.

— קיין שטערונג, קיינע שוועריקייטן, איך וועל אייךביידן גערן צו ליב טאָן. אויך אַ זמירות פון מיין אבא — זאָגט חנהלע.

חנהלע זינגט און אַלע העלפן איר צו, אָבער שטילערהייט, עס איז אַ באַקאַנטער ניגון, וואָס אַלע קענען אים. די ליכט זענען שוין אויס־געגאַנגען, דער לאָמפּ ברענט נאָך.

די דודה גיט זיך אַ כאַפּ אויף:

— מיר האָבן זיך פאַררעדט, פאַרזינגען. אויך די ליכט זענען שוין אויסגעגאַנגען, מיר האָבן דאָך נישט געענדיקט דאָס עסן, קינדערלעך!

די דודה דערלאַנגט קאָמפּאָט, ווי אויך פאַרשידענע פרוכט.

— מיט דעם שליסן מיר די שבתדיקע מאכלים. ווער עס וויל אַ צולאָג קען באַקומען.

— דודהלע, איך בעט דיך, זיי מיר מוחל, איך קען נישט מער. איך בין פול. סליחה — צערטלט זיך חנהלע.

די דודה רוימט צו. חנהלע וויל איר צוהעלפן. די דודה לאָזט איר נישט.

— דו ביסט אונדזער גאַסט. און דו, מיין מאַן, זוך מיר אויס דעם מאַסקעטער און לימטער אויס דאָס צימער. עס איז שוין נישט פרי. חנהלע איז מיד. סך הכל האַסטו, חנהלע, זיך נישט אָפּגערוט פון דיין לאַנגער רייזע, אַפילו קיין איין מינוט. דעריבער זייט נישט אויף שפּעט! בעסער וואָס פריער גיין שלאָפן, דער ערב־שבת ביי אַ בעקער איז אַ שווערער טאָג. אויך איר, איטשע, ווייס איך, זענט מיד. אַלזאָ, פאָלגט מיך, דאָס איז מיין עצה.

די באַלעבאַטים זאָגן שלום און גייען אַוועק. חנהלע און איטשע בלייבן אַליין זיצן און הייבן אָן אַ שמועס.

— איך האָב זיי ליב כמעט ווי מיינע עלטערן, און זיי מיך אויך, ווי אַן אייגן קינד, געטריי, איבערגעגעבן — זאָגט חנהלע.

— איך וועל נאָך עפּעס וואָס צוגעבן — זאָגט איטשע — ווילע, גוטע, פיינע, ערלעכע, אמת אָרנטלעכע, געטרייע, יידישלעכע (חנהלע שמייכלט), נישטאָ זייער גלייכן. וואָס שמייכלט איר? אפשר האָב איך אַ טעות?

— חס ושלום, איר האָט פאַרגעסן נאָך עטלעכע שבחים — באַמערקט חנהלע.

— עס איז קיין מאָל צו שפּעט מער. די באַלעבאָסטע איז דאָך בלויז נשמה. גוט ווי די גאַנצע וועלט, שטענדיק אויפן פּנים אַזאַ גוט שמייכעלע, וואָס האָט אין זיך אַלע טעמים, וואָס ווערט קיין מאָל נישט פאַרשווינדן, וואָס עס ווילט זיך די אויגן נישט אַראָפּנעמען קיין מאָל, און די אויגן זאָלן נישט מיד ווערן און קיין מאָל זאַט ווערן פון אָנצוקוקן. ביי אונדז זאָגט מען אויף אַזאַ מענטשן: אַ מענטש אָן אַ גאַל. נאָך עפּעס, יעדע עוולה, אָדער יעדעס נישט גלייך וואָרט טייטשט זי אויס לזכות.

— ווי איך פאַרשטיי — זאָגט חנהלע — אַרבעט איר ביי זיי אין בעקעריי. איר זענט שוין לאַנג ביי זיי?

— איך בין שוין ביי זיי כמעט אַ האַלב יאָר. סך הכל בין איך נאָך נישט קיין גאַנץ יאָר אין ארץ־ישראל — ענטפערט איטשע.

— די גאַנצע צייט אין פּתח־תקווה? — פרעגט ווייטער חנהלע.

— נײַן, געאַרבעט אויך אין טבריה, חיפה, יפו און יעצט אין פּתח־תקווה — דערציילט איטשע.

— אין אַזאַ קורצער צייט געטוישט אַזוי פיל אַרבעטספּלעצער? — וווּנדערט זיך חנהלע.

— אַ חלוץ האָט נישט קיין באַשטימט אָרט, האָט נישט קיין באַ־שטימטע היים — שמייכלט איטשע — אַזוי ווי דער גורל פון גאַנצן יידישן פאָלק ישראל, וואָס האָט אויך נישט קיין אייגענע היים. היינט דאָ, מאָרגן דאָרט. נעמט זיין ווירטשאַפט אויף די פּלייצעס, דעם רוקזאַק, דאָרט ליגט זיין גאַנצע ווירטשאַפט, און ער גייט ווייטער. אַ חלוץ איז אַזאַ מין וואַגאַבונדניק.

— פאַר מיר איז עס אַ נײַ וואָרט, ביטע, פאַרטייטשט עס מיר — בעט זיך חנהלע.

— דאָס איז אַ וואָרט, וואָס ווערט גענוצט אין אַלע שפּראַכן. אויף עברית קען מען זאָגן נע־ונדניק. ער דאַרף גאָרנישט און האָט גאָרנישט — טייטשט איר אויס איטשע.

— איר וועט מיר מוחל זיין, דאָס איז נישט דער ריכטיקער אויסדרוק פאַר אַ חלוץ — פּראָטעסטירט חנהלע — דער חלוץ פאַרמאָגט און האָט פיל מעלות, ממש איבערמענטשלעכע, און אַפילו איבערנאַטירלעכע, אידע־אַליסטישע, ביז מסירת־נפש. זיי זענען גרייט, צוגרייטן און אויספּלאַסטערן אַ וועג פאַר אונדזערע געפּלאָגטע און געטרודפטע ברידער און שוועסטער, מעג עס קאָסטן אַ גרויסן פּרייז. איר מוזט מאַכן אַ טעות, אָדער איר שפּאַסט.

— אויב איר נעמט עס אָן פאַר אַ שפּאַס, וועט איר מיר אַנטשולדיקן — פאַרענטפערט זיך איטשע — איך וועל זיך נישט דערלויבן צו שפּאַסן מיט אַ מענטש, וועמען איך זע דאָס ערשטע מאָל. אייערע ווערטער זענען אמת. דער חלוץ האָט אַ סך אידעאַליזם, אָבער לויט דער אויפפאַסונג פון פיל ארץ־ישראלדיקע מענטשן, בפרט פון אונדזערע איכרים, איז דאָס דאָזיקע וואָרט דאָס פּאַסיקע. אַזוי באַציִען זיי זיך צום חלוץ. דעריבער איז עס נישט קיין טעות מיין באַצייכענונג און איר דאַרפט צוריקציִען אייער מיינונג, אַז איך האָב געמאַכט אַ שפּאַס.

— אויב איך האָב אָנגערירט אייער כּבֿוד מיט דעם וואָרט, טאָ זייט

מיר מוחל — זאָגט חנהלע, וועלכע פילט זיך נישט באַקוועם אין דער סיטואַציע — אָבער, זאָגט מיר, פאַר וואָס האָט איר אַזאַ מיינונג וועגן די איכּרים.

— חנהלע, ערגערט זיך נישט, טוט מיר צוליב — בעט זיך איטשע — איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז זיי וועלן נאָך ענדערן זייער מיינונג. צווייטנס זענען זיי אַ קליינער פּראָצענט פון ישוב. און דריטנס בלייבט עס נאָך נישט אַזוי, צוליב פאַרשיידענע גורמים, וואָס די נאָענטע צוקונפט וועט ברענגען. אָבער דערווייל באַטראַכטן זיי דעם חלוץ ווי אַן אַראָפּגעפאַלענע צרה אויף זייערע קעפּ אומגעריכט, אַזאַ צרה אשר לא כתוב בתורה.

— איך פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט דערמיט — פרעגט חנהלע מיט שטוינונג — גיט מיר צו פאַרשטיין.

— פּראָסט און פּשוט, זיי ווילן נישט בשום־אופן צונעמען אַ יידישן פּועל צו דער אַרבעט — דערקלערט איטשע — אויב ווער נעמט צו אַ ייד צו דער אַרבעט ווערט ער דערצו געצווונגען, מען אַפּעלירט צו זיין געוויסן. דאַקעגן וויפל אַראַבער עס זאָלן נישט זיין האָבן זיי אַלע אַרבעט. און אונדזערע גייען אַרום און הונגערן. און אויב אַ ייד אַרבעט שוין אַ טאָג זאָגט מען אים צו מאָרגנס אָפּ.

— איך וויל זיי נישט פאַרענטפערן, איך זוך נישט קיין זכות אויף זיי — באַמערקט חנהלע — אָבער עס מוז דאָך זיין אַ סיבה, אַ פאַרוואָס. אפשר נעמען די אַראַבער ווייניקער געצאָלט, אפשר אַרבעטן זיי בעסער, שנעלער, שענער. איך בין זיכער, אַז דער יידישער איכּר טוט עס נישט, ווייל ער האָט זיי ליבער.

— עס קען זיין, אַז איינס פון די סיבות איז גורם דאָס צונעמען אַראַבער — איז איטשע מסכּים — אָבער צו דעם איז דאָ אַן עצה. באַשטימען די אַרבעט מיט אַ גאַרמע, דאָס און דאָס דאַרפסטו מאַכן. דאָס קען מען נישט אָפּנאַרן. אָבער לאָמיר נעמען למשל שמירה פון די כּרמים, פּרדסים אדג״ל. ווען דאָס וואָלט געווען אין יידישע הענט וואָלטן די איכּרים אַ סך איינגעשפּאָרט, ווי אויך געווען זיכערער, אַז מען וועט נישט גנבענען. אַפילו זייערע שומרים אַליין גנבענען. דערצו נאָך שלאָפן זיי אָפּ די גאַנצע נאַכט, היטן גאָר נישט. צו דעם דאַרף מען נישט זיין קוואַלי־

פּיצירט. עס איז נישט קיין פּאַך. און דאָך ווילן די איכרים נישט נעמען קיין יידישע שומרים.

— זעט איר, אין גליל איז עס שוין גאַנץ אַנדערש — זאָגט חנהלע — ביי אונדז זענען אין אַלע מושבות די פּועלים נאָר יידן. קיין אַראַבישן פּוס זעט מען נישט. און דווקא בלויז נייע...

— גליל, ווער רעדט פון גליל! ברענגט נישט קיין ראיה פון גליל — מיינט איטשע — ערשטנס דאַרפן זיי זייער ווייניק פּועלים. צווייטנס מוזן זיי פאַרגרעסערן די צאָל יידן צוליב זיכערקייט. אָבער די מושבות פון יהודה ווי פּתח־תקווה, ראשון־לציון, נס־ציונה, רחובות א״א זיי דאַרפן אַ סך פּועלים. זעלטן נעמען זיי אַ יידישן פּועל, הגם זיי ווייסן, אַז דער אַראַבער איז אים אַ שונא בלב ונפש. זיי, די אַראַבער, באַהאַלטן עס גאָרנישט. זיי וואַרטן און קוקן אויס די פּאַסיקע מינוט אויסצופירן זייערע דראָונגען. און אַזעלכע האַלט מען אין שטוב ביי זיך, אַפילו מיט שלאָפן. דער אַראַבער ווייס יעדע זאַך, וואָס עס טוט זיך אין שטוב, ער קען אויך די שוואַכע זייט און וועט וויסן ווען אָנצופאַלן. ווען צו שעכטן, ווען צו גנבענען. צי זענען זיי בלינד, אָדער מאַכן זיך נישט זעענדיק, די באַלע־באַטים? זיי ווילן גאָרנישט זען, אַז זיי האַדעווען אַ שונא, אַ רוצח. אפשר מאַכט אים בלינד די אַראַבישע חניפה. דאָס פאַרשטעלט פאַרן באַלעבאָס דאָס באַהאַלטענע מעסער, וואָס ער טראָגט אונטער דער אַבאַיע. און דיין ברודער, דיין פריינד, מיט וועמען עס פאַרבינדט דער געמיינזאַמער לעבנס־אינטערעס צו שאַפן אַ היים פאַר אַלע ברידער און שוועסטער, דער חלוץ, וואָס האָט פאַרלאָזט טאַטע־מאַמע, משפחה, און אויף אַלעם מוותר געווען, אָפּגעזאָגט זיך צו פאָרן אין די רייכע לענדער, אים נעמט מען נישט צו צו קיין אַרבעט. אים ווייזט מען אַרויס קאַלטקייט, שלעכטקייט, ווייטקייט, מען לאָזט זיי אַרומגיין און הונגערן, מען גיט אים נישט קיין טאָג אַרבעט. דאָס איז די הילף צו שאַפן אַ יידישע היים? די שוואַכערע פאַלן אַריין אין יאוש און פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זאָגן צו צו קומען שפּעטער, אָבער גלויבן אַליין ווייניק אין דעם. עס איז דאָ אַ גרויסער צופלוס פון אַראַבער. זיי דאַרפן נישט קיין דעקלאַראַציעס, קיין סערטיפיקאַטן. זיי באַקומען אויך באַלד אַרבעט. סיי די רעגירונג גיט זיי, סיי די יידן, די איכרים. איר האָט

זיכער געהערט פון דעם אָנפאַל פון די אַראַבער אויף אונדזער מושבה. זיי האָבן אונדז גערויבט אויסשעכטן. טאַקע די זעלבע אַראַבער, וועלכע האָבן דאָ געאַרבעט. געווען אַ סך קרבנות. ביי די קרבנות האָבן די יידן געשוואָרן נישט צונעמען מער די אַראַבער. סך הכל איז אַריבער קוים דריי חדשים און אַלע אַראַבער זענען צוריק אויף זייערע ערטער, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. און די שבועה? פאַרגעסן. מען פרייט זיך נאָך מיט די אַראַבער נאָכן קורצן איבעררייס פון נישט זען זיך. יעדן טאָג קומען צו אַראַבער, וואָס פאַרנעמען די פּאָסטנס פון יידן.

— מיר האָבן געהערט פון די געשעענישן — זאָגט חנהלע באַזאָרגט — דער גאַנצער יידישער ישוב האָט זיך געגרייט צו געבן אַ ווידערשטאַנד. אָבער אַלס געטרייע יידישע טאָכטער פון ישוב, וועלכע וויל זען די אויפבויונג פון דער יידישער היים, איז מיר שווער צו הערן וואָס איר זאָגט וועגן די יידישע איכרים. עס זענען אַודאי דאָ זכויות אויף זיי.

— אַדרבא — כאַפּט אונטער איטשע — זאָגט מיר. איך וואָלט געווען צופרידן ווען עס זאָל זיין אַזוי.

— קודם כל — זאָגט חנהלע — איז ביז נישט לאַנג געווען אַזאַ לאַגע, אַז עס זענען נישט געווען קיין יידישע פּועלים. דערווייל האָט מען זיך צוגעוווינט צום אַראַבער. צווייטנס, אויב אַ ייד זינדיקט בלייבט ער דאָך אַ ייד. אַזוי זאָגן אונדזערע חכמים. ווייטער בין איך זיכער, אַז מיט דער נייער עליה וועט זיך אַלץ ענדערן.

— מיין טייערע פריינדין — זאָגט איטשע — דאָס זענען שוואַכע זכויות נעבעך. אויב איר האָט נישט קיין שטאַרקערע טוט מיר לייד. איך קען זיי נישט אָננעמען. עס איז שטענדיק געווען אַ קאַמף פאַר יידישע אַרבעטער, אַפילו דאַן ווען עס זענען געווען איינציקע. און דאָס וואָס איר זאָגט „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא" האָט דאָס אַ שייכות נאָר צום רבונו־של־עולם, אָבער נישט בין אדם לחברו. דאָ שטייט גאָר וחי אחיך עמך און ואהבת לרעך כמוך. וואָס שייך ענדערן זאָג איך אויך דאָס זעלבע, אָבער נישט ביי זיי. זיי זענען דער דור־המדבר, אויפגעהאָדעוועט אויף שנאָרן. זיי איז שוין שווער צו ענדערן. און טאָמער וועט קומען אַ שינוי וועט דאָס זיין, וואָס זיי וועלן קיין ברירה נישט האָבן. זיי זענען רייך געוואָרן מיט

דער הילף פון וועלט־יידנטום, פון באַראָן ראָטשילד. דאָס האָבן זיי אין גאַנצן פאַרגעסן. אויפגעקומענע פּריצים, וואָס ווילן חניפה, מען זאָל לעקן און קושן זייערע פיס. דאָס וועלן זיי ביים יידישן פועל נישט האָבן. דאָס איז איינע פון די סיבות וואָס זיי ווילן בעסער די חנפנדיקע אַראַבער. זיי ווילן נישט זען דאָס פאַרשטעקטע מעסער. אָבער ווען דער אַראַבער וועט דאָס מעסער אַרויסציען קעגן זיין ברויטגעבער, דאַן וועט ער נישט האָבן קיין ברירה און זיך ווענדן צו זיין פאַרשטויסענעם ברודער, צום יידישן פועל: קום, ראַטעווע מיך! ווי און ווינד איז צו אונדז — ענדיקט איטשע זיין לאַנג וואָרט — אַז דער שינוי זאָל קומען מיט אַזעלכע דרכים און וועגן.

ביידע שווייגן. נאָך אַ פּויזע רופט זיך אָפּ איטשע:

— חנהלע, זאָל זיין גענוג צו רעדן וועגן אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען.

— ריכטיק — איז חנהלע מסכים — באַזונדערס ווען איר נעמט זיך דערמיט איבער. איר האָט געערדט מיט האָרץ. אָבער די ניי־געקומענע וועלן אַלץ ענדערן. זיי וועלן שאַפן קיבוצים, מושבות, על טהרת עבודה עברית. איך וועל אייך געבן אַ טרונק און צוליב אייך וועל איך אויך טרינקען.

— „צוליב אייך וועל איך אויך טרינקען" — לאַכט איטשע — איר טרינקט צוליב מיר און איך צוליב אייך. זענען מיר אויסגעגליכט. — זיי טרינקען און איטשע ציט ווייטער דעם שמועס: — ווען אייער דוד וואָלט געזען, אַז מיר טרינקען טיי, וואָלט ער געשעפּט נחת. ער וואָלט זיך געשפּירט גליקלעך וואָס זיין תורה ווערט אָנגענומען. יעדער מענטש טרינקט טיי, אָבער ער איז ממש אַ פאַנאַטיקער. לויט אים שטעקן אַלע סגולות און רפואות אין גלעזל טיי. אַלע רוסישע, יידן און גויים, זענען טיי־טרינקערס, אָבער דער דוד אייערער איז אַ זופער, אַ גיסער.

— זאָגט מיר — ווענדט זיך חנהלע צו איטשען — איר זענט דאָך שוין דאָ באַלד אַ יאָר אין ארץ־ישראל, קענט איר זיך שוין אַרויסזאָגן ווי עס געפעלט אייך דאָס לאַנד.

— עס זענען דאָ לענדער, וואָס קענען מער געפעלן — שמייכלט איטשע.

— טאַ פאַר וואָס זענט איר נישט געבליבן אין די לענדער, וואָס קענען מער געפעלן? — פרעגט שוין חנהלע צודרינגלעך.

— איך האָב טאַקע געקענט בלייבן — ענטפערט איטשע — אָבער איך האָב געבענקט נאָך מיין אומפאַרגעסלעכער מוטער.

— האָט איר אַן אמא דאָ אין ארץ־ישראל? — וווּנדערט זיך חנהלע.

— וואָס? איר קענט זי נישט? — ענטפערט איטשע מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע — איר ווילט זי קענען? ביטע זייער. ארץ־ישראל איז אונדזער אַלעמענס מוטער. און צו אַ מוטער בענקט זיך. אַ מוטער מוז מען ליב האָבן, אַפילו ווען זי איז נישט קיין שיינע. נישטאָ קיין מיאוסע מוטער.

— זייער פיין — באַשטעטיקט חנהלע אַ ביסל ברוגזלעך — איר רעדט מיט רמזים, ווי אַ משורר, אַ פּאָעט.

— דאָס איז נישט קיין שפּראַך פון רמזים. נישט פּאָעטיש און נישט ליטעראַריש — פּראָטעסטירט איטשע — די אַלע שפּראַכאויסדרוקן האָב איך נישט געערן. איך האָב ליב פּראָסט און פשוט. ליב האָבן אַ מאַמע איז גאַנץ נאַטירלעך. דאָס קינד פון דער נישט־שיינער מאַמע האָט נישט ווייניקער ליב זיין מוטער, ווי דאָס קינד פון דער שיינער מוטער. ארץ־ישראל איז אונדזער מוטער, אין אַלע אומשטענדן, אויף אַלע אופנים.

— עס געפעלט מיר אייער אויסטייטשונג — שמייכלט אונטער חנהלע — אייערע פירושים זענען יוצא מגדר הרגיל און איך אַלס מורה וועל אייך געבן הצטיינות מיט הציון לשבח.

— תודה רבה פאַר אייער גוט האַרץ און פאַרן ציון — זאָגט איטשע ערנסט — באַזונדערס געפעלט מיר נישט די סקאַרבאָווע אַלגעמיינע שאלה, וואָס מען פרעגט ביי אַלע עולים, יעדן איינציקן. אויף שריט און טריט קענט איר עס הערן: ווי געפעלט אייך ארץ־ישראל? וואָסי, עס איז אַ פאַרשטעלונג, אַ תערוכה, אַ בילד, אַ קאָנצערט? צו אַלדע גוטע יאָר. עס פעלט וואָס צו פרעגן די נייע עולים בעסערע און שענערע שאלות?

— איז דאָך שוין מיין דוד געדעכט, אַז מען דאַרף פריער קאָנטראָלירן יעדעס וואָרט, ווען מען רעדט מיט אייך — זאָגט חנהלע פאַרדראָסיק — פאַר מיר הייסט עס שוין אַ ביסעלע סאַרקאַסטיש.

— סליחה, געערטע בחורה חנהלע, — בעט איטשע איבער — איך האָב נישט געמיינט חס־ושלום אייך. איך האָב עס געזאָגט אַלגעמיין.

עס קומט אַריין די דודה און זאָגט:

— חנהלע, דאָס צימער איז שוין צוגעגרייט. אויך דער מאָסקיטער. זאָלסט אים באַנוצן, ווייל מיר האָבן דאָ יתושים. ווען רעכנט איר צו גיין שלאָפן? דו ביסט דאָך מיד פון דער רייזע.

— דודהלע, איך בין נישט מיד — דערקלערט חנהלע — און מיט דיין איטשען איז דאָך זייער אָנגענעם צו זיצן און שמועסן. זיין שמועסן נעמט אַוועק די מידקייט. די אינטערעסאַנטקייט נעמט אַוועק דעם שלאָף. אַזוי זיצן געמיטלעך הייסט אויך גערוט. אויב אָבער דו ערגערסט זיך דערפון גיי איך שוין שלאָפן.

— איך האָב אויך גערן צו הערן זיינע שמועסן — דערציילט די דודה — אָבער דיין דוד האָט אויף מיר שטענדיק אַ פּאַרדראָס, וואָס איך גיב גערעכט איטשען ביי זייערע וויכוחים. וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך מוז געבן גערעכט דעם, וואָס רעדט מער שכלדיק. איך גיי גלייך, ווי דער אַראַבער זאָגט, דוגרי. פאַר וואָס נעמט איר נישט קיין פּרוכט? איך וועל אייך נישט שטערן. איך גיי שלאָפן.

— אייער דודה — זאָגט איטשע נאָך דעם ווי די באַלעבאָסטע איז אַוועק — מאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט געשטאַמט פון גרויסן אַדל, פון יחוס. איר מעגט שטאָלץ זיין מיט אַזאַ דודה. פון וועלכער זייט איז זי אייער דודה?

— אַ שוועסטער פון מיין פאָטער — ענטפערט חנהלע — זיי זענען טאַקע ענלעך ווי צוויי טראָפּן וואַסער, מיט אַלעם, סיי מיטן אויסזען, מיט רעדן, באַוועגונגען, סיי מיט דער האַלטונג, שרייט נישט, בייזערט זיך נישט, זייער העפלעך, שווער אים אַריינצוברענגען אין כעס.

— לאָמיר מאַכן אַ הפסקה צו אונדזער שמועס — לייגט פאָר איטשע — ערשטנס זענט איר מיד פון דער רייזע און עס וועט זיין פון מיר די גרעסטע עוולה אייך דאָ אויפצוהאַלטן. צווייטנס, טאָמער קומט אַריין די דודה וועט זי זיך ערגערן. דאַמאָלסט וועל איך אויך זיך ערגערן, ווייל עס איז אַן עבירה זי צו ערגערן. לילה טוב!

זיי צעגייען זיך שטיל, דריקנדיק זיך די הענט און מיט „שבת שלום!".

ווי מיד חנהלע איז נישט געווען האָט זי נישט געקענט איינשלאָפן. זי האָט געטראַכט פון איטשען. ער שטייט איר פאַר די אויגן. סיי זיין אויסזען, סיי זיין רעדן געפעלן איר ביז גאָר. ער איז אַ קוואַל פון וויסן, באַשיידן און העפלעך. עס איז דאָך אַ זעלטנהייט אַ בחור זאָל ביי דער ערשטער באַגעגעניש מאַכן אַזאַ רושם. זי האָט דאָך געדאַרפט מיט אַלע כוחות איינהאַלטן זיך אַרויסצווייזן איר באַציִונג. אַ בחור דאַרף מאַכן דעם ערשטן שריט. זי וואָלט אים נישט אָפּגעשטויסן. אָבער עס איז נישט געקומען צו גאָרנישט. קיין וואָרט. זי הערט שטילע טריט. דאָס איז די דודה געקומען אַ קוק טאָן צי זי שלאָפט. חנהלע מאַכט זיך שלאָפן. די דודה פאַרריכט דעם מאָסקיטער און גייט נאָך שטילער אַרויס. לאַנג איז נאָך חנהלע געלעגן, ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן און די פייגל האָבן אָנגעהויבן פּישטשען איז זי איינגעשלאָפן.

דער באַלעבאָס דרייט זיך אַרום אויף דער מרפסת, טאַפּט דעם סאַמאָוואַר. ער איז טאַקע נישט קיין פרומער, אָבער שבת וויל ער נישט מאַכן דעם סאַמאָוואַר. ער גייט אַריין אין קיך צו דער קנויט־מאַשינקע, וואָס ברענט אַ גאַנצע נאַכט, און גיסט זיך אָן אַ גלעזל טיי. ער איז נישט שטאַרק צופרידן. אַזאַ טיי שמעקט אים נישט און ער לאָזט איבער אַ האַלב גלאָז. ער לייענט די צייטונגען. עס איז שוין גרויסער טאָג און דער עולם שלאָפט. מילא, עס איז שבת, זאָלן זיי שלאָפן. ער לייענט אין צייטונג, אַז אין ירושלים האָבן אַראַבער געשטאָכן אַ ייד. דעם מערדער נישט געכאַפּט, כרגיל. צו וואָס אים כאַפּן, ווען זיי שיקן אים אַליין? די יידן, וואָס וווינען אין שכנות מיט אַראַבער ציִען זיך אַרויס...

איטשע קומט אַריין מיט אַ פריילעכן „גוט שבת!" ער פרעגט דעם באַלעבאָס, וואָס ער זיצט אַליין. ער באַמערקט אויך, אַז דער היינטיקער טאָג איז אַ סך וואַרעמער ווי דער פריערדיקער.

— וואָס אַרט דיך? — מיינט דער באַלעבאָס — עס איז דאָך שבת, מען אַרבעט נישט. מעג דער טאָג זיין וואַרעמער.

אויך די באַלעבאָסטע איז שוין אויפגעשטאַנען. זי קומט אַרויף אויף דער מרפסת אין אַ שיינעם קאָלירטן שלאַפראָק, שיין פאַרקעמט מיט אַ הויכער פריזור, וואָס מאַכט זי העכער ווי זי איז. זי ברענגט אַרויס צו פאַרבייסן. אַלע זעצן זיך צום טיש. די דודה פרעגט איטשען, ווען חנהלע האָט זיך געלייגט. זי לויבט זי, אַז זי איז אויסגעוואַקסן אַ שיינהייט. זי גייט אַוועק אַ קוק טאָן צי זי שלאָפט. די דודה קומט באַלד צוריק און זאָגט:

— שלאָפט, ווי אַ מלאך. שטיל. איך האָב זי נישט געוואָלט וועקן. ווער ווייס ווען זי האָט זיך געלייגט. איטשע וויל דאָך נישט דערציילן ווען זי איז אַוועק שלאָפן. מילא, זאָל זי שלאָפן ביז זי וועט זיך אַליין אויפכאַפּן. מיר וועלן דערוויל עסן. נאָר מיטן טשאָלנט און קוגל וועלן מיר וואַרטן אויף חנהלען.

— אַ שטיקעלע פיש קען מען דערוויל עסן? — פרעגט דער באַלעבאָס.

— פאַר וואָס נישט? — ענטפערט די באַלעבאָסטע — איך גיב אייך שוין פיש. מיר האָבן היינט פון דריי מינים: געפּרעגלטע, געבראָטענע און געפילטע. היינט האָבן מיר אַ שבת פון שבת־לאַנד. אַלץ צוליב אונדזער גאַסט. פאַר דיר, מיין מאַן, האָב איך אַ סיורפּריז, — דערלאַנגט אים אַ פלאַש וואָדקאַ.

— אַ לעבן אויף דיר — פרייט זיך דער באַלעבאָס — דו ווייסט ווי מיר אונטערצוקומען. אַלץ צוליב אונדזער גאַסט. אָבער פון דער משקה וועלן מיר אַלע נעמען צו ביסלעך. אויך דו, מיין ווייב. לחיים פאַר ליבן גאַסט!

— איך וועל נאָך אַ מאָל געבן אַ בליק צו אונדזער חנהלען. — זאָגט די באַלעבאָסטע — אפשר האָט זי זיך שוין אויפגעכאַפּט.

— ווו האָט זי דאָס געפּאַקט די וואָדקאַ? שווער צו באַקומען — זאָגט דער באַלעבאָס און גיסט אָן נאָך צו ביסלעך — קאָניאַק, וויסקי, דאָס קריגט מען. אוי, די פיש. זיי זענען היינט אַ יוצא־מן־הכלל. צו פיש איז מיינע גאָר אַ גרויסע קענערין. נאָר היינט זענען זיי גוט, אָן אויסנאַם. און וואָס קען זי נישט?

— זאָל איך גאָט העלפן, אַז איר זאָלט זיך עלטערן מיט איר ביז

הונדערט און צוואַנציק יאָר — ווינטשט איטשע — זי איז וווּיל און גוט. זי איז די אמתע ייִדישע מאַמע. איך האָב זי ליב אַזוי ווי מיין מאַמע.

— אויב אַזוי ביסטו ווערט נאָך אַ גלעזעלע — גיסט דער באַלעבאָס אָן די גלעזלעך אַ ביסל בגילופין — עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ פרוי מיט אַזאַ גוט האַרץ ווי זי. זי העלפט, שטיצט מיט וואָס זי קען נאָר. איך שטער איר נישט. לחיים. זי טראָגט אַריין אין געוויסע שטיבער ברויט, כלומרשט אויף באָרג און זאָגט נאָך: ווען איר וועט האָבן וועט איר מיר אָפּגעבן.

— יאָ, איך האָב שוין דערקענט איר גוטסקייט — פּאַטאַקעוועט איטשע צו — זי איז אַ מאַמע פאַר אַלעמען.

— איר ווייסט — הייבט דער באַלעבאָס אָן דערציילן — אונדזערע קוזינען הויבן זיך שוין אָן צו באַווייזן. מילא די אַראַבער פון אַבו קישעק, מיט זיי האָט מען שוין געמאַכט אַ סולחה. מען האָט געשאָכטן שעפּסן, געקאָכט מיט רייז און געטרונקען שוואַרצע קאַווע. מיר דוכט זיך, אַז די אַראַבער פון יהודיה, די אָרעמע דלתים, אַרבעטן שוין...

— ווי איז עס מעגלעך? — שרייט אויס איטשע — איך אַליין האָב געהערט ווי זיי האָבן געשווירן ביי די טויטע קעפּער פון זייערע העלדישע קינדער, געפאַלענע בעת דעם איבערפאַל, אַז מער וועלן זיי די אַראַבער נישט אַריינלאָזן אין דער מושבה. ווער שמועסט נאָך וועגן געבן אַרבעט.

— דער אַראַבער ליגט זיי שוין אין בלוט, זיי קענען נישט לעבן אָן דעם אַראַבער — קלערט דער באַלעבאָס אויף — ווען עס קומט צו דער פראַגע אַראַבער איז אַ שבועה קיין שבועה נישט, אַ וואָרט קיין וואָרט נישט. מיר האָבן געהאַט ניסים, וואָס די ענגלענדער האָבן נישט פאַר־שפּעטיקט, ווי זייער טבע איז. מי יודע וויפל קרבנות עס וואָלטן געפאַלן. די אַראַבער זענען דאָך שוין געווען אין דער קאָלאָניע...

— אַז די גאַנצע מושבה פאַרמאָגט אין גאַנצן פינף ביקסן — רעדט איטשע מיט אויפרעגונג — און דערצו זענען די באַוואָפנטע געריטן אויף פערד, זיך אויסגעשטעלט אויפן ציל פון די באַהאַלטענע אַראַבער. די דריי, וועלכע זענען געפאַלן, זענען געווען טאַקע פון די רייטער. וואָס האָבן זיי געמיינט, אַז זיי רייטן אויף פּאַלעוואַניע? דער שונא האָט געשאָסן פון

באַהעלטענישן. ערשט שפּעטער האָט מען פאַרשטאַנען און אַראָפּ פון די פערד און געוואָרפן זיך צו דער ערד. צי האָט די מושבה זיך נישט געקענט צוגרייטן אָפּצושטויסן אַליין דעם אָנפאַל? מען האָט דאָך עס געוווסט פריער. האָט מען אונדז געגעבן אין דער לעצטער מינוט שטעקנס. און אַלאַרמירט דעם שונא, דעם ענגלענדער, ער זאָל אונדז העלפן. ווען מיר האָבן געהערט דעם אַלאַרם־רוף דורך דעם גלאָקן־געקלאַנג האָבן מיר געבעטן אין דער מועצה געווער. מיר זענען דאָך געוועזענע סאָלדאַטן. איז קיין געווער נישט געווען. מיר האָבן געהאַט שטעקנס און זיי, די אַבו קישעקס, זענען געקומען מיט ביקסן, גראַנאַטן, אַ סך רעזערוו־קוילן. אַפילו באַנדאַזשן האָבן זיי מיטגעהאַט. ווי אמתע זעלנער אין מלחמה. בלית־ברירה האָבן מיר געקעמפט מיט די שטעקנס און אייזנס. ווען מיר האָבן דערזען די ווייסע שמאַטעס אויף די קעפּ פון די אינדישע זעלנער האָבן מיר זיך דאַן צוריקגעצויגן. אויפן וועג האָבן מיר געזען ליגן צוויי אַראַבישע ריזן. דאָס געווער האָט שוין עמיצער ביי זיי אָפּגענומען. מען האָט לויט די פּאַסקעס געקענט זען, אַז דאָס זענען געווען וויכטיקע פּאַרשוינען.

— געדענקסט — גיט דער באַלעבאָס צו — די אַראַבער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי יידן, האָבן געקאָכט גרויסע טעפּ מיט רייז. ווען מען האָט זיי געפרעגט וואָס זיי קאָכן אַזעלכע גרויסע טעפּ, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי דערוואַרטן געסט. מיר האָבן צו שפּעט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ געסט...

— ווען די אינדישע זעלנער האָבן אַרויסגעשיקט וועגנער צונויפּ־צוזאַמלען די פאַרוווּנדעטע בין איך מיטגעגאַנגען — דערציילט איטשע — האָב איך געזען, אַז דאָס זענען געווען די אָרעמע אַראַבער פון יהודיה. זיי זענען געקומען מיט זעק צו ראַבעווען. ווייבער, קינדער, מענער, אַלטע און יונגע. די אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט ביי יידן, די אַבו קישעקס זענען געקומען הרגענען און דאָס ערב־רב — ראַבעווען. האַלב טויטע, באַ־גאָסענע מיט בלוט האָט מען זיי געפירט אין בית־חולים אין יפו. איצט איז נאָך נישט אַריבער קיין האַלב יאָר און זיי קומען צוריק, און מען גיט זיי ווייטער אַרבעט. און זיי וועלן ווייטער צוגרייטן רייז פאַר די געסט...

חנהלע מיט דער דודה קומען אַריין געאַרעמט. אַ בליאַסק האָט געטאָן

אַ שוועב, ווי אַ שטראַל פון עטלעכע זונען וואָלט זיך באַוויזן. איטשע גיט זיך מיט איין מאָל אַ שטעל אויף. אויף איטשען קוקנדיק שטעלט זיך דער באַלעבאָס אויך אויף און ביידע באַגריסן פריילעך די אַריינקומענדיקע מיט „שבת שלום!"

— סליחה, מאה פעמים, פאַר מיין פאַרשלאָפן — פאַרענטפערט זיך חנהלע — עס איז נישט מיין שטייגער צו שלאָפן אַזוי שפעט. אפשר צוליבן טוישן די לופט...

— חנהשי, מה רעש? — זאָגט דער דוד — עס איז נישט קיין טראַגעדיע. דו ביסט געווען מיד און אַודאי געגאַנגען שפעט שלאָפן. און אויף אַ פריש געלעגער שלאָפט זיך נישט איין אַזוי גיך. מיר האָבן דערווייל עפּעס געגעסן, געטרונקען, געמיטלעך געשמועסט, יעצט וועלן מיר צוואַרטן ביז איר, די דודה און דו חנהלע, וועלן צוקומען צו דעם, ביי וואָס מיר האַלטן. נאָט אייך צו ביסלעך און טרינקט לחיים. אַ לחיים וועלן מיר טרינקען מיט אייך צוזאַמען.

די סעודה איז אין פולן גאַנג. די דודה דערלאַנגט טשאָלנט און אַלע נעמען זי לויבן.

— דודהלע — זאָגט די ערשטע חנהלע — דאָס איז טשאָלנט? דאָס איז דאָך איינגעמאַכטס, דאָס איז דאָך מלא־טעם. אַלע טעמים אין דער וועלט זענען דאָ אין דעם טשאָלנט.

— חנהלע האָט מיר אַרויסגעכאַפּט די ווערטער פון מויל — טענהעט איטשע — טאָ וואָס זאָל איך שוין זאָגן? יאָ, איך האָב אויך אַ לויבוואָרט: דער טשאָלנט האָט דעם טעם פון מן, פון דעם מן, וואָס די יידן האָבן געגעסן אין דער מדבר. דאָס איז אַלץ כולל.

— טאָ וואָס איז שוין פאַרבליבן פאַר מיר צו זאָגן? — פרעגט מיט אַ כלומרשטער טענה דער באַלעבאָס.

— דוד, דו ביסט דאָך דער מאַן — לאַכט חנהלע פון וואָרטשפּיל און ווענדט זיך צו דער דודה — זאָג מיר, ווי אַזוי מאַכסטו דאָס?

— איך האָב אַריינגעגעבן אַ שטיקל האַרץ אין דעם טשאָלנט. ווער עס וויל קען באַקומען נאָך אַ שטיקל. איצט, מיינע ליבע און טייערע,

קומט דער עיקר, דער קוגל — מעלדעט זי פייערלעך און טיילט איין דעם קוגל.

— איך האָב אַ לויבוואָרט פאַר מיין ווייב — רופט אויס דער באַלע־באָס מיט פרייד — געקלערט און געפונען: דער קוגל איז בעסער ווי דער טשאָלנט.

עס קומט אַריין אַ גאַסט, בלייבט שטיין ביי דער טיר. דאָס איז אַ געוועזענער חבר פון חנהלען.

— קומט ווייטער — זאָגט די דודה — אַז מען טרעפט אין מיטן עסן איז אַ גוטער סימן. איינס, אַז מען איז אַ מזלדיקער, צוויי...

דער גאַסט זאָגט אַלעמען „שבת שלום!" און צעקושט זיך מיט חנהלען. ער שרייט: חנהלע, די שטיפּערקע. חנהלע רופט אים: חיימקע דער ביימער־קריכער. ביידע פרייען זיך, קוקן זיך אָן און באַוואונדערן זיך קעגנזייטיק ווי זיי זענען אויסגעוואַקסן. די דודה שטעלט אַוועק פאַרן גאַסט אַ פּאָרציע טשאָלנט און פאַרבעט אים.

— דו ווייסט וואָס שלום עליכם זאָגט — גיסט דער דוד דערווייל אָן די גלעזלעך — אם כן באת בצל קורתי, דאָס הייסט פאַרזוך פון אונדזער טשאָלנט. אָבער פאַרן טשאָלנט וועסטו מאַכן מיט אונדז אַ לחיים.

— חיימקע — זאָגט פריילעך חנהלע — דו ביסט אַריינגעפאַלן. עס וועט דיר שוין גאָרנישט העלפן, אַפילו קיין שמע קולנו.

— מילא פון אַזאַ אַריינפאַלן קען גאָרנישט פאַרשאַטן — זאָגט חיימקע — אָבער זאָגט מיר צי נעם איך נישט אַוועק וועמענס פּאָרציע.

— ביי מיר קומט שטענדיק אַריין די ברכה — זאָגט די דודה — גיט מיר נאָר נאָך געסט, וויפל איר ווילט, וועט יעדער גאַסט באַקומען אַזאַ פּאָרציע, און קיינער וועט נישט באַוולהעט ווערן. ביטע, חנהלעס חבר, עסט מיט אַ גוטן אַפּעטיט.

— אַ גוט ביסל טשאָלנט — לויבט חיימקע — לאַנג, שוין לאַנג נישט נישט געגעסן אַזאַ טשאָלנט. אויסקושן דאַרף מען די טשאָלנט־מאַכערין.

— זי איז דאָס ווערט אַפילו אָן טשאָלנט — זאָגט דער דוד בגילופין פון די כסדרדיקע לחיימס.

— חנהלע, ווי לאַנג איז שוין ווי דו ביסט אַוועק פון אונדז? —

זאָגט חיימקע — דוכט זיך ווי נעכטן, ווי איך האָב דיך געריסן ביי די צעפּ. ווו האָסטו זיי ?

— פאַרבאַהאַלטן. זיי זענען דאָ — ענטפערט חנהלע — עס איז שוין באַלד פיר יאָר ווי מיר האָבן זיך נישט געזען.

— חנהלע — זאָגט חיימקע פאַרטראַכט — איך בענק נאָך יענער צייט, ווי גוט איז אונדז געווען. מיר האָבן צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען געמאַכט די שיעורים. צוזאַמען געשפּילט זיך. היינט זענען מיר געוואָרן גרויסע. אָפּגעפרעמדט. צעשפּרייט...

— וואָס האָסטו געוואָלט, אַז מיר זאָלן שטענדיק בלייבן קינדער ? — פרעגט חנהלע — די וועלט שטייט נישט אויף איין אָרט. פון קינדער ווערן מענטשן.

— ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן — פרייט זיך חיימקע מיט זיין געדאַנק — מיר וועלן צוזאַמענרופן אַלע אונדזערע אַמאָליקע חברים און חברות און מאַכן דיר אַ קבלת־פּנים. נאָך אַזאַ צייט נישט זען זיך ביסטו עס ווערט.

— אַ פיינער געדאַנק — רופט זיך אָפּ דער באַלעבאָס — איך בין מסכים. נאָר דערווייל, קינדערלעך, וויל איך כאַפּן אַ דרימל. שינה בשבת תענוג. דערפון האַלט איך שטאַרק.

— איך בין נישט פון די אַמאָליקע חברים — ווענדט זיך איטשע מיט אַ פאַרלאַנג — אָבער איך וויל אויך זיך משתתף זיין.

— ווי קען איך זיין קעגן ? — שמייכלט חנהלע — ווען ווילסטו עס מאַכן ?

— היינט איז שוין צו שפּעט — מיינט חיימקע — מען דאַרף צוגרייטן אַ פּראָגראַם. מען דאַרף אויך אַלעמען צו וויסן טאָן און צוגרייטן וואָס צו נעמען אין מויל אַריין. אין מיטן וואָך איז דאָך יעדער פאַרנומען, איז די בעסטע צייט דעם קומענדיקן שבת.

— וועגן עסן און טרינקען זאָלט איר זיך נישט זאָרגן און נישט צוגרייטן — רופט זיך אָפּ די דודה — איך נעם דאָס אויף מיר. עס איז דאָך ביי מיר אין שטוב און דער גאַסט איז אויך מיינער.

— נו, האָבן מיר שוין די גרעסערע העלפט פון קבלת־פּנים, דאָס

עסן און טרינקען — זאָגט חיימקע — אַזוי ווי די דודה גרייט אונדז דאָס צו קען איך פאַרזיכערן, אַז די מסיבה וועט זיין אַ געלונגענע, ווייל דאָרט, ווו זי לייגט נאָר צו אַ פינגער, באַקומט עס אַ יום־טובדיקן אויסזען, די קוגלען וויינען און אויך דאָס געבראָטנס...

— וואָס הייסט דאָס „זיי וויינען?" — פרעגט חנהלע — חיימקע, גיב דאָס מיר צו פאַרשטיין.

— דאָס וועל איך בעטן דעם פּוילישן — זאָגט חיימקע — ער קען געבן דערקלערונגען. דאָס איז זיין מקצוע.

— דאָס איז נישט קיין שום פילאָזאָפיע, נישטאָ קיין פירושים — דערקלערט איטשע — דאָס דאַרף מען זען. נעמט, למשל, אַ שטיקעלע קוגל, וועט איר זען ווי דער קוגל וויינט.

— אַזעלכע טרערן האָבן אַלע ליב — לאַכט חנהלע מיט אַלע אין איינעם — דערצו האָט מען נאָך אַ טבע צו קושן די טרערן, אַפילו צו באַלעקן זיך.

— יעצט לייג איך פאָר — זאָגט חיימקע און ווייזט אָן אויף איטשען — אַז דעם פּראָגראַם זאָל צוגרייטן דער פּוילישער. ווי איך ווייס איז ער דערצו געבוירן געוואָרן. אויב ער וועט עס נעמען אין די הענט אַריין וועט עס זיין עגול־ואשמח.

— אַזוי ווי דו טיילסט כיבודים — זאָגט איטשע צו חיימקען — האָב איך אויך פאַר דיר עפּעס. דו וועסט ווערן דער מנהל המסיבה און אויך דער בדרן.

אַלע זענען מסכים און רופן אויס „בראַוואָ". איין חיימקע פּראָטעסטירט:

— איך וואָלט גערן אָנגענומען דעם תפקיד, אָבער דו טויגסט זיך בעסער אויס פון מיר. איך וועל דיר מיט אַלעם העלפן. איך וועל מעלדן אַלע פון דעם געשעעניש, באַזאָרגן דעם פּאַטעפאָן מיט די תקליטים, זיין אויף דער מסיבה דער בדרן. אָבער מנהל המסיבה איז נישט פאַר מיר. פאָלג מיך, אויב דו ווילסט, אַז די מסיבה זאָל זיין אַ געלונגענע, דאַרפסטו סיי צוגרייטן דעם פּראָגראַם, סיי פירן די מסיבה. אַזוי בלייבט עס. נו, איך געזעגן זיך מיט אייך און בין זייער צופרידן, אַז מיין פאָרשלאָג איז

אַנגענומען געוואָרן און ער איז אין גוטע הענט. דודה, אַ שיינעם דאַנק פאַרן טשאָלנט, עס האָט געהאַט טעם גן־עדן. שלום לכם.

— ער איז געווען איינער פון די בעסטע חברים — זאָגט חנהלע צו איטשען נאָך חיימקעס אַוועקגיין — געלערנט צוזאַמען אין שול, געשפּילט זיך צוזאַמען, געמאַכט די שיעורים צוזאַמען. כמעט אַ גאַנצן טאָג געווען צוזאַמען.

— קינדער, איר וועט נישט זיין ברוגז אויף מיר, אַז איך וועל אייך לאָזן אַליין און צושפּאַרן זיך — זאָגט די דודה — אין קיך זענען דאָ פרוכטן און געטראַנקען. חנהלע, זאָלסט נעמען וואָס דו וועסט ווילן און אויך מכבד זיין אונדזער איטשען.

— דודהלע, טו וואָס דיר איז באַקוועמער — ענטפערט חנהלע — האָסט דאָך נישט גערוט קיין איין מינוט. גיי מיר געזונטערהייט און זאָלסט האָבן גוטע חלומות. שלום! — און זי ווענדט זיך צו איטשען — קומט זיך זעצן אויף דער סאָפע און מיר וועלן פאָרזעצן אונדזער שמועס.

ביידע האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַן ערנסטן שמועס. איטשע האָט דערציילט וועגן די קעגנער פון אַן אייגן היימלאַנד, וועלכע געפינען זיך אין גלות. חנהלע איז מיט אים מסכים. זי רעדט מיט איבערגעגעבנקייט וועגן דערגרייכן דעם גרויסן חלום פון אויפבויען אַן אייגענע היים פאַר אַלע יידן. איטשע זיצט נעבן איר און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג. זי שפּירט זיינע אויגן אויף זיך און באַקומט אַ ראָזע קאָליר. ער טראַכט זיך: „אַ געטרייע יידישע טאָכטער! איך וואָלט זי אויסגעקושט דערפאַר, נאָר איך האָב מורא איינצושטעלן. איך קען זי דאָך נישט מער ווי איין טאָג. ע, איך וועל נאָך האָבן די געלעגנהייט". זיי זיצן שטיל עטלעכע מינוט.

די דיסקוסיע באַנייט זיך ווידער. זיי היצן זיך, כאָטש זיי פאַרטרעטן די זעלבע מיינונג וועגן די קעגנער. דאָס נעמט אַזוי אַ היפּשע ווילע, ביז דער דוד קומט אַריין און טאַפּט דעם סאַמאָוואַר אויס געוווינהייט. זעענדיק זיי זיצן זאָגט ער:

— די גאַנצע צייט רעדט מען? אַפילו נישט צוגעשפּאַרט זיך. נאָך אַ שעה און מען וועט קענען שטעלן דעם סאַמאָוואַר. שווער צו פאַר־

טראָגן די שבתדיקע טיי. איי, אַ גלעזעלע טיי, פרישע טיי. דער שבת, וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן, איז דאָך אַ גוטע און טייערע זאַך, אַ גע־וואַלטיקער אויפטו. עפּעס אַ קלייניקייט: מען טאָר נישט אַרבעטן, קיינער נישט, אַפילו דער שור הבור, אַפילו די משרתים, כאָטש זיי זענען גויים. פון דער צווייטער זייט איז עס אַ שטראָף, אַ פּלאָג: מען טאָר נישט מאַכן קיין פייער. טאָ ווי אַזוי קען מען רייכערן אַ סיגאַר נאָכן טשאָלנט, אָדער טרינקען אַ גלאָז טיי פון סאַמאָוואַר. אויף שבת ווערט דאָך געזאָגט להרבות בתענוגים הן באכילה ושתיה, הן במלבושים ועוד. וואָס פאַר אַ תענוג קען מיר געבן די טיי, וואָס וואַרעמט זיך אַ קנאַפּער מעת־לעת אויף אַ נאַפט־מאַשינקע? פאַררויכערט, פאַרקאָפּטשעט. דאָס האָט דאָך אַ טעם פון אַ רפואה. אַ חלשות כאַפּט דאָך אָן צוליבן בלויזן ריח. וואָס פאַר אַ תענוג, אַז מען קען נישט נעמען אַ סיגאַרעטל נאָכן טשאָלנט.

— להרבות תענוגים בשבת איז נישט געזאָגט געוואָרן בלויז פאַר דער אכילה — זאָגט איטשע אין אַ פּיערלעכן, אָבער האַלב שפּאַסיקן טאָן — דער שבת איז אַ הייליקער טאָג און מען דאַרף אים אָוועקגעבן פאַר גאָט מיט תפילות און געזאַנגען. שבת דאַרף מען אויפנעמען ווי אַ מלכּה מיט שירים און טענץ. דאָס איז דער עונג־שבת. נישט געפערלעך, באַ־לעבאָס, אַז איין טאָג אין וואָך וועט איר פאַרגעסן אין אייערע שעדלעכע תאוות און גלוסטיקייטן ווי טיי און סיגאַרן...

— דוד — גיט אויך צו חנהלע — האָסט פאַרגעסן אין אַ וויכטיקן תענוג פון שבת, שינה בשבת תענוג. דאָס זענען די ראשי תיבות פון שבת.

— קודם־כל אַ ברכה אויף דיר, חנהלע, פאַר דער אַנטדעקונג דיינע — זאָגט דער דוד און ווענדט זיך צו איטשען — און דו, איטשע, אַז דו ביסט אַ תנא־ברא האָב איך געוווסט, נאָר אַז דו ביסט אויך אַ צדיק, וואָס פּריידיקט מוסר און מאַראַל, דאָס איז פאַר מיר אַ נייעס. וווּ שטייט דאָס געשריבן, אַז שבת דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פון גלוסטיקייטן? איך הער עס צום ערשטן מאָל.

— באַלעבאָס, איר האָט פאַרגעסן צוצוגעבן איין קלייניקייט: שעד־לעכע תאוות און גלוסטיקייטן — פאַרריכט אים איטשע.

עס קומט אַריין די דודה פריש פאַרקעמט, אויסגעשלאָפן, מיט אַ שייך,

באַטעמט שמייכעלע אויף איר פּנים. אַלעמענס אויגן ווענדן זיך צו איר. חנהלע כאַפּט זי אַרום און באַוווּנדערט זי. די דודה האָט צו זיי אַ טענה, וואָס זיי האַלטן בלויז אין איין רעדן.

— דודהלע — נעמט חנהלע פּאַרטייטשן — ווייסט דאָך ווי מען זאָגט שיחה בשבת תענוג.

אַלע שיסן אויס מיט אַ געלעכטער און פרייען זיך.

— ווו האָסטו געפּאַקט דעם נייעם פירוש, דו שיקסע איינע? — לאַכט גוטמוטיק דער דוד און אַנווייזנדיק אויף איטשען ציט ער ווייטער — הער אויס, מיין ווייב, וואָס דיין מעריץ האָט אַנטדעקט: אַז שבת דאַרף מען זיין אויסגעטאָן פון אַלע תאוות און גלוסטענישן.

— דאָס זאָגט מיין מעריץ, און וואָס זאָגסטו, מיין מאַן? — פרעגט די דודה מיט אַ געלעכטער און אַלע לאַכן מיט — ביסטו מסכים מיט אים?

— ניין — ענטפערט דער דוד — אָבער ווו האָט ער עס גענומען? פון וועלכן ספר אָדער שולחן־ערוך?

— דודה, שרעק זיך נישט — באַרויִקט חנהלע די דודה — דער דוד האָט בלויז אַרויסגענומען איין וואָרט, וואָס מיט דעם ענדערט זיך אין גאַנצן די זאַך. איטשע האָט געזאָגט: שעדלעכע תאוות.

— אוי, טייער קינד, האָסט דאָך מיך אין גאַנצן באַרויִקט — זאָגט די דודה לאַכנדיק און אַלע מיט איר מאַכן מיט דעם שפּאַס — נאַ, נעם דיין האַנט און לייג צו צו מיין האַרץ. שפּירסט ווי דאָס האַרץ, ברוך־השם, קלאַפּט שוין בעסער.

זי גייט אין קיך אַריין, ברענגט פרוכט און בעט פאַרזוכן. זי לאָזט נישט אָפּ צו פרעגן דעם מאַן, וואָס ער טראַכט וועגן איטשעס מיינונג וועגן שבת. איטשע פילט זיך נישט באַקוועם פון דער צווייִדייטיקייט פון שמועס און וויל אָוועקפירן דעם שמועס אין אַן אַנדער זייט. ער פרעגט חנהלען:

— אפשר מאַכן מיר אַ שפּאַציר. מיר וועלן אַרויסבאַגלייטן דעם שבת. מיר זענען אַ גאַנצן שבת נישט געווען אין דרויסן. איך האָב אייך גע־האַלפן האַלטן אייער וואָרט. יעצט איז שוין באַלד נאָך שבת און דער נדר איז שוין נישט חל. באַלעבאָסטע, אייער ברודערס טאָכטער האָט זיך

געגעבן דאָס וואָרט נישט אָפּצוטרעטן פון אייער שטוב דעם ערשטן שבת. און זי האָט אויסגעהאַלטן.

— טייער קינד, איך האָב מיך טאַקע געוווּנדערט. אַ גאַנצן טאָג זיצן אין שטוב. אַזוי פיל באַקאַנטע חברים און חברות. און בכלל ווי גייט מען נישט באַקוקן דיין געבוירנשטעטל? — זאָגט די דודה — יעצט פאַרשטיי איך. גייט, קינדערלעך, טוישט די לופט. טרעפט זיך מיט באַקאַנטע, זעט די ענדערונגען.

— אפשר וואָרט איר צו אַ קליינע ווײַלע — לייגט פאָר דער דוד — ביי אַ צוואַנציק מינוט. וועט איר האָבן אַ פריש באַטעמט גלעזל טיי. איך וועל אייך מכבד זיין. איר וועט זען דעם אונטערשייד פון אַ גלעזל טיי פון אַ סאַמאָוואַר ביז פון אַ קאַכער, וואָס שטייט אויף אַ קאַפּטשיק און רויכערט.

— מיר גייען באַגלייטן די ליבע כלה־מלכה, וואָס גייט אַוועק — זאָגט איטשע — מיר ווילן זיך נאָר געזעגענען מיט איר און געבן איר די בעסטע ברכות. מיר גייען נישט זען קיינעם. נישט היינט. מיר קומען גלייך צוריק.

— בסדר — איז חנהלע מסכים — נאָר איין ווײַלע. איך גיי טוישן דאָס קליידל. סליחה.

— איר זענט אַ מבין וואָס פאַר אַ גוטסקייט און העפלעכקייט, וואָס דאָס קינד האָט — רימט די דודה חנהלען — נישט וועלן זען אַ גאַנצן שבת די גאַס צוליב אונדז.

— דודה, בכל זאת נעם איך רשות ביי דיר — זאָגט חנהלע אַריינקומענדיק.

— אַ געזונט אויף דיר. וואָס פרעגסטו? — ענטפערט די דודה — מיט אונדזער איטשען אַפילו מעבר־לים. וועט דיר קיין שלעכטס נישט געשען. גייט מיר לחיים־ושלום. אפשר נעמט איר מיט אַ ביסל פרוכט?

— תודה רבה, מיר וועלן זיך נישט לאַנג זוימען — זאָגן איטשע מיט חנהלען אין איינעם.

— און איך וועל האַלטן פאַר אייך אַ פאַרטיקן סאַמאָוואַר טיי —

שרייט זי נאָך דער דוד — עס וועט אייך גאָרנישט העלפן. היינט, מוצאי־שבת, טרינקט איר ביי מיר זודיקע טיי. טיי פון טיי־לאַנד.

אַלע לאַכן. ווען די יונגע זענען אַוועק האָט דער באַלעבאָס זיך גע־גומען פאַרען ביים סאַמאָוואַר. ער רופט צו זיין פרוי זי זאָל זען ווי דער סאַמאָוואַר זידט. זי שטעלט זיך פאַרנט פאַר אים. ער נעמט זי אַרום. זי שטערט אים נישט, זי פילט זיך ווי אַמאָל, טוליעט זיך נעענטער צו אים. ער נעמט זי אַרום מיט ביידע הענט. זי הייבט אָן לאַכן צופרידן:

— קוקנדיק אויף זיי, מיין גאָלובטשיקל, האָט זיך דערמאָנט דער אַמאָל.

— און אַז יאָ וועסטו מיר שטערן? איך וויל דאָס זען! — זאָגט דער באַלעבאָס כלומרשט חוצפהדיק, נעמט זי אַרום און גיט איר אַ קוש אין קאָפּ האָר און גיט דערביי צו — גישטאָ קיין שענערע זאַך אין דער וועלט ווי מאַן און ווייב האָבן זיך ליב.

— יאָ, יאָ, מיין מאַן — איז מסכים די באַלעבאָסטע זשענירט און ווענדט אָפּ דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע — זעסט דער איטשע איז אַ גאַנצן שבת נישט אָפּגעטראָטן פון איר. פרייטיק צו נאַכטס האָבן זיי זיך זייער שפּעט געלייגט. געגנוי ווייס איך נישט, אָבער יעדנפאַלס נאָך די קליינע שעהן. צו מאָרגנס איז ער אַרייגעקומען פרי און אַ גאַנצן טאָג נישט אָפּגעטרעטן, גערעדט, געשמועסט. איך וואָלט אַזוי וועלן, אַז דאָס זאָל זיין אַ פּאָר. קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, דער איטשע איז דאָך אַזוי וואויל און גוט. איך האָב אים ליב נישט ווייניקער ווי חנהלען.

— גאָלובטשיקל — גיט ער איר אַ קוש — ביסט גערעכט. איך גיי אָנגיסן אַ גלעזל טיי. קוים זיך דערוואַרט.

— און איך — איז מוסיף די באַלעבאָסטע — וועל צוגרייטן אַ שיינע מלוה־מלכה.

זי זינגט פון גרויס צופרידנקייט אַ פּאָפּולער רוסיש לידל, וואָס תמיד זינגט עס דער באַלעבאָס. עס קומען אַריין צוויי פּאָרלעך, געוועזענע באַ־קאַנטע פון חנהלען:

— שבוע טוב, גוט וואָך — קוקן זיך אום — ווו איז אונדזער גאַסט? מיר זענען געקומען זען חנהלען, איז זי גאָר נישטאָ.

— קודם זעצט זיך — זאָגט די דודה — חנהלע קומט באַלד. זי איז אַרויסגעגאַנגען אויף עטלעכע מינוט. זייט זיך מכבד מיט פּרוכט.

— אַ דאַנק. אפשר האָט איר אַ ביסל סאָדע־וואַסער, גזוז? — פרעגן די געסט.

— וואָס טויג אייך סאָדע־וואַסער? — מישט זיך אַריין דער באַלע־באָס — עס איז נישט געזונט. פאָלגט מיך און טרינקט אַ וואַרעם גלעזל טיי. פונקט האָב איך יעצט אַ פאַרטיקן סאַמאָוואַר טיי. געבן?

— תודה רבה — ענטפערן שנעל די געסט אין איינעם — עס איז אונדז אַזוי אויך וואַרעם. מיר ווילן זיך אַ ביסל אָפּקילן.

דער באַלעבאָס גרייט זיך זיי אויפצוקלערן די באַדייטונג פון הייסער טיי, נאָר די באַלעבאָסטע מאַכט אַלץ צונישט. זי זאָגט קאַטעגאָריש:

— מענטשן ווילן נישט קיין טיי, נאָר אַ קילן טרונק. איך האָב אַ קאַלטע דזשאַרע וואַסער.

די געסט זענען זיך מחיה מיטן טרונק און פרעגן אויס צי חנהלע איז נאָך אַזאַ שטיפערקע, ווי זי זעט אויס.

— איר וועט זי דאָ באַלד האָבן — ענטפערט די דודה — איך וועל אייך גאָרנישט זאָגן. איר וועט אַליין זען. זי איז אַן איבערראַשונג. טראָגט אַליין אַרויס דעם אורטייל. אָט הער איך שוין איר קול.

חנהלע מיט איטשען קומען אַריין. אַלע קוקן זיך קעגנזייטיק אָן און פאַלן זיך אויפן האַלדז, מען קושט זיך, מען באַוווּנדערט זיך קעגנזייטיק. די דודה שטייט אין אַ זייט, שמייכלט און האַלט אין איין איבערחזרן: „בלי עין הרע״ און זי מאַכט דערביי אַ פייג הינטער דער פלייצע.

— אַלע האָבן מיר זיך געענדערט — זאָגט חנהלע — אויך איר האָט זיך געענדערט, אָבער איך דערקען אייך אַלעמען, אַפילו מיט די נעמען. קיין איין נאָמען נישט פאַרטוישט. אויפן שפּאַציר האָבן מיר גע־טראָפן באַקאַנטע. יעדער האָט זיך דערמאָנט זכרונות פון אַמאָל, פון די קינדער־יאָרן, אַפילו פון גן. זיסע דערינערונגען. אַלץ שטייט מיר פאַר די אויגן.

— עס איז דאָ אויף דעם אַ בפירושער פסוק — זאָגט איטשע — מגירסא דינקותא לא משתכחין. דעריבער זאָגט אַלע נאָך און שפּייט אָפּ

דריי מאָל וועט איר אייביק געדענקען אַלע געשעענישן און קיין מאָל נישט פאַרגעסן די קלענסטע קלייניקייט. מען דאַרף נאָר דערצו האָבן אַ גוטן זכרון.

די דודה פאַרבעט אַלע זיך זעצן און נישט שמועסן שטייענדיקערהייט. חברה לויבט חנהלען. איינע זאָגט, אַז ווען זי זעט זי אין גאַס וואָלט זי זי טאַקע נישט דערקענט, אָבער איר נאָכגעקוקט. חנהלע ווערט זיך קעגן די קאָמפּלימענטן, פרעגט זיך נאָך וועגן אַלעמען, אַפילו אַ ביסעלע רכילות. חברה זאָגט איר צו דערציילן אַלץ. די דודה פאַרבעט אַלע צו דער מלוה־מלכה. חברה וויל צום אָנהויב נישט, אָבער לאָזט זיך איבעררעדן, באַזונדערס ווען דאָס איז אַ „גזירה". שנעל ווערט דער טיש געגרייט. אַלע נעמען צו ביסלעך משקה, מען פאַרבייסט, מען ווינטשט זיך. דן, חנהלעס אַ יוגנט־חבר, רופט זיך אָפּ:

— איך, דן, האָב אַ באַזונדערן ווונטש. איך וואָלט זייער וועלן, אַז חנהלע זאָל נישט פאַרפרעמדט ווערן, זי זאָל בלייבן צווישן אייגענע. חנהלע, קלויב זיך אויס וועמען דו ווילסט.

אַלע פּאַטשן בראַוואָ. חנהלע לאָזט נישט וואַרטן מיט קיין ענטפער אין זעלבן טאָן:

— מיין יוגנט־חבר דן, איך קען דיך פאַר אַ קלוגן, נאָך אַלס קינד האָסטו זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזעלכן, טאָ פאַר וואָס ביסטו פּלוצלינג אַריינגעפאַלן מיט דעם פאַרשלאָג? איך גלויב, אַז דו ווייסט וואָס פאַר אַ טייערער געשאַנק עס איז די יוגנט ביי אַ מענטש. טאָ לאָז מיך געניסן אַ ביסל פון דעם שיינעם געשאַנק, אויסנוצן אים, זיך פרייען, לאָזן מיר אָפּכאַפּן דעם אָטעם. דן, געדולד, איך פאַרזיכער דיר, אַז איך וועל זיך מיט דיר באַראַטן, ווען עס וועט קומען די צייט.

אַלע צעלאַכן זיך. די דודה ברענגט אַ געבראָטענע קאַטשקע און טיילט פונאַנדער אַלעמען פאַרציעס געבראָטנס. דער דוד גיסט אָן פון סניי די כוסות. חברה דאַנקט און לויבט די דודה. איינער מעלדעט זיך, אַז ער וועט קומען יעדן מוצאי־שבת, אַזוי געפעלט אים און ער באַלעקט זיך פון געקנאָבלטן און געפעפערטן געבראָטנס. דאַן גייט מען איבער צו דער מסיבה, וואָס דאַרף פאַרקומען. דן וויל אויך אָנטיילנעמען. מען באַשטימט

אים ער זאָל זינגען און דערוויַיל זאָל ער וויַיזן אַ פּראָבע. דן זינגט און חברה פאַרברענגט אַ לענגערע צייַט. שפּעטער שמועסן זיי וועגן דער מסיבה און געזעגענען זיך. ביים אַוועקגיין זאָגט דן:

— ביז שבת איז נאָך וויַיט. איך וועל זיך אין די טעג ביז שבת אַריינכאַפּן און אַ פּלירטעוועו טאָן מיט חנהלען.

חברה געזעגנט זיך און איטשע רופט אָפּ דעם געוויינלעכן שפּאַציר פּרייטיק צו נאַכטס צוליב דער מסיבה שבת אין אָוונט. אויך איטשע גייט מיט זיי אַרויס.

חנהלע און די דודה קוקן אים נאָך מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם, נישט מערקבאַרן בליק. אפשר שעמען זיי זיך איינע פאַר דער צווייטער אַרויסצוּוויַיזן וואָס זיי פילן. חנהלע האָט שוין נאַאיווע, שעמעוודיקע, נישט דרייסטע ליבשאַפט צו אים פון דער ערשטער מינוט. די דודה האָט אים אויך ליב, אָבער דער אונטערשייד אין עלטער שטערט איר. זי האָט נאָך פרויען־פּיבער צו אַזאַ בחור, אָבער זי דערשטיקט עס צוליב איר ערלעכקייט צום ריינעם פאַמיליע־לעבן. פון קינדוויַיז אָן האָט זי געהאַט אַזאַ צניעותדיקן חינוך.

— חנהלע, מיין טייערע, — ווענדט זי זיך צו איר — וואָס זאָגסטו אויף דעם בחור? זאָג, זאָג אַרויס דיין מיינונג וועגן איטשען. ווי געפעלט ער דיר?

— פאַר וואָס אַזאַ פראַגע? — ענטפערט חנהלע פאַרשעמט — עס איז נאָך פאַר מיר צו פרי אַרויסצוזאָגן וועלכע מיינונג. איך קען אים אַ קורצע צייַט. בכל־אופן איז ער אַ פיינער בחור. אָבער צוליב וואָס פרעגט איר ביי מיר? איר זענט עפּעס אויסן? זאָגט, שעמט זיך נישט.

— גוט, מיר וועלן זיך נישט שעמען — זאָגן דער דוד און די דודה — מיר וועלן דיר זאָגן דעם אמת. מיר וואָלטן וועלן, חנהלע, זאָלסט זיך פאַראינטערעסירן מיט אים. ער איז פיין, וויל און גוט. מיר קענען אים שוין אַ לענגערע צייַט און האָבן די בעסטע מיינונג וועגן אים. מיר ווילן פאַר דיר אַ שטענדיקן חבר און באַגלייטער.

זיי בלייַבן שטיל און וואַרטן וואָס פאַר אַ רושם די דאָזיקע ווערטער וועלן האָבן אויף איר. חנהלע קלערט אַ ביסל און זאָגט געלאַסן:

— טוב, דודה און דוד! איך נעם אין באַטראַכט אייערע רייד. אָבער ערשטנס איז עס נאָך אַ ביסעלע צו פרי. עס מוז זיין פריער אַ נעענטערע קאַנטשאַפט און אַ פאַרשטענדעניש. עס דאַרף קומען פון ביידן. וואָס שייך מיין מיינונג וועגן אים האָב איך אייך שוין געזאָגט: ער איז פיין און וויל.

— וועגן וואָס רעדט איר די גאַנצע צייט? — פרעגט די דודה נייגעריק

— צי איז אויך דאָ נאָענטקייט? שעם זיך נישט פאַר מיר. דערצייל מיר ווי אַן עלטערער שוועסטער.

— די שמועסן זענען זייער וויכטיקע — דערציילט חנהלע — און אויך אינטערעסאַנטע. ער האָט מיר דערקלערט זאַכן, וועלכע זענען געווען בכלל פרעמד פאַר מיר. ער האָט אַ כוח צו דערקלערן. ער גיט צו פאַר־שטיין מיט שכל, מיט דעת. אַ שאָד דורכצולאָזן יעדעס וואָרט. קיין אינטימע נאָענטקייט האָט ער ביז איצט נישט אַרויסגעוויזן.

— וועגן וואָס האָט איר דאָס געשמועסט? — איז די דודה נייגעריק

— קענסט זיך אפשר דערמאָנען?

— דודהלע, איך דאַרף זיך נישט דערמאָנען. איך געדענק אַלע שמועסן

— ענטפערט חנהלע — מיר רעדן וועגן די פאַרשיידענע פאַרטייען אין פוילן און רוסלאַנד, באַזונדערס וועגן די יידישע אַרבעטער־פאַרטייען. איך האָב פריער נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דעם אַלעם. מען דאַרף אָוועקשטעלן דאָס בעסטע עסן און טרינקען און הערן אים.

— מיר ווייסן דערפון — זאָגט די דודה — איך הער זיך צו צו אַלע וויכוחים, וואָס דער דוד האָט מיט אים. דו ווייסט, דער דוד איז אויף מיר ברוגז, וואָס איך גיב גערעכט איטשען און נישט אים.

— קינדערלעך, עס איז שפעט.איך גיי שלאָפן — דרייט זיך דער דוד אַרויס פון דעם נישט אָנגענעמען שמועס — זייט מיר געזונט. איך מוז אָוועקלייגן מיין בינטל ביינער.

אַלע טוען נאָך זיין ביישפיל. חנהלע גייט צו זיך אין צימער, לייגט זיך אַוועק און טראַכט:

— איך האָב שוין אַ באַשטימטע מיינונג וועגן אים גלייך פון דער ערשטער באַגעגעניש. ער האָט שוין געלייגט זיין חותם אויף מיר. אַט שטייט זיין געשטאַלט און וויל נישט אָפּטרעטן פון מיינע אויגן.

לאַנגע שעהען דרייט זי זיך אויפן געלעגער און קען נישט איינ־שלאָפן. זי חלומט מיט אָפענע אויגן. אָט איז זי אַ קינד געווען און איצט? עס דוכט זיך איר זי זיצט אויף איטשעס שויס און ער קושט זי אָן אויפהער. זי וויל אים אויך קושן, אָבער זי מאַכט זיך שלאָפנדיק. ער נעמט זי אַרום און גלעט זי פּאַמעלעך, כדי זי נישט אויפצוּוועקן. און זי האָט אַזאַ הנאה. זי וויל עס זאָל געדויערן וואָס לענגער...

אויפגעכאַפּט האָט זי זיך ווען עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. זי דערמאָנט זיך דעם זיסן חלום. זי פילט זיך מיד. די זון שטייט שוין אין מיטן הימל. קיינער איז אין שטוב נישטאָ. זי גייט אַריין אין קיך זעט זי ווי עס איז פאַר איר אָנגעגרייט פרישטיק, וואַרעם וואַסער שטייט אויף דער נאַפט־מאַשינקע. עס ליגט אויך אַ צעטעלע פון דער דודה. חנהלע זעט, אַז עס איז שוין זייער שפּעט, ווייל אָט הערט מען שוין די דודה קומען פון מאַרק. זי גייט אַרויס זייער פרי, אָבער דערפאַר פאַרטיקט זי זיך אָפּ די ערשטע און קומט פריער צוריק.

חנהלע פרעגט זיך אויס וועגן איטשען צי ער האָט שוין געענדיקט די אַרבעט.

— שוין פון לאַנג — ענטפערט די דודה — ער שלאָפט איצט. פאַר נאַכט וועסטו אים זען. ער האָט דאָ ביי אונדז אַ באַזונדער צימערל. קום, איך וועל צוגרייטן דעם מיטאָג. דער דוד קומט באַלד אָן. טאָמער איז נישט גרייט דער מיטאָג מאַכט ער זיך דעם סאַמאָוואַר און זופט זיך אָן מיט טיי. פאַרלירט ער דעם אַפּעטיט צו עסן. פון מאָרגן הייב איך אָן גרייטן דיין מסיבה. איך וועל קויפן דריי פעטע קאַטשקעס און זיי אָפּבראָטן, איינפּעקלען אַ צוויי ראַטל פלייש מיט קנאָבל. דאָס איז די הויפּטזאַך. דאָס איבעריקע איז שוין קלייניקייטן. דער דוד זאָגט, אַז אָן געבראָטנס, אָן אַ קאַטשקעלע, איז ביי אים נישט קיין עונג־שבת.

ביידע גייען אין קיך אַריין און פאַרען זיך. פון דרויסן הערט זיך דאָס קול פון דוד:

— שלום! ווי האָט איר זיך באַהאַלטן? איך הער דאָך אייער קול.

— וואָס הייסט ווי מיר זענען — ענטפערט די דודה — ווי איז אַ פרוי? אין קיך. מיר מאַכן פאַרטיק דעם מיטאָג.

— איך וועל נאָך האָבן צייט צו מאַכן דעם סאַמאָוואַר? אָדער נישט?
— פרעגט דער דוד.

כדי אים נישט צו לאָזן מאַכן דעם סאַמאָוואַר שיקט די דודה אַריין חנהלען גרייטן דעם טיש. דאָן ברענגט זי שנעל דאָס עסן. ביים ענדיקן עסן קומט אָן זהבה, דנ׳ס בחורה, און בעט חנהלען מיטגיין. זי איז אייגנטלעך געקומען זי נעמען אויף מיטאָג, אָבער זי האָט פאַרשפּעטיקט. זהבה גייט אַוועק מיט חנהלען, וועלכע טוט זיך אָן אַ קאַפּעליוש מיט אַ גרויסן ראַנד, וואָס גיט איר צו פיל חן.

איטשע קומט אָן, זעט נישט חנהלען, גייט ער אַוועק גלייך אין גאָס. בלויז דער באַלעבאָס פאַרעט זיך ביים סאַמאָוואַר. גרייט זיך צו אַלע איינריכטונגען, כלים,פרישע טיי, אַ ריין גלאָז און אַ האַנטוך צו ווישן דעם שווייס. ער זינגט זיך אונטער זיין רוסיש לידל, טאַפּט כסדר דעם סאַמאָוואַר צי ער זידט שוין. ער האָט נישט קיין געדולד און ברומט: „קאָך שוין אויף!" עס ציט אים ווי אַ שיכור אַ פלעשל. ער בליקט צום פייער, דוכט זיך, געגנוג קוילן און אַ פיינער פלאַם און עס קאָכט אַלץ נישט. קוים דערוואַרט זיך גיסט ער זיך אָן איין גלאָז טיי נאָך דער אַנדערער. ער איז אַזוי פאַרטיפט אין טרינקען, אַז ער באַמערקט גאָרנישט ווי זיין פרוי קומט אַריין.

שפּעט אין אָוונט האָט זהבה געברענגט חנהלען צוריק און זיך אַנטשולדיקט, וואָס אַזוי שפּעט. אַנשטאָט מיטאָג האָט זי זי שוין מכבד געווען מיט אָוונטברויט. די דודה האָט איצט אַ זאָרג ווער עס זאָל אַהיימ־פירן זהבהן. זהבה זאָגט, אַז זי האָט נישט קיין מורא אַליין צו גיין. אין דעם קומט אָן איטשע. ער באַגריסט זיך מיט אַלעמען, באַזונדערס מיט זהבהן:

— ווי קומסטו אַהער אַזוי שפּעט, קריינדל?

— איך וואַרט אויף דיר, איטשע, זאָלסט מיך אָפּפירן אַהיים — זאָגט זהבה דרייסט און צולאַכנדיק.

— מיטן גאַנצן האַרץ, בכל הכבוד, קריינדעלע — איז איטשע מסכים — אויב חנהלע וועט וועלן וועלן מירביידע דיך באַגלייטן.

— איך האָב דאָ יעצט נישט לאַנג געברענגט חנהלען פון מיר. אפשר איז זי מיד — זאָגט זהבה, וועלכע וויל נישט, אַז חנהלע זאָל מיטגיין, זי זאָל קענען כאַפּן אַ פלירט מיט איטשען.

— איך בין נישט מיד — כאַפּט חנהלע שנעל די אָריענטאַציע. אויך זי וויל נישט לאָזן איטשען גיין אין דער פינצטער מיט זהבהן — עס איז אַ שיינע נאַכט צו שפּאַצירן. איך גיי מיט — ענדיקט זי אַנטשלאָסן און שטייט שוין גרייט — דוד, דודה, עס מאַכט נישט?

— מיט איטשען אפילו אין עק וועלט. גייט און פאַרברענגט גוט. נאָר איך בעט אייך זוימט זיך נישט לאַנג — דערלויבט די דודה.

איטשע עפנט די טיר, לאָזט דורך די דאַמען פאָרויס, נעמט זיי ביידן אונטערן אָרעם. דער דוד קוקט זיי נאָך און רופט צו זיין ווייב:

— קום גיכער אַהער, וועסטו זען, אַז דער סאַמאָוואַר זידט שוין. ליבע איז געגליכן צו אַ סאַמאָוואַר. פריער וואַרעמט ער, דערנאָך זידט ער און שפּעטער קאָכט ער. אַ חברהמאַן דער איטשע. ער גייט דאָך אין טערקישן גן־עדן.

— ווי איך זע, מיין מאַן, — זאָגט די באַלעבאָסטע — ביסטו אים מקנא. איטשען מעגסטו אָנפאַרטרויען אַ טערקישן מיט אַן אַראַבישן גן־עדן. קוק גוט, וועסטו זען, אַז זיי האָבן זיך געטוישט. זיי פירן אים געאָרעמט.

— טאָ וואָס פאַר אַ גן־עדן איז עס? — פרעגט דער באַלעבאָס — אפשר אַ יאַפּאַנישער?

— דער איטשע איז קלוג — זאָגט די באַלעבאָסטע — ער האָט דאָך חנהלען מיטגענומען מיט אַ כוונה. ער אָריענטירט זיך אין דער רגע. דאָס איז די גרעסטע מעלה זיינע. אויף מיין מיינונג מעגסטו זיך פאַרלאָזן.

— זאָג מיר, מיין חכמה, וואָס פאַר אַ כוונה האָט איטשע געהאַט — זאָגט דער באַלעבאָס — וואָס האָט ער געמיינט מיט מיטרופן חנהלען. איך אויף זיין אָרט וואָלט דאָס נישט געטאָן. צו וואָס דאַרף איך אַ שומר?

— זייער פיין! נישט בלויז דו נאָר אַ סך מענער וואָלטן אַזוי געהאַנדלט — מיינט די באַלעבאָסטע — ער האָט זי מיטגערופן באַגלייטן זהבהן צוליב צוויי טעמים, מיין איך. זהבה אַליין האָט פּראָוואָצירט מיט

אירע רייד: „איך וואַרט אויף דיר, איטשעלע, זאָלסט מיך אָפּפירן אַהיים״. זי האָט נאָך צוגעגעבן, אַז חנהלע איז מיד. זי איז געווען פאַר־אינטערעסירט אַליין צו גיין מיט איטשען צו קענען כאַפּן אַ פלירט אויפן וועג, אַזוי שפּעט און אין אַ פינצטערער נאַכט, אָבער דער קלוגער איטשע האָט זיך באַלד געכאַפּט און האָט דאָס נישט געוואָלט, דערצו נאָך דווקא יעצט און אין חנהלעס קעגנוואַרט. און ער האָט אויך געטראַכט, אַז אפשר וועט חנהלע זיין אייפערזיכטיק. ווי איך זע וויל ער דאָס אויסמיידן. מיט דעם בין איך דוקא צופרידן. דאָס איז אַ גוטער סימן. עס גייט צום וועג, צו וועלכן מיר צילן.

— אַ שאַרפן, שיינעם פּלפּול האָסטו מיר איצט געגעבן — זאָגט דער באַלעבאָס — אַ לעבן אויף דיין קאָפּ, מיין ווייב. האָסט דאָך אַ קאָפּ פון אַ תלמיד־חכם. און די טבע פון אַ תלמיד־חכם איז וואָס עלטער אַלץ קליגער.

— קיין תלמיד־חכם בין איך נישט, אָבער אַ בת־תלמיד־חכם בין איך — זאָגט שטאָלץ די באַלעבאָסטע — זאָלסט וויסן, אַז פון מיין אבא האָב איך געירשנט אַ טביעת עיין של תלמיד חכם, און אַ ביסעלע דעת און שכל.

— איך האָב נאָך וואָס צוצוגעבן — קוקט איר דער באַלעבאָס אָן מיט אַ צופרידן שמייכעלע — דו ביסט אויך אַ יודע־מחשבות, אַ מבין־כל־דבר. דו קענסט און לייענסט יענעמס געדאַנקען. וואָס אַ טאָג מער געפין איך אויס אין דיר נייע טאַלאַנטן — און ער הייבט זיך אויף, גייט צו צו איר און קושט איר אין קאָפּ האָר — זאָג מיר, מיין ווייב, ווייסטו אויך מיינע געדאַנקען?

— ביי דיר איז קיין שום חכמה צו קענען לייענען דיינע געדאַנקען — שמייכלט די באַלעבאָסטע — יעדער איינער קען וויסן. מען דאַרף בלויז אָנקוקן דיין פּנים. ביי דיר קען מען זאָגן, אַז דאָס פּנים איז אַ מסור.

— לערן זיך צו אַ ביסל חכמת־היד וועסטו זיין די אמתע האָקוס־פּאָקוס־מאַכערקע — ראָט איר דער באַלעבאָס.

— גיי ליבערשט שלאָפן, שוין שפּעט, וועסטו פאַרשפּאָרן צו רעדן

נאַרישקייטשן — גיט זי אים צוריק אַן עצה — גיי, לייג זיך. איך וועל צוּוואַרטן אויף חנהלען מיט איטשען.

— איך וועל דיר העלפן וואַרטן — לייגט ער פאָר — איך וויל מיט דיר צוזאַמען, איך וויל דיך נישט לאָזן אַליין.

— האָב נישט קיין מורא, מען וועט מיך נישט צוגנבענען — לאַכט די באַלעבאָסטע — אַ ווייב, זאָגסטו, ווערט נישט פאַרלוירן. איך וועל אַליין טרעפן.

— זאָל זיין ווי דו ווילסט — גיט נאָך דער באַלעבאָס — אָבער איך וועל נישט שלאָפן.

— בטוח, אַזוי ווי ער לייגט זיך אַזוי שלאָפט ער גלייך איין — חוזקט די באַלעבאָסטע — דו הייבסט זיך אויף אויף דער זעלבער זייט, ווו דו האָסט זיך געלייגט.

נאָכן אַוועקגיין פון באַלעבאָס נעמט די באַלעבאָסטע אַ בוך און לענט זיך צו אויף דער סאָפע, וואָס שטייט אויפן מרפסת.

חנהלע מיט איטשען קומען אָן. זיי עפענען שטיל די טיר. די דודה שלאָפט, דער לאָמפּ ברענט. דאָס בוך ליגט אַראָפּגעפאַלן. זיי רעדן שטיל זיך אָפּ מאָרגן צו בלייבן אין שטוב. איטשע גיט חנהלען אַ קוש אין קאָפּ געדיכטע האָר און גייט אַריין צו זיך אין חדר.

חנהלע דרייט זיך אייניקע מינוט אַרום דער דודה. עס איז איר אַ שאָד צו וועקן זי. אָבער זי איז אַליין שלעפעריק און וויל נישט אַוועקגיין, טאָמער וועט די דודה אָפּשלאָפן אויף דער סאָפע אַ גאַנצע נאַכט. זי גיט איר אַ קוש. די דודה כאַפּט זיך אויף:

— אַ געזונט אין דיר. אַ מענטש טאָר זיך נישט געטרויען. נישט פאַרמאַכט די טיר, נישט אויסגעלאָשן די לאָמפּ. אַ נס וואָס מיר זענען אין ארץ־ישראל. ביי נאַכט איז נישטאָ קיין ווינט און נישט קיין גנבים. לילה טוב!

די דודה גייט אַוועק און חנהלע גייט אין איר צימער. פאַרן איינשלאָפן קלערט זי איבער די אַלע פּאַסירונגען פון טאָג, באַזונדערס פון אָוונט, ווען זי איז געגאַנגען מיט איטשען באַגלייטן זהבהן. זי קלערט צוליב וואָס האָט ער זי מיטגערופן. איז דען נישט באַקוועמער צו גיין

מיט אַ מיידל אַליין אין דער פינצטער? האָט ער געהאַט אַ כּוונה דערביי? און יעצט נאָך אַ שאלה, אַ גאַנצן וועג צוריק האָט זי אים געגלעטעט און געלאַשטשעט זיין האַנט און ער האָט גאָרנישט רעאַגירט. עס איז געווען פינצטער, חושך, קיין מענטש האָט מען נישט געזען. נישט געווען פאַר וועמען זיך צו שעמען. זי האָט אַזוי געוואָלט אַ קוש. אפשר איז ער אַ שעמעוודיקער? זי טראַכט לאַנג ביז זי שלאָפט איין אָן אַן ענטפער.

צו מאָרגנס איז זי געשלאָפן ביזן שפּעטן טאָג אַריין. אויפגעכאַפּט זיך, האָט זי זיך געוואַשן, אַליין געמאַכט עסן, און באַלד איז געקומען די דודה פון מאַרק. חנהלע איז אומגעדולדיק. זי וואַרט.

ענדלעך האָט זי זיך דערוואַרט. איטשע קומט אַריין. זיי באַגריסן זיך זייער העפלעך. די דודה דערציילט, אַז אַלע ווייסן שוין פון קבלת־פּנים. זי האָט מורא, אַז אויפן מרפּסת וועט זיין צו ענג.

— עס וועט זיין בסדר — באַרויקט זי איטשע — מען וועט עפענען אַלע פענצטער און מען וועט צושטעלן אַ טיש וועט עס אויסקומען ווי צוזאַמען. עס איז דאָך זומער.

חנהלע לאַדט איין איטשען צו גיין אין איר צימער. זי דערקלערט דער דודה:

— מיר פירן אַ שמועס מיט פאַרזעצונגען. האָסט שוין געהערט פון אַזאַ זאַך?

— ווען מיין אייניקל צביקעלע איז געווען ביי מיר צו גאַסט — דערציילט די דודה — האָב איך אים דערציילט אַ מעשה אַ גאַנצע וואָך און נישט געענדיקט. ער איז געווען אַזוי פאַראינטערעסירט, ביים עסן און ביים שלאָפן, אַז איך האָב אים געמוזט צוזאָגן ביים צווייטן מאָל קומען צו פאַרענדיקן די מעשה. וואָסי, איר זענט נישט קיין קינדער? גרעסערע קינדער. גייט טאַקע, קינדערלעך, אין חנהלעס צימער, דאָרטן איז קילער און רויקער. קיינער וועט אייך נישט שטערן. איר קענט דאָרט פאַרברענגען ווי לאַנג איר וועט נאָר וועלן.

— דודהלע, מיר זענען גוטע קינדער. מיר עסן און שלאָפן אָן מעשיות — זאָגט חנהלע — אויך דיין ברודער, מיין אבא, פלעגט מיר דערציילן

מעשיות פון יידישע גבורים, פון יידישע חכמים, פון געלערנטע, אָבער נאָר פון יידן. ער האָט מיר איינגעפּלאַנצט אַ ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס איז יידיש. שפּעטער האָט ער מיט מיר געלערנט די אגדות.

— ווער דיין אבא איז דאַרפסטו מיר נישט דערציילן — זאָגט די דודה מיט שטאָלץ — אין שטאָט האָט מען אים גערופן דער עילוי. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון. דאָ איז ער געוואָרן אַן ערד־אַרבעטער, מעלקט בהמות. אַזוי האָט ער געוואָלט. ביי אַ געלעגנהייט וועל איך דיר דערציילן דיין אבאס קינדער־יאָרן. איטשע, ווען איר רעדט מיט מיין חנהלען, זייט נישט אַזאַ עקשן ווי ווען איר רעדט מיט מיין מאַן.

— דודהלע, מיר האָבן נישט קיין וויכוחים, נאָר מיר שמועסן — זאָגט חנהלע און זיי גייען אַוועק.

איטשע דערציילט ווייטער חנהלען וועגן יידישן לעבן אין פּוילן, וועגן די גנזעלעש. באַוועגונגען. זיי פֿאַררעדן זיך אַזוי לאַנג ביז די דודה קלאַפּט אָן אין טיר און ברענגט זיי סענדוויטשן און צו טרינקען. זיי וווּנדערן זיך ווען די דודה זאָגט זיי, אַז עס איז שוין אַריבער עטלעכע שעה. אַזוי אַנגענעם האָבן זיי פֿאַרבראַכט. די דודה באַמערקט:

— אויך איך האָב ליב צו הערן ווי אונדזער איטשע רעדט. איך וויל נישט פֿאַרפֿעלן אַ וואָרט.

— דודהלע — רייסט איר איבער חנהלע — וואָס האָסטו געזאָגט: אונדזער איטשע? וואָס הייסט דאָס? צי איז איטשע פון אונדזער משפּחה? אַן אייגענער?

— כאַפּט אַ קליינעם קלער — זאָגט פֿאַרזיכטיק די דודה — איך האָב אים זייער גערן, אַזוי ווי איינער פון אונדזער משפּחה. איך פֿאַר־האָף, מיט גאָטס הילף, וועט ער ווערן איינער פון אונדזער משפּחה. טייערע קינדער, מיין פֿאַרגעפּיל האָט מיך נאָך קיין מאָל נישט גענאַרט — שווייגט אַ פּויזע, איטשע שמייכלט, זי זעצט פֿאָר — איטשע, איר זאָגט גאָרנישט, איר שווייגט. ווי זאָגט מיין ברודער, איך קען זיך נאָר נישט דערמאָנען ווי עס קליגנט אין גמרא־לשון, שוויגן איז ווי הסכמה. יאָ, מיין ברודער דער לערנער, דער עילוי, וואָס אַלע האָבן געמיינט, אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער רב, ער איז געוואָרן אַן ערד־אַרבעטער, אַ קאָלאָניסט. ער האָט

אַ גאַנצן קוואַל פון גמרא־ווערטלעך. איך האָב זיי געקענט. היינט שוין אַלץ פאַרגעסן.

זי גייט אַוועק, זיי דאַנקען איר פאַרן כיבוד, באַזונדערס פאַר דער קאַווע. נאָך איר אַוועקגיין זאָגט איטשע:

— דאָס גמרא־וואָרט איז שתיקה כהודאה דמיא, שווייגן ווי געגעבן די הסכמה.

— יאָ — באַשטעטיקט חנהלע — איך האָב עס געהערט פון מיין פאָטער. דאָס איז נישט קיין עברית נאָר אַראַמיש.

די דודה קלאַפּט נאָך אַ מאָל אָן און ברענגט אַריין דריי גלעזער קאַווע און בעט זיי זאָלן טרינקען, ווייל עס האָט זיי געשמעקט. דער־ווייל קומט אָן דער דוד. די דודה וויל אים געבן אַ קאַווע, אָבער ער וויל בעסער זיך מאַכן אַ גלעזל טיי. ער שלעפּט זיי אַרויס אויף דער טעראַסע, דאָרט איז לופטיקער. ער מאַכט דעם סאַמאָוואַר. ער דערציילט, אַז עס זענען אָנגעקומען די לעצטע מושבניקעס פון כפר־סבא, וואָס עקזיסטירט שוין אַ פיר יאָר. די גרעסטע טייל איז נאָך פריער אַנטלאָפן צוליב די אַראַבישע אָנפאַלן. אומזיסט געווען זייער רופן צו הילף דעם ישוב. בלויז דריי, פיר העלדן זענען געבליבן פאַרטיידיקן. די ווילדע אַראַבער האָבן נישט געוווסט וויפל זיי זענען און דאָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכ־קייט אויסצוהאַלטן אַ געוויסע צייט און פאַרטיידיקן דעם ישוב. איצט האָבן זיי אויך געמוזט פאַרלאָזן. זיי זיצן אין פּתח־תקוה אויף די פּעקלעך, באַוואָפנטע און וואַרטן. אַלע פּילדערן. פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען. מען באַשולדיקט דעם ועד הצירים, אַז ער האָט נישט געגעבן קיין הילף, ווייל דאָס זענען געווען אינדיווידועלע פּויערים, נישט קיין קיבוץ. איצט איז חרוב געוואָרן מי און פּראַצע פון פיר יאָר. די אַראַבער האָבן זיכער פאַרניכטעט אַלצדינג, אויסגעריסן די פלאַנצן...

— באַלעבאָס, איך בין מסכים מיט אייך — זאָגט איטשע — אין אַזאַ פאַל טאָר מען נישט בודק זיין און באַקוקן די ציצית צו וועלכע חסידים זיי געהערן. זיי, די שונאים אונדזערע, הרגענען, שעכטן און ראַבעווען אַלע יידן, ווייל זיי זענען יידן. פאַר וואָס האָט מען נישט גערופן מען זאָל זיי גיין צו הילף? איך וואָלט דער ערשטער געגאַנגען און מיט מיר נאָך. מיר

וואָלטן געראַטעוועט אַ פּונקט פון אונטערגאַנג. דאָס וועט דאָך געבן די ווילדע פּראַים מוט ווייטער אַזוי צו טאָן, זיי וועלן אויך וועלן טאָן דאָס זעלבע מיט פּתח־תקוה. איך גיי עפּעס געוואָר ווערן.

— איך גיי מיט אייך — זאָגט חנהלע און ביידע גייען אַרויס גע־אַרעמט.

— זעסט, מיין ווייב — זאָגט דער דוד — דער סאַמאָוואַר קאָכט שוין.

— טאָ גיי טרינק, ווער שטערט דיר? — זאָגט די דודה.

— איך מיין נישט מיין סאַמאָוואַר — לאַכט דער דוד — גיב אַ קוק אין דרויסן און זע. זי גייט נישט בלויז געאָרעמט, נאָר זי האָט זיך שוין אין אים אָנגעשפּאַרט, זי ליגט שוין אויף אים. דאָס הייסט, אַז דער סאַמאָוואַר גייט שוין קאָכן, אָדער ער קאָכט שוין. איך האָב דיר פאַרויס־געזאָגט, אַז ליבע איז ווי אַ סאַמאָוואַר...

— הלוואַי, רבונו־של־עולם, אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה, פון דיין מויל אין גאָטס אויערן — ווינטשט זיך די דודה — אַ וווּיל, געלונגען און טייער פּאָרל. ביידע אַזוי צוגעפּאַסט ווי געבוירן דערצו.

— איך זאָג דיר, מיין ווייב — גייט דער דוד צוריק צו די לעצטע געשעענישן — איך קען נישט פאַרגעסן וועגן כפר־סבא. איך בין דאָרטן געוועזן. זייער אַ שיינער און געלונגענער ישוב. דער באָדן גלייך ווי דער טיש. פעטער באָדן, וואָס איז גוט צו ירקות. וואַסער געפינט מען נישט טיף. פאַראַן מער וואַסער ווי מען געברויכט. יונגע פּרדסים שוין גע־גרעפּטע. אַ שיינקייט. יעדער האָט זיך אַ גערטנדל ביים שטוב, פאַרשיי־דענע ירקות. עס האָבן זיך הינער, קאַטשקעס, אַ בהמהלע. יעדער איז טאַקע באַזונדער, נישט אויסגעמישט, אָבער די חברישקייט און פריינדשאַפט איז נישט קלענער ווי אין די קיבוצים. עס טוט מיר וויי, וואָס דאָס אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען. יעדער איינער האָט זיך ממש געשפּיגלט און געפרייט זיך מיט יעדער זאַך, וואָס איז זיי צוגעקומען. האָסט געדאַרפט זען די שמחה ווען די קוואָטשקע האָט אויסגעפּיקט די הינדעלעך.

דאָס זענען דאָך אויך לעבעדיקע נפשות. אַ מחיה צו הערן זייער פּישטשען. אַלץ, וואָס לעבט, איז מיר ליב.

— אָבער דאָס לעבן פון די קאָלאָניסטן איז טייערער פון אַלעם. אַז גאָט וועט העלפן וועלן זיי זיך צוריק אויפבויען — טרייסט די דודה.

אַ טאָג שפּעטער.איטשע מיט חנהלען זיצן אויפן מרפּסת און שמועסן וועגן כפר־סבא. באַלד גייען זיי איבער פאַרצווזעצן זייער שמועס, וואָס ציט זיך שוין פיר פאַרזעצונגען. אייגנטלעך רעפערירט איטשע און חנהלע שטעלט כסדר פראַגן. דאָס מאָל רעדן זיי וועגן אהבת־ציון. איטשע רעדט מיט התלהבות. חנהלע מאַכט זיך כלומרשט, אַז ער איז פאַרשוויצט און ווישט אים דאָס פּנים מיט איר ווייס טיכעלע. איטשע דערקלערט איר, אַז ער האָט פיר ליבשאַפטן: ארץ־ישראל, עם־ישראל, אהבת ה׳ און אהבת־התורה. חנהלע זאָגט, אַז זי נעמט אָן די פיר עיקרים, סיי אַזוי ווי די יידן אונטערן באַרג סיני מיט „נעשה ונשמע״, סיי מיט איר שכל, ווייל אויך זי איז אַזוי דערצויגן געוואָרן. פון דעם ערנסטן שמועס וויקלט זיך פאַמעלעך אַרויס אַזאַ דיאַלאָג:

הנהלע: איר ווייסט ווי מען רופט מיך — חנהלע די שטיפערקע. מיין דודה זאָגט, אַז ווי איינער איז צו זיבן איז ער צו זיבעציק. עס ווילט זיך אויך היינט כאַפּן אַ שטיף. אָבער איך קלייב אויס אייערע שמועסן. אייערע רייד זענען דאָך ווי פּערל. פרעג איך אייך: זאָל איך אויסמיידן צו קלייבן די פּערל?

איטשע: חנהשי, אַ צו גרויסן שבח גיט איר מיר. איך האָב אויך אַ שבח פאַר אייך. איך האָב ליב אייער קול, אייער רעדן. איר רעדט ווי קלאַנגען פון געזאַנג, מיט געפילפולע טענער. דאָס איז בעסער ווי פּערל. דאָס איז גאָטס מתנה, וואָס נישט יעדער האָט די זכיה דערצו. איר מעגט זיך האַלטן גרויס מיט דער מתנה. אויף דער מסיבה בעט איך אייך געבן עטלעכע שירים.

חנהלע: איך האָב אויך צו אייך אַ ביטע, אָבער איך בין נישט דרייסט עס צו בעטן.

איטשע: פֿאַר וואָס? איך וועל גערן טאָן אַלץ פֿאַר אײַך. אַפֿילו אוממעגלעכס. זייט דרייסט, שעמט זיך נישט!

חנהלע: איך האָב געהערט, אַז איר קענט טאַנצן מאָדערנע טענץ. מיר, דאָ געבוירענע, טאַנצן נאָר פֿאָלקסטענץ.

און ביידע האָבן זיך אָפּגעשטימט, אַז איטשע וועט חנהלען אויס־לערנען די נײַע טענץ ביז דעם קבלת־פּנים. איטשע מיינט, אַז זי וועט עס באַווייזן, ווײַל זי קען די פֿאָלקסטענץ. איטשע דערציילט דערבײַ, אַז ער האָט אויסגעלערנט אַלע אירע געוועזענע חברים און חברות, וועלכע זענען איצט אויך זיינע, צו טאַנצן. זיי האָבן אים אַפֿילו געקרוינט מיטן צונאָמען טאַנצמייסטער. די גאַנצע מעשה האָט אים אַ ביסל פֿאַרדראָסן, ווײַל זיי האָבן כּסדר נאָר גענומען זיך צום טאַנצן און אַוועקגעוואָרפֿן אַלע אַנדערע זאַכן. זיי רעדן זיך אָפּ צו האָבן די ערשטע לעקציע שבת אין דער פֿרי, ווײַל פֿרייטיק אין אָוונט ווילן זיי זיך נישט אָפּזאָגן פֿון גע־מיינזאַמען שפּאַציר. איטשע פֿרעגט שפּאַסיק איבער צי חנהלע וועט נישט פֿאַרשלאָפֿן. זי פֿאַרזיכערט אים, אַז זי וועט זײַן פּינקטלעך צו דער רגע.

איטשע האָט אָפּגעאַרבעט שווער דעם דאָנערשטיק בײַנאַכט, כּמעט געווען אויף אַ גאַנצן מעת־לעת. ווען ער האָט זיך געקליבן צו גיין אַהיים שלאָפֿן האָט אים דער באַלעבאָס אָפּגעשטעלט און פֿאַרבעטן אין נאָמען פֿון זײַן פֿרוי און פֿון אים צו עסן אויך דעם שבת מיט זיי. איטשע ענטפֿערט צופֿרידן, אַז אַן אײַנלאַדונג פֿון דער באַלעבאָסטע איז בײַ אים ווי אַ געבאָט און ער דאַנקט פֿאַר דער אײַנלאַדונג. גייענדיק אַהיים טראַכט ער, אַז דאָס אַלץ איז צוליב חנהלען. די באַלעבאָסטע וויל זײַן די שדכנטע. חנהלע איז צוויבערהאַפֿט, זי קען פֿאַרכישופֿן. זי האָט אַ סך שטריכן פֿון דער באַלעבאָסטע. און אפֿשר האָט זי אויך איר גוטסקייט און טבֿע.

מיט זיסע און אָנגענעמע געדאַנקען איז איטשע אײַנגעשלאָפֿן, גוט געשלאָפֿן. מיטאָגצײַט האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט. ער איז געווען גוט אויסגעשלאָפֿן און אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט אַ טראַכט געטאָן

וועגן ברענגען אַ מתנה. דאָס בעסטע וואָלט געווען בלומען פאַר דער שטוב און אַ פלעשל שאַרפע משקה פאַרן באַלעבאָס. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אין אַ געוויסן הויף געזען שיינע וווּנדערבאַרע בלומען. ער קען אויך די אייגנטימעריך. ער גייט צו בעטן אַ דערלויבעניש אָפּצורייסן אַ ביסל בלומען.

— שלום, גברת יפה! — באַגריסט זי איטשע — לכבוד שבת רייסט איר בלומען?

— דער שענסטער קישוט און תכשיט לכבוד שבת איז, לויט מיין מיינונג, בלומען.

— אמת, אויך מיין מיינונג איז אַזוי — איז איטשע מסכים און גיט צו — אָבער נישט יעדער איז זוכה דערצו, נישט יעדער האָט זיי. און ווו צו באַקומען איז נישטאָ.

— בבקשה, ביטע שיין — זאָגט די גברת — נעמט אייך, רייסט אייך אָן וויפל איר ווילט, זיי וואַקסן צו גערדיכט און שטערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג.

— תודה רבה — דאַנקט איטשע — איר האָט מיר צוגעטראָפן. איך דאַרף זיי צו געבן עמעצן אַ מתנה.

ער רייסט אָן בלומען און דאַנקט זייער שיין דערפאַר. ער פוצט זיי אַרום און טראָגט זיי גלייך אַוועק צו דער באַלעבאָסטע. אויפן וועג קויפט ער אויך אַ פלעשל משקה. ער ברענגט דעם גאַנצן בינט בלומען און פאַרנייגט זיך העפלעך פאַר דער באַלעבאָסטע:

— דאָס איז פאַר אייך. איך ווייס, אַז איר האָט ליב פּרחים אויף שבת. און דאָס פלעשל איז פאַרן באַלעבאָס, ווי אויך פאַר אייך.

די באַלעבאָסטע דאַנקט און בעט איטשען נישט פאַרשפּעטיקן. ער זאָגט צו צו קומען פון שול צוזאַמען מיטן באַלעבאָס. זי צעטיילט דעם גרויסן בינט בלומען אויף עטלעכע קלענערע און צעשטעלט זיי אין אייניקע ערטער, צווישן אַנדערע אין חנהלעס צימער, זאָגנדיק איר:

— דאָס האָט איטשע געבראַכט. ער וועט אויך עסן מיט אונדז דעם גאַנצן שבת.

די דודה באַמערקט ווי חנהלעס פּנים קריגט אַ פריילעכן אויסזען.

זי טוט זיך שנעל איבער. זי פרעגט נאָר איבער די דודה וואָס זי זאָל אָנטאָן. זי פאַרלאָזט זיך אויף איר געשמאַק.

— אויף דיין פיגור איז אַלץ גוט — מיינט די דודה — אַלץ ליגט ווי אויסגעגאָסן. נעם דעם ראָזן חלוק מיט די געשטרייפטע שושנים. עס האָט אַ ווייס אויסגעלייגט קעלנערל. דאָס איז שיין און עלעגאַנט.

חנהלע טוט דאָס אָן און די דודה באַוואונדערט זי און צעקושט זיך מיט איר. זיי דערהערן די קולות פון די מענער, וועלכע קומען פון שול און זיי גייען זיי אַנטקעגן. די מענער גיבן זיך אַזש אַ פאַרבייג, אַזוי האָבן די צוויי פרויען אַ בליאַסק געטאָן. דער טיש איז שוין געווען געגרייט, די גלעזער און פלעשער שפּיגלען אָפּ די שיין און די בלומען באַשיינען דעם טיש. דער באַלעבאָס זאָגט שטיל און גערירט:

— די נשמה־יתירה לייכט זיי אַראָפּ פון די קעפּ.

די מענער מאַכן קידוש, אַלע זיצן פריילעך און געניסן פון די גוטע מאכלים, וואָס די דודה האָט צוגעגרייט פאַרן מאָרגנדיקן קבלת־פּנים. דאָס איז אַזוי צו זאָגן אַ גענעראַל־פּראָבע. זי וואַרט דעריבער אויף זייער מבינות. דעם גרעסטן לויב גיט ווי געוויינלעך דער באַלעבאָס. אויך איטשע גיט צו זיינע לויבווערטער, אַז עס האָט טעם־גן־עדן. דער דוד מיינט, אַז אויך דער חומר שפּילט אַ ראָל. ארץ־ישראל איז נישט בלויז ארץ זבת חלב ודבש, נאָר זי האָט אויך גוטע גענדז, קאַטשקעס און פּעטע אינדיקעס.

חנהלע ווידער מאַכט אַלץ אָפּהענגיק פון דער דודהס בריהשאַפט. דער דוד, ווי ער האָט נישט פיינט דאָס עסן, דאָך רייסט ער איבער דאָס רעדן וועגן דער אכילה און בעט הנהלען זינגען. זי לאָזט זיך נישט בעטן און זינגט.

זי זינגט באַטעמט, מיט גרויס געפיל פון אַ קענערין. זי האָט אַן אַנגענעם, שיינעם, לירישן אַלט, וואָס צעגייט אין אַלע אברים. עס ווילט זיך זי הערן אָן אויפהער. דער אַלט איז זיס ווי האָניק. ווען זי פאַר־ענדיקט בלייבן אַלע זיצן שטיל. חנהלע האָט אַ טענה פאַר וואָס מען האָט זי נישט אונטערגעהאַלטן, עס איז דאָך געווען אַ באַקאַנטער חסידישער ניגון.

— עס איז געווען אַ שאָד צו פאַרפעלן איין טאָן פון אייער זינגען — דערקלערט איטשע — זינגט אונדז נאָך עפּעס און דוקא אַליין, אָן הילף.

און חנהלע פאָלגט און זינגט אַ זמר נאָך אַ זמר, אָן אָנשטרענגונג. וואָס ווייטער איז זי אין מער התלהבות און זינגט כסדר, ביז דער דוד שטעלט זי אָפּ:

— אַ געזונט אין דיין מויל, האָסט אַ פּערלדיק העלדזועלע, מיין קינד. רו זיך אָפּ אַ ביסעלע.

— דוד, איך שטרענג זיך גאָרנישט אָן מיטן זינגען, עס גייט ביי מיר אַליין — דערקלערט חנהלע.

— סטייטש, אַזאַ גערגעלע איז דאָך ווערט אַ פאַרמעגן — מיינט דער דוד — מען דאַרף עס דיר צורעכענען צו דיינע פיל מעלות און, פאַר־שטייט זיך, אַראָפּרעכענען פון חשבון פון נדן. לויט מיין רעכענונג האָסטו שוין אַ גרויסן איבערפלוס.

— דוד, גיב מיר נישט אַזוי פיל שבחים, איך וויל נישט — בעט זיך חנהלע — איך פיל זיך אומאַנגענעם. איך בין נישט קיין אויסנאַם. און אויב עמיצער קען נישט זינגען איז עס אַ חסרון?

— קיין חסרון נישט, אָבער דער וואָס קען איז עס פאַר אים אַ מעלה — פסקנט די דודה און ווענדט זיך צו איטשען — וויפל מאָן וועט זיין אויף דער מסיבה, בערך?

— ביי אַ פּופצן מאָן — ענטפערט איטשע — די באַלעבאָסטע דאַרף זיך גאָרנישט ערגערן. יעדער קומט מיט עפּעס אַ מתנה: איינער ברענגט אַן עוגה, אַ צווייטער אַ פלעשל, אָדער אַנדערע גוטע זאַכן. אַזוי איז ביי אונדז איינגעפירט.

— זאָלסט מיר זיין געטרייסט פון גאָט מיט דעם וואָס דו הייסט מיר זיך נישט ערגערן — זאָגט די באַלעבאָסטע מיט אַ ברוגזן טאָן — נישט צוליב דעם האָב איך געפרעגט. חנהלעס דודה שרעקט זיך נישט פאַר אַזעלכע זאַכן. עס וועט נישט פעלן פון גאָרנישט, פון עסן אָדער טרינקען. עס איז דאָ פון כל־טוב.

— מיר וועלן נישט לאָזן די דודה גאָר נישט טאָן — זאָגן חנהלע מיט איטשען אין איינעם — מיר וועלן אַליין אַלץ מאַכן און צוגרייטן.

מאָרגן נאָך מיטאָג וועט אַלץ זיין צוגעגרייט. די דודה קען זיך אויף אונדז פאַרלאָזן.

— טייערע קינדער, וואָס האַלט איר מיך אין באַרויִקן? די דודה קען נאָך אַרבעטן ווי געהעריק און אפילו גיין מיט אייך אין אַ געוועט אויף יעדן געביט — זאָגט די באַלעבאָסטע און שמייכלט צו. זעט אויס זי האָט עפּעס אַ פּלאַן, וועלכן זי וויל נישט אויסזאָגן.

— איצט, מיינע טייערע, — רייסט דער באַלעבאָס איבער דעם דיספּוט — ווי איר ווייסט איז דאָך שבת, שבתדיקע מאכלים האָבן מיר געגעסן, זמירות האָט חנהלע געזונגען. דאַרפן מיר איצט רעדן אַ ביסעלע תורה־זאַכן. דו ווייסט דאָך, איטשע, וואָס אונדזערע חכמים זאָגן שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים. דעריבער, איטשע, איז איצט דיין רייע. דערקלער עפּעס.

איטשע לאָזט זיך נישט בעטן און אויפן פאַרלאַנג פון באַלעבאָס דערקלערט ער וואָס עס איז אַזוינס דער באַלשעוויזם און זיין אויס־ווירקונג אויף יידן, אַנטיסעמיטיזם און אַסימילאַציע. דער דוד ווערט מיד און גייט שלאָפן. חנהלע פרעגט איטשען:

— זאָגט מיר, פאַר וואָס האָט איר נישט געלערנט צו זיין אַ לערער? אַ גרויסער שאָד. פון אייך וואָלט געווען אַ גרויסער פּעדאַגאָגישער טאַלאַנט. איר האָט פעִיקייטן צו געבן צו פאַרשטיין.

— צו וואָס דאַרפט איר קאָנקורענטן? — פרעגט איטשע שפּאַסיק.

— איך בין אַ מורה פון קליינע קינדער — ענטפערט חנהלע — וואָלט עס פאַר מיר בכלל נישט געווען קיין קאָנקורענץ. ווען איר וואָלט געווען אַ לערער וואָלט אייער לערנען געווען פאַר גרויסע, און אויך איך וואָלט געוואָלט לערנען ביי אייך.

עס קומט אַריין די דודה פון קיך, שטאַרק פאַרפאַרעט און פאַר־רויטלט. זי זאָגט:

— חנהלע איז אַ מזלדיקע אין אַלעם. אין איר זכות איז מיר אַלץ געראָטן און געלונגען. איך האָב איצט איינגעשטעלט אַלץ, געברענגט אין אָרדענונג, איינגעדעקט, געשטעלט אויף אייז, וואָס מען דאַרף. אָט האָב איך אייך געבראַכט צו פאַרזוכן צו שטיקלעך קוגל.

זיי פאַרזוכן אוןביידע לויבן דעם קוגל. חנהלע דערציילט דער דודה:

— דודהלע, מאָרגן פרי גיט מיר איטשע אַ לעקציע פון מאָדערנעם טאַנצן. ער זאָגט מיר צו, אַז אין אַ צוויי שעה וועל איך אַלץ קענען.

— איטשע איז אַ הכל־יכולניק — זאָגט די דודה — ווען איך וויים, אַז איטשע קען טאַנצן?

— וואָס וואָלט געווען? וואָלסטו זיך געלערנט טאַנצן? — פרעגט חנהלע מיט אַ געלעכטער און אַלע לאַכן מיט.

— וואָס איז? עס איז קיין מאָל צו שפּעט — זאָגט די דודה כלומרשט ערנסט — איך טאַנץ אַמאָליקע טענץ ווי אַ וואַלץ, לאַנסע, אַ ברוגז־טאַנץ און אַנדערע, אָבער נישט די היינטיקע מאָדערנע טענץ. איך דאַרף נאָר וויסן די כללים און עמעצער זאָל מיר ווייזן.

— טייערע און גוטע באַלעבאָסטע, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, ווען איר ווילט וועט עס זיין פאַר מיר דער גרעסטער כבוד און אַ פאַרגעניגן — לייגט איר איטשע פאָר זיין הילף. — פאַר אַ פרוי אין אייערע יאָרן איז דאָס לייכטסטע צו טאַנצן די מאָדערנע טענץ. דאָס מאַכט נישט מיד. מען שטרענגט זיך נישט אָן ווי ביי די אַמאָליקע טענץ. אַ וואַלץ אָדער אַ קאָזאַטשאָק דאָס איז דאָך עבודת־פרך. זאָל די באַלעבאָסטע זען. קום, חנהלע, וועל איך ווייזן די ערשטע כללים.

חנה גייט גערן צו און פאַרלייגט ביידע הענטלעך אויפן אַקסל, איטשע נעמט זי אַרום ביי דער טאַליע, זאָגט איר ווי צו גיין און דרייען זיך. ער זינגט צו די מעלאָדיע פון אַ באַקאַנטן טאַנגאָ און בעט איר נאָר זיך צופּאַסן צום טאַקט. דאַן זעצט איטשע זי אַוועק אַ ביסל אָפּרוען און שפּעטער וועלן זיי ווידער לערנען.

— איך וועל איך, איטשע, איבערלאָזן מיין חנהלען. איך וועל זיך לייגן. שפּילט און פאַרברענגט. — זאָגט די דודה און גיט צו מיט אַ געלעכטער — נישט מיד מאַכן מיר מיין חנהלען, שלום!

איטשע הייבט ווידער אָן די לעקציע. חנהלע פאַרלייגט די הענטלעך אויף זיינע אַקסלען. ער באַמערקט:

— איר וועט שוין פאַרשפּאָרן מאָרגן צו לערנען. איר וועט זיך נאָך היינט אויסלערנען.

חנהלע נעמט איטשען אַרום און גיט אים אַ קוש. איטשע גיט איר צוויי, זאָגנדיק:

— צו מיר דערלייגט מען נישט. איך באַצאָל באַלד טאָפּלט.

חנהלע דריקט זיך צו אים און קושט, איטשע גיט איר אָפּ טאָפּלט. איטשע וויל נישט רעזיגנירן פון מאָרגנדיקן טרעפן זיך אין דער פרי, זאָגט ער:

— דאָס היינטיקע לערנען האָט נישט קיין שייכות צום מאָרגנדיקן שיעור. מאָרגן אַכט פרי. איך האָף, אַז איר וועט נאָך גוט טאַנצן צום קבלת־פנים. חנהשי, עס איז שוין שפּעט. אַפילו דער לאָמפּ גייט שוין אויס און מיר בלייבן אין דער פינצטער.

— טאָ וואָס שרעקט איר זיך? איר האָט מורא? — פרעגט חנהלע.

— ניין — ענטפערט איטשע — עס איז נישט באַקוועם צוליב דעם דוד און דער דודה. טאָמער קומען זיי אַריין.

— גערעכט! מיר וועלן זיך געזעגענען — זאָגט חנהלע.

ער גיט איר אַ קוש אין שטערן, זי טוליעט זיך צו אים. זיי שטייען אַ קליינע ווײַלע שטום, אָן רייד. זיי געזעגענען זיך, נעמען זיך אַרום און דערמאָנען דעם פרימאָרגנדיקן צוזאַמענטרעף.

כאָטש עס איז שוין שפּעט קען איטשע נישט איינשלאָפן. ער שפּירט נאָך אַלץ איר הייסן אָטעם און דעם וווּנדערבאַרן, איידעלן ריח פון אירע האָר. אַזוי ליגט ער און טרוימט. אויך חנהלע קען ווידער נישט איינשלאָפן. זי קלערט נאָך אַ מאָל וועגן אָוונט: ווען איך הייב נישט אָן, וואָלט אפשר גאָרנישט געווען. איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן, אָבער ער האָט מיך מער געקושט ווי איך אים. ווי אַרטיק ער האָט זיך געהאַלטן.

חנהלע וויל איינשלאָפן, ווײַל זי וויל מאָרגן נישט פאַרשפּעטיקן. זי הערט דאָס פּישטשען פון די פייגעלעך, אַ סימן, אַז עס וועט באַלד טאָגן. אָבער זי איז צו שטאַרק צערודערט פון דעם וואָס איז געשען, דאָס ערשטע מאָל אין איר מיידלש לעבן פילט זי אַזוי. זי זעט אין אים בלויז גוטס...

שבת אין דער פרי. די באַלעבאַטים זיצן אויף דער טעראַסע און טרינקען טיי. איטשע קומט אַריין, באַגריסט זיך פיין. די באַלעבאַסטע דערלאַנגט אים אַ גלאָז טיי מיט אַ קיכל. דער זייגער רוקט זיך, עס איז

שוין האַלב ניין און חנהלען זעט מען נישט. שוין באַלד ניין און איטשע הייבט זיך אויף און זאָגט עפּעס דער באַלעבאָסטע. זי גייט אַריין אין חנהלעס צימער און קומט אַריין צוריק שמייכלענדיק:

— איך האָב זי געוועקט. זי בעט סליחה. איינגעשלאָפן ערשט פאַר טאָג. מן־הסתם זענט איר אויף געווען ביז שפּעט.

חנהלע קומט אַריין, עסט גיך און נעמט איטשען צו זיך אין צימער. ווי נאָר זיי זענען איבערגעטראָטן די שוועל האָט זי פאַרלייגט באַלד ביידע הענטלעך אויף זיין אַקסל. ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויף דער געלעגנהייט איר צו געבן דעם קוש. ער לערנט און ביידע וויגן זיך, האָבן הנאה. איטשע איז זייער צופרידן וואָס חנהלע האָט שנעל אויסגעלערנט די תורה. חנהלע דערלאַנגט אים פון גרויס צופרידנקייט אַ פייערדיקן קוש, וואָס הילכט אָפּ. זיי זענען געווען אַזוי פאַרנומען, אַז זיי האָבן נישט געהערט קלאַפּן אין דער טיר. דאָס האָט די דודה אָנגעקלאַפּט, געעפנט די טיר און געזען, אַז זיי באַמערקן זי נישט, זיי זענען פאַרשיכורט, זיי שוועבן אין די הימלען, האָט זי זיך שטיל אַרויסגעשאַרט, נאָר איבערגעלאָזט אַ שפּאַרע. זי האָט צוגערופן דעם דוד מיטן פינגער ער זאָל אַ קוק טאָן. דער דוד זאָגט שטיל: „דאָס וואַסער פון סאַמאָוואַר קאָכט". פון גרויס פרייד כאַפּן זיי זיך אויף אַרום.

די דודה מיטן דוד זיצן ביים טיש, דאָס עסן איז גרייט און זיי וואַרטן אויף חנהלען מיט איטשע.

— וויפל איז דער שיעור צו וויגן זיך? — פרעגט דער דוד — אַ שטיקעלע פיש מיט אַ גלעזעלע מעג איך דערווייל פאַרזוכן?

די באַלעבאָסטע איז מסכים און דערלאַנגט אים אַ פאַרציע פיש. ער טראָגט איר אונטער אַ שפּאַר גלעזל משקה.

— דאָס הייסט אַ שטיקעלע פיש? — באַמערקט דער באַלעבאָס — דאָס איז אַ שטיקעלע פון לויתן.

— און דאָס איז אַ גלעזעלע? דאָס איז דאָך אליהו הנביא׳ס כוס — זאָגט די באַלעבאָסטע.

— נאַ, זע, ביידע גלעזלעך די זעלבע — זאָגט שוין אַ ביסל פריילעך דער באַלעבאָס — עס וועט דיר חס־וחלילה נישט פאַרשאַטן. זאָג מיר, מיין

ווייב, איך בין אַ מאָל געווען קידער־ווידער מיט דיר? האָב איך דיר אַ מאָל געטאָן להכעיס? שטענדיק דיר צוליב געטאָן. אויך איצט.

— אוי, מיין מאַן, דו ביסט שוין אונטער דער ווירקונג פון גלעזל — לאַכט זי און פרעגט מיט חשד — און אפשר האָסטו שוין אַריינגעוואָרפן אחת ואחת. געדענק, פאַל נאָר נישט אַרונטער דער ווירקונג פון טרינקען.

איטשע מיט חנהלען קומען אַריין. חנהלע זאָגט צו דער דודה:

— ער קען, ער קען לערנען. וועסט זיך מעגן לערנען ביי אים.

— ווער? לערנען? וואָס לערנען? די דודה? — פרעגט דערשטוינט און איבערראַשט דער דוד — געוואַלד, איך גיי חלשן. ווילסט ווערן מאָדערן, מיין ווייב? וועסט דאַרפן פריער אַראָפּוואַרפן עטלעכע אנסים (אַ טערקישע וואָג). און דו, איטשע, נעם אַ גלעזעלע. האָסט זיך גוט אָפּגעאַרבעט היינט.

— נישט ביי חנהלען — מאַכט זיך איטשע נישט פאַרשטיין די צווייי־דייטיקייט פון באַלעבאָס וויץ, — זי איז פלינק ווי אַ פייגעלע. נישט געווען קיין אַרבעט. איך וועל איצט נישט טרינקען, ווייל איך האָב נאָך וואָס צו טאָן און מוז זיין ביים קלאָרן געדאַנק. איך וועל דאָס איבערלאָזן אויפן אָוונט.

זיי זעצן זיך צום טיש עסן. אין מיטן עסן קלאַפּט מען. עס קומט אַריין חיימקע.

— אַ פּנים דאָס ביסעלע טשאָלנט פון יענער וואָך האָט דיך אַהער געבראַנגט — זאָגט איטשע מיט אַ געלעכטער — אָבער זאָג מיר, ווי אַזוי האָסטו געוווסט אויסצורעכענען גענוי די צייט.

— אַלע ווייסן, אַז חיימקע האָט אַ געוואַלטיקן חוש־הריח צו אַ גוטן ביסן — העלפט צו דער באַלעבאָס — און די באַלעבאָסטע גיט צו פון איר זייט: איך ווייס, אַז גוטע מענטשן טרעפן צום עסן. איך האָב ליב אַ מענטש, וואָס האָט הנאה פון אַ גוט ביסל עסן. זאָלן זיי רעדן.

די דודה רוקט אים אונטער אַ טעלערל טשאָלנט.

— מילא, פון ביסל טשאָלנט איז אַן עבירה זיך אָפּצוזאָגן — זאָגט חיימקע — אָבער צופעליק האָט איר קיינער נישט געטראָפן. איך בין געקומען צוהעלפן. טאָמער דאַרף מען, אַ האַנט, אַ פּלייצע.

— איך האָב ביי דיר געבעטן — זאָגט איטשע — אַז דיין הילף זאָל באַשטיין פון צוויי זאַכן: האַלדז און פיס.

— פאַר מיר איז עס ווייניק, פאַר חנהלעס וועגן עד חצי המלכות וינתן לך — זינגט ער אויס מיט אַ ניגון פון מגילת־אסתר.

— אַ כוח אויף מיינע ביינער — זאָגט דער דוד — אויף מער האָסטו נישט קיין השגה. עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וועלכע וועלן געבן מער ווי חצי מלכות. קינדער, איר וועט מיר מוחל זיין, איך מוז כאַפּן אַ דרימל.

נאָכן באַלעבאָס אַוועקגיין קומט פאַר אַ באַראַטונג ווי אַזוי איינצואָרדנען דעם אָוונט. איטשע איז ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף אין איין צימער אַוועקשטעלן צוויי טישן, איינעם פאַר משקאות, דער צווייטער מיט עסן, יעדער וועט זיך נעמען אַליין וואָס אים געפעלט. אין אַנדערן צימער וועט מען טאַנצן. די באַלעבאָסטע איז נישט צופרידן. זי מיינט, אַז עס איז באַלעבאַטישער צו זיצן ביי די טישן און מען זאָל דערלאַנגען דאָס עסן. חיימקע איז מסכים מיט איטשען. זיי באַטראַכטן ווו צו באַקומען בענק און שטולן אַוועקשטעלן ביי די ווענט. חיימקע זאָגט צו עס צו באַזאָרגן. אַלע גייען אַוועק זיך אָפּרוען.

איטשע בעט די באַלעבאָסטע זי זאָל נעמען חנהלען צו זיך זי זאָל אָפּרוען, ווייל ער דאַרף דאָ עפּעס צוגרייטן, חנהלע שפּאַרט זיך איין, אַז זי וויל איטשען צוהעלפן, זיין מיט אים. די דודה גייט אַוועק כאַפּנדיק אַ לעצטן בליק אויפן פּאָרל, וואָס נעמט זיך דערווייל אַרום און טאַנצט ווייטער. זי זעט ווי איטשע נעמט זי אויף די הענט און לייגט זי אַוועק אויף דער סאָפע מיט אַ קוש אין קאָפּ. פּאַמעלעך גייט זי אַוועק גליקלעך פון דעם אַלעם.

איטשע האָט זיך צוגעזעצט צו חנהלען אויף דער סאָפע און זיי האָבן געקוקט זיך אין די אויגן אַריין. שפּעטער הייבן זיי אָן אַ שמועס, דאָס מאָל שוין וועגן פּערזענלעכע ענינים, חנהלע פרעגט איטשען צי ער האָט זיך שוין איינגעשאַפן חברים און חברות.

— ווי איך זע — זאָגט איטשע — זענען אַלע אייערע חברים, באַקאַנטע, אויך מיינע, נישט קיין שלעכטע חברה. מיר פאַרברענגען נישט שלעכט. איך האָב געמוזט איבערלאָזן אין טבריה צמח ביים כביש די חברים, מיט וועלכע איך בין געקומען פון חוץ־לארץ. איך בין געקומען מיט אַ קבוצה חלוצים.

— פאַר וואָס האָט איר זיי געמוזט איבערלאָזן ? — פרעגט חנהלע.

— איך האָב נישט געטאָרט זיין דאָרט. מען האָט מיך פאַרטריבן — זאָגט איטשע.

— ווער? פאַר וואָס? — פרעגט חנהלע דערשראָקן.

— ווער? די מאַלאַריע, קדחת און דיזענטעריע — ענטפערט איטשע — דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט אויפן אויער: „פאָר אַוועק!". ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט אויף געלן פיבער. ער האָט געמיינט אַוועקפאָרן פון לאַנד.

— און איר האָט אים נישט געפאָלגט — זאָגט חנהלע — זייער נישט קיין אַנגענעמער דריילינג איז עס.

— איך האָב זיך געמאָרדעוועט מיט זיי און געפייניקט — דערציילט איטשע — ביז איך האָב איינגעזען, אַז דער דאָקטאָר איז גערעכט. אויב איך וויל לעבן און זיין געזונט מוז איך אים פאָלגן. אָבער, האָב איך זיך געטראַכט, איך וועל פאָלגן נאָר אַ העלפט. איך וועל פאַרלאָזן דאָס אָרט, טוישן דעם פלאַץ, אָבער נישט חס־וחלילה פאַרלאָזן ארץ־ישראל. בשום אופן. און אַזוי ווי איך האָב פאַרלאָזט דעם פלאַץ זענען מיר אַוועק אַלע קראַנקהייטן ווי עמיצער וואָלט זיי צוגענומען מיט איין מאָל. גאָט צו דאַנקען האָב איך נישט געהאַט קיין איין מאָל קיין פאַל פון פיבער אָדער מאַלאַריע. איך שפּיר זיך זייער גוט, געזונט, שטאַרק, ווי עס וואָלט מיר קיין מאָל גאָרנישט געווען. איך שפּיר זיך נאָך שטאַרקער ווי פריער.

— אין יענער געגנט איז דאָ אַ סך קדחת, ווי אויך דיזענטעריע. — זאָגט חנהלע — פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען צו אונדז אין ראש־פינה, וואָלט איר זיך באַלד אויסגעהיילט. ביי אונדז איז די לופט טרוקן, ריין, נישטאָ קיין פיבער. אַ שאָד.

— ווען איך וואָלט געוווּסט דערפון! בעת איך האָב פאַרלאָזט דעם כביש האָב איך געזוכט אַזאַ טרוקן אָרט. ווער האָט געוווּסט פון אַ ראש־פינה? — זאָגט איטשע מיט באַדויערן און גיט צו שמייכלענדיק — ובפרט אַז איר האָט זיך געפונען דאָרט.

— אַז עס איז באַשערט קען מען זיך נישט אויסהיטן, קומט עס אין שטוב אַריין — האַלט חנהלע אונטער דעם זעלבן טאָן — אָט בין איך געקומען צו אייך. פון צופאַל קען מען זיך נישט אויסהיטן אָדער אַנטלויפן.

זיי שמועסן און רעדן פאַרשיידנס און שפּירן אַפילו נישט ווי די צייט

לויפט. די דודה קען נישט שלאָפן צוליבן גרויסן עול. עס טראָגט זי. זי קומט אַריין און טרעפט זיי אין דער זעלבער פּאָזע, ווי זי האָט זיי געלאָזן. איטשע שטעלט זיך אויף פאַרשעמט. אָבער די באַלעבאָסטע באַרויקט אים:

— זיצט, זיצט! שעמט זיך נישט פאַר מיר. איך בין דאָך אַ מאַמע, אַ מאַמע פאַר אייךביידן.

איטשע איז גרייט אויסצוקושן זי פאַר די ווערטער. ער באַהערשט זיך און זאָגט:

— שוין שפּעט. מיר מוזן שוין נעמען טאָן. מיר האָבן זיך צו פיל דערלויבט מיטן רעדן. שולדיק איז אייער ברודערס טאָכטער. זי האָט נישט קיין ניין מאָס רייד, נאָר נאָך מער...

— איך וואָלט אייך געענטפערט — דראָט חנהלע — נאָר דאָס מאָל וויל איך מותר זיין. איך וויל נישט טשעפּען מיט מיין מנהל פון מיין מסיבה.

אַלע שמייכלען. עס קומט אַריין דער באַלעבאָס און פרעגט:

— וואָס איז עפּעס אַזוי שטיל? נאָך גאָרנישט געמאַכט? מנהל, נאָט אייך די שליסלעך פון מיין גאַנץ פאַרמעגן, פון אַלע שאַפעס. נעמט אייך וואָס איר ווילט. פון די משקאות, פון די גוטע זאַכן, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט. וואָס צו נעמען פעלט נישט, ברוך השם.

אויך די דודה הייסט נעמען, נישט זשאַלעווען פאַר חנהלעס קבלת־פנים. זי נעמט איינטיילן די אַרבעט, אָבער באַלד גייט די קאָמאַנדע איבער צו איטשען. דעם באַלעבאָס הייסט ער נעמען די אויפזיכט איבער די משקאות, אים גוט צוגעטראָפן. די באַלעבאָסטע מיט חנהלען זאָלן צוגרייטן די סאַלאַטן. דאָס איבעריקע וועט ער אַליין טאָן. אויב חיימקע וועט קומען וועט ער העלפן. די דודה וויל נישט חנהלע זאָל איר העלפן. זי וועט זיך אַן עצה געבן אָן איר. זי איז דער גאַסט, צוליב איר איז די שמחה, דאַרף זי בלויז זיך שיין אָנטאָן. זי וועט דאַרפן אויפנעמען די געסט. חנהלע פּראָטעסטירט, זי איז נישט קיין כלה, וואָס דאַרף זיצן אויף דער כסא־מלוכה.

די מסיבה

איטשע רוקט צוזאַמען די טישן, באַדעקט זיי מיט ריינע טישטעכער, ווייסע און געפּרעסטע. ער פּוצט אויס די שטוב מיט קאָלירטע, געפלאָכטענע פּאַפּירן, וועלכע ער האָט פריער צוגעגרייט. די שטוב מיט דער טעראַסע באַקומען אַ יום־טובדיקן אויסזען. דער דוד טראָגט אַ סך משקאות, מיט גלעזלעך. אַלץ פינקלט. חיימקע, וועלכער איז אָנגעקומען, גייט ברענגען שטולן און בענק. די דודה מיט חנהלען ברענגען אַריין שיסלען מיט סאַלאַטן פון פאַרשיידענע טעמים, ביטערע, שאַרפע, זויערע און זיסע.

די פרויען שטעלן נאָך אַוועק די טעלערלעך, לעפל, גאָפל, מעסער און גייען זיך איבערטאָן. דער חבר צבי קומט אָן. דער באַלעבאָס גיט אים די חלות און ברויט צו צעשניידן. חיימקע האָט שוין געבראַכט די שטולן און בענקלעך.

עס קומען אַריין חנהלע מיט דער דודה געאַרעמט, שיין אָנגעטאָן, באַפּוצט. דער דוד שפּייט דריי מאָל אויס אויף „בלי עין הרע״ און ווינטשט זיי אַלדאָס גוטס. די יונגע מענער בלייבן שטיין ווי פאַרגאַפט. איטשע גייט צו, פאַרנייגט זיך און קושט זיי ביידן אין די הענט. דער דוד טוט אים נאָך. חיימקע און צביקע רעדן שטיל צווישן זיך:

— דאָס וועט זיין אַ זיווג מן השמים. זיי וועלן זיך ביידע נישט נאַרן.

ווי שטיל זיי האָבן דאָס געזאָגט האָט דאָך דער דוד געהערט און ער האָט זיך אָפּגערופן צו זיי:

— זאָגט נאָך אַ מאָל די זעלבע ווערטער, נאָר אַ ביסעלע העכער, אַז

אַלע זאָלן הערן. איך האָב אויך געטראַכט אַזוי ווי איר. שעמט זיך נישט און זאָגט עס הויך.

דער באַלעבאָס טראָגט זיי אונטער צוויי גרעסערע כוסות מיט קאָניאַק, זיי זאָלן גרינגער איבערחזרן די ווערטער.

— וואָס האָבן זיי אַזעלכעס געזאָגט, וואָס דער דוד וויל פון זיי, אַז זיי זאָלן עס זאָגן נאָך אַ מאָל און העכער? — פרעגט חנהלע.

חיימקע און צביקע חזרן איבער אויפן קול זייערע ווערטער. אַלע לאַכן און פאַטשן מיט די הענט בראַוואָ. אומגעריכט גיט דער באַלעבאָס אַ זינג אַרויס מיט אַ בדחנישן ניגון:

— יעדער זיווג איז פון גאָט אַליין. ווען דאָס קינד ווערט געבוירן האָט עס שוין זיין זיווג. ער ווערט אויסגערופן, אַז בת פּלוני לאיש פּלוני, מעגן די צוויי נפשלעך זיין פון פאַרשיידענע לענדער, ווייט איינס פון אַנדערן טויזנטער קילאָמעטער, מאַכן זיי דורך פאַרשיידענע גלגולים ביז זיי קומען זיך צוזאַמען. ביי איינעם קומט עס אָן שווער, ביי אַנדערע זייער שווער, ביז זיי געפינען זיך. און די, וואָס האָבן מזל, קומט עס אָן גרינג, ממש עס פליט זיי אַריין ווי אַ פייגעלע, אָן מי און מאַטער, גלייך אין דער האַנט אַריין. אויף דעם האָבן אונדזערע חכמים בפירוש געזאָגט יש שהוא הולך אצל זיווגו ויש שזיווגו בא אצלו.

אַלע זענען אַנטציקט פון דעם שטיקל בדחנות, אויסגעזונגען מיט אַ שיין קול און מיט געפיל. ביי דער באַלעבאָסטע ווערן פייכט די אויגן. די חברה לאָזן אים נישט אָפּ ער זאָל נאָך עפּעס געבן.

— איר האָט מיך געדאַרפט קענען מיט יאָרן צוריק — זאָגט ער מיט שטאָלץ — אַ סך זאַכן און טאַלאַנטן זענען אַנטשלאָפן געוואָרן פון נישט באַנוצן זיי. פרעגט מיינע. — די באַלעבאָסטע שאָקלט צו מיטן קאָפּ און ער זעצט פאָר ווייטער מיטן זעלבן ניגון:

— עס ווערט אויך געזאָגט איזהו עשיר. לאָמיר הערן פון אייך. ווער פון אייך קען לערנען? וואָס, קיינער ענטפערט נישט. איטשע, דו אויך נישט?

— איזהו עשיר השמח בחלקו — זאָגט איטשע — דאָס קען מען טייטשן ווי מען וויל.

— און איך טייטש חלקו די אייגענע פרוי — זינגט אויס דער באַלע־

באָס — אשה יפה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים. און ווו איז נאָך דאָ אַזאַ שיינקייט ווי אונדזער חנהלע, געזונט זאָל זי מיר זיין.

— אשה יפה, אשה נאה מיינט מען נישט שיין אויפן פּנים אָדער גוף — רופט זיך אָפּ איטשע — דאָס מיינט מען שיינע מעשים און מידות־טובות. אשה טובה מתנה טובה.

— איז דען דאָ וועלכע נישט איז גוטע מידה חנהלע זאָל נישט האָבן? — פרעגט דער דוד — אַז זי שטאַמט פון מיין ווייבס גזע, פון מיין ווייבס שורש. איצט די שטאַטלעכקייט פון אַ פּרינצעסין...

— ברוך השם, אַז חנהלע האָט אַ פּאָר, אַז זי איז נישט קיין אויסנאַם — זאָגט איטשע — און ווער איז די פּאָר? מיין באַלעבאָסטע און מיין באַלעבאָס. איך האָב שוין לאַנג אַזאַ מיינונג און דעה.

— איך בעט אייך, זייט נישט מגזם, באמת — בעט זיך חנהלע — איך בין נישט קיין פּרינצעסין און נישט קיין פּאָר צו מיין דודה. צו מיין דודה וועט קיינער נישט דערגרייכן צו איר מדרגה. לא כל אדם זוכה לזה. איבעריקנס זאָגט מען נישט יענעם קיין שבחים גלייך אין פּנים אַריין. עס איז נישט טאַקטיש. איך שעם זיך און וויל נישט. איך בין גישט קיין אויסנאַם. אַ מענטש מיט אַלע גלייך. שטויות. נאַרישקייטן.

— חנהלע, אַ געזונט אין דיין מויל. קלוג זענען דיינע ווערטער — מישט זיך אַריין די באַלעבאָסטע און צו די מענער — הערט אויף צו געבן שבחים און לויבגעזאַנגען. די אַלע שירים און תהילות זענען מער נישט ווי פּראָסטע, נישט אָנגענעמע קאָמפּלימענטן, וואָס מען דאַרף זיי געבן קינדער. פּאַר וואָס האָט איר נישט די טבע פון אונדז, פרויען? צי האָט איר געהערט אַ מאָל פון אונדז די אַלע קאָמפּלימענטן אויף אייער חשבון, מענער? הערט אויף צו רעדן נאַרישקייטן, הערט אויף צו רעדן דברי־תורה. איצט האָבן מיר אָדורכצופירן חנהלעס קבלת־פּנים און זען די מסיבה זאָל זיין אַ געלונגענע. נעמט אַ פלעשל משקה און פילט אָן די כוסות, מאַכט אחת ואחת, ווי יונגע מענטשן, און פריילעך, לוסטיק זאָל זיין.

אַלע פּאַטשן מיט די הענט און גיבן געדעכט דער דודה. איטשע מאַכט אַ טאָאַסט:

— תודה רבה דער באַלעבאָסטע פאַרן געלונגענעם מאָנאָלאָג. אַזאַ

גערעכטן משפט זאָל איך האָבן מיט אייך אַלע צוזאַמען ווי זי איז גערעכט. אַט נעם איך אַ פלעשל, גיס אָן, קודם כל פאַר די פזמונים־געבערס: דער באַלעבאָס, חנהלע און די באַלעבאָסטע. זיי גיב איך די גרעסטע גלעזלעך און די ערשטע. לאָמיר אַלע טרינקען לחיים. באַלעבאָסטע, אַ דאַנק פאַרן צובייסן. וואָס? נאָך צו גלעזלעך? אדרבא. באַזונדער וויל איך טרינקען פאַר מיין באַלעבאָסטע, פאַר איר שיינעם מאַנאַלאַג. מיין גוטע באַלעבאָסטע, וואָס איך פיל צו איר אַ ליבשאַפט ווי צו אַ יידישער געטרייער מאַמע. זאָל זי זיין געזונט אויף לאַנגע יאָרן! לחיים! טאַקע אין שמחה אלא ביין, אָבער פאַרגעסט נישט, חברה, אַז מיר דאַרפן נאָך זיך איבערטאָן. באַלד קומען די געסט. ובכן, חברה, קומט מיט מיידלעך. און ווער עס קען זאָל קומען מיט צוויי. הרי זה משובח, ווי עס זאָל זיך נישט מאַכן, טאָמער דאַרף ווער אַ גמילת־חסד. דאָס איז דאָך איינס פון די שענסטע און גרעסטע מצוות, אָבער נישט קיין פרעמדע, נאָר אייגענע.

— צו אַזעלכע מצוות בין איך בילעכער — זאָגט חיימקע — איך האָב אַ ברייטע נשמה און קען אַליין פאַרנעמען. צו אַזעלכע מצוות איז נישטאָ קיין שליח.

חברה גייט אַוועק. עס געדויערט נישט לאַנג און איטשע איז שוין דאָ צוריק, אָנגעטאָן שיין און פיין, אַ ביסל פאַררויטלט פון איילן זיך. חנהלע וואַרט נישט אויף קיין איינלאַדונג, פאַרלייגט די הענטלעך אויף זיינע אַקסלען און בעט אים:

— די געסט זענען נאָך נישטאָ. זאָגט מיר נישט אָפּ, לאָמיר מאַכן עטלעכע סיבובים, איידער זיי קומען. די לעצטע חזרה. אפשר מאַך איך אַ פעלער? אפשר עפּעס פאַרגעסן?

— אַזוי זענען אַלע אָנפאַנגער — שמייכלט איטשע — וואָלטן נאָר געטאַנצט, רק געטאַנצט, אַפילו אין בעט, אַפילו אין מיטן עסן, ביז זיי עסן זיך אָן.

די באַלעבאַטים שטייען און קוקן צו מיט נחת ווי דאָס פּאָרל טאַנצט און באַוווּנדערן זיי. עס קומען אָן חיימקע מיט זהבהן. זהבה האָט געבראַכט אַן עוגה. זי צעקושט זיך מיט חנהלען און ביידע הייבן אָן קעגנזייטיק לויבן זייערע קליידער. זיי שפּאַצירן געאָרעמט און באַקוקן די צוגרייטונגען.

— זייער פֿיין — לויבט זהבה — ווער האָט דאָס אַלץ געמאַכט? ווער האָט דאָס אַלץ צוגעגרייט? עס איז דאָך אַ סך אַרבעט.

— אַלע האָבן געהאָלפֿן, אַלע האָבן געטאָן — זאָגט חנהלע — אָבער דער עיקר איטשע. צייט צוויי, דריי שעה איז אַלץ געשאַפֿן געוואָרן.

עס קומט צבי און ברענגט מיט זיך אַ מיידל, אַ נייע עולה. חיים און איטשע שטייען פֿון דער ווייטנס און רופֿן צו צביקען:

— ווייזט אויס אַ פֿריש פֿייגעלע. אויף לאַנגע, געזונטע יאָרן! — ווינטשן זיי אים.

— נישט לאַנג געקומען, אַ נייע עולה — דערקלערט צבי — איך בין ביי איר, אַזוי זאָגט זי, דער ערשטער בחור. צפּורה הייסט זי.

צבי שטעלט זי פֿאָר זיינע חברים. עס קומט אָן דן. מיט איין האַנט פֿירט ער אַ מיידל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל זי, חס ושלום, ביי אים נישט אויסכאַפּן, מיט דער צווייטער האַנט שלעפּט ער אַ פּאַטעפֿאָן מיט אַ גרויסן לײַעק, עטלעכע תקליטים, און דער שוויס גיסט זיך פֿון אים אַ פּחד. חברה וויל אים העלפֿן און צונעמען דאָס מיידל, אָדער דעם פּאַטעפֿאָן.ביידע וויל ער נישט אָפּלאָזן, אַרויסגעבן פֿון זיינע הענט.

— שטערט מיר נישט — זאָגט דן — איך וויל אַליין. צו טייערע און ציטעריקע זאַכן זענען זיי ביי מיר, אַז איך זאָל זיי קענען אייך גע־טרויען. איין פּאַטעפֿאָן אין גאַנץ פּתח־תקווה. ביז איך האָב אים געקריגן, געמוזט געבן אַזוי פֿיל ערבֿות און שבֿועות. חס־ושלום עפּעס בין איך נישט זיכער מיט מיין גאַנץ פֿאַרמעגן. רירט אייך אַפֿילו נישט צו צו אים.

— דן, ווו האָסטו געפּאַקט דעם פּאַטעפֿאָן? ווער האָט אין פּתח־תקווה אַ פּאַטעפֿאָן? — שטייט חברה צו און פֿרייט זיך — גוט צו וויסן. מיר וועלן אים אַלע מאָל באָרגן.

— זיכער, מען וועט אייך אים אָקעגנטראָגן — חוזקט דן — איר דאַרפֿט נאָר אים וועלן נעמען.

עס קומען כסדר געסט, ברענגען מתנות, פֿרייען זיך מיט חנהלען. אַלע זאָגן דעם זעלבן פּזמון: „דאָס איז די קליינע חנהלע, חנהלע די שטיפֿערקע. לגמרי נישט צו דערקענען". אייניקע שפּאַסן, זאָגן, אַז אפשר איז דאָס חנהלעס עלטערע שוועסטער, וועלכע זי האָט נישט. אַלע לאַכן

געשמאַק אויפן קול, רעדן הויך, ווילן זיך איבערשפּאַרן. איינער וויל איבערשרייען דעם צווייטן. חיימקע שרייט אויס מיט אַ הויך קול:

— שאַט, שאַ, אַ רגע, שווייגט אַ מינוט. הערט זיך איין. איך געדענק און דערמאָן זיך עטלעכע סימנים. איך וועל באַלד נאָכפאָרשן, נאָכקוקן, קאָנטראָלירן און פעסטשטעלן. שטערט נישט! לאָזט רעדן אַ וואָרט! קודם־כל מוז איך איינגעצן דעם האַלדז. אַז דער האַלדז איז טרוקן קען איך ווערן הייזעריק. ווו איז ערגעץ דער שר־המשקים?

— אפשר אַ הייס, קאָכעדיק גלאָז טיי? — הערט זיך דאָס קול פון באַלעבאָס — גלייך פון סאַמאָוואַר. דאָס איז די בעסטע סגולה פאַר די רעדנער.

עס ברעכט אויס אַ געלעכטער. אַלע ווייסן און קענען דעם ליידנ־שאַפטלעכן טייטרינקער.

— איך וויל ליבערשט אַ קאַלטן טרונק וואַסער — זאָגט חיימקע.

מען דערלאַנגט אים אַ פלעשל משקה און ער גיסט זיך אַליין אָן אַ כוסה, קודם כל פאַר דער רעכטער זייט, און דאַן אַ כוסה פאַר דער לינקער זייט. די באַלעבאָסטע דערלאַנגט אים פאַרבייסעכץ מיט אַ ווונטש, און חיימקע פירט ווייטער:

— יעצט וועט עס גיין ווי געשמירט. זאָגט מיר, רבותי, ווער פון אייך קען שאַצן און פעסטשטעלן די עלטער, זאָל אָנשרייבן און געבן עס מיר.

עס ווערט פריילעך. מען שרייט און פרעגט ווי אַזוי צו שרייבן, אויף עברית, אויף טערקיש, אַראַביש אָדער מיט לאַטיינישע אותיות. אַנדערע מאָנען ער זאָל געבן די סימנים.

— טאָ זאָל זיין שטיל. איך קען נישט איבערשרייען אייך אַלעמען — זאָגט חיימקע און גייט צו נעענטער צו חנהלען און זינגט מיט אַ שיינעם ניגון: — הערט זיך איין, הערט אויס מיינע טייערע און ליבע מענטשן, וואָס איך וועל אייך דאָ טוען דערציילן. זי איז אַוועק פון אונדז כמעט נאָך אַ קינד, פּיצל קליין נאָך גאָר יינג, אַזוי ווי מיטן ווינט, דוכט זיך מיר זי האָט פאַרגעסן צו זאָגן אַ זיי געזונט! איצט איז זי דאָ צוריק פאַרענטפערן די געאיילטע שריט, סליחה, זייט מיר מוחל פאַר מיין שריט. דאָס געהערט נאָך צו דער צייט פון וויג. מיר נעמען דיך מיט ביידע הענט

צוריק. אַז דו וועסט נעמען פון אונדז אַ בחור וועלן מיר זיין קוויט און בויען דאָ דיין שטוב. הערט אויס, הערט אויס, מיינע טייערע און ליבע מענטשן, וואָס מיר אַלע טאָן איר ווינטשן און בענטשן: גליקלעך וועט דער בחור זיין אָן אַ שיעור, וואָס וועט געווינען דיין ליבע פריער, וואָס וועט פאַרכאַפּן דעם סאַפּיר, אַזאַ יאָר אויף מיר — — קוקט איר אַריין אין די אויגן — כוח קסמי זענען דיינע אויגן, בלאַנקן, בליאַסקען, בלענדן, בריען, פאַרוויגן, פאַרצויבערן, פאַרשיכורן, פאַרשפּרעכן, פאַרבלענדן, פאַר־גאַלדן, פאַרגיטיקן, פאַרזיכערן, פאַרשענערן, פאַרזיסן, דערפרישן, פאַר־גליסטן, פאַרהוליען, פאַרהייליקן — דאָס אַלץ זאָגט ער מיט איין אָטעם.

— געווּג געפּאָרן, נאָך מער ווי טאָפּלט פון די עשרת בני המן — שרייט מען פון עולם — בדרן, בדחן, גיב אונדז די סימנים!

דאָס געשריי און די פריילעכקייט איז גרויס. חיימקע בעט זיך:

— זאָל זיין אַ ביסעלע שטילער גיב איך זיי. אָט זענען זיי — זינגט אויס מיטן זעלבן ניגון — זי האָט געהאַט אין די אויערן־לעפּלעך צוויי קליינע לעכלעך. קומט אַהער און זעט באַשיימפּערלעך. איך אַליין גע־שטאַנען בין, ווי די מאַמע האָט איר אַ רויטן חוט אַריינגעגעבן דעריין, און געזאָגט האָט זי, איך געדענק ווי יעצט, אַצינד, דאָס איז מזלדיק, מיין קינד, דאָס איז אַ סגולה פאַר די זינד, דער שטן פאַרשווינדט, אַזוי ווי אַ ווינט, און אַז דיין חתן וועט דיר אויערינגלעך אי״ש שיקן אָדער געבן, אין די דאָזיקע לעכעלעך וועלן זיי טאָן שוועבן. העלף מיר, גאָט! איך זאָל עס טאָן דערלעבן. דאָס איז מיין איינציק שטרעבן .דאָס איז סימן מספּר איינס. איר ווילט נאָך?

— גענוג! דאָס איז אַ גענוגנדיקער באַווייז. מיר זענען געקומען זיך משמח זיין מיט חנהלען. עס איז נאָר געוועזן אונדזער שרעק און פּחד צי מען האָט זי נישט אַמאָל פאַרטוישט. — ענטפערט די חברה און פּאַטשן מיט די הענט.

מען טראָגט כסדר מתנות, גוטע זאַכן. אַלע קושן זיך מיט חנהלען. זי בעט זיך:

— צו וואָס די מתנות? צו וואָס האָט איר דאָס געבראַכט? ברוך־

השם האָבן די דודה מיטן דוד אַלץ צוגעגרייט פון כל־טוב. מען קען אַפילו מאַכן נאָך עטלעכע מסיבות.

— מיר ברענגען אויף יעדער מסיבה כיבוד, בפרט פאַר אַזאַ חשובן גאַסט ווי חנהלע — טענהעט די חברה.

איטשע בעט דעם עולם זיך באַרויקן און ער הייבט אָן אָפיציעל די מסיבה:

— חשובע חברים און חברות! איין חלק פון דער מסיבה האָבן מיר שוין מקיים געווען. דאָס הייסט די הגדה האָבן מיר שוין געזאָגט, מיר האָבן זיך געפרייט און צעקושט זיך מיטן חשובן גאַסט. איצט קומט שולחן־ערוך: עסן און טרינקען און מאַכן אַלע צוזאַמען אַ לחיים מיטן גאַסט. לאָמיר פאַרזוכן די אַלע גוטע זאַכן, וואָס חנהלעס דודה האָט צו־געגרייט. לויט די מאָדערנע פאָרשריפטן קומט יעצט די באַגריסונגס־דרשה, אָבער מיר ווילן פריער מאַכן דעם שולחן־ערוך, וועט איר מיט מער געדולד קענען אויסהערן די דרשה. די באַגריסונג אָדער ברכה גיב איך איבער צו האַלטן אין אונדזער אַלעמענס נאָמען דעם בדרן אָדער בדחן, אונדזער אַלעמענס חבר, ידיד און פריינד, דעם וועלט־באַרימטןביימער־קריכער, וואָס האָט שוין דרייצן אויסצייכענונגען, חיימקע דער ביימער־קריכער!!!

דער עולם נעמט זיך צו דער אכילה. מען לאָזט זיך ווילגיין. נאָך אַ ווײַלע שטעלט חיימקע זיך אַרויף אויף אַ בענקל און איטשע בעט מען זאָל זיין שטיל. איינער פון קהל בעט מען זאָל רעדן נישט לאַנג. ווען עס ווערט שטיל הוסט חיימקע אָפּ און זאָגט:

— ווי איר ווייסט איז ביי אונדזער חברה פאַראַן אַ שטאַרקע דיס־ציפּלין. נישטאָ אַזעלכעס ווי צו זאָגן „איך וויל נישט, אָדער איך קען נישט”, אַפילו אָפּלייגן אויף שפּעטער טאָר מען אויך נישט. באַפעל איז באַפעל. אָבער די טבע פון אונדזערע חברים איז, אַז זיי האָבן ביי מסיבות גערנער דעם שולחן־ערוך ווי די דרשות. זיי איז אָנגענעמער עסן, טרינקען און טאַנצן. דעריבער בין איך דער איינציקער באַגריסער. איך וועל עס אויך מאַכן בקיצור. אַלזאָ עס פרייט אונדז אַלע זייער און זייער אויפ־צונעמען אונדזער חברה פון דער קינדהייט. מיר האָבן קיין איין טאָג

נישט פאַרגעסן אין איר. קינדהייט־ליבע, קינדהייט־פריינדשאַפט פאַרגעסט זיך קיין מאָל נישט אין גאַנצן לעבן. דאָס איז אַ נאַטירלעך געזעץ. עס ציט, עס רופט צו קומען, צו זען, ווען אַפילו נישט אויף לאַנג, כאָטש אויף אַן אויגנבליק, צו שטילן די בענקשאַפט. און חנהלע איז געקומען, די געוועזענע שטיפערקע. אָבער נישט די זעלביקע. לגמרי נישט צו דערקענען. ביי איינעקע איז געוווען אַ חשד, אַז דאָס איז נישט די אמתע, די ריכטיקע. עפּעס העכער, גרעסער, שענער, זיסער, באַטעמטער, בעסער, געשמאַקער, העפלעכער, פריילעכער. זאָג איך צו די נישט־גלויבערס כבדהו וחשדהו, איך וועל מאַכן די בדיקה. אַלזאָ, איך האָב זי באַקוקט און באַטראַכט פון אַלע זייטן, אויסגעקלאַפּט יעדעס ביינדעלע. און מיט צופרידנקייט און זיכערקייט באַשטעטיק איך: דאָס איז זי, כשר־וישר. און פון מיין שחיטה מעגט איר עסן.

חברה אַפּלאָדירט שטאַרק און חיימקע רעדט ווייטער, דאָס מאָל אין גראַמען:

דערלויבט מיר אַ קליינעם שיר
צו געבן פאַר חנהלען
פון אייך אַלע
אויך פון מיר.

און חברה ענטפערט אין זעלבן אופן:

— מיר וועלן נישט שטערן, ווייל אַלע ווילן מיר הערן, און זייער גערן.

און חיימקע לאָזט זיך נישט בעטן און זאָגט ווייטער:

די קינדהייט־יאָרן אונדזערע
זענען מיט ליבשאַפט געוועבט.
די השפעה שפּירט זיך נאָך היינט,
ווי אַ טרוים טוט עס שוועבן,
אויף לאַנגע יאָרן, זאָל גאָט געבן!

הײַנט איז זי דערשינען מיטן פּולן בליאַסק
אונדזער טײַערער גאַסט,
ווי אַ פּרח פּורח
וואָס שיכורט פון איר זאַנפטיקן ריח.

טאָ לאָמיר אַלע לחיים טרינקען,
מיט ברכות אַ סך זי בענטשן.
צום געזונט פאַר חנהלען,
וואָס מיר אַלע טאָן איר ווינטשן.

דײַנע שטיפערייען נישט פאַרגעסן קענען,
דײַן טאַנצן, שפּרינגען, זינגען,
האָט זי טאָג טעגלעך געטאָן דערשײַנען,
שטיפעריש גערופן ווי מיט פאַרשיכורנדיקע ווײַנען.

חנהלע בעט זײַן שטיל, זי וויל זאָגן עטלעכע ווערטער. מיט אַ זאַנפטיק שמייכעלע אויפן פּנים הייבט זי אָן:

— מײַנע ליבע! איך וויל אײַך זאָגן עטלעכע ווערטער. קודם־כל אַ ישר־כּוח דעם טײַערן בדרן, דעם ביימער־קריכער, פאַר זײַן דרשה, לויבגעזאַנגען, פאַר זײַנע שבחים. איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ער איז אַן אויסגעצייכנטער און פעיקער משורר, און מיר אַלע פאַרהאָפן צו האָבן פון דיר פיל נחת. אמת זענען דײַנע ווערטער, אַז מען קען נישט פאַרגעסן קיין איין טאָג אין אײַך, אין די קינדער־יאָרן, קינדער־ליבע. קינדער־ליבשאַפט פאַרגעסט זיך נישט. די גאַנצע צײַט האָב איך געבענקט צו זען זיך מיט אײַך. איך האָב לענגער נישט געקענט וואַרטן און בין געקומען. נישטאָ ביי קיין שום פאָלק אַזאַ אחדות. מיר זענען ווי משפּחה. כּל ישראל משפּחה אחת. איך האָב כּמעט נישט דערקענט מײַן געבוירנ־אָרט. גאָט זאָל העלפן, אַז וואָס מער יידן זאָלן קומען. זאָל מקוים ווערן דער פּסוק ושמתי את זרעך כּחול הים אשר לא יספר מרב.

אַלע פּאַטשן בראַוואָ און טרינקען לחיים.

— שקט — האָט אויסגערופן דער מנהל פון דער מסיבה איטשע — הערט זיך איין אין אַ וויכטיקער מעלדונג. די גרעסטע איבערראַשונג פון היינטיקן אָוונט. חנהלעס דודה האָט געמאַכט קניידלעך, כופתאות, פון געבראָטנס, אַדורכגעפלאָכטן מיט גריוון. זיי וועלן שוין דערלאַנגט. זייט גרייט! דאָס איז טעם־גן־עדן. אויב מען עסט דאָס הונדערט און צוואַנציק יאָר לעבט מען לאַנג. יעדער איינער באַקומט אַ מנה, און ווער עס וועט זיין אַ גוט קינד האָט אויסזיכטן צו קריגן נאָך אַ מנה. זייט גוטע קינדער, זייט רויִק און שטיל און וואַרט מיט סבלנות.

דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע גרייטן זיך צו דעם אַקט. פרישע טעלער מיט סאַלאָטן ווערן צוגעגרייט און צוגעשטעלט. דאַן נעמען זיי טיילן די פּאָרציעס געבראָטנס מיט פּאַרקנאָבלט פלייש, געפּילטע מעגעלעך, וואָס ווייגען פון גענזנשמאַלץ. ווער עס וויל באַקומט פּעטע, גרויסע, געשמאַקע גריוון. אַלץ איז דאָ בשפע. עס פעלט גאָרנישט.

איטשעס אויג איז איבעראַל. אַלץ גייט אין דער בעסטער אָרדענונג, פריילעך, היימלעך, לעבעדיק. ווי יוגנט איז — דאָרט איז לעבן. דער פּאַטעפאָן שפּילט. דער באַלעבאָס שפּרינגט אונטער יעדן איינעם און פרעגט צי וויל ער נאָך עפּעס, אפשר גאָר אַ גלאָז הייסע, קאָכעדיקע טיי. חברה קאָטשעט זיך פון געלעכטער. זיי קענען אים מיט זיין שוואַכקייט צו טיי. איטשע זאָגט צו אים:

— קאָניאַק וואַרעמט בעסער און שטאַרקער ווי טיי. די מעלות, וואָס קאָניאַק האָט, קען די טיי נישט פאַרטרעטן.

אַלע, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערעדט, ווענדן זיך צו איטשען:

— אַזוי ווי אַלע ווייסן, אַז דו ביסט דער גרעסטער און באַרימטסטער מומחה פון ביטערן טראָפּן, בעטן מיר דיך, דאָס אויסרעכענען אַלע מעלות זיינע.

איטשע הוסט אָפּ, ווי זיין שטייגער, און הייבט אָן:

קומט אַלע אַהער צו מיר,
וועט איר הערן דעם וויכטיקן שיעור

(און מיט אַ קרעכץ)

מיר זענען גאַרנישט ווערט אַן דיר,
אויך מוז מען מאַכן אַ ברכה פריער,
אלו דברים שאין להם שיעור,
גיסט אייך אַלע אַן פון רויטן,

וואָס העלפט אַרויס פון אַלע געפאַרן און נויטן,
וואָס מאַכט פריילעך אַלע לייטן,
אַ פאַרזיכן וועט איר מיר נישט בייטן,
היילט אַלע אברים, ווי אויך די זייטן.

האָט די מעלות: פאַרסמט אַלע באַצילן, פאַרניכטעט מיקראָבן, ברענגט מצב־רוח, רופט צום לעבן, מאַכט גרינג די פיס, מאַכט רעדן דעם אמת, וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג איז ביי אַ שיכור אויפן צונג. די איבעריקע מעלות וועל איך אייך זאָגן, ווען עס וועלן אָנפאַנגען די קליינע שעהען, אָדער נאָך דער האַלבער מסיבה. און דאַן וועל איך אייך אויפדעקן די גרעסטע און וויכטיקסטע מעלה, וואָס איז וויכטיק פאַר יעדן יונגן מענטש, וואָס דאָס געהערט צו די געהיימנישן פון דער צווייטער האַלבער נאַכט!

אַלע ווילן וויסן פון דעם וויכטיקן סוד. מען שרייט: „גיב שוין!". זיי האָבן נישט קיין געדולד צו וואַרטן. מען זאָגט אים צו נאָך אַ פאַרציע געבראָטנס, אַ געזיכערטן פּאָסטן אין „כרמל מזרחי", אַבי ער זאָל נישט אָנציִען. ער ווערט אָבער נעלם פון אונטער די הענט. חברה זוכט אים אַרום ביז מען האָט אים געפּאַקט און אַרעסטירט. מען שטעלט אים אַן אולטימאַטום: „אָדער זאָג, אָדער גיב זיך אונטער!"

איטשע הייבט אויף די הענט און זאָגט:

— איך גיב זיך אונטער. איך זאָג! זאָגן שטיל, אָדער הויך אויפן קול.

— אויפן קול! — שרייען אַלע.

— טאָ גיסט אַן די כוסות — באַפעלט איטשע — נעמט אַלע די

גלעזלעך אין דער רעכטער האַנט, אַלע מענער און בחורות, אַלזאָ הערט: דאָס גיט כוח גברא!!!

אַלע לאַכן און זענען צופרידן. איינער באַמערקט כלומרשט מיט באַשיידנקייט:

— האָסט עס נישט באַדאַרפט אַנטפּלעקן פאַר אַלעמען און אַזוי הויך אויסשרייען פאַר אַלעמען.

— איך בין נישט שולדיק — פאַרענטפערט זיך איטשע — איך האָב געפרעגט ווי אַזוי מפרסם צו זיין. איר אַלע האָט אַזוי געוואָלט.

— אויב דיין אַנטפּלעקונג וועט זיין אמת וועט עס זיין די גרעסטע געשעעניש פון דעם יאָרהונדערט — מיינט איינער.

— ער קען נאָך אַ מאָל באַקומען דערפאַר דעם נאָבל־פּרס — גיט צו אַ צווייטער.

חברה קיבעצט אים אונטער מיט זיין אַנטדעקונג און לאָזן נישט אַרויס די טעמע פון מויל. דער פּאַטעפאָן לאָזט זיך הערן, ערשט דאַן דערמאָנען זיי זיך, אַז מען האָט נאָך נישט געטאַנצט.

חנהלע פאַרלייגט די ערשטע אירע הענטלעך אויף איטשעס אַקסלען און גייט באַווייזן וואָס איטשע האָט זי אויסגעלערנט. זייער ביישפּיל טוען נאָך אַנדערע. זיי פאַרלייגן די קעפּלעך צי פון מידקייט, צי צוליב אַ פלירט. אויך חנהלע טוט אַזוי. איטשע נעמט זי פעסטער אַרום. זי שפּירט תיכף דעם שינוי, שפּאַרט זי זיך נאָך פעסטער צו אים. זיי טאַנצן אַ לענגערע צייט, ביז חנהלע ווערט מיד און איטשע זעצט זי אַוועק זייער העפלעך זי זאָל זיך אָפּרוען. ער זעצט זי אַוועק אויף זיך.

— אַזאַ בוים! אַזאַ צעבל?ען זיך! צו וואָס האָב איך זיך געאיילט? ווען איך ווייס?... — זאָגט דער באַלעבאָס פאַרגעסנדיק, אַז זיינע שטייט לעבן אים.

— איך קען דיך שטענדיק באַפרייען — זאָגט די באַלעבאָסטע פאַר־דראָסיק — איך וועל דיך נישט אָפּהאַלטן. מיט מיר ביסטו פאַרטיק. אָבער ווי האַלטסטו מיטן צווייטן צד? מען דאַרף אויך איר הסכמה.

— קום אַהער, מיין טייערע, מיין גאָלד — כאַפּט זיך צוריק דער באַלעבאָס — איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דו ביסט לעבן מיר. זאָל

דיך נישט פאַרדריסן, עס איז דאָך שוין פאַרפאַלן. מיר זענען דאָך שוין...

און ער וויל זי אַרומנעמען. זי לאָזט זיך נישט. זי לאָזט אים אויך נישט פאַרענדיקן און זאָגט מיט פאַרדראָס:

— עס איז נישט פאַרפאַלן. ביי גויים, ביי קאַטאָליקן, איז פאַרפאַלן. ביי אונדז, יידן, איז דאָ אַ מיטל פריי צו ווערן. אַפילו מאָרגן...

— נו, שאַ, עס איז דאָך נאָר געווען אַ שפּאַס, אַ געלעכטער — מאַכט דער באַלעבאָס די זאַך צו קליינגעלט — אַרויסגעזאָגט, אַרויסגעפלויגן אַ וואָרט.

זי נעמט ווידער אַראָפּ די האַנט, וואָס ער האָט זי מיט איר אַרומ־גענומען און זאָגט שטיל, קיינער זאָל נישט הערן, אָבער מיט פאַרדראָס:

— אין יעדן שפּאַס איז דאָ עפּעס אמת. זוך דיר עמיצן אַנדערש פון וועמען צו שפּאַסן. דאָס איז ביי מיר אַ גרויסע פאַרדריסלעכע גראָבקייט, ווייל דו האָסט עס געזאָגט נישט וויסנדיק, אַז איך הער.

דער באַלעבאָס כאַפּט זי אַרום, קושט זי אין קעגנוואָרט פון אַלע און בעט הויך סליחה. ער זאָגט צו נישט צו מאַכן מער קיין שפּאַס. אַלע אַרומיקע פּאַטשן מיט די הענט און זינגען. זיי ווייסן נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אָבער זיי ווילן, אַז עס זאָל זיין פריילעך און לעבעדיק. זיי ווילן טאַנצן און פאַרברענגען.

חברה קומט צו און בעטן זייער העפלעך חנהלען צום טאַנץ. מיט גרויס העפלעכקייט זאָגט זי זיי אָפּ מיטן תירוץ, אַז אפשר שפּעטער, זי איז מיד.

— גיט נאָר אַ קוק! וויל נישט אָפּטרעטן אַ מינוט, אַ טריט פון איטשען, ווי זי וואָלט געווען צוגעקלעפּט — זאָגט אַ בחור שטילערהייט.

— ווי בינען צו האָניק — שעפּטשעט אַ צווייטער.

כאָטש זיי האָבן עס געזאָגט שטילערהייט האָט עס חנהלע דערהערט און זיי געזאָגט מיט אַ שמייכל:

—אמת, ער איז זיס, אָנגעשמירט מיט האָניק. דעם אמת מעג מען זאָגן אין די אויגן.

— מזל טוב, צוגעקומען אַ נייע קלעפּערין — זאָגט אַן אַנדערער — חנהשי, ביסט דאָך נאָר וואָס געקומען האָסטו זיך שוין צוגעקלעפּט? קלעפּסט שוין?

אַלע פּלאַצן אַרויס אין אַ געלעכטער.

— לאַכט! לאַכט! — זאָגט איטשע — איך וויל נאָר וויסן פון וועמען איר לאַכט. צי פון מיר, אָדער פון חנהלען? אָדער פון אונדז ביידן?

— מיר לאַכן נישט — ענטפערט חברה אין כאָר — מיר פרייען זיך מיט אייך ביידן. מיר זענען צופרידן און פאַר גרויס שמחה ווילן מיר טאַנצן.

דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע שאַרן זיך אַרויס אומבאַמערקט. חיימקע און זהבה קומען צו און פרעגן:

— וואָס פאַר אַן אַסיפה קומט דאָ פאָר ביי אייך?

— חברה פרייט זיך — ענטפערט חנהלע דרייסט — וואָס איך האָב שוין זיך צוגעקלעפּט צו דיין בעסטן חבר.

— דאָס איז נישט קיין אמתע פרייד — מיינט חיימקע — דאָס איז קנאה־פרייד. איך מיין, חברה, אַז עס וועט אייך גאָרנישט העלפן. איטשע, אונדזער איטשע, האָט צו דעם, איך מיין צו זיי, אַ ספּעציעלע געהיימע אָפּשפּרעכונג, וואָס ער באַנוצט עס ווען ער וויל.

— וואָס? איטשעלע דו באַנוצסט זיך מיט כישוף, שפּרוכן? זאָגט חברה און בעט זיך — זאָג אונדז אויס דעם סוד. אַדרבא, לערן אונדז אויס. אפשר דאַרף עס קאָסטן געלט, וועט נישט זיין קיין מניעה.

— שוין דאָ, איצט, אויף איין פוס, ווילט איר? — ענטפערט חנהלע — וואָס ברענט? דאָס דאַרף געדויערן אַ ביסעלע לענגער. מען מוז עס לערנען, און נישט סתם לערנען, נאָר שטודירן, פאַרשן. מען דאַרף צולייגן קאָפּ, אָנווענדן שכל. און דער עיקר מען דאַרף האָבן אַ גרעסערן אייגענעם פאַר־שטאַנד. עס איז נישט אויף איין טאָג. סבלנות, געדולד מוז מען האָבן אַ סך, זייער אַ סך.

— אויב אַזוי, חנהלע, טאַנץ מיט אונדז דעם אַלגעמיינעם גרויסן טאַנץ, וואָס דו רופסט עס אַן אַ וואַלץ מיט פיגורן. דו האָסט עס אונדז אויס־געלערנט אויף די פּיקניקס.

— חנהלע, וואָס פאַר אַ טאַנץ ווילן זיי פון אייך? איך וועל אים נישט קענען טאַנצן. וואָס וועט זיין? — פרעגט איטשע.

— זאָרגט זיך נישט — באַרויִקט אים חנהלע — איר וועט אים

טאַנצן מיט מיר. איר וועט אים שוין קענען. עס וועט זיין בסדר. עס איז אַ געזעלשאַפטלעכער טאַנץ.

— חברה, מיר האָבן דאָך נישט קיין תקליט מיט דער מעלאָדיע? — איז באַזאָרגט איינער פון דער חברה.

— מען דאַרף נישט — מיינט איטשע — מיר וועלן זינגען. דאָס איז נאָך בעסער און אינטערעסאַנטער.

— אַז דער טאַנצמייסטער זאָגט, אַז עס מוז נישט זיין, איז גוט. קומט אַהער! — שרייט חברה.

זיי שטעלן זיך אויס אין פּאָרלעך, טאַנצן, שפּרינגען אונטער.

— איך וועל אייך בעטן — קאָמאַנדירט איטשע — נישט אַלע פיגורן יעצט אויסטאַנצן. די צווייטע העלפט אַ ביסעלע שפּעטער. חברה, זינגט, אָבער נישט הויך, צום טאַקט!

איטשע גיט באַפעלן, אַלע הערן אים און ער פירט אַדורך פאַרשיידענע, פאַרפלאָנטערטע פיגורן און פירט באַלד צוריק אויפן גלייכן וועג. חברה איז זייער צופרידן. מען כאַפּט אויך אַריין אַ מאָדערנעם טאַנץ, נישט אָפּלאָזנדיק די בחורות.

איטשע מיט חנהלען טאַנצן. איטשע רוימט איר איין אין אויער, אַז קיינער וועט נישט באַמערקן, אַז ערשט היינט האָט זי אויסגעלערנט די טענץ. צובייגנדיק זיך צו איר כאַפּט ער דערווייל אַריין אַ קוש.

— כדאי געווען מיין קומען — פליסטערט חנהלע וויגנדיק זיך — צו פאַרברענגען מיט אַזאַ פריילעכער באַנדע. איך קען דאָך זיי אַלע, אָבער נישט אַזעלכע לצים, אַזעלכע טענצער און זינגער. און אחרון אחרון חביב, די באַקאַנטשאַפט מיט אייך, מיטן טאַנצמייסטער. ווי שנעל איר האָט איבערגענומען דעם טאַנץ, געמאַכט אַזעלכע שיינע פיגורן, אַזעלכע שיינע איינפאַלן.

— דאָס איז נאָך פון חוץ־לארץ — דערקלערט איטשע — עס איז דאָן געווען אַזאַ צייט, אַזאַ עפּידעמיע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע יוגנט: לערנען טאַנצן די נייע, מאָדערנע סאַלאָנטענץ. מען האָט אַוועק־געוואָרפן אַלע אַלטע טענץ ווי וואַלס, פּאָלקאַ, פּאַטעספּיאַן, קראַקאָוויאַק, קאַזאַטשאָק, אַלע שווערע טענץ, וואָס מאַכן מיד. אַלע האָבן געטאַנצט,

יונג און אַלט, פרומע, חסידישע אויך, אין געהיים, פאַרבאַהאַלטן פון טאַטע־מאַמעס אויגן. דאָס האָט געברענגט, האָבן זיי געזאָגט, צו תרבות־רעה, מען האָט געמוזט קומען אין באַרירונג מיט אַ מיידל, און דאָס ברענגט צו זינדיקע געדאַנקען.

דער טאַנץ גייט ווייטער. חנהלע מיט איטשען זיצן אין אַ זייט און פירן ווייטער דעם שמועס. איטשע וויל אָוועקפירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער וועג און זאָגט:

— איז דען נישט דאָס אַלץ אַ צופאַל? פּונקט אַרבעט איך ביי אייער דוד און דודה, געזונט זאָל זי מיר זיין. ווען איך דערמאָן איר נאָמען מוז איך צוגעבן געזונט זאָל זי מיר זיין. איך האָב זי ליב נישט ווייניקער ווי אַ מאַמע. ווען נישט דער צופאַל ווי וואָלט איך באַקענט אַ חנהלע מיט אַזאַ זינגענדיק קול?

— עפּעס אַ פאַרגעפיל האָב איך געהאַט — איז זיך מתוודה חנהלע — ווי אַ געהיימע האַנט האָט מיך געטריבן און געשטופּט און גערעדט צו מיר מיט אַ געהיימער שפּראַך און געזאָגט: „פאָר וואָס וואַרטסטו? אויף ווען? קלער נישט, נאָר פאָר!״ שוין פינף יאָר ווי איך האָב פאַרלאָזט מיין געבורטס־מושבה פתח־תקווה און קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ נאָגנדיקע בענקשאַפט ווי איצט. דאָס איז נישט נאַטירלעך. די גאַנצע צייט איז נישט געווען דער ווילן אַפילו. און דאָ, פּלוצלונג, איז אָנגעפאַלן אַזאַ ווילן, אַזאַ געדראַנג, אַזאַ בענקשאַפט, ממש נישט צו פאַרשטיין. יעדע גוטע זאַך קומט צום מענטש אומגעריכט, אַפילו נישט קלערנדיק דערפון. אַ צופאַל.

— מען זאָגט דאָך — גיט צו איטשע — אַז אַ האַרץ איז אַ האַלבער נביא. איר גלייבט, אַז עס איז דאָ אַ האַרץ־פאַרגעפיל? מען קען עס נישט אָנרופן גלויבן. מען קען אויך נישט פעסטשטעלן אָבער אויך נישט אָפּוואַרפן. די ווערטלעך האָבן אין זיך אמת. ביי מיר זענען אויך געווען פאַקטן, וואָס דער פאַרגעפיל האָט מיך נישט גענאַרט, אַפילו פיל געראַטעוועט פון ערנסטע געשעענישן.

— ווי עמעצער וואָלט געשטאַנען לעבן מיר און אַריינגערעדט: „פאָר! פאָר!״ און וואָס נעענטער איך בין געקומען צו פתח־תקווה אַלץ מער האָט מיר געקלאַפּט דאָס האַרץ... — שפּינט חנהלע ווייטער אירע געדאַנקען.

— חנהלע, איטשע! מיר גייען אַרויס זיך אַ ביסל אָפּקילן. די משקאות מיטן טאַנצן האָבן אונדז אַ ביסעלע דערוואַרעמט. מיר זענען דאָ אין דרויסן, נישט ווייט און מיר קומען באַלד צוריק. און אפשר וויל ווער כאַפּן אַ פלירט, זאָל אים ווויל באַקומען — זאָגט איינער פון דער חברה מיט אַ ווילערישן שמייכל ביי די לעצטע ווערטער.

זיי גייען אַרויס און חנהלע מיט איטשען זענען אַליין געבליבן. חנהלע קוקט אים אַריין אין די אויגן מיט אַ זיס שמייכעלע.

— וואָס זוכסטו דאָרטן? — פרעגט איטשע.

— איך זוך דיך, איך וויל דיך אין גאַנצן — קושט אים חנהלע און פאַרלייגט דאָס קעפּעלע אויף זיין אַקסל און פאַרמאַכט די אויגן.

— וואָס איז, חנהלע? איר שפּירט זיך נישט מיט אַלעמען? — פרעגט איטשע און לייגט צו זיין האַנט צו איר שטערן און גלעט זי.

— עס איז מיר גאָרנישט — ענטפערט הנהלע שטיל, נעמט זיין האַנט צום מויל, קושט, טרייסלט די האַנט, אַ וואַרעמקייט לויפט דורך איר קערפּער.

איטשע נעמט אַרויס אַ שפּיגעלע און שטעלט איר אַקעגן:

— שפּיגלט אייך אָן. ביי אייך איז איצט דאָ דער קאָליר פון אויס־געשטאַנענע אָראַנזשן.

ער נעמט זי אַרום און שמעקט צו אירע האָר. אַ מיש מאַש פון ריחות קומען איצט פון אירע האָר. אָראַנזש, יאַסמין און דער מיידלערישער ריח. עס פאַרשיכורט אים.

איטשע פאַרענטפערט זיך אַ ביסל ווייל ער האָט געטרונקען. ער לייגט צו ביידע הענט אירע צו זיך. ער שפּירט אַ וואַרעמקייט לויפט דורך זיין קערפּער. אויך זי שפּירט ווי די היץ לויפט איבער איר קערפּער. זי גלעט אים און לאַשטשעט און הייסט אים טרעפן וואָס די וואַרעמקייט איז.

— חנהלע, איך בין נישט קיין טרעפער. כאָטש זיי זאָגן אויף מיר, אַז איך בין אַ כישופמאַכער — פאַרענטפערט זיך איטשע.

— פּרוווט טרעפן, אַז איר וועט גוט קלערן וועט איר טרעפן. איר זענט דאָך קלוג און פאַרשטענדלעך. וווּ עס איז דאָ חכמה איז דאָ דעת — בעט זיך חנהלע.

— פּונקט פאַרקערט — מיינט איטשע — מען זאָגט, אַז אַ נאַר טרעפט. אַ נאַר איז אַ האַלבער נביא. איך וועל פּרוּוון טרעפן. נאַר טאָמער טרעף איך נישט זאָלט איר מיר אַליין זאָגן די סיבה.

ער נעמט אָן איר האַנט און קוועטשט אויס קנייטשן. דערנאָך דרייט ער איבער די האַנט און קוקט זיך איין די ליניעס, שפּעטער לייגט ער צו איר האַנט צו זיין שטערן.

— וואָס? איר קענט חכמות־היד? — לאַכט חנהלע — איך האָב גאָרנישט געוווּסט פון דעם. טאָ, אפשר, קענט איר מיר טרעפן אָדער זאָגן ווער עס איז מיין בחור? אָדער לכל הפחות ווי ער זעט אויס, וועלכע סימנים פון מיין בחור, ווען איך האָב ליב?

— צוויי זאַכן מיט איין מאָל קען איך נישט טרעפן — זאָגט איטשע —און איך בין נישט מחויב. אפילו אַ מלאך קען אויך נישט מאַכן צוויי מלאכות צוזאַמען. איך וועל פּרוּוון דאָס ערשטע, די סיבה פון דיין וואַרעמקייט, און דערנאָך וועלן מיר פּרוּוון טרעפן דאָס צווייטע. איך קען טאַקע חכמות־היד אָדער יעדע פּעולה האָט אירע באַזונדערע שטריכן און וועגן. דוכט זיך, אַז איך האָב געטראָפן. טאָמער האָב איך אַ טעות זאָל עס דיך אויך נישט פאַרדריסן — קוקט ער נאָך אַ מאָל אויף דער האַנט און מאַכט זיך קלערן.

— אויף דיר פאַרדריסן? חס ושלום! — פאַרזיכערט חנהלע — קענסט זאָגן וואָס דו ווילסט. אַלץ וועל איך אָננעמען פאַר ליב און גוט.

אומבאַמערקט זענען זיי אַריבער פון „איר" אויף „דו". אויפגעהערט פלאָנטערן דעם איר מיטן דו. ער קוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין, שמייכלט אונטער אומבאַמערקט, און ציט פּאַמעלעך יעדעס וואָרט:

— אַלץ איז ביי דיר בסדר. נישטאָ קיין באַזונדערע סיבה. פּראָסט און פּשוט. ביסט אַ וואַרעם קאָכעדיק מיידל!!! — און ער לייגט אַרויף ביידע הענט אויף איר אַקסל.

— געטראָפן! — רופט אויס חנהלע און טוליעט זיך שטאַרקער צו איטשען. זיי נעמען זיך אַרום אָן שטערונגען, קושן זיך ווו עס לאָזט זיך. נישטאָ שוין קיין שום באַגרענעצונגען. ער פאַרמאַכט די אויגן פון גרויס הנאה. ער האָט מורא צו רירן מיט אַן אבר, טאָמער וועט עס איר

שטערן. עס אַרט אים שוין נישט צי מען זעט, אָדער נישט. ער טראַכט, אַז ער וועט מוזן אַרויסנעמען אַ „רשיון"...

עס קומען אָן דער דוד מיט דער דודה, עפענען די טיר. איטשע מיט חנהלען זענען פאַרנומען מיט זיך, זעען גאָרנישט. זי ליגט אויף אים און זיי קושן זיך ליידנשאַפטלעך. די באַלעבאַטים גייען נישט ווייטער און וואַרטן שמייכלענדיק פון נחת.

— איך האָב דיר געזאָגט, געדענקסט — זאָגט דער דוד שטיל — אַז דער איטשע וועט זי נאָר אָנקוקן וועט ער ווערן אַנדערש. איטשע דאַרף נישט קיין שדכן. אפשר געבן אַ הוסט?

זי ווייזט אים מיט דער האַנט אויף נישט און שלעפּט אים אַרויס. זיי פאַרמאַכן שטיל די טיר, איבערלאָזנדיק אַ שפּאַרע אַריינצוקוקן, ווען זיי וועלן ענדיקן דעם געראַנגל.

— און דיין פלימעניצע, מיינסטו, אַז עס פעלט איר עפּעס — זאָגט ווייטער דער דוד — עס פעלט איר אויך נישט קיין ווילן מיט חשק. זעסט דען נישט ווער עס ליגט אויף וועמען, ווער הענגט אויף וועמען? זי איז די טאָן־געבערין. זי איז די אויפטוערין. און ער איז נעבעך מער נישט ווי אַ מאַן. און זי איז אַ ברען, אַ פייערפלאַם. וואָס וואָלסטו וועלן, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ גוטן ביסן? וועלכער מאַן וועט דאָס טאָן?

זיי כאַפּן כסדר אַ בליק צו דער געראַנגל איז געענדיקט. די דודה באַמערקט:

— גיב אַ קוק, אָפן טיר און פענצטער, ליכטיק אומעטום. מענטשן זעען דאָך. ווי שעמט מען זיך נישט?

— וואָס איז? זיי באַגייען דען אַ פאַרברעכן? — דערווידערט דער דוד — זיי האָבן געמאַכט אַ גנבה? די קינדער האָבן זיך ליב. מה רעש? וואָס איז דאָ צו שעמען זיך?

— דאָס זעלבע קען מען מאַכן, אַז קיינער זאָל נישט זען. היינטיק יונגוואַרג. — מאַכט שוין אַ פּשרה די דודה. נאָר זי קען זיך נישט איינהאַלטן און גיט אַ הוסט.

חנהלע דרייט אויס דעם קאָפּ און באַמערקט זיי. זי שרייט אויס:

— דודהלע, דוד! קומט אַריין!

— שעמט אייך נישט, זעצט פאַר ווייטער — לאַכט דער דוד און מיט אים זיין ווייב — מיר זענען צופרידן, אַז די קינדער האָבן זיך ליב. זאָל אייך ווויל באַקומען. זאָל אייך זיין צום געזונט. מיר גייען. צו וואָס זאָלן מיר אייך שטערן?

— איר שטייט שוין פון לאַנג? און איר וואַרט די גאַנצע צייט אויף אונדז? — פרעגט חנהלע כלומרשט פאַרוווּנדערט.

— וואָס הייסט די גאַנצע צייט? — פרעגט איבער דער דוד לאַכנדיק — איר ראַנגלט זיך שוין לאַנג?

— ווען דו דרייסט זיך נישט איבער און באַמערקסט אונדז נישט וואָלטן מיר אַוועקגעגאַנגען — זאָגט דער דוד.

— משוגענער — זאָגט די דודה — ווער געמערקט? וואָס געמערקט? איך גאָרנישט מיט גאָרנישט.

— איך האָב עפּעס יאָ געזען, נישט געזען — רופט זיך אָפּ דער דוד מיט אַ געלעכטערל — איטשע קושט מיט אַן אַוואַנס, ווי דמי־קדימה, און דו, חנהלע, ווי קבלנות...

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, אָבער די דודה לאָזט נישט. זי רייסט אים איבער:

— שטענדיק מיט זיינע בדיחות. ער האָט גאָרנישט געזען.

— איך פיר זיך מעשה־סוחר — זאָגט איטשע דרייסט — איך גיב אין אָנפאַנג עד־לחשבון, ווייסנדיק ווי איך האַלט מיטן עסק. שפּעטער, אַז דאָס געשעפט גייט גוט און איך זע, אַז איך האָב זיך נישט גענאַרט, גיב איך אַוועק דעם חוב מיט פּראָצענט. אָבער איך גיב אָפּ כפל־כפלים.

— איך קען דיר פאַר אַן אָרנטלעכן, דו גיסט אָפּ — באַשטעטיקט דער באַלעבאָס — אָבער דער עיקר צו וואָס מיר זענען געקומען פרעגן, קינדערלעך, ווי זעט עס אויס, אפשר פעלט עפּעס פון טרינקען, עסן. וווּ זענען די חברה?

— זיי האָבן זיך שטאַרק דערוואַרעמט, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אָפּקילן זיך — זאָגן חנהלע מיט איטשען.

— צו דעם איז דאָך גוט אַ הייסער סאַמאָוואַר טיי — מיינט דער דוד און אַלע לאַכן.

— עס פעלט גאַרנישט, אַלץ איז דאָ בשפע, דוד און דודהלע — האָקט אָפּ דעם שמועס חנהלע, ווען עס איז אַ שאָד יעדע רגע, וואָס מע שטערט זיי.

— קום, מיין מאַן, לאָמיר גיין — פאַרשטייט די דודה אָן עסק — איך וויל נישט די קינדער שטערן. זאָלן זיך די קינדער שפּילן. יונגע קינדער מעגן זיך ליב האָבן.

נאָכן אַוועקגיין פון די עלטערע האָט חנהלע זיך אָפּגערופן צו איטשען:

— האָ, האָסט זיך פאַרשעמט! האָ, געכאַפּט ביי דער האַנט! וואָס ביסטו געווען שטיל די גאַנצע צייט? ווער ווייסט ווי לאַנג זיי זענען געשטאַנען און צוגעקוקט זיך צו אונדזער שפּילן?

— אפשר האָסטו זיך פאַרשעמט? — ענטפערט איטשע אָפּ — איך נישט. דיין דוד און דודה זענען נישט קיין אָפּגעשטאַנענע מענטשן, קיין אַלטפרענקישע, נאָר פאַרגעשריטענע, מאָדערנע און בעסערע מענטשן. ביי זיי איז אַ גאַטירלעכע דערשיינונג, נישט קיין בושה, צו קושן אַ מיידל. און אויסער קושן זיך איז דאָך גאַרנישט געווען. טאָ וואָס איז געווען צו שעמען זיך? אַז דו ווילסט קענען מיר איבערחזרן.

— פאַר וואָס נישט? — איז חנהלע גערן מסכים — זאָלן אַלע זען און ווייסן.

די נעמען זיך אַרום מיט מער ברען, טוליען זיך און קושן. חנהלע שעפּטשעט:

— אַז דו האָסט געקענט אין אַזאַ קורצער צייט משפיע זיין אויף מיר ביסטו אַלץ ווערט. איך האָב דיך ליב מיט מיין גאַנצער נשמה און גוף.

חברה קומט צוריק מיט אַ ליאַרעם. איינער זינגט, איינער פייפט, די איבעריקע רעדן סתם הויך. איטשע נעמט חנהלען אונטערן אָרעם און פירט זי אַוועק אומבאַמערקט אין איר צימער. דאָרט זיצן זיי און שמועסן.

— איך וויל זיך פאַר דיר מתודה זיין — הויבט אָן איטשע — אין עטלעכע קורצע ווערטער. די קינדער־יאָרן מיט דער נאַאיוויטעט, די

פּשוטע תמימותדיקייט, איז פון מיר צו פרי אַוועק צוליב אַ געוויסער סיבה. די יוגנט האָט מיך, אפשר צו פרי, פאַרכאַפּט מיט איר שטורעם, מיט אויסערגעוויינלעכע געשעענישן. עס קען זיין, אַז דאָס אַלץ איז אַ פּראָדוקט פון דער מלחמה. פון אַלעם בין איך אַרויס ריין, אפילו נישט דעם מינדעסטן פלעק אויף זיך. עס זענען געווען מאָמענטן, ווען איך האָב געקענט פאַלן ביז צום אָפּגרונט, און אויך מאָמענטן ווען איך האָב געקענט פאַרברענט ווערן. דער גורל האָט מיך אויך דאָ, אין ארץ־ישראל, אין דער קורצער צייט, וואָס איך בין דאָ, נאָכגעיאָגט און איך בין שיר נישט געשטרויכלט געוואָרן. איך האָב דערצו אַנגעוואָנדן די גרעסטע גבורה צו באַקעמפן דעם גרויסן נסיון, וואָס קען זיך טרעפן אין מענטשלעכן לעבן און איך האָב אויסגעהאַלטן, געלונגען אַליין זיך צו באַקעמפן.

איטשע לייגט אַוועק זיין קאָפּ אין חנהלעס שויס און בלייבט שטיל, פאַרטראַכט. עס פליט אַדורך אין קאָפּ אַ געדאַנק ווי אַ חלום די גאַנצע געשעעניש מיט זיין געוועזענער באַלעבאָסטע...

די חברה זוכט זיי אַרום. זיי עפענען חנהלעס צימער, דערזעען זיי פאַרחלומטע, פאַרנומענע מיט זיך, פאַרמאַכן זיי צוריק די טיר און גייען אַוועק. איינער באַמערקט:

— דאָ גיסט מען זיך איצט אויס די ליבע־געפילן. מען דאַרף זיי נישט שטערן. זיי וועלן ענדיקן וועלן זיי קומען. מיר וועלן דערווייל פאַרזעצן די שמחה.

חנהלע קושט איטשען און זאָגט:

— ליבער און טייערער! די באַגעגעניש איז פון גאָט אַליין נאַטירלעך צוגעשיקט. מיר דאַרפן נישט אַנווענדן וועלכן נישט איז קאַמף. דאָס איז דיין גליק, דאָס איז אונדזער גליק. ביידע זענען מיר ריינע, אָן וועלכע פלעקן. קום מיט מיר קיין ראש־פּינה, באַקען זיך מיט מיין היים. מיין היים איז דיין היים. מיין שטוב איז דיין שטוב. מיינע הורים זענען דיינע הורים. אונדזער דירה איז געבויט אויף אַ שפּיץ באַרג, אַרום און אַרום בערג. אַ שיינע לאַנדשאַפט. מחזה של נוף, של הסביבה. ממש פאַרכישופט צו ווערן. מען זעט דעם כנרת מיט זיין שטיל רויק

וואַסער. מען זעט ווי דער כנרת טוישט אַלע מאָל זיינע קאָלירן. אָט איז ער בלוי, אָט גרין. מען זעט אויך דעם גרויסן הויכן באַרג חרמון מיט זיין שטענדיק באַדעקטן ווייסן קאָפּ. פון דער ווייטנס דוכט זיך, אַז ער טראָגט אויף זיך אַ ווייסע יאַרמולקע. נישט ווייט האָבן מיר צום כנרת. מיר וועלן שפּאַצירן מיט מיין לודקע. איך וועל עס פירן. קום מיט מיר, וועסט נישט וועלן צוריק...

— איך גיי, איך קום, ווו דו ווילסט. אפילו הינטער די הרי־חושך, נאָר מיט דיר צוזאַמען. איך גיי מיט רצון געניסן פון דיין קוואַל — זאָגט איטשע ווי אין חלום.

— ראש־פינה האָט נאָך אַ סך מעלות — לויבט ווייטער חנהלע איר היים — די לופט איז דאָך אַזוי גוט, בעסער ווי אין גאַנץ ארץ־ישראל. אין די שטאַרק וואַרעמע וואָכן קומען מענטשן פון די גרויסע שטעט.

— איך פאַר, חנהלע, — זאָגט איטשע — האָבן דיך די גאַנצע צייט לעבן זיך איז גענוג פאַר מיר.

— ראש־פינה — איז חנהלע אַריין אין טראַנס פון דערציילן — דער שענסטער באַרג אין גליל. גאַנץ גליל איז בערגיק, נאָר ראש־פינה איז אויסערגעוויינלעך. דער באַרג זעט אויס ווי ער וואָלט אויסגעשפּרייט צוויי לאַנגע הענט צו באַשיצן די איבעריקע קלענערע בערגלעך...

— איך מיין, אַז מיר מעגן שוין דערציילן פאַר אַלע דאָס נייעס — מיינט איטשע — אָבער פריער דאַרפן מיר עס דערציילן דעם דוד און דער דודה. קום מיט מיר שוין איצט. אויב זיי שלאָפן נאָך נישט, זיי וועלן זיין צופרידן פון דער געשעעניש. דו ווייסט, חנהלע, אַז די דודה האָט דיך געשדכנט פאַר מיר, נאָך איידער דו ביסט געקומען? דאָס וועט זיין אַ פריילעכע בשורה פאַר זיי.

נו, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קושעניש און ווינטשעניש מיט מזל־טובֿס. חברה האָט גענומען נעמען איטשען אויפן צימבל:

— איטשע איז פאַרכאַפּט געוואָרן אויפן גוטן אופן.

— ברוך השם, איצט וועט מען שוין קענען אָפּאָטעמען פרייער. ער וועט שוין נישט זיין קיין סכנה פאַר אונדז.

— זיי זענען דאָךביידע פאַרכאַפּט געוואָרן. איך גיי חלשן, גיכער אַ גלעזל קאָניאַק, וואָס טוט זיך דאָ? געוואַלד!!!

— בטלן! אויף ווען האָסטו געוואַרט? האָסט נישט געזען דעם מצב אַרום דיר ווי עס האַלט?

— ווי לאַנג איז בכלל חנהלע מיט אונדז? גיי ווייס, אַז דער איטשע זאָל אַזוי גיך פאַרליגן זיין נעץ. געציילטע עטלעכע טעג.

— ווי איך זע — לאַכט איטשע גליקלעך — זענט איר אַלע צופרידן וואָס איך ווער אייך פּטור.

— ניין! — שרייען אַלע — מיר ווערן דיינע פּטור.

— איך וועט נאָך האָבן אַ סך נחת פון מיר — וויצלט זיך איטשע

— איך וועל אייך קיין חרפּות־ובושות נישט פאַרשאַפן. איר וועט נאָך בענקען. איך וועל אייך פעלן אויף שריט און טריט.

— פּטור ווערן מיינט נישט זאָלסט אַוועקפאָרן — קלערט מען איטשען אויף — בלייב, אדרבא, בלייב מיט אונדז. פּטור ווערן מיינען מיר אַלס בחור, פּטור ווערן אַלס קאַנקורענט. טאַ לאָמיר טרינקען אַ גרויסן לחיים פאַר דער געשעעניש, וואָס האָט אונדז געטראָפן און אין דער זעלבער צייט לאָמיר בענטשן גומל וואָס מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ גרויסער געפאַר.

מען פרייט זיך און מען לאַכט און וויצלט זיך. אַ לץ זאָגט אויף איטשען:

— ער האָט עפּעס געהאַט אַ שפּרוך פאַרן מין חלש. זאָגט ער נאָר אַרויס דעם שפּרוך, אַזוי לויפן זיי אים נאָך, ווי בינען צו האָניק.

דערהערט דאָס זהבה, און שרייט איבער אַלעמען מיט איר קווי־טשענדיק קולעכל:

— נישט קיין שפּרוך האָט ער, נאָר אַ מאַגנעטישע צוציונגס־קראַפט האָט ער אין זיך. ער האָט גאָרנישט אָנגעוואָנדן. איר האָט ליב און לויפט נאָך שיינע מיידלעך, אָדער שיינע פרויען. איר מעגט און מיר נישט? מיר האָבן אויך ליב שיינע מענער. איר מעגט אַלץ טאָן אָן בושה און חרפּה, און מיר נישט? אַזאַ שיינעם מאַן איז דאָך אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן. קיינער קען נישט זיין גלייכגילטיק. אַזוי ווי איר קענט נישט

זיין גלייכגילטיק ווען איר קוקט אויף אַ שיינער פרוי. איר באַלעקט זיך אַזש מיט סלינע, וואָס רינט אייך בשעת־מעשה פון מויל. קוקט זיי אַלע אָן, די צדיקים!

— גיב זיי! דערצייל זיי, זאָג זיי, דעק אויף זייער פרצוף! — האַלטן אונטער די בחורות זהבהן, גיבן צו פייער — רייס אַראָפּ די קליידער, וואָס פאַרשטעלן זיי, זאָלן אַלע זען זייער נאַקעטקייט. גיב זיי פאַר מ׳יר אויך, זהבהשי, דערלאַנג זיי מ׳יט ביידע הענט, די אַלע שיינרעדערס, די אַלע צדיקים.

— שאַט, שאַט,פטור געוואָרן אויפן גוטן אופן, זאָל אים זיין צו געזונט — רופן זיך אָפּ די מענער — און מיר וועלן מאַכן די ברכה ברוך שפטרני. און לאָמיר נעמען אַלע צוזאַמען אַ לחיים.

חברה טרינקט פאַרן געזונט פון ייִנגן פּאָרל. די דודה מיטן דוד שטייען און שעפּן נחת. די דודה טיילט פרישע פאַרציעס געבראָטנס, געד קנאָבלט פלייש, און געפעפערט פלייש. חברה לאָזט זיך וווילגיין. דערנאָך בעט מען חנהלען זי זאָל זינגען. חנהלע זינגט אַ ניי ליד, נאָך נישט באַקאַנט. דאָס ליד הייסט „די ליבע פון גריל״:

שטיל איז אַרום, עס זינגט אַ גריל,
זיין געליבטע כאַפּן ער וויל,
אין טאָל, באַרג, אומעטום איז ער פול.
פלוצלונג ער האָט אַ רו, דאַן ווערט שטיל.

זי נאָכן קול־געזאַנג לאָזט זיך שוועבן.
זי פאַרשטייט דעם געזאַנג־סיגנאַל פון ליבע.
אָן געזאַנג זיי קענען זיך נישט ליבן.
דערפאַר צו ליבע־געזאַנג ביידע טאָן שטרעבן.

זי זינגען נישט קען,
ליבן קען זי אַ ברען,
פון לאַנגער ווייטקייט ווי זי הערט זיין טריל,
טאַנצט, לויפט, שוועבט געשווינד צום ליבע־ציל.

ניט קיין זונענליכט זיי דאַרפן,
נאָר ביי די בלישטשן שטערן־שטראַלן
טוען זיי זייער ליבע געניסן,
זייער הונגער־ליבע דערנערן.

אַ געפּאַטשעריי פון אַלע זייטן, געשרייען הידד, נאָך אַ מאָל. חנהלע וויל בעסער דעקלאַמירן דאָס זעלבע ליד. זי וויל האָבן די מבינות אויף די ווערטער. מען פרעגט זי אויפן מחבר. זי וויל דערווייל נישט אויסזאָגן. אפשר פאַרן אָוועקפאָרן.

חיימקע דער בדחן רופט אויס:

— יעצט קומט אַ ליד, געווידמעט דעם ביטערן טראָפּן פון אונדזער וועלט־באַרימטן מומחה פון שטאַרקן געטראַנק, אַ שיר היין.

מען פּאַטשט מיט די הענט. דער זינגער ווישט אָפּ די ליפּן, שאָקלט זיך אַ ביסעלע און וואַקלט זיך אויף די פיס, הוסט אָפּ. אַלע שטעלן זיך אין אַ רעדל אַרום אים און נעמען זיך פאַר די הענט. ער האַלט אַ פלעשל אין האַנט און זינגט:

צוויי ווערטער פריער געבן
פאַר די, וואָס גייען יעצט אין נייע וועגן,
וואָס מיר אַלע טאָן שטרעבן,
אַז מיר זאָלן אויך מיידלעך דערווערבן.

פיל גליק און פרייד
טאָן מיר ווינטשן אייך היינט,
אויף לאַנגע יאָרן דער פאַרבאַנד
פון גאָט אַליין דער געשאַנק.

ער זינגט עס מיט אַ פריילעכער מעלאָדיע, וועלכע די באַנדע קען. זיי העלפן אים אונטער. איצט קומט דער שיר היין.

וויין און ביר, חברה, טרינקט,
לוסטיק, פריילעך, מאַכט עס געשווינד,

פאַרסמט מיקראָבן, ווי אויך באַצילן,
זיי רופן צום לעבן מיט אַ ווילן.

גאָלדענע יוגנט, אויסנוצן ביזן ביין,
דווקא מיט דער הילף פון וויין,
יוגנט מיט וויין, ווי פייער מיט פלאַם
ברענט,ברויזט, צעשפּרייט טיף ביז צום שטאַם.

יוגנט־פרילינג איין מאָל ער קומט
ווי אַ וויכער שנעל ער פאַרשווינדט.
נישט מיט צוואַנג איינהאַלטן אים דו קענסט,
דאַרום יעדע מינוט אויסנוצן אים מוזסט.

חברה זינגט נאָך פאַרשיידענע פריילעכע לידער, אַ געלעכטער, שטי־פערייען ביז צום מיד ווערן. אויך די דודה מיטן דוד ווערן מיטגעריסן, טאַנצן אַריין אין רעדל און זינגען אויס זייער פזמון:

די מסיבה איז געלונגען,
גליק האָט זי געטאָן ברענגען
פאַר אונדז, און אַלע חברים.
לאָמיר אַלע טאַנצן אין איינעם.

זאָלן העלפן אַלע,
דאָס זענען דאָך חתן־כלה,
חדוה דיצה גילה רנה,
נחת פאַר ראש־פינה.

אַלע נעמען זיך אָן ביי די הענט און טאַנצן אין איין ראָד און זינגען אָן אויפהער:

אַ זיווג מן השמים
לאָמיר אַלע טרינקען לחיים!!!

אינהאַלט

במקום אַ הקדמה 5
כביש טבריה—צמח 13
אין חיפה 66
פרייטיק צו נאַכטס ביי דער באַלעבאָסטע 136
אין נוה־שלום 174
אין פתח־תקווה 189
דער גאַסט 224
די מסיבה 292